STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09135

IN'M LAND FUN DER SOTSYALER REVOLUTSYE

Shakhne Epstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שכנא עפשטיין

אינ'ם לאנד פון דער סאציאלער רעוואלוציע

באַרג אַראָפּ

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „פרייהייט“
ניו־יאָרק—1928

COPYRIGHT 1928
by the
Freiheit Publishing Association, Inc.

דאָס, וואָס מ'לעבט איבער אין דער קינדהייט,
העלפט אָנצייכענען דעם לעבנסוועג.
יאָהאַן-היינריך פּעסטאַלאָצי

מיין זון
אַרנאָלד
געווידמעט

פאָרוואָרט

דער אַרויסגעלאָזטער באַנד נעמט אַרום די ערשטע העלפט פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געצויגן פון מערץ ביז נאָוועמבער פון יאָר 1917. ער שילדערט דעם פּע־ריאָד, ווען די מאַסן זיינען געווען פאַרטשאַדעט פון סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם, אַלץ איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ און ס'זיינען אָנגע־וואַקסן די באַדינגונגען פאַר גענעראַל קאָרנילאָוו'ס פאַרשווערונג.

דער צווייטער באַנד, וואָס האַלט זיך אין דרוקן, שילדערט די צווייטע העלפט פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע,—ווען צוליב קאָרנילאָוו'ס פאַרשווערונג קומט פאָר אַן איבערברוך אין דער שטימונג פון די מאַסן, דער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם נעמט פאַרלירן זיין אינהאַלט און ס'ווערט רייף דער באָדן פאַר דער נאָוועמבער־איבערקערעניש פון יאָר 1917.

די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע איז אין אַ געוויסן פּרט אַן אָפּגעשלאָסענער און פאַרענדיקטער עטאַפּ. עס ווערן דעם דאָזיקן עטאַפּ אויסגעטיילט גאַנצע צוויי בענד, ווייל ער גיט **דעם הינטערגרונט פון די געזעלשאַפטלאַכע קאָנפליקטן, וואָס האָבן געפירט צו דער דריטער רוסישער רעוואָלוציע — צו דער נאָוועמבער־איבערקערעניש. צוליב דעם איז וויכטיק געווען צו שילדערן מיט מער איינצלהייטן די פאַרהעלטנישמעסיק קורצע תקופה פון דער צווייטער רעוואָלוציע, כדי מען זאָל קענען בעסער אויפפאַסן די שטימונג און די אַטמאָספערע אין די וויכטיקסטע פעריאָדן.**

דער ערשטער טייל פון ערשטן באַנד באַשטייט פון רייזע־איינדרוקן אויפ'ן וועג פון אַמעריקע איבער אייראָפּע. ער גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם אָפּקלאַנג, וואָס די צווייטע רוסישע רעוואָ־

לוציע האָט געפונען אין אויסלאַנד, אין פאַרבינדונג מיט דער ירידה פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאַר די מלחמה־יאָרן; ער שטעלט זיך אָפּ אויף די שטימונגען אין געוויסע קרייזן פון פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין דער באַפרייטער היים. אויף אַזוי פיל וואַרפט אָן דער דאָזיקער טייל קאָנטורן פון דעם אַלגעמיין בילד און האָט אָן איינגע שייכות מיט די אַנדערע טיילן.

די איבעריקע בענד, וואָס זיינען שוין גרייט צום דרוק, זיינען איינגעטיילט אַזוי:

דער דריטער באַנד נעמט אַרום די צייט פון נאָוועמבער 1917 ביז דעניקינ׳ס אנגריף אויף אוקראַינע אין זומער 1919. דאָס איז דער לייגנסטער פעריאָד, ווען דער בירגער־קריג אַנטוויקלט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און דערגרייכט די העכסטע שטופע. דאָ איז די באַשרייבונג מער קאָנצענטרירט אין אַרויסברייענגען דעם זיגזאַגן־גאַנג פון די געשעענישן אויף אוקראַינע, ווען צוליב די אייגנאַרטיקע גרופּירונג פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות פאַרהעלטנישן האָט זיך איין מאַכט געביטן נאָך דער צווייטער.

דער פערטער באַנד שילדערט איינעם פון די דראַמאַטישסטע מאָמענטן אין דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע — דעם צוריקצוג פון דער רויטער אַרמיי פון אָדעס. דעם דאָזיקן, פערטן, באַנד גיט דער פאַרפאַסער צו אַ באַזונדערן געוויכט, ווייל דאָס צוריקטרעטן פון דער רויטער אַרמיי איז פאַר אים געווען די אינטערעסאַנטסטע דערפאַרונג און ער האָט געזוכט וואָס בולט׳ער אַרויסצוברייענגען די קאָמפּליצירטע דערשיינונגען און שטימונגען פון דעם אויסערגעוויינלאַכן מאָמענט.

דער פינפטער באַנד נעמט אַרום די צייט פון הארבסט 1919 ביז דער איינפירונג פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק („נעפּ“) אין פרילינג פון יאָר 1921, ווען דער בירגער־קריג דערנענטערט זיך צו אַ סוף און ס׳הויבט זיך אָן די פרידלאַכע אויפבוי־אַרבעט; אין אָט דעם

באַנד ווערט געשילדערט דאָס לעבן אין אייניקע פּראָווינציעלע שטעט, הויפּטזאַכלאַך אין צענטער פון דער רעוואָלוציע — אין מאָסקווע.

אַלע געשעענישן זיינען פאַרצייכנט געוואָרן ניט אונטער דעם פרישן איינדרוק, ווען זיי האָבן פּאַסירט; — דערויף איז אין יענע מאָמענטן קיין צייט און קיין מעגלאַכקייט ניט געווען. דאָס גאַנצע ווערק איז אַן אַרבעט פון איבער פינף יאָר צייט און שפּיגלט אָפּ אין זיך די געשעענישן, ווען זיי זיינען שוין מער אָדער ווייניקער געווען אויסגעקריסטאַליזירט און אָפּגע־זעצט, ווי אַ פאַרגאַנגענהייט. דעריבער דריקט יעדער באַנד אויס די שטימונג און דעם קוק אויף זאַכן פון די שפּעטערדיקע יאָרן. דער פּראָפעסאָר פּרעטענדירט ניט אויף אָביעקטיוויטעט; ער טיילט זיך בלויז מיט זיינע איינדרוקן און איבערלעבונגען, ווי ער האָט אויפגענומען אינערלאַך, לויט זיין געענדערטער לעבנסעמפּינדונג, אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, געזען און דורכ־געמאַכט פערזענלאַך. דאָך האָט ער זיך באַמיט איינצוהאַלטן דעם היסטאָרישן בליק אויף צוריק, אויף וויפיל דאָס איז מעג־לאַך פאַר איינעם, וואָס איז אַזוי אָדער אַנדערש געווען אַ די־רעקטער אַנטיילנעמער אין די געשעענישן און איז באַווירקט געוואָרן פון זייער גאַנג.

ס'דאַרף באַמערקט ווערן, אַז זייער אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס גייט אַריין אין אַלע בענד, איז געווען פאַרעפנט־לאַכט אין ניו יאָרקער „עמעס", „נייע וועלט"-„עמעס" און „פריייהייט". דער גאָר גרעסטער טייל איז נאָך קיינמאָל ניט געווען געדרוקט.

ס'זיינען געווים דאָ אומפּינקטלאַכקייטן אין כראָנאָלאָגישע דאַטן, אין נעמען פון פערזאָנען און פּלעצער, וואָס האָבן זיך ניט איינגאַנצן איינגעהאַלטן אין זכרון. עס איז מעגלאַך אַז די איבערגעבונג פון אַ ריי פאַקטן ליידט פון ניט־גענויקייטן, אַז דער צוגאַנג צו געוויסע פּאַסירונגען און פּער־זאָנען איז צו סוביעקטיוו. בא דעם גרויסן מאַטעריאַל, וואָס

איז אויסגעקומען אויפצושטעלן אין זכרון און רעווידירן, בײַ דער שטרעבונג צו פֿאַרקערפּערן אין יעדן קאַפּיטל אַ גאַנצן זעלבסט־שטענדיקן איינדרוק, צוצונעבן יעדן באַנד אַ פֿאַרענגדיקטן כאַ־ראַקטער, דאָך אייננהיטן דעם צוזאַמענהאַנג, דעם אַלגעמיינעם פֿאָדים, די גאַנצקייט פֿון אַן איינהייטלאַך ווערק, — בײַ דעם אַלעם זיינען געוויסע פֿעלערן געווען אומפֿאַרמיידלאַך.

אַלנפֿאַלס איז דאָס דער ערשטער פּרואוו אין אידיש צו שילדערן אין אַ דערציילערישער פֿאָרם די פֿאַרשיידענע פֿאַזן פֿון די לעצטע צוויי רוסישע רעוואָלוציעס אַף אַ גרעסערן מאַס־שטאַב. ס'איז אַ פּרואוו אויפֿצודעקן די אינערלאַכע טרייב־קרעפֿטן פֿון דער גרויסער ווירקלאַכקייט „אינ'ם לאַנד פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע”, צו צייגן די ווירקונג פֿון דער דאָזיקער ווירקלאַכ־קייט אויף יחידים און מאַסן.

ניו יאָרק, אויגוסט, 1927.

אינ'ם ליכט פון אָקטאָבער.

(ארייגפיר)

ווען איך טרעט איצטער צו איבערצוגעבן מיינע איינדרוקן און איבערלעבונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פיל איך, אז א ניי ליכט גייט פאר מיר אויף. יעדע זאַך, יעדע קליינינקייט זע איך גאַנץ אַנדערש, ווי מיט פיר יאָר צוריק. איך באַגרייף די פסיכאָלאָגישע איבערקערעניש, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט געמוזט מאַכן אין מענטשלאַכע נשמות...

גאַנץ אָפט שעם איך זיך פאר זיך אַליין, ווי אזוי בין איך דאָס אזוי בלינד געווען, אז איך האָב דעמאָלט, אין דער ערשטער צייט פון מיין קומען קיין רוסלאַנד, געקאָנט אידעאַליזירן, אפילו פארגעטערן געוויסע פאסירונגען און פערזאָנען...

די דאָזיקע פאסירונגען און פערזאָנען האָבן מיך דעמאָלט פארכאַפּט מיט זייער אויסערליכקייט; איך האָב אָבער ניט פארשטאַנען זייער אינעווייניגסט וועזן, ווייל ניט קלאָר איז נאָך פאר מיר געווען די אינערלאַכע סאָציאַלע קראַפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איר אמת'ער נערוו.

קיין וואונדער איז דאָס אייגנטלאך ניט.

צען יאָר בין איך געווען פארוואָגלט פון דער היים. איך האָב זיך איינגעלעבט אין א גאַנץ נייער סביבה, אין א גאַנץ נייער קולטור, בין געוואָרן אן אמעריקאַנער תושב און האָב געדענקט, אז דאָ וועט מיר שוין אויסקומען צו פארענדיגן מיין לידל. פאר מיינע אויגן האָט שטענדיק געשוועבט רוסלאַנד פון דער ערשטער רעוואָלוציע, רוסלאַנד פון יאָהר 1905, ווען א קאָנסטיטוציאָנעלע

מאָנאַרכיע איז אפילו געווען אַ געוויסער אידעאַל פאַר סאָציאַ־ליסטן. ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין איבערראַשונג, ווען רוסלאַנד איז אַריבערגעשפּרונגען דעם שטאַפּל פון קאָנסטיטוציאָ־נעלן מאָנאַרכיזם און איז געוואָרן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. דאָס האָט פון אָנהויב באַגייסטערט אפילו פיל באָלשעוויקעס.

בײַ דער געלעגנהייט דערמאָן איך זיך די רעדע פון ל. טראָצקי אין ניו יאָרק אַף מאָרגן, ווי ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע.

די געמיטער זיינען געווען אויפגערודערט; עפּעס אַן אַנדער אויסזען האָט דעמאָלט באַקומען די רוסישע קאָלאָניע אין ניו יאָרק; ס'האָט זיך אין איר אַריינגעטאָן אַ נשמה יתירה. מענטשן, וואָס די אַמעריקאַנער לופט האָט אַזוי אויסגעטריקנט, „פאַרביזנע־וועט", האָבן מיט אַמאָל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די וואָכעדיקייט, און אַ בענקעניש נאָך עפּעס שיינס, אידעאַלס האָט אַרויסגע־שיינט פון זייערע אויגן. אָט דער גייסט, וואָס איז געווען די אָפּ־שפּיגלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט עס געהערשט אין בעטהאָווען האָל, וואו ל. טראָצקי איז אַרויסגעטראָטן. מען איז געשטאַנען אויף די קעפּ, אַ שפּילקע האָט מען, דאַכט זיך, ניט גע־קענט דורכשפּאַרן, און מען האָט געשלונגען מיט דורשט טראָצקי'ס ווערטער.

די דאָזיקע ווערטער האָבן ניט אַלעמען געשמעקט, ווייל זיי האָבן אויסגעדריקט אַ שאַרפע קריטיק קעגן די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין ראָדזיאַנקאָ'ס צייטווייליקער רעגי־רונג. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דאָס, אַז אפילו פאַר טראָצקי'ן איז נאָך דעמאָלט געווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אַ מין סימבאָל, „דער טרוים פון דורות", ווי מען פלעגט זי שפּעטער רופן אין רוסלאַנד. טראָצקי האָט אויף דעם מיטינג אין בעטהאָווען האָל אָנ־געוויזן, אַז די ערשטע אויפגאַבע פון די סאָציאַליסטן איז ניט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער צייטווייליקער רעגירונג, נאָר זען תיכף

ומיד צונויפרופן די גרינדונגס־פארזאמלונג. ער האָט פארשטאנען, אז די גרינדונגס־פארזאמלונג וועט ניט עטאבלירן קיין פראָלעטאַרישע רעפובליק; ער האָט זיך אין ניו יאָרק ניט פאָרגעשטעלט אזא זאך און אפילו ווייניק וועגן דעם גערעדט די ערשטע צייט אין רוסלאנד.

אין פעטראָגראד איז קיין סוד ניט געווען, אז טראָצקי איז ניט אין אלץ מסכים מיט לענינ׳ען, וואָס האָט גלייך דערשפירט די אינערלאכע קראפט פון דער רעוואָלוציע, איר אמת׳ן נערוו, און געוואָרפן בא זיין ערשטער ארויסטרעטונג פאר׳ן פעטראָגראדער סאָוועט די לאָזונג: „די גאנצע מאכט צו די סאוועטן!“ די טעזיסן, וואָס לענין האָט דעמאָלט פאָרגעלייענט, האָבן ארויסגערופן א גוואלדיקן טומל; זיי האָבן אריינגעטראָגן א צורודערונג צווישן די ברייטע ארבעטער־מאסן, וואָס האָבן דערפילט זייער אמת. טראָצקי איז געווען פאר דעם לאָזונג: „די גאנצע מאכט צו די סאָוועטן!“ ווי מען זאָגט אין אמעריקע, מיט „רעזערוואציעס“. אים האָט זיך געוואָלט באשאפן א האלב־פּראָלעטארישע רעגירונג, וואו די מענשעוויקעס זאָלן אויך האָבן א פאָרטרעטערשאפט. פאר די מענשעוויקעס איז א בורזשואז־דעמאָקראטישע רעפובליק געווען דער אידעאל, איז פארשטענדלאך, אז ס׳האָבן דאָ געמוזט זיין אָפּנייגונגען פון לענינס פּראָגראם. איז טאקע טראָצקי געשטאנען אין צענטער, נאָענט צו לענינ׳ען, נאָר אויך ניט דערווייטערט פון די מענשעוויקעס. ערשט אין די יולי־טעג, ווען די געשעענישן האָבן זיך גענומען אנטוויקלען אומגעהויער ראשיק, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן, אז דאָס רוסישע ארבייטס־פאָלק וויל פון קיין אנדער רעגירונג אויסער א סאָוועט־רעגירונג ניט וויסן, האָט זיך טראָצקי אינגאנצן פאראייניקט מיט לענינ׳ען און איז אריין אין דער באָלשעוויסטישער פארטיי.

פאר אונז, פּראָסטע בשר ודם׳ס, וואָס האָבן נאָך שטארק געהאלטן פון דער אמעריקאנער דעמאָקראטיע מיט אירע אינסטיטוציעס, האָט לענינ׳ס לאָזונג אויסגעזען, ווי א שטיק משוגעת, ווייל אונז איז אינגאנצן פרעמד געווען די שטימונג פון די ברייטע רו־

סישע פּאָלקס־מאַסן. ווען מיר האָבן, אַלזאָ, פאַר זיך דערזען, אַז אין טאַווריִשן פּאַלאַץ, וואו ס'איז פריער געווען די גאָסודאַרסטווענע דומע, זיינען די גאַנצע רעדל־פירער די סאָציאַליסטן טשכעאידזע, צערעטעלי, דאַן, ליבער, טשערנאָוו, גאָץ, ווען בראש פון דער רע־גירונג שטייט קערענסקי, — אַלע פאַרביסענע שונאים פון דער צאַרישער דעספּאָטיע, — האָט עס אויף אונז געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם.

מיר האָבן בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן, וואָס ווילן די באָלשעוויקעס נאָך. מיר האָבן זיי פשוט ניט געגלויבט, ווייל ס'האָט אונז אויסגעזען ווי אַ ווילדע פאַנטאַזיע די מעגלאַכקייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ס'זיינען צווישן אונז, איך מיין צווישן די אריבערגעקומענע פּאָליטישע עמיגראַנטן, גע־ווען פילע, וואָס האָבן טאַקע געהאַלטן לעניג'ען פאַר אַ דייטשן שפּיאָן; זיי האָבן זיך אין דעם פּרט פאַרלאָזן אויף דעם הן צדק פון ליבער'ן און אַנדערע פון זיין גלייכן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו באַזאָרגן אונז מיט דער נויטיקער אינפאָרמאַציע; אויב ליבער און זיינע חברים האָבן דאָס ניט געטאָן בכבודם ובעצמם, האָבן זיי געווירקט דורך זייערע טרייע אַדיוטאַנטן, וואָס האָבן געאַרבעט, ווי בינען, קעגן די באָלשעוויקעס צווישען די אריבערגעקומענע.

אויפ'ן דריטן טאָג נאָך מיין קומען קיין פּעטראָגראַד, האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַן אַלטער חבר'טע, אַ פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, וואָס מיט איר צוזאַמען האָב איך געאַרבעט אין דער באַוועגונג אין וואַרשע אין יאָר 5—1904. מיר האָבן זיך ניט געזען מער ווי צען יאָר. זי האָט אויך פאַרבראַכט די גאַנצע צייט אין אויסלאַנד, אין פראַנקרייך. איך האָב געוואוסט דורך בריף פון נאָענטע חברים, אַז זי איז שטאַרק באָלשעוויסטיש גע־שטימט. מען האָט זי אָבער אַזוי „באַאַרבעט" אין פּעטראָגראַד, אַז זי איז געוואָרן אַן אמת'ער שונא פון די באָלשעוויקעס.

איין מאָל אין אָוונט בין איך געקומען אין ווערא פינגער'ס צוזאַמענוואוינונג פאַר די עמיגראַנטן, וואו ס'איז איינגעשטאַנען

מיין באַקאַנטע מיט איר מאַן, אַן אוקראַינער סאָציאַל־דעמאָקראַט, און זי האָט פאַר מיר געוויינט. זי האָט מיר דערקלערט, אַז לויט אירע איבערצייגונגען איז זי איצט אויך אַ באָלשעוויסטקע, זי קאָן אָבער מיט די באָלשעוויקעס בשום אופן ניט ארבעטן צוזאַמען, ווייל זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אַלע פירער פון די באָלשעוויקעס זיינען אונטערגעקויפט פון די צענטראַלע מלוכות, אַז לענין קריגט אַ געהאַלט פון הונדערטער טויזנט מאַרק אַ חודש פון ווילהעלמ׳ן.

דעם אמת זאָגנדיק, האָט מיר די גאַנצע מעשה געקלונגען ווילד. פאַרברענגענדיק אַ היבשע צייט אין עסטרייך און אין דער שווייץ, וואו לענין האָט אויך דעמאָלט געוואוינט, און וויסנדיק לענינ׳ס אַרט לעבן, האָב איך זיך אַזאַ זאַך פאַר קיין פאַל ניט געקענט פאָרשטעלן. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז מיין חבר׳טע איז ניט קיין לייכטזיניקער מענטש, וואָס לאָזט זיך פאַרפירן פון רכילות, נאָר זי בויט אַלץ אויף קאָנקרעטע פאַקטן, און איך האָב ביי איר געפרעגט, וואָס פאַר אַ באַוויזן זי האָט. זי האָט מיר געענטפערט, זי האָט אַליין מיט אירע אויגן געזען דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן אַלע באַשולדיקונגען קעגן די באָלשעוויסטישע פירער. אָט די דאָקומענטן האָט מען עס געבראַכט צוטראָגן אין דער צוזאַמענוואוינונג פון די עמיגראַנטן; טאָמער האָט איינער פון די עמיגראַנטן געהאַט די העזה צו זאָגן, אַז די דאָקומענטן זיינען פאַלשע, האָט מען אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך אַליין געהאַט די געלעגנהייט צו זען די דאָקומענטן; זיי זיינען אין פּעטראָגראַד געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און פאַרעפנטלאַכט געווען אין דער פּרעסע. ס׳איז אפילו באַוויזן געוואָרן מיט „אומשטרייטבאַרע״ פאַקטן, אַז דער באָלשעוויסטישער יולי־אויפשטאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון דייטשן גענעראַל־שטאַב. פאַרשטייט זיך, ס׳האָט זיך דערנאָך ארויסגעשטעלט, אַז די דאָקומענטן זיינען פאַבריצירט געוואָרן אין פּעטראָגראַד גופא, אַ סברה טאַקע אין טאַורישן פּאַלאַץ, ווער וויים,

פיליכט אין טשכעאידזע׳ס קאבינעט... אויף א געוויסער צייט האָבן אָבער די מענשעוויקעס זייער ציל דערגרייכט און אָפּגע־שטויסן פון די באָלשעוויקעס פילע אָרנטלאַכע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געפילט אַן אינערלאַכע סימפּאַטיע צום באָלשעוויזם, נאָר געהאסט זיינע פירער אַלס דייטשע שפּיאָנען. ווען אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פּעטראָגראַד איז אָנגעקומען דער ניו יאָרקער „פאָרווערטס", וואו ס׳איז אָפּגעגעבן געוואָרן זייער אַ פּראָמינענטער פּלאַץ מיט א גרויסן קאָפּ צו די נייס וועגן דעם, אַז לענין איז א דייטשער שפּיאָן, האָבן אייניקע בונדיסטן פּשוט אָנגעקוואָלן פון נחת...

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיין נאָענטער פריינט, דער פאַרשטאָרבענער משה טערמאַן, וואָס אַלע האָבן געקאָנט פאַר זייער אַן ערנסטן מענטשן, פאַר א העכסט־געבילדעטן מארקסיסט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א טיף־איבערלייגטער באַציאונג צו אַלץ, פּלעגט א באָלשעוויק אַפילו די האַנט ניט וועלן געבן.

טאַקע אין עטלאַכע טעג ארום, נאָכ׳ן באָלשעוויסטישן יולי־אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד, האָט דער זעלבער טערמאַן באַגעגנט אויף נעווסקי פּראָספּעקט די פּרוי פון חבר זאָרין, דעם שפּעטער־דיקן מיטגליד פון אויספיר־קאָמיטעט פון פּעטראָגראַדער סאָוועט און סעקרעטער פון פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּארטיי. ער איז מיט איר געווען גוט באַקאַנט פון אַמעריקע, אַפילו באַפריינדעט. טערמאַן האָט זי אָבער אויס־געזידלט אויף אַזאַ שטייגער דערפאַר, וואָס זי איז א באָלשע־וויסטקע, אַז יענע האָט זיך כמעט פאַנאַנדערגעווייגט פון פאַר־דרוס. דערנאָך איז טערמאַן געקומען צו לויפן צו מיר אַן אויפ־גערעגטער: „דו פאַרשטייסט, — האָט ער גע׳טענה׳ט, — זי האָט די העזה צו מיר אונטערגיין, זי, וואָס לעבט פון דייטשע געלט"...

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז טערמאַן, וואָס האָט יאָרנלאַנג גע־לעבט צוזאַמען מיט לענינ׳ען אין אויסלאַנד און געהאַלטן לענינ׳ען פאַר דעם וואונדערבאַרסטן אידעאַליסט, פאַר דער זויבערסטער פּערזענלאַכקייט, האָט אויך ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון ניט

צו גלויבן, ווען מען ווייזט אים דאָקומענטן שווארץ אויף ווייס. מען דארף דערביי ניט פארגעסן, אז טערמאן איז ניט געווען קיין פארביסענער געגנער פון באָלשעוויזם; פארקערט, ער האָט זיך באצויגן צו אים זייער טאָלעראנט און איז געווען טראָצקי'ס אַן אַנהייננגער.

ערשט עטלאכע טעג פאר זיין טויט, דאָס איז געווען אין אָנהויב נאָוועמבער פון יאָר 1917, גלייך נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָט טערמאַן מיר געשריבן א בריף, וואו ער האָט זיך אויסגעדריקט: „ווער ווייס, אפשר וועלן מיר נאָך אַלע ווערן באָלשעוויקעס, קיין אַנדער אויסוועג וועט, דאכט זיך, פאר אונז ניט זיין; אָדער מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע, אָדער מיט לע־נינ'ען!" אין דעם זעלבן בריף האָט ער מיט פארביטערונג גערעדט וועגן די אַלע זלזולים, וואָס מען פארשפרייט קעגן די באָלשעוויקעס, און אים האָט שטארק פארדראָסן אויף דעם אינצידענט מיט זאָרינ'ס פרוי; ער האָט אפילו געקליבן זיך צו בעטן ביי מיר אנט־שולדיקונג דורך א בריף. ער האָט עס אָבער ניט באוויזן צו טאָן. אין עטלאכע טעג ארום, דעם 19טן נאָוועמבער, האָט דער אומ־צייטיקער טויט אים ארויסגעריסן פון די רייען...

טערמאַנ'ס לעצטע ווערטער האָבן אויף מיר געמאכט א שטארקן איינדרוק. איך בין נאָך לאנג געווען א געגנער פון די באָלשעוויקעס. איך האָב שוין אָבער אזעלכע ארטיקלען, ווי „די אייזערנע הענטשקע" אין קיעווער „פאָלקס־צייטונג" ניט גע־שריבן...

יענער ארטיקל איז געווען אָנגעשריבן אין א מאָמענט פון אַן אמת'ער האַליצונאציע, ווייל די רוסישע טעלעגראפן־אגענטור האָט דאמאָלסט געבראכט די נייעס, אז די „טשרעזוויטשייקע" פייניקט די ארעסטירטע סאָציאַליסטן מיט די אומדערהערבארסטע אכזריות; מען רייסט אוים ביי מענטשן שטיקער פלייש, מען בייסט אָפּ אויערן און נעזער; די פארהאפטעטע פרויען שענדט מען פאר די אויגן פון הונדערטער מענטשן און דערנאָך פאר־שמייסט מען זיי ביז צום טויט. מיט אָט די אַלע פייניקונגען פירט

עס אָן פעטערס אַליין, דער פאָרזיצער פון דער „טשרעזוויטשיי־קע", וואָס ביי אים האָט אפילו דער שפּאַנישער אינקוויזיטאָר טורקוועמאַדאָ געקעגט פעטשערעס הייצן. ס'פארשטייט זיך, אַז די אַלע נייעס זיינען פארפאַסט געווען אין קאַנטאָר פון דער קיעווער אָפּטיילונג פון דער רוסישער טעלעגראַפן־אגענטור; מיר האָבן אָבער אַלץ געגלויבט, אַזוי פארבלענדט זיינען מיר געווען, אַזוי פאַר'סם'ט זיינען געווען אונזערע מוחות, און אונזערע אינטעלי־גענטישע נשמות האָבן רעוואָלטירט...

ווען איך דערמאָן זיך יענע טרויעריקע צייט, דאַכט זיך מיר, אַז אויף מיין שטערן ברענט קין'ס צייכן. ווי האָבן מיר דאָס דאַ־מאָלסט ניט באַגריפן, וואָס פאַר אַ שענדלאַכן פאַרראַט מיר באַ־גייען קעגן דער רעוואָלוציע? וואָס האָט אויף אונז געווירקט, אַז מיר זאָלן אַזוי מיאוס האַנדלען?

פיל מאָל שטעל איך זיך אָט די פראַגע. זי הערט מיך ניט אויף צו מוטשען ביז היינט צו טאָג, און איך האָב אויף איר איין ענטפער: די געשעהענישן זיינען געווען צו גראַנדיעז, קאָפּ־שווינדלע־ריש, און מיר האָבן זיך איינפאַך פאַרלאָרן, זיינען געוואָרן צומישט. מיר האָבן געטרוימט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; מיר האָבן אָבער ניט דערוואַרט, אַז זי זאָל אַזוי שנעל קומען, און איר קומען האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט ניט אַנדערש, ווי ס'האָבן מיט אונז איינגעקנעלט קאַרל קויטסקי און אַנדערע ענלאַכע מאַרקס'עס מפרשים; מיט געקרייצטע הענט אַף דער ברוסט, לויט דעם זעלבן קויטסקי'ס אויסדרוק, וועט זי קומען, ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט שוין האָבן די מערהייט אין פּאַרלאַמענט, ווען די מערסטע צווייגן פון דער אינדוסטריע וועלן שוין זיין סאָציאַליזירט, דאָס הייסט, ווען דער סאָציאַליזם וועט שוין פּאַקטיש פאַרווירק־לאַכט ווערן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. דאַמאָלסט וועט עס די בורזשואַזיע צו די אַרבעטער, לאָמר, אַזוי זאָגן: „אונ־זער שליחות איז פאַרענדיקט, טאָ נאָט אייך דעם שליסל פון מאַכט און רעגירט, ווי אייער האַרץ גלוסט"...

ערשט מיט אַמאָל ווייזט זיך אַרויס, אַז אָט די גאַנצע טעאָריע

פלאַצט, פאַלט זיך פאַנאַנדער ווי אַ קאָרטן־שטיבל. די סאָציאַלע רעוואָלוציע שפּרינגט ניט בלויז אַריבער דעם פאַרלאַמענטאַריזם, די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, נאָר ברעכט אויס גראָד אין אַ לאַנד, וואו דער קאַפּיטאַליזם מאַכט נאָך די ערשטע טריט. אַזאַ מין פּראָפאַנירונג פון מאַרקסיזם איז שוין געווען אוממעגלאַך אַריבערצוטראָגן; די גאַנצע איבערקערעניש איז מער ניט ווי אַ פּראָוואָקאַציע פון דייטשן אימפּעריאַליזם, וואָס די באָלשעוויקעס זיינען זיינע אַגענטן. פאַרלירנדיק אַזוי דעם באָדן אונטער די פיס, ניט אָפּשאַצנדיק דאָס, וואָס קומט פאָר פאַר אונזערע אויגן, האָבן מיר זיך איינגע׳עקשנ׳ט אַנדערש ניט אַ דריי טאָן די ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק, מעגן מיר אפילו אַליין צעריבן ווערן אין אירע ציינער. און וויפיל זיינען טאַקע צעריבן געוואָרן? שענדלאַך, ווי פּחדנים און פאַררעטער...

די אַרבעטער האָבן אָבער ניט געטראַכט וועגן טעאָריע. זייער בעסטער לערער איז געווען די נויט, און די דאָזיקע נויט האָט עס זיי געטריבן ניט צו גיין מיט׳ן וועג פון צערעטעלי און ליבער, מיט׳ן וועג, וואָס פירט צו נייער פאַרשקלאַפונג, צו נייער טיראַניי, נאָר מיט׳ן וועג פון די באָלשעוויקעס, מיט לעניג׳ס וועג, וואָס פירט צו ענדלאַכער באַפרייאונג, צו אמת׳ער פולקאָמער פאָלקסהערשאַפט...

די אַרבעטער האָבן זיך ניט געלעגט קיין פויגעלאַך אין בוזים; זיי האָבן געוואוסט, אַז דער וועג איז אַ שווערער, פול מיט דערנער און שטיינער; זיי האָבן אָבער ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן חוץ זייערע קייטן; ערשט דאַמאָלסט, ווען זיי האָבן מיט טייבן אייגן בלוט, מיט זייערע אומגעהויערע ליידן, מיט זייער מאַרטירערטום, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע, גענומען זיך דעראָבערן די וועלט און האָבן באַוויזן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין וועג צוריק, האָבן זיך אונזערע אויגן געעפנט און מיר שלאָגן זיך „על חטא“...

יאָ, אַ בעל־תשובה בין איך, און אויב איך האָב מיינע אַמאָליקע שווערע חטאים ניט אויסגעקויפט מיט מיין אייגן בלוט, ווייס איך

אָבער איינס: פון באַרג סיני פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע האָט מיר אָראָפּגעשיינט יענע ליכט, וואָס וואַרימט אַזוי די נשמה, און איך פיל זיך ניי געבאָרן...

אָפּגעמעקט און אויסגעמעקט איז די פאַרגאַנגענהייט, אַז קיין זכר איז ניט געבליבן; אָפּגעמעקט און אויסגעמעקט אַלטע פריינט־שאַפט, פאַרוואַנדשאַפט, אַלטע צוגעבונדענקייט. קיין זאַך פאַר־בינדט מיך ניט מיט דעם, וואָס האָט נאָך דאָס ליכט פון דער סאָציאַלע רעוואָלוציע ניט דערזען, וואָס טרייבט דאָס דאָזיגע ליכט פון זיך. יענע וועלטל איז פאַר מיר אַ וועלטל פון קריכענדיקע ווערים, און קומט אויס אַרויסצוטרעטן קעגן נעכטיקע פריינט, ווי קעגן די ערגסטע שונאים, ווערט עס געטאָן מיט דעם ריינסטן גע־וויסן, אַפילו ווען מען דאַרף נעמען די ביקס אין האַנט... די האַנט ציטערט ניט, זי איז פאַרשטאָלעוועט אין קאַמף, און ניט בלויז זי, נאָר אויך די נשמה, וואָס ווייס ניט פון סענטימענטאַלקייט, פון רחמנות און מיטלייד, פון ליבע און לייבלאַכער קרובה'שאַפט, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן דעם אמת פון דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע...

אויב די אַמאָליקע חטאים זיינען נאָך ניט אויסגעקויפט מיט'ן אייגן בלוט, וועלן זיי אויסגעקויפט ווערן. דאָס דאָזיקע בלוט וועט זיין דאָס שוואַנען־ליד פון אַ אידישן רעוואָלוציאָנער, וואָס שטאַמט פון דעם אַמאָליקן פאַרטרויערטן תחום, וואו הונ־דערטער יאָרן האָט די צוקריפּלטע אידישע נשמה געזוכט אַ תיקון, וואַרפנדיק זיך אין קאָנוואולסיעס פון ספקות. דער תיקון איז ענדלאַך געפונען געוואָרן אין דער גרויסער, ליכטיקער תורה פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט, אין דעם גרעסטן קאַמף פון דער מענטשלאַכער געשיכטע, און דער זון פון אַמאָליקן תחום איז שוין אַ וועלט־בירגער; זיין היים איז אומעטום, וואו דער קאַמף גייט אָן...

גאַנץ איז די נשמה, ניט צוקריפּלט פון ספקות און וואַקלע־נישן, און ס'ווילט זיך איבערגעבן אויפ'ן פּאַפּיר, ווי אַזוי איז

די נשמה צו אזא גאנצקייט געקומען, וועגן איר ווידערגעבורט, פיליייכט וועלן דאָס נייע ליכט דערזען אויך אַנדערע, די, וואָס זיינען בלינד...

ניין, ניט געשיכטע ווערט דאָ פארשריבן, ניט פאקטן ווערן דאָ פארצייכנט. עס ווערט בלויז דערציילט וועגן דעם, וואָס פיל־פיל, פיל זין פון אמאָליקן תחום האָבן איבערגעפילט און איבער־געלעבט פאר די לעצטע יאָרן אין רעכטן מיטן פון קאמף, באַ־געגנדיק זיך ניט איינמאָל פנים אל פנים מיט׳ן טויט — פאר די עטלאכע יאָר, וואָס זיינען געגליכן צו יאָרהונדערטער גאנצע...

ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1921.

אינ'ם לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע

ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

1

אויף דער שיף

מיר שטייען אויפ'ן דעק. די שיף נעמט זי רירן. אן אומעט כאפּט ארום דאָס הארץ. עס ווילט זיך נאָך און נאָך אמאָל אָנקוקן די פיל באַקאַנטע געזיכטער. ווער ווייסט, צי מען וועט זיך ווי־דער זען?...

ס'שפּילט דער אָרקעסטער; זיינע טענער פאַרגייען אין טרויער און פאַרצווייפלונג. אַלע זיינען אָנגעכמורעט, אפילו די מאַטראָזן. פון ברעג רייסט זיך אַ שטילער אָפּשייד־געוויין...

אָט גיבן צום לעצטן מאָל אַ פאָך ווייסע טיכלאָך, היט. ס'דערטראָגן זיך קלאַנגען פון דער „שבועה" און פון „אינטער־נאַציאָנאַל", וואָס די חברים זינגען אויפ'ן האַפן. זיי באַגלייט אַ הורא־געשריי: „לעבן זאָל די רוסישע רעוואָלוציע!", און ניו יאָרק דערווייטערט זיך, רוקט זיך אָפּ אַלץ מער און מער...

די שיף הערט ניט אויף צו פייפן און ברומען פול מיט גע־בעט, אַקוראַט ווי פאַר אַ געפאַר. איר ענטפערן אָפּ אַנדערע שיפן, וואָס זי שווימט פאַרביי. אַזוי ווי דורך אַ נעבל וואַקסן אויס די דעכער פון די וואָלקן־קראַצערס. ס'זעט זיך שוין בלויז די „סטאַטוע פון פרייהייט", אָט נאָענט און אָט ווייט און ווייטער. ס'דאַכט זיך, אַז אירע אויגן־פענסטער באַגלייטן אונז מיט פאָרוואורף, און דער פאַקל אין איר זייל־האַנט וואָרנט קעגן עפּעס...

מיט אַכט יאָר צוריק האָט די זעלבע „סטאַטוע פון פריי־הייט" גאָר אַנדערש אויסגעקוקט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט פון פרייד, ווען זי איז אויסגעוואַקסן אין איר ריזיקער גרויס. איך

גערענק, דאָס איז געווען אין אַ גרויען האַרבסט־פרימאָרגן. ענד־
לאַך איז דאָס ציל דערגרייכט: איך בין צוגעשוואומען צו אַ
ברעג, איך ווער אַ פרייער מענטש פון אַ פריי לאַנד. און איצט?
אזוי פאַרוואַלקנט איז איר קרוין. אפילו די זון־שטראַלן, וואָס
גלאַנצן און שפּילן זיך ארום אין די כוואַליעס, קענען ניט פאַר־
טרייבן די פאַרוואָלקנטקייט... שטייט זי ניט, די סטאַטוע, ווי אַ
זכר פון לאַנג, לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן?...

ווען מען שווימט דאָ פאַרביי די אַמעריקאַנער ברעגן, וואַכן
אויף אין זכרון פאַרשיידענע פּאַסירונגען, באַגעגענישן; ס׳דער־
מאָנען זיך די ערשטע איינדרוקן, וואָס אַמעריקע האָט געמאַכט;
אַ קעסל־גרוב, וואָס זידט און קאָכט און שלינגט דיך איין, ווי אַ
שפּענדל... דאָך דערוועקט זיך אַ בענקשאַפט נאָך אַלץ, אפילו
נאָך יענע מאָמענטן, ווען די נשמה פלעגט זיך צאַפּלען, ווי אַ
פויגל אין שטייג...

אכט יאָר אָפּגעלעבט אין אמעריקע, געפונען דאָרטן אַ באָדן
פאַר זיך, זיך איינגעפונדעוועט, און גלייך ווי אַ נייע זון האָט
אויפגעשיינט איבער רוסלאַנד, פאַרלאָזסטו אַלץ, ברעכסט אָן איינ־
געזעסענע היים און פליסט צוריק אין דער אַלטער וועלט אריין...
פאַר וואָס איז דאָס אזוי?

ווער וויס, וואַקסט אוים אַ פראַגע, צי דאָס נייע רוסלאַנד
וועט דערפילן אַלע דיינע דערוואַרטונגען, צי וועט דיר ניט באַנג
טאָן? אַט שטייען נעבן מיר מיין פרוי און קינד. זיי זיינען
אויך פאַרטיפט אין מחשבות. וואָס טראַכט דער קליינטשיקער?
אזא אָנגעשטרענגטקייט איז אויסגעדריקט אויף זיין פנים׳ל. קינד
מיינס, וואוהין שלעפּ איך דיך, וועסטו ניט פאַלן אַ קרבן צו־
זאַמען מיט דיינע אומרואיקע עלטערן? דער דאָזיקער גערדאַנק
עקבערט מיין מאַרך, און וואָס ווייטער ס׳ווערן די אַמעריקאַנער
ברעגן, אַלץ טיפער ווערט די בענקשאַפט...

די קאַיוטע איז פול מיט בלומען, לעבעדיקע רויטע בלומען,
מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע קנאָספּען. אַן אָנדענק פון פריינט.
זייער דופט איז אָבער אויף אַ ווײַלע. באַלד וועלען זיי פאַר־

וועלקען, ווי אַלץ פאַרוועלקט אין לעבן, אָהן אַ שפּור. וואָס זיי־
נען די אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן, אויב ניט פאַרוועלקטע בלומען?
זיינען זיי געוועזן בלומען? איצט דאַכט זיך, אַז יאָ...

אויפ'ן דעק איז אונזער גאַנצע קאָמפּאַניע: משה טערמאַן,
משה כ"ץ, א. ליטוואַק, ב. באָראָכאָוו מיט זיין פרוי און טאָכטערל,
זרובבל. קיינעם ווילט זיך עפּעס ניט ריידן. מען קוקט אַלץ צו
דער ריכטונג פון ברעג. קאַנטיק, אַלעמען באַהערשט די זעלבע
שטימונג: ס'בענקט זיך נאָך דעם, מיט וואָס מען האָט זיך
נאָר וואָס צושיידט, און עס שרעקט דאָס, וואָס איז פאָראויס...
דאָס קליינוואַרג, מיין זונעלע און באָראָכאָוו'ס טאָכטערל, שליסט
צווישן זיך באַקאַנטשאַפט; זיי דערציילן זיך עפּעס איינע די
אַנדערע, און זייער האַרציק געלעכטערל וועקט אונז אויף פון אונ־
זער פאַרטראַכטקייט...

אַרום איז שוין בלויז הימעל און וואַסער. שטיל איז דער
אָקעאַן. ס'קוקט אויף אים אַראָפּ אַ שיינער זומער־פאַרנאַכט,
אַזאַ ליכטיקער. די שיף איז פול מיט לעבן. פון אומעטום
קלינגט אַרויס געלעכטער. דער אָרקעסטער שפּילט ווידער, ניט
טרויעריק, נאָר פריילאַך. אויף די דעקן טראָגן זיך פּאָרלאַך
אין אַ טאַנץ. דער אומעט דריקט אָבער אַלץ. ס'דאַכט זיך,
אַז אַפילו די, וואָס לאַכן אַזוי, וואָס דרייען זיך אין טאַנץ, טוען
עס קינצלאַך: ס'ווילט זיך זיי פאַר'שיכור'ן זיך מיט עפּעס,
מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז הינטער זיי ליגט אַ שטיק לעבן, וואָס
דערפון טראָגט זיי אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער די שיף...

ערגעץ אין אַ ווינקל אויפן דעק פון דריטן קלאַס שפּילט
אימיצער אויף אַ האַרמאָניק; ער שפּילט אַ באַקאַנט רוסיש ליד,
אַ מעלאַנכאָליש, און דאָס דאָזיקע ליד רעדט אַזוי צום האַרצן;
אין די איינפאַכע איינטאָניקע קלאַנגען פון דער האַרמאָניק הערט
זיך דער שטילער וויי פון אַן איינזאַמער נשמה, וואָס בלאָנדזשעט
אַרום איבער דער גרויסער וועלט און קען זיך קיין מקום מנוחה
ניט געפינען... דו קוקסט זיך איין אין דונקעלן אָקעאַן, אין זיי־
נע רואיקע וועלן, און ס'דאַכט זיך דיר, אַז די איינזאַמע נשמה

ביסטו אליין; — דו וואנדערסט פון איין לאנד אין א צווייטן; די אלטע היים האט דיך פארשטויסן פון זיך, האסטו דורכגע־מאכט פארשידענע גילגולים און ביסט געקומען אין אמעריקע, וואו דו האסט געפונען א נייע גוטע היים. ציט דיך ווידער צום שורש, אהין, וואו עס שוועבט נאך דער גייסט פון דיין יוגנט, פון דיינע בעסטע און שענסטע טרוימען. א נע־ונד'ניק ביסטו... וועט מיט דער באפרייאונג פון רוסלאנד שוין נעמען א סוף צו דיין נע־ונד זיין? ווער ווייס? ווער ווייס?

ס'גייט אוועק א שעה נאך א שעה, און ס'דאכט זיך, אז דו האסט דא, צווישן הימל און וואסער, גאר געמאכט דיין היים...

א שווימענדיקע היים, ניין, א שווימענדיקע וועלט, מיט באזונדערע אינטערעסן, מיט א באזונדער ארט לעבן, און וואס ברייטער ס'ווערט דער ים, אלץ מער ווערסטו צונויפגעוואקסן מיט אים; דו דערפילסט זיין מאגישע קראפט, ווי ער פאר־גלעט אלץ, ווי ער מאכט שלום צווישן מענטשן, ווי ער שאפט נייע פריינדשאפט...

ליטוואק און באראכאוו, פארביסענע פארטיי־שונאים. פאר־ברענגען זיי דא אין דער שווימענדיקער היים אזוי געמיטלאך, אקוראט ווי ס'וואלט צווישן זיי גאר ניט פארגעקומען; מיר האבן אמת נחת דערפון. באזונדערס געפעלט עס טערמאנען; ער ווינקט צו אונז אלעמען מיט א שמייכל, ווען ער זעט זיי ביידן, ליטוואק'ן און באראכאוו'ן, זיצן צוזאמען: סארא כישוף־מאכער דער ים איז עס! — באמערקט ער.

זרובבל שרייבט עס צו צו דער ווירקונג פון דער רוסישער רעוואלוציע, — אין איר שטעקט עס דער כישוף צו מאכן פון שונאים פריינט. נאר וואס מאכט עס אויס, די רעוואלוציע, צי דער ים, אבי שלום ושלוה. ווי זינגט מען? „שלום, אידעלאך, שלום", און ס'דערהערט זיך אן אמת'ער חסיד'ישער קנאק מיט די פינגער און א ניגון...

— כ'לעבן, אן אידיליע! — רופט זיך אימיצער אפ, און לכבוד אט דער אידיליע קריגט מען אביסעל קאניאק ביים וואר־

שעוועך אידישן סוחר, וואָס פּאַרט מיט אונז צוזאַמען, און מען טרינקט לחיים...

דער וואַרשעווער סוחר האָט אַ טבע ניט אָפּצוזאָגן; פאַר־קערט, ער דערמאָנט אַליין גאַנץ אָפט, אַז ס'וואָלט ניט געשאַדט צו מאַכן אַ שנעפּסל: ס'דערוואַרימט די נשמה!, און ער ווערט במילא אַ טייל פון אונזער קאָמפּאַניע...

געוויינטלאַך, דרייען זיך אַלע געשפּרעכן אַרום דער געפּאַר פון סאָבמאַרינס, אַרום דער מלחמה, אַרום דער רעוואָלוציע. מען דיסקוטירט, מען היצט זיך אונטער אַביסל. ס'פעלן אויך ניט קיין ויכוחים וועגן דער אידישער פראַגע, וועגן „בונד", וועגן ציוניזם, דאָ טשעפּן זיך שוין איין איינער אין צווייטן ליטוואַק און באַראַכאָוו; מען נעמט זיך שטעכן גאַנץ ניש־קשה'דיק, גאָר ווי אַף דער יבשה.

באַראָכאָוו איז אָנגרייפנדיק; ער רעכנט אויס אַ גאַנצן צעטל חטאים אויפ'ן „בונד"; ער צעקאָכט זיך אַזוי, אַז ער לאָזט קיינעם ניט ריידן: אַסימילאַציע, אַסימילאַציע — שרייט ער מיט זיין דינעם קול, — אָט דאָס איז די פּאָליטיק פון „בונד" פאַר אַלע זיינע יאָרן. איר קענט עס אפשר לייקענען?...

מען זעט, אַז ליטוואַק שטרענגט זיך אָן ניט אַריינצולאָזן אַ שפּילקעלע, וואָס זאָל דערגיין אין זיבעטן ריפּ אַריין. די ווינק־לען פון זיינע ליפּן גיבן זיך אַ קרים און ער זאָגט אַרויס צווישן די ציין קורץ און שאַרף: און די „פּועלי־ציון"? וואָס איז זייער פּאָליטיק? לעקן די שטויב פון די פיס בא דער אידישער בור־זשואַזיע...

טערמאַן באַרואיקט ביידן. ער ווייזט אָן, אַז באַראָכאָוו הרג'עט זיך אַוועק, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט פּאַרטיי־ענינים. ווי קומט איר צו פּאָליטיק? — זאָגט טערמאַן אין אַ גוטמוטיקן טאָן. — איר וואָלט מער נוצן געבראַכט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען איר זאָלט זיך דורכאויס אָפּגעבן מיט אייערע וויסנשאַפטלאַכע פאַר־שונגען אויפ'ן געביט פון דער אידישער פילאָלאָגיע און דער געשיכ־טע פון דער אידישער ליטעראַטור.

באַראַכאַוו שפּרינגט אַזש אויף פון צאָרן: איך ווייס, אייך בונדיסטן, זיינען די „פּועלי ציון" אַ ביין אין האַלז. וואָלט איר זייער געוואָלט, איך זאָל ווערן אַ פּאָליטישער מת. נאָר אומזיסט די מי. מיר, פּועלי־ציון, וועלן אייך נאָך ווייזן, מיט וועמען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט גייט. נו, און איר וועט שוין איצט דערגרייכן אייער קולטורעלע אויטאָנאָמיע, איז וואָס ווייטער? וועט איר זינגען אייער אסימילאַטאָרישן מה־יפית אויף אַ נייעם שטייגער...

ליטוואַק קאָן זיך מער ניט באַהערשן, זיין גאַנצער פּנים קרימט זיך שוין אויס, און ער רופט זיך אָפּ: אַ טייערער וויץ פאַר מאַטקע חבר; איר, פּועלי־ציון, רעדט אין נאָמען פון אידישן פּראָלעטאַריאַט? די אידישע ארבעטער האָבן וויכטיגערע אויפגאַבן, ווי צו זוכן אַ טעריטאָריע אויף דער לבנה...

די דעבאַטע דערגרייכט אַ גאַנץ הויכע אָקטאַווע. נאָר דער וואַרשעווער סוחר מישט זיך אריין מיט זיין קאָניאַק: ניט געקריגט זיך, מיינע הערן, איר זייט טאַקע געבילדעטע לייט, תלמידי חכמים, קענט זיך פיין פּלפּול'ן, נאָר צו אַ ביסל משקה קומט עס ניט — און ער דערלאַנגט אונז צו קעלעשקעלאַך. דער שלום שטעלט זיך ווידער איין און מען רעדט שוין מער ניט וועגן פּאָליטיק...

ס'קומט אָן דער אָוונט. אין אַלע קלאַסן איז זיך דער עולם משמח מיט טענץ, מיט קאָרטן־שפּיל, מיט ראָמאַנסירן. נאָר אונזער קאָמפּאַניע פאַרקלייבט זיך אין אַ ווינקל אויפ'ן דעק. אימעצער פאַרציט אַ לידל, די איבעריקע כאַפּן אים אונטער, און פול ווערט די ים־לופט מיט אונזער געזאַנג. פון רוסישע ניגונים גייט מען איבער אויף אידישע, און ס'פאַרענדיקט זיך גאַנץ אָפּט מיט העברעאישע און אַראַבישע. אויף די לעצטע ניגונים איז אַ גרויסער מייסטער זרובבל. ער זינגט מיט האַרץ און נשמה. באַראַכאַוו פאַרטרוימט זיך: אַך, ווי גוט איז עס צו הערן אויף די ברעגן פון ירדן...

זרובבל דערציילט טאַקע וועגן זיינע איבערלעבונגען אין ארץ־ישראל. ער דערציילט שיין, פול מיט בילדער, און ער מיט

באַראַכאָוון קאָנען בשום אופן ניט באַגרייפן, ווי איז דאָס ביי אונז ניטאָ קיין בענקשאַפט נאָך ציון...

די ניגונים און די מעשיות געפעלן אונז; קיין בענקשאַפט נאָך ציון קענען זיי אבער אין אונז ניט דערוועקן, און דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ נייער דיסקוסיע, פאַר אַ נייעם ויכוח. עס שמעקט שוין ווידער מיט פולווער, נאָר עס גייט פאַראיבער בשורה; ס׳הייבט זיך אָן אַ נייע סדרה מעשיות, וויצן, גלייכווערטלאַך, ווען דער ראש המדברים איז שוין ליטוואַק מיט זיין שאַרפזין. ס׳לאַכט זיך אַזוי פריש, אַזוי פריי, אַז ס׳שטעקט אָן אויך דאָס קליינוואַרג, וואָס שפּילט זיך נעבן אונז.

ביידע, מיין זונעלע און באַראַכאָוו׳ס טאָכטערל, ווער; זייער שטיפעריש געשטימט, און משה כץ גיט זיי צו מוט; ער שטיפט מיט זיי צוזאַמען, און אין זיין קינדעריש מאַכן זיך פילט זיך אַ טיפע בענקשאַפט, וואָס ער האָט ניט זיין פאַמיליע מיט זיך. ער איז אונז ווי מקנא. ער רעדט וועגן דעם ניט, נאָר דער גוטער באַראַכאָוו כאַפּט אים בא אַזא זינדיקן געדאַנק:

— גוט אַף אייך, כץ, מען דאַרף ניט זיין קליגער פון אַלעמען. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, ווי האָט מען דאָס ניט די פאַמיליע מיט זיך?

טערמאַן איז בא אַן אַנדער מיינונג: כץ, הערט זיי אין טראַק, איר זייט קליגער פון זיי אַלעמען. שלעפּן זיך מיט דער פאַמיליע, ווען מען ווייס ניט, וואָס מיט דיר אַליין וועט זיין, איז ניט קיין גרויסע חכמה...

ליטוואַק גיט אים גערעכט; נאָר איך מיט באַראַכאָוו׳ן באַשטייען אַף אונזעריקס; דאָס זוכען מיר אַ זכות פאַר זיך. מער ניט איין כץ נעמט ניט קיין אַנטייל אין שמועס; ער זעצט פאָר צו שטיפן מיט׳ן קליינוואַרג, כאַפּנדיק אויף אונז אַ קוק פון דער זייט, וואָס באַדייט: וועקט ניט די וואונדן...

ס׳גייען אַזוי פאַריבער דריי טעג, און מיר באַמערקן גאָר ניט, ווי מיר קומען אָן אין האַליפאַקס...

אונזער שיף שטעלט זיך אַף האַרט באַם האַפן. די שטאָדט

ליגט פאר אונז אויבנאויף, ווי אף דער דלאַניע; מיר זעען די הייזער, די גאסן; זיי ציען זיך הויך, ווי אף א בארג, מיט לאַנגע און ברייטע סטעזשקעס, דורכגעוואָרפן מיטביימער.

ס'זיינען הייסע טעג. די זון ברענט. אפילו די לופט אויפ'ן דעק איז א שטיקנדיקע, פול מיט א שווערן גערוך, וואָס קומט פון האַפן.

וויפיל מען וועט אונז דאָ האַלטן ווייס קיינער ניט. צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן הערשט אן אומרואיקייט. מען דער־מאָנט זיך, וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט טראָצקי'ן, ווי אזוי מען האָט אים מיט גוואַלד אַראָפּגעשלעפּט פון שיף און ארעסטירט, ווי אזוי מען האָט זיין פאַמיליע פארשפּארט אין א קאַטווילישן פּאַנסיאָן. וואָס פאר א סיורפּריזן גרייט צו פאר אונז די „ענג־לישע דעמאָקראַטיע"?

איינער פון די סטואַרדס ראָמט אונז אריין א סוד, אז אויב מיר האָבן מיט זיך וועלכע ס'איז פּאַפּירן, מאַנוסקריפּטן, דייטשע אָדער רוסישע ביכער, עס מאַכט ניט אוים וואָסערע, אפילו די אומ־שולדיקסטע, זאָלן מיר דאָ אים געבן צו באַהאַלטן; ניט בלויז קען מען דאָס אַלץ קאָנפיסקירן, נאָר מען קען נאָך אונז אויך פאַר־האַלטן צוליב דעם. מען איז דאָ שרעקלאָך שטרענג, איבערהויפּט צו רוסן, וואָס קערן זיך אום נאָך דער רעוואָלוציע אהיים.

דאָס רופט ארוים פארשידענע געשפּרעכן; אומרואיקער פון אַלעמען איז באָראָכאָוו: ער פירט מיט זיך אזויפיל וויכטיקע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון דער אי־דישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געזאַמלט פאר יאָרן און יאָרן אין די גרעסטע ביבליאָטעקן פון איירָאָפּע און אמעריקע. אים איז בשום אופן ניט געלונגען צו באַקומען א דערלויבניש פון דער ענגלישער רעגירונג דורכצופירן עס; האָט ער עס גענומען מיט זיך אויף גאָט'ס באַראָט.

דער סטואַרד קריגט פון אונז עטליכע דאָלער, און מיר ראַ־טעווען זיך פון דער „ענגלישער דעמאָקראַטיע"...

אין שטאָדט לאָזט מען קיינעם ניט אראָפּ, חוץ א פּאָר אמע־ריקאנער קאָרעספּאָנדענטן, און מיר ווארטן שוין מיט אומגעדולד אַף אַן אונטערזוכונג און פארהער. יעדע מינוט ציט זיך, ווי פון פעך, מען געפינט זיך קיין אָרט ניט. מען קריכט ארום פון קאַיוטע אויפ'ן דעק, און פארקערט; אפילו לעזן איז אוממעג־לאך, אזוי אומגעדולדיק און אומרואיק איז מען. און וואָס מער עס ברענט די זון, אַלץ אומדערטרעגלאכער ווערט אויפ'ן דעק; דער גערוך און דער רויש פון האפן ווערן אַלץ שטארקער, לאָזן זיך אַלץ מער פילן...

ענדלאך דערהערט זיך א קלונג איבער'ן גאנצן שיף; ס'ווערט א האַוועניש און א יאָגעניש: די אונטערזוכונג און דער פארהער האָבן זיך אָנגעהויבן. מען שטעלט אונז אויס, אזוי ווי סאָלדאטן, אין עטלאכע רייען, און מיר דערפילן גלייך, וואָס ס'באדייט די „ענגלישע דעמאָקראטיע"...

מען נישטערט דורך יעדע פּיצל פּאפּיר, וואָס מען געפינט ביי אימעצן. ביי איינציגע רייסט מען אפילו אויף די טאָוולען פון ביכער. טאָמער איז דאָרטן עפּעס געפערלאכס ניט באַ־האַלטן; מען שעמט זיך ניט צו קאָנפיסקירן פּאוולאָסקי'ס דייטש־רוסישן ווערטער־בוך, ווייל פירן אזא זאך מיט זיך איז א חשד אויף שפּיאָנאזש... מען מוטשעט מיט פארשידענע פראגן, מען קריכט אריין אזוי גראָב אין דער נשמה, מען גריבלט זיך אין אינ־טים לעבן...

דער בעאַמטער, וואָס עקזאמינירט מיך און מיין פרוי, איז זייער שטארק אומצופרידן, וואָס מיר זיינען סאָציאַליסטן. ער וויל אונז איינריידן, אז מיר זיינען ניט אנדערש ווי באָלשעוויקעס. וואָס דען, א זשורנאַליסט, — טענה'ט ער צו מיר, דרייענדיק זיינע געלע וואָנצן — האָט איר גאָר קיין שייכות ניט מיט טראָצקין? איר קאָנט דאָך אים, מסתמא, זיינער א נאָנטער פריינט...

מיר לייקענען ניט, אז מיר קאָנען זיך מיט טראָצקין. נו,

איז וואָס דערפון געדרונגען? מיין פרוי ווערט אביסל אויפגע־רעגט:

— וואָס איז, מיסטער, אייער דאגה, ווער אונזערע פריינט זיינען? מיר פאָרן ניט צו אייך, נאָר צו זיך אהיים...

דער באַאמטער קוקט בייז: מאַדאַם, זייט ניט אַזוי אויפ־געדעגט, פון אויפרעגונג קומט קיין מאָל ניט צו קיין געזונט, בפרט נאָך היינטיקע צייטן, און דאָ אפ'ן פּלאַץ, וואו איר געפינט זיך...

איך פאַרליר מיין גלייכגעוויכט. איך פרעג אים שאַרף: וואָס וויל ער? וואָס טשעפּעט ער זיך? ער וויל גאָר ניט, בלויז איין זאַך: פאַרהיטן רוסלאַנד פון אומגעווינטשטע עלעמענטן. דאָס איז דער פאַרלאַנג און באַפעל פון זיין קעניגלאַכער גרויס-בריטישער רעגירונג...

אַן אַנדער עמיגראַנט, אַ יונגער רוס, וואָס שטייט דערביי, רופט זיך אָפּ: זאָל אייער קעניגלאַכע רעגירונג זיך ווייניקער עסק'ן מיט רוסלאַנד, וועט זיין גלייכער. די רוסן וועלן שוין איצט, ווען צאַר ניקאָלאַי איז מער ניט קיין הערשער, זייער שטעטל אַליין באַשטיין...

דער באַאמטער קוקט אַלץ בייז; ער טראַכט עפּעס אַ ווײַלע, דרייט נערוועז די וואָנצן און גיט אַ זאָג: איר קענט גיין! — דער־לאַנגענדיק אונז צוריק אונזערע פּאַספּאָרטן און אייניקע אַפּשיידס־בריוו און טעלעגראַמעס, וואָס איך האָב גראָד דערהאַלטן אַף דער שיף.

— פרייע ענגלאַנד! — רופט זיך אָפּ סאַרקאַסטיש דער רוס, ווען מיר גייען אַרויס פון אונטערזוכונגס־צימער.

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן; אַנדערע האָט מען נאָך מער געמאַטערט. באַראַבאַוו פילט זיך איבער־גליקלאַך: געראַטעוועט די דאָקומענטן, אַ טייערער מענטש, דער סטואַרד...

ליטוואַק דערציילט, אַז אים האָט גאָר אָפּגעגאַלטן; ער האָט

אנגעטראפן א באאמטן, ווי ס'שיינט, א נאטוראליזירטן ליטווישן אידן, וואס האט זיך שטארק נאכגעפרעגט, צי ליטוואק קען גע־ וויסע פערזאנען אין ווילנע. צוליב דעם איז ביי אים כמעט קיין אונטערזוכונג און פארהער ניט געווען.

— פארט א איד זאל לעבן, — ווארפט אימיצער אריין א ווערטל. — זיי זיינען אומעטום דא, אן זיי קען מען זיך ניט באַ־ גיין, א גליקלאכע אומה אונזערע...

דאס, וואס האליפאקס איז אראפגע'פטר'ט אזוי כשורה, רופט ארויס א געהויבענע שטימונג איבערן גאנצן שיף. אפילו דער קאפיטאן, וואס אנערקענט בלויז די פאסאזשירן פון ערשטן קלאס, איז אזוי אויפגעלעגט, אז ער ענטפערט העפלאך אף פראגן פון די פאסאזשירן פון צווייטן קלאס און גייט אריין מיט אייניקע פון זיי אין א שמועס. דאס ערשטע מאל — דערציילט ער — טרעפט עס אים פאר דער לעצטער צייט, אז מען זאל שטיין אין האליפאקס בלויז דריי טעג; געוויינלאך פארהאלט מען אויף צוויי און דריי וואכן; די אונטערזוכונג און דער פארהער ציען זיך עטלאכע טעג נאכאנאנד, און איצט אזוי געשווינט, דאס איז א נייס. דערביי דערקלערט ער, אז די אמת'ע ים־רייזע הויבט זיך ערשט אן. מיר טרעטן אריין אין שטראם פון צפון־וואסערן, וואס זיינען צייטנווייס גאנץ שטורמיש, און עס קענען בכלל טרעפן סיורפריזן; ער איז זיכער, אז קיין שום סכנה איז ניטא, מען מעג זיין גאנץ רואיק. צי דאס דאכט זיך אונז, נאר מיר פילן, אז דער קאפיטאן איז אליין ניט איבערצייגט אין זיינע פארזיכערונגען...

די שיף שווימט שטיל. אפן הארצן איז רואיק. עס טראכט זיך ניט וועגן קיין שום זאך, און אין אוונט קלייבט זיך, ווי גע־ וויינלאך, צונויף אונזער קאמפאניע אפן דעק פונקט אין א ווינקל, וואוהין ס'פאלט א סך לבנה־שיין...

ס'מאכט אונז א וויזיט פון ערשטן קלאס מאדאם דר. איינ־ גערמאן פון ניו יארק. דאס איבערראשט אונז, אזא „זכיה" האבן

מיר ניט דערוואַרט: אין איר גאַנצן טאָן, אין איר גאַנצער האַל־טונג פילט זיך דאָך, אַז זי קוקט אַף אונז פון אויבן אַראָפּ. זי נעמט אונז דערציילן וועגן איר נאָנטער פריינטשאַפט מיט פלעכאַנאָוון, וועלנדיק דערמיט אונטערשטרייכן, אַז זי איז זייער אַ וויכטיקע פיגור פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, און קיינער קען זיך מיט איר ניט פאַרגלייכן...

זי רעדט פיל וועגן לענינען און טראָצקין, וואָס פאַר אַן אומגליק זיי זיינען פאַר דער רעוואָלוציע, שאַנעוועט אויך ניט דעם „בונד" פאַר זיין „נאַציאָנאַליזם", און אויב מען איז מיט איר ניט מסכים, ווערט זי אומגעדולדיק. אָט־אָט רייסט זיך, דאַכט זיך, בא איר אַראָפּ פון די ליפּן: וואָס הייסט, איר ווידערשפּרעכט מיר? איך מיט מיין מאַן זיינען דאָך יעפּעס אַלטע אָנגעזעענע מאַרקסיסטן...

קאָנטיק, אימפּאָנירט ניט צו שטאַרק דער מאַדאַם ד־ר. אינגערמאַן אונזער קאָמפּאַניע, און זי גייט גיך אַוועק צו זיך, אין דער הויכער געזעלשאַפט פון די אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן און אַנדערע „אַריסטאָקראַטישע" פּערזענלאַכקייטן. דאָרטן איז איר ריכטיקע אַטמאָספער...

איינער פון די קאָרעספּאָנדענטן לאָזט זיך אַראָפּ צו אונז; ער האָט געהערט, אַז מיר זיינען פּאָליטישע עמיגראַנטן, ווייל ער זיך מיט אונז באַקענען; ער האַלט זיך פאַר אַ סאָציאַליסט, און אים וואונדערט, וואָס ער האָט ביז אַהער ניט געהערט וועגן אַזעלכע וויכטיקע פיגורן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווי די ניו יאָרקער דאָקטאָרקע מיט איר מאַן...

דאָס רופט אַרויס ביי אייניקע פון אונז אַ שמייכל, און מיר האָבן אַ נייע טעמע, ווי צו פאַרטרייבן די צייט; מיר לופטערן דורך פאַרשיידענע פּערזענלאַכקייטן פון אַמעריקאַנער באַוועגונגס־זומפּ, און אימיצער מאַכט נאָך אַ ניו יאָרקער רוסישן „מאַרקסיסט", וואָס הויבט אָן און פאַרענדיקט יעדע רעדע מיט די

ווערטער „די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער היינטיקער געזעל־שאַפט".

— וואָס איז דאָס, אַ מין „אשרי"? — גיט אַ פרעג דער וואַרשעווער סוחר און ראָט צו פאַרטרינקען די צרות...

אַ טייערער איד, אָט דער וואַרשעווער סוחר: ער איז שטענדיק דאָ מיט זיין ראָט פונקט אין צייט. און ער איז זייער צופרידן, וואָס ער קען אַזוי באַדינען תלמידי־חכמים. ער האַלט שטאַרק, זאָגט ער, פון דער מצוה...

אַפן אַנדער טאָג איז שוין די שטימונג גאָר אַן אַנדערע. עס ווערט אַלץ אַזוי דערעסן, אַזוי מאָנאָטאָנאַרטיק. עס ווילט זיך מער ניט ריידן, זינגען, דיסקוטירן. אין דער שטיל פאַרדריסט, וואָס דער ים איז נאָך אַלץ אַזוי רואיק. וואָלט אַ שטורם געווען, וואָלט זיך די צייט ניט געצויגן אַזוי לאַנגווייליק. ס'איז אפילו פאַראַן אַ פאַרלאַנג צו באַגעגענען אַ דייטשע „סאָבמאַרינקע": אַלץ כדאי איבערצולעבן...

קיין סאָבמאַרינס באַגעגנט מען אָבער ניט, הגם מען שרעקט זיך פאַר זיי זייער שטאַרק. אַ באַזונדער שרעק וואַרפן אין דעם פּרט אָן די איבונגען, ווי צו באַגיין זיך מיט די שויץ־גאַרטלען. פאַר די קינדערלאַך איז דאָס אַ פריילאַכער צייט־פאַרטרייב. זיי איז זייער געפעלן דער שפּיל, ווי אַזוי אַלע און זיי אַליין גייען אָנגעטאָן מיט די לייוועטנענע הויקערס פון פאָרנט און הינטן; זיי לויפן אַרום, די קליינע קאַראַפּוזיקעס, אין די שויץ־גאַרטלען איבער די דעקן; יאָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע און פאַרהילכן די לופט מיט זייער קלינגענדיק געלעכטערל. נאָר אָט לאָזט אַרויס די שיף אַ שניידנדיקן פּייף, אַלס סימן, אַז יעדער דאַרף זיך שטעלן בא זיין רעטונגס־שיפל. עפּעס אַ סקרוך גייט אַרי־בער איבער'ן לייב, און די קינדערלאַך טוליען זיך אַזוי ציטריק, מיט אַ שטילן געוויין צו די עלטערן; אין אַזעלכע מינוטן איז שוין גאָר ניטאָ קיין פאַרלאַנג צו באַגעגנען אַ דייטשע „סאָב־מאַרינקע"...

ביסלאַכווייז שפּילט זיך פאַנאַנדער דער ים, און ס'נעמט אויך אָפּ דער פאַרלאַנג, אַז ס'זאָל אויסברעכן אַ שטורם. די שיף וואַרפט זיך, ווי אין קאָפּ הקלע, אַרומגערינגלט מיט ברויזיקע כוואַליעס, וואָס ווערן אַלץ גרעסער און שוואַרצער. אַפילו די גאָר גרויסע העלדן לאָזן אַראָפּ די נעזער; זיי הערן זיך אויף צו ווויצלען, נאָר זיצן פאַרשפאַרט אין די קאַיוטעס און גיבן אָפּ דעם ים, וואָס אים קומט... ניטאָ קיין געזאַנג און געלעכטער אָף די דעקן, ס'טראָגן זיך ניט קיין פאַרלאַך אין טאַנץ, אַפילו ווען דער אָרקעסטער שפּילט. אַלץ איז עפּעס ווי אָפּגעשטאָרבן אויף דער שיף. ליידיקלאַך זיינען די עס־זאַלן. אַפילו די, וואָס גיבן זיך ניט אונטער דעם ים־שטורם, פילן זיך לאַ־עליכם'דיק...

דער שטורעם ווערט מיטאַמאָל באַזיגט.

דאָס קומט פאַר גראָד דעמאָלט, ווען דער ים האַלט אין זיין רעכטן שפּיל מיט די ברויזיקע כוואַליעס. אָף די דעקן איז טויטלאַך. נאָר אָט באַווייזן זיך צוויי ריזיקע רויכנדיקע קוימענס, און אַלע שיטן זיך אַרויס פון די קאַיוטעס. די קוימענס זיינען שוין גאָר נאָענט, און מיר דערזעען פאַר זיך אַ גרויסע שיף מיט אָנגעשטעלטע האַרמאַטן. זי שטעלט זיך אָפּ קעגן אונז. פון איר טיילט זיך אָפּ אַ קליין שיפל מיט עטלעכע פערזאָן. די כוואַליעס וואַרפן אום'ברחמנות'דיק דאָס שיפל; צייטנווייז דאַכט זיך, אַז זיי קערן זי איבער צוזאַמען מיט די מענטשן אין איר. דאָך שווימט זי אונטער צו אונזער שיף און שטעלט זיך אָפּ...

דאָס איז אַן ענגלישע קריגס־שיף; זי מיינט קיין שלעכטס ניט. זי אונטערזוכט נאָר, צי די פּאַפּירן אָף אונזער שיף זיינען אין אָרדנונג, און ווען זי דערקונדיקט זיך, אַז אַלץ איז אין בעסטן סדר, לאָזט זי אונז פאַרזעצן דעם וועג. די מאַטראָסן, אין שוץ־נאַרטלען, אָף דעם קליינעם שיפל האָבן דערוויייל אַ „גוד־טיים". מען וואַרפט זיי אין ים אַריין פאַרשידענע נאַשערייען, פּאַפּיראָסן, ציגאַרן; קעמפנדיק מיט'ן ים, כאַפּן זיי דאָס פלינק אונטער און שיקן עלעגאַנט לופט־קושן אונזערע דאַמען. די מאַטראָסן זיינען יונגע לייט מיט בלאַסע אויסגעמוטשעטע געזיכטער, און ווען מען

קוקט אַף זיי, גלויבט זיך ניט, אַז זיי זיינען פּייאיק אַראָפּצולאָזן מענטשן אַפ'ן אָפּגרונט פון אָקעאַן...

די דאָזיקע געשעעניש מאַכט אַלעמען געזונט, און מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט באַגלייטן מיר די ענגלישע שיף; מיט נייגיריקייט קוקן מיר זיך צו צו איר שטרייט מיט די כוואַליעס, און מיר ווינטשן זיך אַלע ניט צו האָבן אַזאַ באַגעגעניש מיט אַ דייטשער קריגס־שיף; אין דער מינוט האַלטן מיר זייער שטאַרק פון דער „ענגלישער דעמאָקראַטיע"...

ווען די איבערראַשונג גייט פאַראיבער, טראָגט אונז אַוועק די שיף אַלץ ווייטער, ווייטער אין צפון. די נעכט ווערן קירצער און קירצער. ס'הערשט שוין אַרום אייביקער טאָג. מיר געפינען זיך אין אַ ווייסער וועלט: ווייס איז דער הימל, ווייס איז דער ים. ס'איז ווידער רואיק, ניטאָ קיין איין ברויזיקע כוואַליע.

ווי פאַרוויקלט אין אַ דורכזיכטיק־גרויען נעבל, שיינען אַרויס פון ביידע זייטן רונדע בערג; אַף זיי פינקלען לייכט־טורעמס, און ס'דאַכט זיך, אַז די בערג האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט'ן בלויען אויסגעשטערנטן הימל. וואָס ווייטער ווערן די פאַרנעבלטע בערג אַלץ געדיכטער. צייטנווייז זעט עס אויס, ווי די שיף וואָלט זיך געפונען אין אַ קרייז, אָנגעפּיקעוועט מיט גרויס־גרויסע שימערירנדיקע דימענטן. אָט ווערט דער הימל־האָריזאָנט באַדעקט מיט פּורפּור; די פאַרנעבלטע בערג זיינען שוין, דאַכט זיך, לאַנגע שטיקער ווייסע וואָלקנס, וואָס בייגן זיך אַלץ נענטער און נענטער צום ברעג, און צווישן די שימערירנדיקע דימענטן שניידן דורך אַ וועג טונקעלע זעגל־שיפלאַך...

וואָס איז דאָס, זיינען מיר אין אַ וואונדער־לאַנד? דער זייגער ווייזט שוין צוויי באַנאַכט, און אַף די דעקן איז נאָך פול מיט לעבן; מען טראַכט גאָרניט וועגן שלאָפן. און באמת, ווי קאָן מען דאָס שלאָפן אין אַזאַ העלער־לאַכן טאָג? אַ רוסישער פויער קאָן בשום אופן ניט פאַרשטיין, אַז איצט איז גאָר נאַכט. דאָס מוז מען, טענה'ט ער, בכיון איבערדרייען דעם זייגער אַף דער

שיף, ווייל ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אז עס זאָל גאָר קיין נאַכט ניט זיין? אין זיין מוח פאַטויפּעט זיך דאָס נימז, צלמ'ט ער זיך נאָכ־אַנאַנד. דער עולם האָט מיט אים „שפּאַס". עס הערט זיך אַ שטיקענדיקער געלעכטער. מען וועקט אויף איניגע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן שוין לאַנג געשלאָפן. זיי קומען צולויפן אפ'ן דעק פאַרסאָפּעטע, האַלב־אָנגעטאָנענע, מיינענדיק, אז אַ סאָבמארינקע איז שוין דאָ...

די פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס, וואָס האַלטן זיך פאַר באַזונדערע מיוחסים און ווייכן ניט בלויז פון דריטן, נאָר אויך פון צווייטן קלאַס, שטעלן זיך אַוועק בא די פאַרענצן פון זייער דעק און קלייבן נחת פון דער סצענע. אפילו דער דייטשער קאָנ־סול פון עפּעס אַן אַמעריקאַנער רעפּובליקל מיט זיין פרוי, וואָס פאָרן אף אונזער שיף, זיינען וואך; זיי כאַפּן אַ קוק, וואָס דאָ קומט פאָר. ס'פעלט דאָ, נאַטירלאַך, אויך ניט די מאַדאַם דר. אינגערמאַן. זי קוקט זייער ערנסט דורך איר בינאָקל און שמייכלט גרויסמוטיק...

אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט ציט צו אַ אידישער פּאַסאַ־זשיר, אַ מיטל־יאָריקער מאַן; ער שטייט מיט צעשויבערטע האָר און צעשראָקענע אויגן; ס'קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן; ער פאַרשטייט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר, מורמלט ער: וואָס, אַ סאָב־מארין? און דער עולם שיסט אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער.

מ'צעגייט זיך ערשט דעמאָלט אין פאַרשידענע זייטען, ווען איין ראַנד הימל ווערט אינגאַנצן רויט, און די זון נעמט מאַכן חנ'דלאַך צום ים, קאָקעטירט מיט די כוואַליעס, וואָס זעען שוין אויס, ווי ריזיקדריזיקע קרעלן...

אף מאָרגן דערוויסן מיר זיך פון קאַפּיטאַנ'ס אַ לעקציע, אז מיט אַ נאַכט פריער וואָלטן מיר געזען נאָכמער וואונדערבאַרע זאַכן: ס'איז דעמאָלט ניט געווען אַזוי ליכטיק; די וועלט האָט זיך ניט געבאָדן אין ווייסקייט; אַ געדיכטער נעבל האָט אַלץ איינגעהילט, און מיר האָבן דורכגעשניטן אונזער וועג דורך ריזיקע אייזבערג, וואָס האָבן געקאָנט לייכט צעשמעטערן צענדליקער

שיפן אזעלכע, ווי „טיטאַניק". מיר זיינען אָבער דורכגע־גאַנגען פאַרביי די אייזבערג בשלום, און מיר קאָנען שוין מיט אַ גרינג געמיט אָנקוקן די אַנדערע שיינקייטן פון אונזער לאַנגן וועג אַפ'ן אַטלאַנטישן אָקעאַן...

אַפ'ן צווייטן טאָג איז ווידער קיין נאַכט ניטאָ. דער קאַ־פּיטאַן דערלויבט שוין ניט צו זיין אויף שפּעטער, ווי עלף אזייגער, וואָס איז די געוויינלאַכט צייט פאַר „בערגענספיאָרד" צו גיין שלאָפן; דער עולם איז אָבער נאָך אַלץ וואַך זייער שפּעט. באַ־זונדערס לעבעדיק איז צווישן די פינער, וואָס פילן אָן דעם גאַנצן דריטן קלאַס. זיי טאַנצן, זינגען, שפּילן אויף פאַרשידענע אינ־סטרומענטן און ראָמאַנסירן. קוקנדיק אויף זיי, דאַכט זיך אויס, אַז מען געפינט זיך ניט אין אַ שווימענדיקער וועלט צווישן הימל און וואַסער, נאָר ערגעץ אין אַ גרויסער קרעטשמע אויף אַן אמת'ער הרישטשע...

איינינע פינער באַפן זיך אריבער אין צווייטן קלאַס, וואָס איז שטרענג פאַרבאָטן. פון אַ געשפּרעך מיט זיי דערוויסן מיר זיך, אַז אַלע זייערע לאַנדסלייט דאָ זיינען סאָציאַליסטן; זיי פאָרן דאָס אויך צוריק אין זייער פאָטערלאַנד, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט באַפרייט. אַמעריקע איז זיי געפעלן, הגם זיי האָבן אַלע שטאַרק געפילט דעם עקספּלאָאַטאַטאָרישן דרוק פון אירע קליינע און גרויסע ראַקאַפעלערס אין די קוילן־גרובן און באַ אַנדערע שווערע באַשעפטיגונגען; באַזונדערס שטאַלץ זיינען זיי מיט די אויפטואונגען פון זייער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. אַלע זיינען זיי פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פינלאַנד, און זיי דענקען, אַז איצט איז די צייט, אַ דאַנק דער רוסישער רעוואָ־לוציע, דאָס צו פאַרווירקלאַכן. בנוגע צו דער אידן־פראַגע זיינען זיי שרעקלאַך אומוויסנדיק, און מיט זייער אומוויסנהייט דער־קלערט זיך, מסתמא, אויך זייער אַנטיסעמיטיזם.

איינער פון די פינער, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטעליגענטן מענטשן, גיט מיר אַ זאָג, אַז אין אַמעריקע נעמען די אידן ניט צו קיין קריסטלאַכע ארבעטער. ווען איך באַווייז

אים, אז דאָס איז ניט ריכטיק, איז דאָס פאַר אים אַן אמת'ע אנטדעקונג. ער איז זיך דערנאָך מודה, אז ער האָט וועגן דעם געלייענט אין די פינישע צייטונגען. וועגן דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, דערציילט ער מיר, ווערט אין דער פינישער ארבעטער־פרעסע ניט געשריבן. אזוי ווי מיט אידישע ארבעטער קומט כמעט די פינער ניט אויס צו טרעפן זיך, גלויבן זיי אין אַלץ, וואָס מען פּלאַפּלט זיי אָן אויף אידן, צי מינדלאַך, צי אין דער פרעסע.

דאָס איז ניט דער איינציקער פינער, וואָס פון אים הער איך אַף דער שיף אזעלכע אנטיסעמיטישע מיינונגען; דערביי באַמערק איך נאָך אַ זאַך: זיי באַנעמען זיך ניט גאָר פריינט־לאַך אויך צו די רוסן. דער צאַריזם האָט אין זיי איינגעפלאַנצט אַן אומצוטרוי צום רוסישן פאָלק; דערמיט דערקלערן זיך זייערע סעפּאַראַטיסטישע נייגונגען, אז פינלאַנד זאָל ווערן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק. צו די רוסישע ארבעטער־פירער האָבן זיי צוטרוי, דאָך דענקען זיי, אז אפילו זיי, די רוסישע ארבעטער־פירער, זיי־נען צו־פאַרקאָכטע צענטראַליסטן, און דאָס איז שעדלאַך פאַר פינלאַנד...

ס'אַנטוויקלט זיך צווישן אונז אַ הייסע דעבאַטע וועגן דער דאָזיקער פראַגע. איינער, אַ ליטווינער, זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, אַ טעטיקער טוער פון דער ליטווישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אמעריקע, ווייזט אויף די פינער, אז זייערע סע־פּאַראַטיסטישע נייגונגען זיינען שעדלאַך פאַר רוסלאַנדס פריי־הייט; די פינער ווילן אים אָבער ניט הערן; זיי פאַרשרייען אים, אז ער איז אַ פאַרביסענער צענטראַליסט, דאַריבער רעדט ער אזוי...

דאָס פּאַסירט מיט אַ טאָג פריער, איידער דער קאַפּיטאַן האָט געמאָלדן, אז פון בערגען קיין כריסטיאַניע וועט מען ניט קאָנען פאָרן מיט'ן באַן, נאָר מען וועט מוזן פאָרן מיט'ן שיף, ווייל אַ בריק איז צעבראָכן, און ס'פעלן אויס קוילן. אזוי ווי דער

וועג פון בערגען קיין כריסטיאניע מיט דער שיף ווערט פאר־רעכנט פאר געפערלאך, ווייל ס׳קומט אויס פארבייפארן די דייט־שע בלאקאדע אף א שטיק פון נארד־זעע, וואו מען קאן אנטרעפן שווימענדיקע מינען, זיינען די פינער זייער אויפגערעגט; זיי מאכן א פראטעסט־מיטינג און ארבעטן אויס א פעטיציע צום קאפיטאן, אז מען זאל זיי ניט אנדערש פירן מיט׳ן באן פון בערגען קיין כריסטיאניע; זיי ווילן, אז אלע רוסישע פאסאזשירן זאלן די פע־טיציע אונטערשרייבן; צוליב דעם צוועק גיבן זיי איבער א פא־סאזשיר פון צווייטן קלאס, א רוס, צו זאמלען אונטערשריפטן. דער דאזיקער פאסאזשיר פארגעסט אבער די גאנצע מעשה, און די פינער זעען איין דארין א שפיצל פון די רוסן...

ס׳ווייזט זיך דערנאך ארויס, אז די שרעק צו פארן מיט׳ן שיף צווישן בערגען און כריסטיאניע איז אומבאגרינדעט. דאך בלאזן זיך נאך אלע די פינער אף די רוסן...

די פאר טעג פאר אונזער דערנענטערן זיך צו בערגען גייען פאריבער כמעט אומבאמערקט.

דער וועטער איז פראכטפול, די שיף שווימט אקוראט, ווי זי וואלט זיך געגליטשט איבער גלאז. אמת, צייטנווייז ניט א טיאכקע אין הארצן אויס מורא פאר א דייטשער סאבמארין; דאך פילן זיך אלע זייער אויפגעלייגט. דערצו באמיט זיך נאך דער קאפיטאן, אז די פאסאזשירן זאלן זיך ניט לאנגווייליקן. פאר יעדן אוונט ווערט עפעס פאראנשטאלט — א קאנצערט, א קאר־ניוואל, און דער עולם איז זיך משמח. איבערהויפט זיינען אויפ־געלייגט די פאסאזשירן פון ערשטן קלאס. זיי האבן א געלעגנהייט אויסצופיינען זיך מיט זייערע רייכע קליידער, מיט זייערע בריי־ליאנטן און דעקאלטע. ניט איין ראמאן ווערט, מסתמא, גע־שלאסן יענעם אוונט. אן אמת׳ער „פיקניק״ איז אויך פאר די קליינע קאראפוזיקעס; זיי לויפן אין זייערע פאפירענע מאסקעס מיט א הילכיק געלעכטער פון איין קלאס אין אנדערן און זיי זייי־נען אומעטום גוטע געסט. אלע כאפן מיט זיי א שפיל, אפילו דער דייטשער קאנסול מיט זיין פרוי.

ס'גיסן זיך שאמפאניער און אנדערע משקאות; שטארק בגלופנ'דיק איז אויך אונזער ווארשעווער סוחר; ער כאפט איינער אליין א חסידישע האפקע, אונטערטופנדיק מיט די פיס און אונ־טערפאטשנדיק מיט די הענט, און ער נעמט שטארק אוים. בראַ־וואָ, בראוואָ — גיט מען אים צו מוט, און ער גייט אריין אין אזא התלהבות, אז מען מוז אים אוועקפירן אין קאַיוטע...

פון דריטן קלאַס טראָגן זיך שכור'ע שטימען, אויסגעמישט מיט זידלערייען און ריכטיקע לידלאך... ס'באגייט זיך ניט אָן א געשלעג פאר א „דאמע פון הארצן" צווישן א פינער און א נאָר־ווענער. דער קאפיטאן איז אומעטום דאָ; וואו ער דערזעט נאָר א שיינע פרוי, כאפט ער א טענצל; ער איז היינט זייער ניט אויסקלייבעריש; פארקערט, אין דריטן קלאַס פילט ער זיך אמ־בעסטן, ווייל דאָרטן שענקט אים דער שיינער געשלעכט א באַ־זונדערע אויפמערקזאמקייט, א קלייניקייט — אזא זכיה: דער קאַפיטאן אליין! אזוי הוליעט עס „בערגענפיאָרד" ביז אין גרויסן טאָג אריין, פריי, עכט, דעמאָקראטיש...

מיט א טאָג פאר'ן אָנקומען אין בערגען ווערן די סקאנ־דינאווער פאסאזשירן זייער טעטיק; זיי האלטן אלס חוב יעדן אָנצוזאָגן, אז מען זאָל למען השם ניט פארשלאָפן די שיינע לאנדשאפטן; זיי דערפילן דעם דאָזיקן חוב מיט א באזונדער שטאָלץ און פרייד. איינער, א נאָרוועגער, דערציילט מיר מיט גדלות, אז ער וואוינט ביי כריסטיאניע, ניט ווייט פון דעם פלאַץ, וואו ס'האָט געשאפן זיינע בעסטע ווערק דער וועלט־בארימטער נאָרוועגישער דראמאטורג, הענריק איבסען. איך מוז אומבאַ־דינגט זען דעם פלאַץ.

אויף מאָרגן פינף א זייגער אינדערפרי זיינען שוין כמעט אלע פאסאזשירן אויף די פיס. וואו מען גיט זיך נאָר א קער, זעט מען פאר זיך איין נאטור־לאנדשאפט שענער פון דער צוויי־טער.

די שיף שווימט צווישן וואונדערבארע פעלזנבערג, וואָס ציען זיך, אזוי ווי א לאנגע קייט, אויף ביידע ברעגן. די פעלזנ־

בערג, באַדעקט מיט אַ האַלב־געלן און האַלב־גרינעם פוך, זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי שטיינערנע הייזלאַך, רויטע און ווייסע, אַלע פון איין פאָרם, און זיי זעען אויס פון ווייטן, ווי קליינע פאַנטאַסטישע פּאַלאַצלאַך.

דאָס וואַסער איז ערטערווייז אַזוי בלוי, ווי דער בלויער הימל, און די פעלזנבערג שפּיגלען זיך אָפּ אין ים, ווי נאָך אַ גאָרן — אויבן בערג און אונטן בערג: אָט ־גיסן זיך אייניקע פון זיי צונויף אין אַ שלום־עליכם, אָט בילדן זיי באַזונדערע אינז־לען; וויט־וויט ציען זיך אַף זיי די ווייס־געפּלאַסטערטע סטעזש־קעס, וואָס פירן אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט, וואו דער מענטש פירט אָן אַ שווערן קאַמף מיט דער רויער נאַטור. אַלץ איז דאָ אַזוי שיין, אַזוי וואונדערלאַך, נאָר עפּעס אַזוי אָנגעכמורעט, אָנ־גע׳ברוגז׳ט. אַף יעדן שטיקל פעלז, באַרג ליגט אַ שטעמפּל פון טיפער ערנסטקייט, פון פאַרהאַרטעוועטקייט...

אָט הייבן זיך שלאַנקע טאָפּאָלן, אָט זעען זיך פּלאַכטעס שניי אַף די שפּיצן פון אַ באַרג. צופוסנס ליגן גאַנצע דערפער און שטעטלאַך. זיי שיינען אַרוים מיט זייערע ציכטיקע הייזלאַך, מיט די בלישטשענדיקע קופּאָלן פו די קירכעס; און איבער אַלץ הערשן די פעלזן, די מעכטיקע פעלזן...

קוקנדיק אַף די דאָזיקע נאַטור־לאַנשאַפטן, הייבט מען אָן בעסער צו באַגרייפן דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער ׳סקאַנדי־נאַווישער ליטעראַטור. ס׳איז מער קיין חידוש ניט, פאַרוואָס אין דער דאָזיקער ליטעראַטור פאַרנעמט דער קאַמף פון יחיד דאָס הויפּט־אָרט, פאַרוואָס אירע העלדן זיינען אַזעלכע „טשורא־קעס״, אַזעלכע וואונדערלאַכע געשטאַלטן, מיט אַזוי פיל ווילד־קייט און קראַפט, מיט אַזעלכע ברויזנדיקע לײדנשאַפטן. ס׳קאָן, דאַכט זיך, אַנדערש ניט זיין. די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דער צפון־נאַטור, וואו מענטשן פאַרברענגען זייער גאַנץ לעבן אַף בערג און פעלזן, וואַרפנדיק זיך פון דאָרטן אין די כוואַליעס פון ים נאָך פיש, קעמפנדיק שטענדיק מיט סטיכיעס, — אָט די

איינגנשאפטן מוזן באשאפן די דאָזיקע געשטאלטן; די ווערק פון די סקאנדינאוויער מייסטער זיינען דער אויסדרוק פון דעם אלעם.

אָט גייט אריין די שיף צווישן צוויי בערג, אזוי ווי אין א טריאומפאלן טויער, און פון אויבן קוקט אראָפּ די שטאָט בערגען, א רעטזועלהאפטע, ווי איינגעהילט אין לעגענדעס; ווען מיר שוויי־מען אָפּ פון איר, זעען זיך נאָך אלץ די זעלבע פאנאָראמעס. די זון שיינט אזוי העל, אז ס׳דאכט זיך, מען געפינט זיך אף אן עקסקורסיע ערגעץ אין אן אמת׳ן גן־עדן־ווינקל אף דער ערד. אזוי אויסטערליש פארבנרייך, פול מיט אזוי פיל רחבות און דופט... מיר ווייסן, אז באלד פאָרן מיר פארביי די געפערלאכע קריגס־זאָנע. דאָס קימערט אָבער ווייניק. אפ׳ן הארצן איז לייכט. מען קאָן זיך אלץ ניט אָנזעטיקן מיט דער פרעכטיקייט, וואָס איז צעגאָסן ארום. און ווען מיר כאפּן זיך אויף אף מאָרגן, דערזעען מיר שוין כריסטיאַניע פאר זיך...

אָט איז אונזער רייזע אפ׳ן ים צו ענד; זאָל ניט זיין ער־גער אף דער יבשה...

דער אָרקעסטער שפּילט אוף א פריילאכן מארש. אלע שטופּן זיך צום ארויסגאנג. דער נאָרוועגער פארגעסט מיר צו ווייזן דעם פלאץ, וואו העגריק איבסען האָט געשאפן. דעם אמת זאָגנדיק, פארגעס איך אויך וועגן דעם. ווען ליגן איצט אין קאָפּ אזעלכע זאכן, אז רוסלאנד איז שוין נאָענט?

גיכער־זשע, גיכער אהין אין דאָס אלט־ניי לאנד!...

2

אין כריסטיאַניע

מיט קלאַפּנדיקע הערצער לאָזן מיר זיך אַראָפּ פון שיף. עס גלויבט זיך ניט, אַז מיר זיינען שוין אַפּ'ן אייראָפּעאישן באָדן, נאָנט צו אונזער ענדציל.

אַפּ'ן האַפן רוישט און קאָכט. דער קאַפּיטאַן פון שיף שפּאַצירט אַרום גאוה'דיק צווישן די פּאַסאַזשירן; ער שמייכלט צו אַלעמען זייער פריינטלאַך, אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט: אַהאַ, דערפירט אייך בשלום. אַלץ זעט אויס אַזוי יום־טוב'דיק, הגם דער טאָג איז אַ במאַרנער.

אָט זיינען מיר שוין ביים אַריינגאַנג אין אָפּצאָל־הויז, וואו עס דאַרפן אונטערזוכט ווערן אונזערע זאַכן. דאָ קומט אונז אויס צו וואַרטן אַ היפּשע ווײַלע. יעדער פון די פּאַסאַזשירן איז שטאַרק אויפגעלעגט. איבערהויפּט זיינען אין אַ גוטער שטימונג די נאָרוועגער. זיי וויצלען זיך מיט זייערע פריינט, וואָס זיינען זיי געקומען באַגעגענען. זייער אומבאַקאַנטע שפּראַך קלינגט מיט אַזוי פיל פרייד. מיר זיינען זיי פּשוט מקנא, וואָס זיי זיינען שוין אויף אַן אָרט.

דאָס קליינוואַרג, מיין זונעלע און באַראַכאָוום טאָכטערל, כאַפּן דערווייל אַ שטיף, און דער דיקער פּאָליציסט אין פּלאַטשיק היטל, וואָס גיט אַכטונג אויף דער אָרדנונג, שטערט זיי ניט צו שטיפן; פאַרקערט, ער שמייכלט צו זיי גוטמוטיק און גיט זיי נאָך צו קוראַזש מיט פאַרשיידענע קאָמישע העוויות.

אונזער קאָמפּאַניע מאַכט ביי זיך אָפּ צו האַלטן זיך

אויף ווייטער צוזאמען. אונזער שיף־ברודער, דער וואַרשעווער אידישער סוחר, מיידט ניט אויס די געלעגנהייט צו מאכן „לחיים“, און קיינער פון אונז זאָגט זיך ניט אָפּ צו ענטפערן אים „לשלום“ מיט אויסטרינקען א קעלישעקל פון זיין באַרימטן קאָניאַק, אפילו דער דיקער פּאָליציסט...

ס'דערגייט אונזער ריי. די אָנגעשטעלטע פון אָפּצאָל־הויז באַזוכן אונזערע זאַכן און צערעמאָניעס, מאַכן קיינעם קיין שווע־ריקייטן ניט; זיי ריידן אַלע ענגליש, און ווען זיי דערוויסן זיך, אַז מיר פאָרן אין רוסלאַנד, ווינשן זיי אונז א גליקלאַכע רייזע, אויסדריקנדיק אַף דעם אָדער יענעם אופן זייער סימפּאַטיע צו דער רעוואָלוציע...

ס'הויבט זיך אָן א סדרה מיט אויפזוכן דעם באַגאַזש. ס'איז א שרעקלאַכער כאַאָס. מען קאָן קיין טאָלק ניט דערגיין. איך, באַראַכאָוו און טערמאַן פּאַרלירן איינפאַך די כחות, אַרומלויפנדיק איבער די פאַרשיידענע שפּייכלערס און לאַגערס. נאָר אונזער מי איז אומזיסט. איינער, א נאָרוועגער, וואָס שטייט דאָ דערביי, ראָט אונז צו דערלאַנגען עטלאַכע סענט די אָנגעשטעלטע פון האַפן, וועלן זיי שוין דעם באַגאַזש געפינען. דערביי באַמערקט ער אונז, אַז אָן טרינק־געלט גייט עס איצט ניט אין נאָרוועגען; פאַר דער מלחמה איז אַנדערש געווען, דער נאָרוועגער האָט ניט געוואוסט פון אַזעלכע זאַכן, ווי טרינק־געלט, און ער איז געווען שטאָלץ דערמיט; די מלחמה האָט אָבער אויך די נאָרוועגער דע־מאָראַליזירט; איצט נעמען „לאַפּקע“ אַלע, פון קלענסטן ביזן גרעסטן. מיר פאָלגן די עצה, און, כ'לעבן, ס'העלפט. גאַנץ גיך געפינען מיר אויס, אַז אַזוי ווי אויך אונזער באַגאַזש איז געמערקט „פּעטראָגראַד“, ווערט ער אַוועקגעשיקט דירעקט צום פינלענדישן גרענעץ.

זוכנדיק דעם באַגאַזש, האָבן מיר גלייך דערפילט די וויר־קונג פון דער מלחמה. אַלע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער האָבן זיך באַצויגן צו זייערע פליכטן זייער נאַכלעסיק; דעריבער האָט

געהערשט אזא מיש־מאַש אין די שפּייכלערס און אויף די לאַגערם. בא פיל פון די פּאסאזשירן איז דער באַגאַזש אינגאַנצן פארפאַלן געוואָרן, און ווי ס'האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, בין איך אויך טיילווייס געווען פון די געליטענע. איינער פון די אויפזעער, וואָס איז געווען א לאַנגע צייט אין אַמעריקע און רעדט גוט ענגליש, האָט אונז דערקלערט, אז כאָטש נאָרוועגען איז א נייטראַל לאַנד, האָט אָבער אויף איר די מלחמה זיך אויך שטארק אָפּגערופן; ס'פעלן אוים ארבעטער, און די ארבעטער, וואָס זיינען שוין דאָ, קאָנען זיך ניט בלויז נישט ספּראַווען מיט דער ארבעט, נאָר זיי קימערט בכלל ניט, אויב דער באַגאַזש ווערט פארפאַלן; ס'איז אפילו א סברה, אז פון פארפאַלענעם באַגאַזש מאַכן זיי גוטע געשעפטן, ווייל דער יקרות איז זייער גרוים, און אזוי ווי דאָס געהאַלט קלעקט ניט אויף חיונה, זיינען די פארפאַלענע זאַכן א גוטער איינקונפט. ס'איז ניטאָ קיין איין שיף, וואָס קומט אָן אין נאָרוועגן, וואו ס'זאָלן ניט פעלן צען פּראָצענט באַגאַזש. א סך ווערט צע'גנב'עט פון האַפן גופא; ס'איז ניטאָ פון וואָס צו בויען נייע שפּייכלערס, וואַלגערט זיך דער באַגאַזש אונטערן פרייען הימל, און די פּאָליציי איז ניט זייער אייפריק אויסצוגעפינען די גנבות, ווייל זי קריגט א פּראָצענט דערפון...

— אָט דאָס איז, — האָט סאַרקאַסטיש ארויסגערעדט דער אויפזעהער, — איינע פון די גרויסע אויפטואונגען פון דער מלחמה אין אונזער נייטראַל לאַנד, און טאָמער וועט איר זיך קלאָגן אויף אַן אבידה, איז דאָס ארויסגעוואָרפענע ארבעט. אין די קאָנטאָרן פון די שיף־קאָמפּאַניעס וועט מען אייך געבן אַלערליי הבטחות; פון אָט די אַלע הבטחות וועט זיך אָבער אויסלאָזן א בוידעם.

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער אויפזעהער איז א סאָציאַליסט, ער איז געווען אין אַמעריקע א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי. פאַר איינוועגס האָט ער אונז שוין דערציילט, אז אין נאָרוועגן, אזוי ווי אין אַנדערע לענדער, האָט

די רוסישע רעוואָלוציע געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. אין דער לעצטער צייט, ווי נאָר די באָלשעוויקעס האָבן זיך באַוויזן אויף דער סצענע, האָט זיך אָבער געגומען די שטימונג בייטן. דאָס דערקלערט זיך אויך דערמיט, וואָס מען האָט אין נאָרוועגען גע־כאַפּט ביי אייניקע רוסישע עמיגראַנטן אַ גאַנצן טראַנספּאָרט מיט פּאַנטאַן־פּעדערס, אָנגעפּילטע מיט דינאַמיט. מען שרייבט עס צו, אַז דאָס האָבן די באָלשעוויקעס צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג. מיר, די היגע סאָציאַליסטן — האָט דער אויפּזעהער געזאָגט — זיינען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ פּשוט׳ע פּראָוואָקאַציע, אַ שוואַרץ שטיקל אַרבעט פון צאַר׳ס אָנהענגער, און ס׳איז טאַקע פאַראַן אַ חשד, אַז דער געוועזענער צאַר׳ס קאָנסול האָט אַ שייכות צו דער מעשה. אַלנפאַלס רופט עס אַרויס בא די ניט איבערגעשפּיצטע נאָרוועגער אַ פיינטלאַכע שטימונג צו די רוסן, איבערהויפּט צו די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס קענען זיך אום קיין רוסלאַנד. אַז איר וועט דאָ אָפּזיין אַ קורצע צייט, כאָטש אַ טאָג, וועט איר דאָס אַליין דערפילן...

אָפּ׳פּטר׳נדיק מיט׳ן באַגאַזש, זיינען מיר אוועק אַפּ׳ן וואָק־זאַל, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון האַפן.

כריסטיאַניע מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּראָווינציעלער רוסישער שטאָדט. די גאַסן זיינען ברייט, נאָר אָפּגעלאָזן, שמוציק. אפילו ניט ווייט פון פּאַרלאַמענט, וואָס איז אַן אַלטע, טונקעלע געביידע, ענלאַך מער אויף אַ האָספּיטאַל אָדער אויף אַ טורמע, איז אויסגעקומען איבערצושפּרייזן קאַלוזשאַלאַך. מער ניט, די הויכע גרויע פעלזן־בערג, וואָס זעען זיך אַרוים פון פאַר־שיידענע זייטן, גיבן צו דער שטאָדט אַ באַזונדער אויסזען, דעם אויסזען פון פאַרהאַרטעווטקייט, אָנגעכמורעטקייט, ניט גאַסט־פריינטלאַכקייט. אויך די זון שיינט איבער איר, דאַכט זיך, ווי ברוגז׳דיק.

די גרויקייט פון די פעלזן־בערג לאָזט זיך אויך שטאַרק פילן אין דער באַפעלקערונג. די איינוואוינער זיינען אַזעלכע ניט באַ־רעדעוודיקע, אָנגעבלאָזענע. ווען מען שטעלט זיי אַ פראַגע, ענט־

פערן זיי אזוי אומגערן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן בייז געווען, וואָס מען דולט זיי אַ קאָפּ. אַף אָט דער אייגנשאַפט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אומעטום — אין די מאַגאַזינען, רעסטאָראַנען, האָ־טעלן, אַפילו אין די רייזע־קאָנטאָרן, וואו מען איז געוויינלאַך זייער העפלאַך און גאַסט־פריינטלאַך.

אין איין קאָנטאָר אַזאַ, וואו איך מיט באָראָכאָוו׳ן האָבן גע־דאַרפט אויסגעפינען וועגן אַ טייל פון אונזער באַגאַזש, וואָס איז ניט צוגעשטעלט געוואָרן אין ניו יאָרק אַפן שיף, האָבן מיר זיך דערצו נאָך אָנגעשטויסן אַף אַנטיסעמיטיזם, און דאָס איז גראָד אַ גרויסע קאַנטאָר, איינע פון די גרעסטע קאָנטאָרן אין שטאָדט, אין רעכטן צענטער.

מען האָט דאָרטן מיט אונז כמעט ניט געוואָלט רײדן, ווייל, ווי דער פאַרוואַלטער האָט דערקלערט, זיינען זיי שוין געוואוינט, אַז אידן זאָלן זיי דרייען אומזיסט און אומנישט אַ קאָפּ. דאָס האָט אונז שרעקלאַך אויפגעבראַכט; ערשט ווען דער פאַרוואַלטער האָט פון אונז געכאַפּט די ריכטיקע גאָב און באָראָכאָוו האָט אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מיר האָבן אַ שייכות צו דער פרעסע, איז ער געוואָרן אַביסל ווייכער. ער האָט אונז פאַרשפּראָכן צו טעלעגראַפירן, מען זאָל איבערשיקן די איבערגעבליבענע זאַכן אַף די אָנגעגעבענע אַדרעסן; נאָר עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ טעלעגראַמע איז ניט אַוועקגעשיקט געוואָרן, הגם מיר האָבן פאַר איר איינגעצאָלט ביז פינף אַמעריקאַנער דאָלער... דער אויפזועהער פון אָפּצאָל־הויז איז, אַלזאַ, געווען גערעכט....

צוריקגייענדיק פון דער קאַנטאָר האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ גרופּע אידישע עמיגראַנטן פון ענגלאַנד, וואָס זיינען אויך געפאָרן קיין רוסלאַנד; זייער ריידן אידיש האָט צוגעצויגן אונזער אויפ־מערקזאַמקייט, און זיי האָבן אונז דערציילט, אַז זיי קומט אויס אין כריסטיאַניע אויסצושטיין קאַלט און וואַרים. זיי מוזן דאָ וואַרטן אַף זייער באַגאַזש, וואָס האָט זיך דערוויל ניט געפונען אַפן האַפן, און ווען זיי וואָלטן צופעליק ניט אָנגעטראָפן אַ אידישע פאַמיליע, וואָלטן זיי גערדאַרפט זיך וואַלגערן אַף דער גאַס. אין

קיין האָטעל האָט מען זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן אונטער דעם אויסרייד, אַז ס'זיינען בלומרשט ניטאָ קיין ליידיקע נומערן, אין דער אמת'ן אָבער דערפאַר, וואָס זיי זיינען פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס קערן זיך אום אין רוסלאַנד, און אידן דערצו. מיר האָבן זיך דערוואוסט פון זיי נאָך אַן אינטערעסאַנטע זאַך: די ענגלישע רעגירונג האָט געבעטן, מען זאָל האַלטן אַן אויג אויף אַלע עמי־גראַנטן, וואָס פאָרן פון ענגלאַנד דורך נאָרוועגען קיין רוסלאַנד, און פאַר די פּאָר טעג, וואָס זיי זיינען אין כריסטיאַניע, שפּיאָנירט זיי טאַקע נאָך די פּאָליציי.

ווי ס'ווייזט אויס, האָבן אויך איך און באָראָכאָוו צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די אָרדנונגס־היטער; איינער פון זיי איז אונז נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט ביזן וואָקזאַל, און לויט זיין שושקען זיך מיט נאָך אַן אָרדנונגס־היטער, האָבן מיר פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט אונז איבערגעגעבן אין יענעמס רשות...

דער כריסטיאַנער וואָקזאַל האָט אונז דערמאָנט אַן עכט־רוסישן וואָקזאַל מיט זיין שמוץ, מיט זיין אָפּגעלאָזנקייט, אפילו מיט זיין גערוך.

ערשט דאָ האָבן מיר דערפילט די ווירקונג פון דער מלחמה. די אומאָרדנונג איז געווען אַ שרעקלאַכע. ביי דער בילעטן־קאַסע האָט זיך געצויגן אַן אומגעהויערע לאַנגע ריי. מען האָט זיך גע־שטופּט, געשטויסן, געזידלט. נאָך אַ נס, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ בילעט דירעקט נאָך פּעטראָגראַד, ווען ניט, וואָלט אונז אויך אויסגעקומען צו שטיין שעה'ן לאַנג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צוגן גייען זייער ניט נאָרמאַל, אין סטאָקהאָלם בלויז איין מאָל אין מעת־לעת, אָנשטאָט וואָס פריער פלעגן זיין עטלאַכע צוגן אַ טאָג. דאָס איז דערפאַר, וואָס ס'פעלט אויס הייץ־מאַ־טעריאַל פאַר די לאָקאָמאָטיוון, און דער גרעסטער טייל לאָקאָ־מאָטיוון איז „קראַנק", קאַליע. צו קריגן אַ בילעט פאַר אַ שלאָף־וואַגאָן דאַרף מען איבערצאָלן נאָך אַמאָל אַזוי פיל פון געוואוינ־לאַכן פּרייז, ווייל די באַן־אָנגעשטעלטע ספּעקולירן דערמיט גאַנץ שטאַרק און האָבן פאַר דעם זייערע אומלעגאַלע אַגענטן.

איינער אַ פּאַסאַזשיר, אַן אינטעליגענטער דייטש, ווי ס׳שיינט, אַן עסטרייכער, האָט אויך געוואַרט אַפּ׳ן צוג אין סטאָקהאָלם. ער האָט אונז דערציילט, אַז נעכטן האָט ער שוין איין צוג דורכגע־לאָזן, ווייל די שטיקעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט דורכשטופּן אין אַ וואַגאָן. מיט כריס־טיאַניע איז ער גוט באַקאַנט, אים קומט אויס געשעפטלאַך אָפט דאָ צו זיין, און דער חורבן, וואָס די מלחמה האָט אָנגעמאַכט, פילט זיך דאָ ניט ווייניקער, ווי אין די לענדער, וואָס נעמען אַ דירעקטן אַנטייל אין דער מלחמה. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס נאָרוועגען האָט שרעקלאַך ספּעקולירט אַף דער מלחמה, אַלע אירע רייכטימער זיינען ארויסגעפירט געוואָרן; דערפון האָבן זיך אָנגעלעבט גוואַלדיקע קאַפּיטאַלן איינצלנע פּערזאָנען; דערפאַר איז אָבער אַלץ צעשטערט און די באַפעלקערונג הונגערט; ס׳דער־גייט אַזוי ווייט, אַז אין גיכן וועט נאָרוועגען קיין ברויט ניט האָבן, און כאָטש ס׳איז נאָך קיין קאַרט־סיסטעם אַף ברויט ניטאָ, איז דאָ די לאַגע אַ סך ערגער, ווי אין אַנדערע לענדער, וואו אַזאַ סיסטעם עקזיסטירט שוין. אַזעלכע סצענעס אויף אַ וואָקזאַל קאָן מען פיליייכט אָנטרעפן בלויז אין רוסלאַנד. מען דערקענט איינ־פאַך ניט כריסטיאַניע; אַלץ איז אָפּגעלאָזן. די איינוואוינער זיינען אַזוי פאַרביטערט. דאָס איז פריער קיינמאָל ניט געווען. פריער איז כריסטיאַניע געווען אַ ליבלאַכע, אַנגענעמע שטאָדט.

ווירקלאַך, פאַר די עטלאַכע שעה, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אָפּן וואָקזאַל, האָבן מיר זיך געקאָנט דערקונדיקן, צו וואָס די מלחמה האָט געבראַכט אויך אַ נייטראַל לאַנד. אַלע ווייַלע פלעגן זיך אָרימע לייט ווענדן צו אונז נאָך נדבות, און ווען מיר האָבן ארויסגענומען שפּייז פאַר זיך אָדער די קינדער, זיצנדיק אַף אונ־זערע טשעמאָדאַנעס, ווייל ס׳איז ניט געווען קיין איין לעדיק באַנק אָדער שטול, האָבן אַף אונז געקוקט צענדליקער זשעדנע אויגן...

ס׳איז פאַרשטענדלאַך, אַז קיין געהויבענע שטימונג האָט דאָס ביי אונז ניט געקאָנט ארויסרופן. ערשט איצט האָבן מיר דער־פילט, אַז די אמת׳ע וועג־מאַטערנישן הויבן זיך אָן, אַז די דרייצן

טעג אַפֿן שיף, ניט קוקנדיק אַף דעם שרעק פֿאַר דער געפֿאַר פֿון סאַבמארינס, זיינען טאַקע געווען אַן אמת'ער גן־עדן.

משה טערמאַן האָט זיך געוויצלט צו מיר און באַראַכאָוו'ן: „אהא, אייך האָט זיך געוואָלט שלעפֿן מיט'ן גאַנצן פּעקל, מיט די פֿאַמיליעס, וועט איר וויסן „פּאַטשאַם פונט ליכא". משה בּין האָט געטאָן קלוג, די פֿאַמיליע איבערגעלאָזט אין ניו יאָרק, איין מענטש קאָן זיך אַן עצה געבן."

דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר דאָס זעלבּע געפֿילט, באַזונ־דערס ווען מיר האָבן פֿאַר זיך געזען די קינדערלאַך זיצנדיק אַף די טשעמאָדאַנעס מידע, פֿאַרשטויבטע, מיט אומעטיקע פּנים'לאַך. עפּעס די גאַנצע פֿריילאַכקייט איז פֿון זיי פֿאַרשוואונדן, אַקוראַט ווי זייערע הערצעלאַך וואָלטן געשפּירט, אַז ס'איז נאָר דער אָנהויב פֿון אַ ניי שווער לעבן...

ניט מיר, ניט באַראַכאָוון האָט אָבער ניט פֿאַרדראָסן, וואָס מיר האָבן גענומען די פֿאַמיליעס מיט זיך; מיר האָבן געהאַט איין רעכטפֿערטיקונג: ס'איז טאַקע שווער, נאָר ס'איז פֿיל בעסער צו זיין צוזאַמען, אַפֿילו אין די ערגסטע מאָמענטן, איידער צע־שיידט. זיינען מיר גרייט צו ברענגען קרבנות פֿאַר דער רעוואָ־לוציע, דעמאָלט זאָלן די קינדער אויך פֿילן דעם טעם פֿון דער רעוואָלוציע, אריינזאַפּן אין זיך איר גייסט: איינס פֿון די ביידע, אומקומען, איז אַלע צוזאַמען, וועט באַשערט זיין צו לעבן, וועט עם די קינדער גוטס טאָן אין דער צוקונפֿט, זיי וועלן אויסוואַקסן קעמפֿער...

דאָך איז געווען גאַנץ קאַלעמוטנע אַף דער נשמה אין דעם מאָמענט, ווען ס'האָט געדאַרפֿט אַוועקגיין דער צוג אין סטאָק־האָלם; טאַקע צוליב'ן „פּעקל" אונזערן האָבן מיר געמוזט בלייבן ווידער זיצן אַפֿ'ן וואָקזאַל, ווייל צוליב דער שטופּעניש און געדרענג איז געווען אַ סכנת־נפשות מיט'ן קליינוואַרג אריינ־צושפּאַרן זיך אין אַ וואַגאָן. מיר האָבן זיך געפּרואווט, האָט מען די קליינוואַרג שיער ניט דערשטיקט, און איך בין שיער ניט גע־בליבן אָן פּיס... מענטשן זיינען אַוועקגעפֿאָרן, הענגנדיק אַף די

פאַרענצן און די טרעפּ פון די וואַגאָנען; איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען פּאַסאַזשירן אויך אַפ'ן דאַך פון די וואַגאָנען. און דאָס איז פאָרגעקומען אין דער העכסט־ציוויליזירטער נאָרוועגען, וואָס האָט אפילו ניט פאַרזוכט דעם טעם פון מלחמה, שוין אָפּגערעדט פון רעוואָלוציע.

צוזאַמען מיט אונז איז אויך פאַרבליבן טערמאַן, וואָס האָט געכאַפּט דעם זעלבן אָפּשניט, ווי איך: ער האָט געמוזט צוהינקען אַ פּאָר טעג, ווייל מען האָט אים אַף זייער אַ פילבאָרן אופן צוטראָטן די פיס...

איבערלאָזנדיק די פאַמיליעס אַף די טשעמאָדאַנעס, האָבן מיר, מאַנסביל, זיך אַוועקגעלאָזן אין שטאָט אריין, זוכן אַ האָטעל; דער אָרדנונגס־היטער איז אַוועק נאָך אונז, און פון אונטער דער ערד איז לעבן אים אויסגעוואַקסן אַ פאַרשוין אין ציווילע קליידער; ביידע, קענטיק, האָבן אונז געהיט, אַז מיר זאָלן ערגעץ ניט ארונטערוואַרפן אונזערע פאַנטאַן־פּעדערס מיט דינאַמיט.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכטלאַך. די פעלזן־בערג זיינען נאָך געוואָרן גרויער; פון ווייטן האָט זיך גערדאַכט, אַז שטיקער וואָלקנס הענגען אַף זיי, און די דאָזיקע וואָלקנס ווייען אָן אַ מרה־שחורה אַף די ארומיקע געביידעס. ווי צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע, זיינען די געביידעס געשטאַנען, און וואָס גרויער ס'איז געוואָרן ארום, אַלץ מער איינגעהויקערט האָבן זיי זיך.

אין די גאַסן איז שטיל. וואו ניט וואו צינדט זיך אָן אַ בלאַסער לאַמטערן, וואָס זעט אויס אין דער שוואַכער בלאַסקייט פון צפון־אָוונט, ווי אַ ליכט צוקאָפּנס פון אַ בר־מנן. ווירקלאַך אַ טויטע שטאָט; די זעלטענע מענשלאַכע פיגורן, וואָס שוועבן דורך דאָ און דאָרטן, דערמאָנען עפּעס אָן שאָטנס פון מתים; ס'פעלן מער ניט ווי ווייסע תכריכים־בגדים אַף זיי...

אַזאַ איינדרוק, געדענק איך, האָט אַף מיר געמאַכט דאָס ווייטע סיבירער שטעטל, וואוהין איך בין געווען פאַרשיקט, ווען ס'האָבן זיך אין איר אָנגעהויבן צו ווייזן די ווייסע נעכט: דער אונטערשיד איז בלויז, וואָס דאָרטן זיינען ניט געווען קיין

לאַמטערנעס און ס׳האָט ניט געצויגן קיין ווינטל פון ים. קענ־טיק, די צפון־נאַטור, אפילו אויף אַ שטרעקע פון טויזנטער מײַלן, האָט אומעטום איינע און די זעלבע קאָלירן, איבערהויפּט אין אָוונט־צײַט.

אביסל הימלאַכער איז אין צענטער פון שטאָט. דאָרטן זיינען נאָך אָפן אייניקע מאַגאַזינען. אין די קאַפעען זיצן די ניט־באַרעדעוודיקע נאָרוועגער, און די לאַמטערנעס ברענען העלער.

אונזער אויפמערקזאַמקייט ציט צו אַ ווייסע געביידע מיט אַ בלומען־גאָרטן פאַר׳ן אַרײַנגאַנג, אַרומגערינגעלט מיט אַ דורכ־זיכטיקן אײַזערנעם פּאַרקן, געפאַרבט אין בלוי. די געביידע איז שטאַרק באַלויכטן און זי מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּרי־ציישן הויף; אַרום שפּאַצירט אַ וואַך, אָנגעטאָן אין מאָדנע היטלען.

מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס איז דער קעניגלאַכער פּאַלאַץ. מיר גייען צו נענטער צו אים, נאָר די וואַך מאַכט אונז מיט די הענט, אַלס סימן, אַז מיר זאָלן זיך בעסער האַלטן פון ווייטן. און מיר דערפילן אויף זיך די פיר אָנגעשטעלטע אויגן פון אונ־זערע נאָכפאָלגער, וואָס מיינען, מסתמא, אַז אָט־אָט נעמען מיר זיך פאַר אונזערע פאַנטאַן־פעדערס...

טאַקע דערביי שלאָגן פאַר זייער ליבע אייניקע שטאָלצע צפון־טעכטער, און זייער גאַנצער אויסזען האַרמאָנירט שטאַרק מיט דעם קעניגלאַכן פּאַלאַץ, פּונקט אַזוי אָנגעצויגן און בליש־טשענדיק...

מיר גייען אַרײַן אין איין האָטעל, אַ צווייטן, און אין ער־געץ זיינען ניטאָ קיין ליידיקע נומערן, אַמווייניקסטנס אַזוי זאָגט מען אונז, נאָכדעם, ווי מען מעסט אונז אָפּ מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס.

אין איין האָטעל גייט שוין אויף אַ לאַד. די פּאַרוואַלטערין, אַ טיפּישע בלאָנדע געזונטע נאָרוועגערין, וואָס רעדט פריי ענג־ליש, דערקלערט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ צימער. אין דער מינוט גייט אָבער אַרום אין קאָרידאָר דער דייטשער קאָנסול, וואָס איז

געפאָרן מיט אונז אפ'ן שיף; ער גיט אף אונז פאַרדעכטיק אַ קוק, און מיר הערן, ווי ער זאָגט דער פאַרוואַלטערין: רוסישע יודען. די העפלאַכקייט פון דער בלאָנדער נאָרוועגערין ווערט גלייך פאַרשוואונדן, און זי לאָזט אונז וויסן, אַז דער צימער איז נאָך פאַרנומען...

אזוי גייען מיר אוועק צוריק מיט גאָרניט, און די אויסזיכט, אַז עס וועט אונז אויסקומען צו פאַרברענגען נאָך אַ גאַנצן מעת־לעת מיט די קינדערלאַך אפ'ן וואָקזאַל, שמעקט אונז זייער ניט. איבערהויפּט ערגערט זיך באָרוכאָוו, ווייל זיין פרוי פילט זיך ניט גוט; און וואָס מיר האָבן אפ'ן הארצן, לאָזן מיר אויס צו כריסטיאַניע. נאָט אייך — טענה'ט באָרוכאָוו — האַמסונ'ס פאָטערלאַנד...

צום גליק טרעפן מיר אפ'ן וואָגזאַל א רוסישן יונגגמאַן; ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אין כריסטיאַניע איז דאָ אַ רוסישע קאָלאָניע, און די קאָלאָניע האָט אַ קאָמיטעט צו באַגעגנען די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס פאָרן קיין רוסלאַנד. דער יונגערמאַן איז אַ פאָרשטייער פון קאָמיטעט, זיין נאָמען איז עפראָס, ער איז שוין דאָ אַן אַלטער תושב, האָט אַ פרוי אַ נאָרוועגערין. געוויינלאַך קומט אָן די לעצטע וואָכן זייער ווייניק עמיגראַנטן דורך נאָרוועגען; נאָר ער איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער באַשלאָסן אַריינצוגיין אין וואָקזאַל און טאַקע געטראָפן אונזערע פאַמיליעס. ער דערקלערט אונז, אַז אָן אַ רעקאָמענדאַציע איז דאָ איצט פאַר אַ רוס אוממעגלאַך צו קריגן אַ צימער אין אַ האָטעל; נאָך דער כלומר'שטער רוסישער פאַרשווערונג, וואָס מען האָט דאָ אויפגעדעקט, איז דער שפּיאָנאַזש שרעקלאַך גרויס, מען ציטערט פאַר אַ רוס, ווי פאַר פייער. דערצו האָבן דאָ אַ באַדייטנדיקע אָרגאַניזאַציע די סינדיקאַליסטן, וואָס סימפּאַטיזירן שטאַרק מיט די באָלשעוויקעס, און אזוי ווי די סינדיקאַליסטישע שטימונג אין דער רוסישער קאָלאָניע איז זייער שטאַרק, קוקט מען אף יעדן רוס מיט גרויס פאַרדאַכט. ס'האַלט אפילו דערביי, אַז די רעגירונג זאָל אַרויסשיקן פילע רוסן, וואָס וואוינען

שוין דאָ יאָרן־לאַנג, און ער, עפּראַס, איז אויך פון די אָנגעצייכנטע קרבנות, הגם ער איז נאַטוראַליזירט, ווייל ער איז א מיט־רעדאַק־טאָר פון דער סינדיקאַליסטישער צייטונג.

עפּראַס האָט אונז גלייך אוועקגעפירט אין האָטעל „פּאַריז" צו זיינע באַקאַנטע, און מיר האָבן זיך דערפילט אביסל רואיקער.

פון עפּראַס'ן האָבן מיר זיך דערוואוסט די לעצטע נייעס וועגן רוסלאַנד, אַז די ווירקונג פון די באָלשעוויקעס וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און אַז דער לאָזונג „די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן!" ווערט אויפגעכאַפּט פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן, איבער־הויפּט פון דער אַרמיי. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט פרייד, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר סימפּאַטיזירן ניט מיט'ן באָלשעוויזם, איז דאָס אים שטאַרק ניט געפעלן געווען.

אַף א ריכטיקן רוסישן שטייגער, טרינקנדיק נאָכאַנאַנד טיי, האָבן מיר מיט אים אָפּדיסקוטירט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין; ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן איינע די אַנדערע ניט איבערצייגט ,נאָר באַציאונגען צווישן אונז האָבן זיך איינגע־שטעלט חבר'שע. פיל מיטגעהאָלפן דערצו האָט אויך דאָס, וואָס עפּראַס האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער אידישער ליטעראַטור, און אונזערע נעמען זיינען אים באַקאַנט געווען פון דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע, וואָס ער פאָלגט נאָך גאַנץ אויפמערקזאַם. בכלל האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר א גאַנץ אינ־טעליגענטן מענטשן, און די באַגעגניש מיט אים איז געווען זייער אַן אָנגענעמע. ער האָט אַנדערש ניט געוואָלט, אַז מיר זאָלן פאַרבלייבן אין כריסטיאַניע אַף א פּאָר טעג, כדי מיר זאָלן מיט אים צוזאַמען פאָרן צו זיין פאַמיליע אַפ'ן זומער־וואוינונג. פאַר זיין פרוי וועט דאָס זיין אַן אמת'ער סורפּריז, ווייל זי אינטערע־סירט זיך שטאַרק מיט רוסלאַנד און באַזיצט אפילו די רוסישע שפּראַך. „פאַר אייך וועט עס זיין ספּעציעל אינטערעסאַנט — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — איך האָב געלעזן אייער אַר־טיקל אין „צוקונפט" וועגן האַמסון'ען, און מיין פאַמיליע וואוינט

טאַקע ניט ווייט פון האַמסונ׳ען. מיר זיינען מיט אים באַפריינדעט.״

ס׳איז געווען שווער בייצושטיין אזא נסיון, דאָך האָבן מיר זיך פון דער איינלאַדונג אָפּגעזאָגט, ווייל ס׳האָט זיך געוואָלט זיין וואָס גיכער אין דער אַלט־נייער היים.

עפראַס האָט אונז דערציילט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז אין נאָרוועגיען שוואַך, ווייל אפילו דער אינדוסטריעלער נאָרוועגישער ארבעטער איז אינדיווידואַליסטיש געשטימט און ער איז מער גענייגט צו סינדיקאַליזם. די מלחמה האָט אין דעם פּרט אויך געהאַט א ווירקונג אַף די נאָרוועגישע ארבעטער; דער שרעקלאַכער יקרות, די נויט, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג, לערנט די ארבעטער צו פאַראייניקן זיך אין מאַסן, און אַף וויפיל זיי באַפרייען זיך פון דער אינדיווידואַליסטישער שטימונג, וועט דער באָלשעוויזם האָבן צווישן זיי א פּרוכטבאַרן באָדן. ער אַליין, עפראַס, איז ניט קיין סינדיקאַליסט, ער ארבעט אָבער מיט די סינדיקאַליסטן, ווייל פון די סאָציאַליסטן שטויסט אים אָפּ דער רעפאָרמיזם; און ער מיט נאָך א גרופּע חברים זעען טאַקע איצט צו באַשאַפן א באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע. בכלל דאַרפט איר וויסן — האָט עפראַס באַמערקט — איז דעם נאָרוועגער שווער צו ברענגען אין באַוועגונג; דאַרין דריקט זיך אויס די פאַרהאַרטעוועטקייט, וואָס די שטרענגע נאַטור מיט אירע פעלזנבערג אַנטוויקלט אין אים; קוים אָבער נעמט ער זיך רירן, איז אים שוין שווער אָפּצושטעלן. מיר דאַכט, אַז פון די סקאַנדינאַווישע לענדער וועט נאָרוועגען זיין די ערשטע אין פייער פון דער רעוואָלוציע, ווייל דער האַרטנעקיקער קאַמף מיט דער נאַטור, וואָס איז אין נאָרוועגען די אייגנאַרטיקסטע, מאַכט דאָ דעם מענטשן פעאיק אַף די גרעסטע און פלינקסטע העלדנטאַטן. האַמסונ׳ס העלדן, וואָס קאָנען פון נקמה אָדער אויפרעגונג אויפרייסן פעלזן, זיינען די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פון דער נאָרוועגישער מענטשן־נאַטור. ניט דער שוועד און ניט דער דענער זיינען צייטנווייז אזוי אימפּולסיוו, ווי דער נאָרוועגער, כאָטש

פון אויבן־אף זעט ער אויס אזוי פארהארטעוועט און טרוקן. אַט פאַרוואָס דער באָלשעוויזם מוז דאָ האָבן אַן ערפאָלג.

פארבייגייענדיק, האָט שוין אונז עפּראָס דערקלערט, אז ביז דער מלחמה האָט נאָרוועגען כמעט ניט געוואוסט פון קיין אנטיסעמיטיזם. די צאָל אידן איז דאָ א קליינע, און די איז אויך אסימילירט; נאָר פאר דער צייט פון דער מלחמה האָבן אריבערגעוואנדערט אהער אידן פון רוסלאנד, פוילן, גאליציען און אויך פון רומעניע. פיל פון זיי האָבן זיך אָנגעלעבט מיליאָנען פון ספעקולאציע; אפילו געוועזענע רעוואָלוציאָנערן האָט פארכאפט דער גייעג נאָך פראָפיטן; און דאָס האָט געמוזט ארויסרופן דעם אַנטיסעמיטיזם. נאָכמער לאָזט ער זיך פילן אין די איבריקע סקאנדינאווישע לענדער, ווי שוועדן און דענעמארק.

מיר האָבן אליין ניט באמערקט, ווי דער מעת־לעת איז אריבערגעפלויגן. עפּראָס'עס חבר'שע באציאונגען, זיינע שטיפערייען מיט די קינדער האָבן באשאפן ארום א היימישע אטמאָספערע, און מיר האָבן זיך מיט אים צעשיידט, ווי מיט אַן אלטן גוטן פריינט. ער האָט אונז טאקע אויך באזאָרגט מיט א קופּע אין וואגאָן, אז ניט וואָלטן מיר געהאט דעם זעלבן גורל, וואָס מיט א טאָג פריער.

3.

אַפּ'ן וועג קיין שוועדן.

די ווירקונג פון דער מלחמה האָט זיך באַזונדערס געפילט אַפּ'ן וועג פון נערוועגען קיין שוועדן.

דער צוג, כלומר'שט אַן עקספּרעס, האָט זיך באַוועגט זייער לאַנגזאַם. צייטנווייז פלעגט ער זיך גאָר אינמיטנדרינען אָפּשטעלן, ווי אַן אַלטע שקאַפּע, וואָס האָט שוין קיין כחות ניט צו שלעפּן די פיס. ס'פלעגט זיך אָנהייבן אַ פייפעריי, וואָס פלעגט, דאַכט זיך, אָפּקלינגען, ווי אַ יאָמערדיקער רוף נאָך הילף.

איינמאָל זיינען מיר אָפּגעשטאַנען אינמיטן פעלד מער, ווי אַ שעה צייט, ווייל דער לאָקאָמאָטיוו איז פלוצלונג שטאַרק „קראַנק” געוואָרן, און מען האָט געמוזט ברענגען אַן אַנדערן, אַ מער געזונטן. דער וועטער איז געווען אַ פּראַכטפולער. די נאַטור האָט געאָטעמט מיט קוויקנדיקער דופט פון אַלערליי געווירצן. אין דער אַרומיקער גרינער רחבות פון גראַדע קאָרנבייטן און געשלענגלטע לאָנקעס האָבן שוין די הויכע פעלזנבערג ניט געדריקט מיט זייער מאוים'דיקייט, נאָר אויסגעזען יום־טוב'דיק, פול מיט וואויל־יונגערישן שטאָלץ. די פאַרגייענדיקע זון האָט זיך אָפּגעשפיגלט אויף זיי, אָט ווי גינגאָלד, און אָט געשימערירט אויף זייערע שפּיצן, ווי אַ רעגנבויגן. אַלץ איז געווען אַזוי דורכזיכטיק קלאָר, אַז מען האָט געקאָנט זען אויף מיילנווייט. דאָס האָט דער צפון'דיקער זומער זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אין זיין גאַנצן גלאַנץ.

אַזוי ווי אין די וואַגאָנען איז געווען דערשטיקט צו ווערן פון ענגשאַפט, האָט זיך דער גאַנצער עולם אַרויסגעשאָטן כאַפּן

דערווייל אביסל פרישע לופט. מען האָט זיך ברייטלאַך פאַנאַנ־דערגעלייגט אפ'ן גראָז. ס'האָבן זיך דערהערט נאַציאָנאַלע נאָר־וועגישע לידער, אַזעלכע אייגנאַרטיקע, דאָ פול מיט שטילן אומעט, דאָ מיט קאָכיקער ליידנשאַפט. צו זיי האָבן זיך באַהעפט מיליטערישע געזאַנגען. גראַציעזע צפון־טעכטער האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ קאַראַהאָד מיט פול־קערפערדיקע סאָלדאַטלאַך, אָנגעטאָן אין גרוילאַכע קליידער, מיט פאַרברוינט שטרענגע פנים'ער. פאַר די אויגן האָבן זיך געטראָגן בלאָנדע פרויען־קעפּ מיט גרילאַנדעס פון פרישע בלימעלאַך, און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען געפינט זיך אף אַ דאָרפישער הוליאַנקע אַ זומער פאַרנאַכט ערגעץ אין סיביר; ס'האָט מער ניט געפעלט אַ „האַרמאָשקע”, און ניט דערקוטשעט האָבן די סיבירער מוקן...

ווען דער צוג האָט זיך גערירט, זיינען אים פילע פאַסאַזשירן נאָכגעגאַנגען אַ היבשע שטרעקע.

אף יעדער סטאַנציע פלעגט דער „עקספּרעס” האָבן אַ לאַנגן אורלויב. אפילו דער געזונטער לאָקאָמאָטיוו פלעגט מוזן אונטערשפּאַרן דאָס האַרץ מיט אַ נייער פּאָרציע האָלץ, און ניט שטענדיק פלעגט די פּאָרציע זיין אָנגעגרייט. די קאָנדוקטאָרן האָבן טאַקע דערציילט, אַז צוליב דעם מאַנגל אין האָלץ, וועגן קוילן איז שוין אפגערעדט, איז אַ סברה, דער גאַנצער באַןפאַרקער זאָל זיך אינגיכן אָפּשטעלן.

די גרוי־אָנגעכמאַרעטע וואָקזאַלן אף די סטאַנציעס האָבן איבערראַשט מיט זייער אָפּגעלאָזנקייט. די פענסטער זיינען געווען באַדעקט מיט אַזאַ דיקן שטויב, אַז דורך זייערע שויבן האָבן, דאַכט זיך, ניט געקאָנט אַריינדרינגען די שטראַלן פון דער זון אפילו אין העלן מיטן טאָג. די אומאָרדנונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלאַכע. די פּאָדלאָגע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שמוץ, און אף איר האָבן זיך געוואַלגערט מענטשן, אַרומגערינגלט מיט זייער באַגאַזש. אף אייניקע וואָקזאַלן איז אפילו ניט געווען קיין עלעקטרישע אָדער גאַז־באַלייכטונג. ס'האָבן טונקל געברענט אַלטמאָדישע נאַפט־לאָמפּן, וואָס האָבן אַלץ און אַלעמען צוגע־

געבן אזא חושב׳דיקן אויסזען. דערצו נאָך איז געשטאַנען א געדיכטער רויך פון טיטון, ווי א פאָרע אין א קאַזארמע־באָד. כדי צו דערקלייבן זיך צום בופעט, האָט מען געדאַרפט שפּרינגען איבער פיס און קעפּ, אַרבעטן שטאַרק מיט די עלנבויגנס. די בופעטן זיינען געווען ניט באַזונדערס רייך אין אויסוואַל פון שפּייז; אָפט פלעגט מען אויסער פאַרטרוקנטע קעז און פאַרדאַרטע וואורשט פון פערד־פלייש גאָרניט קאָנען קריגן; ברויט איז געווען אַף צוצוקערן, און דאָס אַזעלכע דינע פענעצלאַך, אז מען האָט זיי געקאָנט אַוועקבלאָזן, ווי שטרוי אַפ׳ן ווינט...

די פּלאַטפאָרמען האָט באַלאַגערט מיליטער אין פאַרוועלקט־אָפּגעטראָגענע קליידער. דאָ און דאָרטן האָבן זיך אַרויסגעזען דריי עקן פון צונויפגעשטעלטע ביקסן, און ס׳זיינען געווען אָנגעוואָרפן איינע אַף די אַנדערע זעלנערשע קלומיקעס. צו וואָס אַזוי פיל מיליטער אַף יעדער סטאַנציע אין א נייטראַל לאַנד, האָט קיינער ניט געקאָנט דערקלערן, אפילו די נאָרוועגער אליין. דער איינדרוק איז אָבער געווען, אז מען גרייט זיך אויך צו מלחמה, אָדער מען וויל אַמוויינִיקסטן מאַכן אזא אָנשטעל...

דאָס בילד האָט זיך אינגאַנצן געביטן, ווי נאָר מען איז אַריינגעפאָרן אין שוועדן. דער אונטערשיד צווישן אָט די צוויי שכנ׳ישע נייטראַלע לענדער איז געווען מערקווירדיג.

דער שוועדישער „עקספּרעס" איז טאַקע געלאָפן הענדום־פענדום, ערגעץ ניט געבליבן שטעקן און זיך ניט פאַרהאַלטן אַף א סטאַנציע א ׳סעקונדע מער, לויט דער פאָרגעשריבענער צייט. אין די וואַגאָנען איז געווען גראַם, ליכטיק און ציכטיק; יעדער פּאַסאַזשיר האָט געהאַט זיין באַשטימטן אָרט. אזא אָרדנונג האָט אויך געהערשט אין די וואָקזאַלן, וואָס האָבן אַלע אויסגעקוקט לעבעדיק און פריש. זעלטן ווען האָט מען באַגעגנט אַף זיי מיליטער. עס האָט זיך גלייך דערפילט אַן אַנדער קולטור, די פּינטלאַכקייט און נאָרמאַלקייט פון פאַר דער מלחמה־צייט אין א דייטשער געגנט.

דערפאַר האָט זיך שוין די נאַטור ניט אויסגעצייכנט מיט

איר איינגנארטיקער שיינקייט, ווי אין נאָרוועגען. ניטאָ מער די ווילדע פארבנרייכקייט, די פייערלאַכע מאַסיווקייט פון די פעלזנבערג. אפילו די קאָרן־פעלדער און די לאַנקעס האָבן עפּעס אַן אַנדער אויסזען, אַזאַ מיושב׳דיקן, בעל־הגופ׳ישן; אַף אַלץ שפּירט זיך דאָ אַן ארבעטזאַמע מענשלאַכע האַנט, וואָס מאַכט אונטערטעניק די נאַטור צו זיך, וואָס קולטיווירט די נאַטור...

אַף איין סטאַנציע דאַרפן מיר בייטן דעם צוג. איך מיט באָרוכאָוו׳ן כאַפּן זיך אַריבער אין וואָקזאַל עפּעס איינצוקויפן. מען קריגט דאָ מכל טוב און אָן שפּאָרעניש ביים בופעט.

ווען מיר קערן זיך אום, טרעפן מיר טערמאַנ׳ען און פרוי באָרוכאָוו אין גרויס פאַרצווייפלונג: מיין פרוי מיט׳ן קינד זיינען אוועקגעפאָרן ניט מיט׳ן ריכטיקן צוג. דאָס איז פאָר־געקומען אַזוי אומדערוואַרט צוליב אַ מיספאַרשטענדניש. די בילעטן, דאָס געלט, — אַלץ איז מיט מיר; זיי האָבן גאָרניט. באָרוכאָוו׳ס טאָכטערל ווײנט: נאַלעטשקאַ האָט מיך איבער־געלאָזט. פון ווייטן זע איך, ווי מיין פרוי פאָכט צו אונז פון וואַגאָן מיט אַ טיכל. איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן, און קלייב זיך שוין גיין טעלעגראַפירן, אַז מען זאָל זיי פאַרהאַלטן אַף דער צווייטער סטאַנציע. מיר אַלע געפינען, אַז דאָס איז דער איינ־ציקער אויסוועג.

גלייך שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז מיר באַאומרואיקן זיך אומזיסט: דער צוג איז טאַקע אונזערער, נאָר ער מאַכט מאַ־נעוורן. אינגיכן שטעלט זיך דער צוג אָפּ באַם וואָקזאַל, און מיין חברה־מאַן וואַרפט פאַר באָרוכאָווס טאָכטערל: ס׳אַראַ נאַרעלע דו ביסט, סוסאַנקע, אָן דיר וואָלט איך ניט אוועקגעפאָרן.

דער לאָזיקער קליינער אינצידענט פאַרטרייבט פון אונז די שלעפעריקייט, און מיר דערפילן זיך, אַזוי ווי דערפרישט...

מיט אונז אין קופּע געפינט זיך אַ בלאָנדער מיטעל־יאָהרי־גער מאַן, מיט אַ מונטער קלוגען פּנים, מיט וואָנצעס אַלאַ ווילֿ־העלם. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ דייטש. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ער איז אַ שוועד.

דערהערנדיק, אַז מיר ריידן רוסיש, פאַרפירט ער מיט אונז אַ געשפּרעך. ער ווענדט זיך צו אונז אויף דייטש. ווען ער דערוויסט זיך, אַז מיר פאָרן פון אַמעריקע, דערפרייט ער זיך זייער און גייט אַריבער אויף ענגליש. ער דערציילט אונז, אַז ער האָט עטלאַכע יאָר געלעבט אין אַמעריקע: פון זיין גוטן ליטעראַרישן ענגליש דערזעעט מען גלייך, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מענש. עס שטעלט זיך טאַקע אַרויס, אַז ער איז אַ זשורנאַליסט. ער האָט אויך פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אין רוסלאַנד און פאַרשטייט גוט רוסיש. ער איז אונז מכבד מיט עכט שוועדישן שנאַפּס; מיר, מאַנסבילן, טרינקען אויס צו עטלאַכע קעלישקעס און דערפילן זיך אויפגעמונטערט.

אונזער מיטרייזענדער זאָרגט זיך צו זאַמען מיט אונז, אַז די פרויען און קינדער זאָלן האָבן אַ באַקוועמען געלעגער, און אונזער געשפּרעך ווערט גאַנץ לעבעדיק.

אונטער טעמע איז, פאַרשטייט זיך, די רוסישע רעוואָלוציע. דער נייער באַקאַנטער סימפּאַטיזירט שטאַרק מיט איר און ער דריקט אויס זיין מיינונג, אַז איצט דאַרף זיך אָנהייבן אַ ניי לעבן אויך פאַר פינלאַנד. פון אָנהייב פאַרשטייען מיר ניט זיין באַמערקונג. ער אַנטוויקעלט נאָכדעם זיין געדאַנק: די פינלענדישע קולטור האָט ווייניק געמיינזאַמס מיט דער רוסישער, זי איז אָבער ענג צוזאַמענגעקניפּט מיט דער שוועדישער; איז טאַקע מער ניט, ווי אַ יושר, אַז די נייע רוסישע דעמאָקראַטישע פאָלקס־רעגירונג, וואָס אָנערקענט ניט קיין שום אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, זאָל צוריק פאַראייניקן פינלאַנד מיט שוועדן. פאַר פינלאַנד וועט עס זיין אַ גליק, און אין דער דאָזיקער טאַט וועט זיך אויסדריקן דער אמת'ער פרייהייטס־כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס מעקט אָפּ אַלע זינד פון צאַריזם.

פון זיינע רייד דערוויסן מיר זיך, אַז עס גייט אָן אַ גרויסע באַוועגונג צו פאַראייניקן צוריק פינלאַנד מיט שוועדן אין די ביידע לענדער, און איינער פון די הויפּט־אידעאָלאָגן פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז דער פירער פון די שוועדישע סאָציאַליסטן,

בראנטינג. בכלל, — באמערקט ער — האבן די פינער קיין צו־טרויען ניט צו די רוסן, אפילו צו די פירער פון דער רעוואָלוציע, ווייל זיי האלטן אלע רוסן, אויך די סאָציאַליסטן, פאר צענטראַ־ליסטן, און איצט, ווען דער צאַריזם איז געפאלן, וועלן די פינער געוויס ניט וועלן בלייבן אונטער אן אנגעצוואונגענער הערשאפט. פונקט דאָס זעלבע, וואָס איך האָב ארויסגעטראָגן פון מיינע שמועסן מיט די פינער אף דער שיף.

באָרוכאָוו, ארויסגייענדיק פון זיין „פועלי־ציוניסטישן" שטאַנדפונקט, דענקט, אז פינלאַנד דאַרף אינגאַנצן ווערן א זעלבסטשטענדיקע מלוכה, אומאָפּהענגיק סיי פון רוסלאַנד, סיי פון שוועדן. איך און טערמאַן האלטן זיך אָבער פעסט ביי דער מיי־נונג, אז ווען רוסלאַנד וועט ווערן א פעדעראַטיווע רעפּובליק, וועט פינלאַנד ניט דאַרפן זוכן זעלבסשטענדיקייט און אויך ניט קיין פאַראייניקונג מיט שוועדן. דער שוועד וויל פון אונזערע אַלעמענס ארגומענטן ניט וויסן. ער באַשטייט אף דאָס זייניקע און איז מזהיר ומודיע, אז אַנדערש וועלן זיין צרות: דאָס פינישע פאָלק וועט רעוואָלטירן, און נאַטירליך, וועט שוועדן ניט קאָנען שטיין אָן א זייט, זי וועט אויך מוזן זאָגן איר וואָרט, און דאָס וועט דער רוסישער רעוואָלוציע געוויס ניט טאָן קיין גוטס. בראַנטינג האַלט אויך אזוי...

מיר אלע צעהיצן זיך אזוי, אז מיר וועקן אויף די שלאָפנ־דיקע, און מער פון אלעמען היצט זיך דער שוועד; ער זאָגט אונז מוסר און דערביי לאָזט ער אריין א פּאָר שטעכווערטלאך אפ'ן חשבון פון דאַנ'ס און ליבער'ס אידישער אפּשטאַמונג. ניין, ער איז, חלילה, קיין אַנטיסעמיט ניט, ער וויל, מיר זאָלן אים פארשטיין; זיינע בעסטע פריינט סיי אין אַמעריקע, סיי אין רוסלאַנד זיינען געוועזן אידן, אויך אין דער היים האָט ער א סך גוטע פריינט אידן, נאָר וואָס דען, די רוסישע אידן זיינען געוואָרן איצט זייער שטאַרקע פּאַטריאָטן, זיי האָבן פאַר־געסן אָן קישענעוו און ווילן ניט וויסן פון יושר; ווייל אין דער פרייער רוסלאַנד וועלן זיי זיין די גאַנצע הערשער, שטרעבן

זיי, אַז זייער מלוכה זאָל זיין וואָס גרעסער. כאַ, כאַ, ניט אמת? איר זייט דאָך סאָציאַליסטן, יאָ? און בראַנטינג האַלט אויך אַזוי...

זיין געלעכטער איז אונז געוואָרן אומאַנגענעם, און נאָך אומאַנגענעמער איז אונז געווען זיין שטיצן זיך אָפּ׳ן סאָציאַליסט בראַנטינג, ווייל דאָס האָט אונז אַן איבריק מאָל באַוויזן, וואָס פאַר אַ שטימונגען דער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם האָט באַשאַפן אין דער אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג...

מיר האָבן זיך געסטאַרעט אַפּצואָווענדן אונזער געשפּרעך אַף אַן אַנדערער טעמע.

ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג. אונזער צוג איז געלאָפן פאַרביי שיינע דערפער און פערמעס מיט בליענדיקע פעלדער און גערטנער. פון צייט צו צייט האָבן פאַרבייגעשוועבט הויכע פאַבריק־קוימענס, וואָס פון זיי האָט געשפּאַרט אַ געדיכטער רויך; האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן אָפּ׳ן קלאָרן שאָסיי אָנגעלאָדענע וועגענער, פורן און משא־אויטאָמאָבילן. דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס לעבן גייט דאָ נאָרמאַל, אַקוראַט ווי עס וואָלט גאָר אַף דער וועלט קיין מלחמה ניט געווען. אַלנפאַלס, אַזוי האָט עס אויסערלאָך אויסגעזעצן.

אונזער קופּע איז געווען פאַרגאָסן פון זון, וואָס האָט נעשפּאַרט פון יעדער שפּאַרונע, און דער שוועד האָט זיך פּלוצלונג געווענדעט צו אונז מיט אַ פראַגע: נו, ווי געפעלט אייך אונזער לאַנד, ניט נאָרוועגן, האַ? מיר האָבן זיך אָן דער דאָזיקער פראַגע אָנגעכאַפּט, כדי אויסצומיידן דעם פריערדיקן שמועס, און מיר האָבן אים געבעטן דערקלערן, פאַרוואָס איז אַזוי גרויס דער אונטערשיד צווישן נאָרוועגן און שוועדן, הגם זיי זיינען פאַראייניקט צווישן זיך דורך אַן אוניע.

„גאָר פּשוט — האָט ער געענטפערט — נאָרוועגן איז אַ פרימיטיווע לאַנד, אַ לאַנד אָן אינדוסטריע, איר באַפעלקערונג לעבט הויפּטזאַכליך פון פישעריי און האַנטווערקעריי; אין די בעסטע יאָרן האָט איר געפעלט ברויט, ווייל דער באָדן איז אַ

שטיינערדיקער, ניט קיין פרוכטבארער. האט מען אבער אין דער צייט פון דער מלחמה פון איר ארויסגעפירט אויך די רייכטימער, וואס זי האט געהאט. דערצו האט זיך נאך זייער שטארק פארקלענערט דער שיף־פארקער, וואס איז געווען דער לעבנס־נערוו פון לאנד, און די אנטאנט־מלוכות האבן זי אויס־געקוועטשט, ווי א לימאנע. נארוועגען, ניט קוקנדיק אף דער אוניע מיט אונז, האט שטענדיק זיך באצויגן צו שוועדן ניט זייער פריינטלאך, האט זי געוואלט אויסנוצן די מלחמה טאקע קעגן שוועדן און אף יעדן פאל פארשטארקט איר ארמיי. דאס אלץ האט זי אינגאנצן רואינירט.

„ס׳איז פאראן נאך א סבה: נארוועגען איז א ראמאנטיש לאנד; אירע איינוואוינער זיינען טרוימער; זיי לאזן זיך בא־הערשן פון דער נאטור, פון אירע סטיכיעס; און ווי העלדיש, ווי טעמפעראמענטפול זיי זיינען ניט אין זייער קאמף מיט די סטיכיעס, זיינען זיי אבער ניט אנטשלאסן געגנוג, ניט פראקטיש, ווי אזוי צו באהערשן די נאטור. דער נארוועגער איז, לויט זיין גאנצן כאראקטער, מער ענלאך צום פראנצויז; צייטנווייז אזוי זארגלאז, ווי ער, נאר ניט אזוי לעבנסלוסטיק. האט טאקע נארוועגיען פראנקרייך׳ס שוואכע זייטן, וואס דריקן זיך איי־בערהויפט אוים אפ׳ן אינדוסטריעלען געביט. פארגעסט ניט, אז פראנקרייך, ניט קוקנדיג אף איר גאנצער אנטוויקלונג, אף איר דעמאקראטישקייט, אף אירע רעוואלוציאנערע טראדיציעס, איז אין הלכות טעכניק, אינדוסטריאליזירונג אלץ געבליבן הינטערשטעליק. דאס זעלבע איז אויך מיט נארוועגען.

„אנדערש איז מיט שוועדן. דער שוועד איז ניט אזוי ראמאנטיש, טרוימעריש, טעמפעראמענטפול, העלדיש און זארג־לאז ווי דער נארוועגער; ער איז מער ענלאך, לויט זיין אויס־גערעכנטקייט און פראקטישקייט, צום דייטש. דערצו קומט אים ניט אוים אויסצושטיין אזא קאמף מיט דער נאטור און אירע סטיכיעס. ברויט האט שוועדן געגנוג. אין די לעצטע צענדלי־קער יארן האט זי באוויזן צו אנטוויקלען א שטארקע אינדו־

סטריע, אנוועגדענדיק אין איר די דייטשע מעטאדן, און אין דער צייט פון דער מלחמה האט זיך איר אינדוסטריע נאך פילפאך פארשטארקט. זי האט געארבעט פאר פארשידענע לענדער, הויפטזאכלאך פאר די צענטראלע מלוכות, און טאקע אין דער צייט פון דער מלחמה האט זי זיך אנגעגאסן מיט שפע. האט מען גענומען פון איר ארויספירן ברויט, איז איינגעפירט געווארן א קארט-סיסטעם, און דער עולם האט זיך צוגעוואוינט צו עסן ווייניקער; ער הונגערט אבער ניט. ער ארבעט פלייסיק און איז, ווי מען זאגט אין אמעריקע, „אלרייט". מיר, שוועדן, זיינען ניט אזוי דעמאקראטיש, ווי די נארוועגער. פארקערט, מיר זיינען אריסטאקראטיש; אונזער אריסטאקראטיזם איז אבער ניט אייער צעקראכענער רוסישער אדער פראנצויזישער אריסטאקראטיזם, נאר א געזונטער, לעבנספעאיקער, פול מיט איניציאטיוו.

„אט נעמט אונזער ליטעראטור און די נארוועגישע: אונזער אויגוסט סטרינדבערג איז דורך און דורך נאטוראליסטיש; ער שוועבט ניט אין די הימלען, נאר שטייט מיטביידע פיס אף דער ערד. אין זיין נאטוראליזם איז ער אפט ברוטאל, ציניש; ער לאכט אוים טרוימערישקייט, ראמאנטיזם. פאר אים איז ניט הייליק קיין זאך, וואס פירט ניט צו א פראקטישן ציל. דאס איז דער אויסדרוק פון שוועדישן כאראקטער. דער נארוועגישער קנוט האמסון איז פונקט דער היפוך: ער איז דורך און דורך ראמאנטיקער, אימפרעסיאניסט. ער שוועבט דורכאוים אין די הימלען. אפילו אין זיין ברוטאלקייט און ציניזם איז ער טרוימעריש, ראמאנטיש. הייליק איז פאר אים גראד דאס, וואס איז ניט פראקטיש. ער לאכט אוים פראקטישקייט, איבערלייגטקייט. דאס איז דער אויסדרוק פון נארוועגישן כאראקטער."

פון דעם דאזיקן געשפרעך איז אונז פיל קלאר געווארן פון דעם, וואס מיר האבן געזען פאר זיך פון כריסטיאניע ביז אהער.

מיר האבן נאך בא אונזער נייעם באקאנטן געוואלט ארויס־ קריגן אייניקע ידיעות וועגן דער שוועדישער ארבעטער־באוועג־ נונג, נאר ער האט אונז ווייניק וועגן דעם געקאנט זאגן; ער האט מער ניט געליבט בראנטינגן, וואס איז זייער א שטארקער פאטריאט...

זעגנענדיק זיך מיט אונז, האט דער שוועד אונז נאכאמאל דערמאנט, אז ער איז, חס וחלילה, קיין אנטיסעמיט ניט. ס'איז אבער כדאי צו געדענקען, אז עס וועט זיין פיל גלייכער פאר רוסלאנד, ווען פינלאנד וועט זיך פאראייניקן מיט שוועדן...

4.
אין סטאָקהאָלם.

אָנגעקומען זיינען מיר אין סטאָקהאָלם אינדערפרי. אפ'ן וואקזאל האָט שוין געברויזט מיט לעבן. ס'האָט אָבער ניט געהערשט קיין אומאָרדנונג, ווי אין כריסטיאַניע. ניטאָ ניט קיין ענגשאפט, ניט קיין שטופעניש. ס'שפירט זיך אפילו ניט קיין האָוועניש, ווי מען איז געוואוינט אף אַ באַנהויף, איבער־הויפט אין אַמעריקע. אומעטום איז רואיק, גערוים און ציכטיק, פול מיט ליכט. דער גלאַט־ווייסער סופיט, די לאַנגע און ברייטע קאַבל־וועגנטיקע קאָרידאָרן, די באַקוועמע זאַלן, — אַלץ אָטעמט מיט איבערלייגטקייט, איינפאַכקייט און פינקטלאַכקייט; צו זייער ווירקונג גיט זיך, דאַכט זיך, אינסטינקטיוו אונטער יעדער פּאַסאַזשיר. מערקווירדיג, ווי ענלאַך צו בערלין. אפילו דער אויפזעער, וואָס עפנט פאַנאַנדער די אַריינגאַנגס־טיר פון דער גרויסער פּלאַטפאָרם, דערמאָנט מיט זיין שטרענגן אויסזען און העפלאַכער באַנעמונג אַ טיפּישן דייטשן אָרדנונגס־היטער.

דער איינדרוק וועגן דער ענלאַכקייט צו בערלין פאַרשטאַרקט זיך נאָך, ווען מען גייט אַרויס פון וואָקזאַל. די גראַדע ריינע גאַסן מיט געקינצלטע אַלייען דאָ און דאָרטן, מיט אָפּטע סקווערס, די ניט גאָר הויכע, נאָר בונטע געביידעס מיט זייער אייגנאַרטיקער מאַסיווער אַרכיטעקטור, די עלעגאַנטע מאַגאַזינען מיט די רייכע אויסשטעלונגען אין די פענסטער, די שמייכלענדיקע קאַפע־הייזער, די שלאַנקע אויסגעמושטירטע פּאָליציסטען, — דאָס אַלץ איז, דאַכט זיך, אַ קאָפּיע פון בערלין. אפילו די דייטשע שפּראַך איז כמעט אַזוי אין אומגאַנג, ווי

שווערדיש. דער אונטערשיד איז מער ניט, וואָס דאָ איז ניטאָ די ראַשיגע באַוועגונג, וואָס אויף די בערלינער גאַסן; אין דעם פּרט שפּירט זיך דאָ אַ געוויסע פּראָווינציאַלקייט.

מיר האָבן זיך גלייך אין דעם דאָזיקן „קליין־בערלין" דער־פילט היימלאָך. ס'האָט מיט אַמאָל אויף אונז אַ ווייהץ געטאָן די אַלטע גוט באַקאַנטע אייראָפּע, די אייראָפּע פון פאַר דער מלחמה. דערצו האָט מיטגעהאָלפן דער זעלטן שיינער פרימאָרגן. אין דער לופט איז געווען אויסגעגאָסן עפּעס אַזאַ מילדקייט, וואָס באַרואיקט די נערוון. דאָס איז געווען אַ מין מילדקייט פון אַמעריקאַנער האַרבסט, וואָס מען רופט „אינדיאַנער זומער". די זון איז שוין אינגאַנצן אַרויס פון איר פוטער־פּאָס, זי וואַרימט גאַנץ שטאַרק, דאָך אָטעמט זיך לייכט, איז ניט שטיקנדיק אַרום, קריכט ניט אין האַלז קיין שטויב...

אַ גוטע ווירקונג אויף אונזער שטימונג האָט אויך געהאַט דאָס, וואָס אפּ'ן וואָקזאַל האָט אונז שוין דערוואַרט זרובבל מיט נאָך אַ גרופּע חברים. די מערסטע פון דער דאָזיקער גרופּע זיינען אונז געווען אומבאַקאַנט, פּאָליטישע עמיגראַנטן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. נאָר דאָס, וואָס זיי קערן זיך אויך אום אין באַפרייטן רוסלאַנד, האָט גלייך אַוועקגעלייגט אַ שטעמפּל אויף אונזערע באַציאונגען, אַ שטעמפּל פון אמת'ער חבר'שאַפט, הגם מיר האָבן באַלאַנגט צו פאַרשידענע פּאַרטייען.

ס'איז ווירקלאָך געווען צו באַוואונדערן, ווי אַזוי די רוסישע רעוואָלוציע האָט פאַר'מטושטש'ט ביי אונז אַלעמען דעם פּאַרטיי־אַנטאַגאָניזם. אויב די שיף האָט געקענט מאַכן שלום צווישן אַזעלכע קעגנער, ווי באָראָכאָוו און ליטוואַק, איז דאָס נאָך באַגרייפלאָך. דער אָקעאַן האָט שוין אַזאַ טבע צו דער־נענטערן צווישן זיך מענטשן, בפרט נאָך ווען ס'דראָט די געפאַר פון סאָבמאַרינס... ס'איז אָבער געווען אַ פּאַלג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַז ס'זאָל זיך איינשטעלן שלום, נאָכמער, ס'זאָל באַשאַפן ווערן אַ גאַנץ נייע פריינדשאַפט צווישן פּאַרטיי־קעגנער אויף דער יבשה.

סטאָקהאָלם איז גראָד דעמאָלס געווען דער צענטער פון פּאַרטיי־סכסוכים, ווייל מען האָט זיך דאָרטן געגרייט צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ. דאָרטן האָט זיך געפונען דער סעקרעטאַריאַט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, מיט קאַמיל הויסמאַנסן בראש, די ביוראָ פון די צימערוואַלדיסטן מיט אַנזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא אין דער שפּיץ. אומעטום, אויף די גאַסן, אין די רעסטאָראַנען, אין די קאַפע־הייזער, אין די פּאַרקס, אפילו אין די פּאָסט־קאַנטאָרן האָט מען באַגעגנט דעלעגאַטן פון פאַרשידענע לענדער, וואָס האָבן זיך געהיצט צווישן זיך, יעדער, לויט זיין נאַציאָנאַלן טעמפּעראַמענט. אונז, וואָס האָבן געלעבט דורכאויס אין אָט דער וועלטל, האָט זיך געדאַכט, אַז די הויפּט־שטאָט פון שוועדן האָט ניט קיין אַנדערע אינטערעסן, אויסער סאָציאַליזם און רוסישער רעוואָלוציע...

ניט געהיצט האָבן זיך בלויז די רוסישע עמיגראַנטן. עפּעס פון זיך אַליין, ניט־צונויפגערעטעהייט, האָט מען אויסגעמיטן צו באַרירן פּאַרטיי־ענינים. מען האָט זיך אָממייסטן געטיילט מיט די איינדרוקן וועגן דעם רושם, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט געמאַכט אין די פאַרשידענע לענדער, פון וואַנען מיר זיינען אַלע געקומען. אין די דערציילונגען וועגן דעם פלעגן אַוועקגיין שעה'ן און שעה'ן.

דעם דופק פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן מיר אין סטאָקהאָלם דערפילט גלייך.

אזוי ווי ס'זיינען שוין געווען פאַר אונז צוגעגרייט נומערן אין אַ האָטעל, האָבן אייניקע חברים פון די, וואָס זיינען אונז געקומען באַגעגענען, אַוועקגעטראָגן אהין אונזער האַנט־באַגאַזש, און מיר זיינען אַליין אריין אין אַן אויטאָמאַט־רעסטאָראַן. דאָ איז געווען געפּאַקט פון רוסישע עמיגראַנטן. אידיש און רוסיש האָבן זיך אויסגעמישט צווישן זיך; מען האָט גערעדט הויך, גע־ווויצלט זיך, און די אַטמאָספער איז געווען אַזאַ היימישע.

אונז האָט מען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן; יעדער איז געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס פאַר אַ ווירקונג די רוסישע רעוואָ־

לוציע האָט געמאַכט אין אַמעריקע. מען האָט צווישן די אַנ־וועזנדיקע געטראָפן אַלטע חברים, וואָס מיט זיי צוזאַמען האָט מען געאַרבעט אין דער באַוועגונג אין רוסלאַנד, איז מען געזעסן אין טורמע, געווען פאַרשיקט קיין סיביר. דאָס אַלץ האָט געווירקט אַזוי דערפרישנדיק; ס'האָט זיך ניט געשפּירט קיין שום מידקייט פון דער רייזע און מיר זיינען געווען גרייט צו זיצן אַזוי לאַנג אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט; נאָר דאָס קליינוואַרג האָט גענומען ווערן שטאַרק נערוועז צוליב די פיל איבערלעבונגען פאַר זייערע יונגינקע נשמות.

ווען ניט די ספּעציעלע קאַרטן, וואָס יעדער האָט געטראָגן מיט זיך אין קעשענע, ווייל אָן זיי האָט מען אין ערגעץ ניט געקאָנט קריגן קיין ברויט, אַפילו אין די רייכסטע רעסטאָראַנען, וואָלט מען ניט געפילט די מלחמה. ס'איז געווען מכל טוב, און פאַר גוט געלט האָט מען געקאָנט באַקומען אַפילו ברויט לרוב אָן קאַרטן...

אַז אויך אין שוועדן ספּעקולירט מען שטאַרק אונטער, האָבן מיר זיך דערקונדיקט טאַקע זיצנדיק אין אויטאָמאַט־רעסטאָראַן. פאַר אַן אַמעריקאַנער דאָלער האָט אונז אַ קעלנער געבראַכט אַ היפּשן לעבל ברויט, איינגעוויקלט זייער פּינקטלאַך אין פּאַק־פּאַפּיר, אַז מען זאָל זיך ניט אָנשטויסן, וואָס דאָרטן איז. פאַר אונז איז דאָס געווען אַ דעראָבערונג: צו קריגן קאַרטן געדויערט אַ טאָג און אַמאָל מער און דערוויילע וואָלטן מיר געדאַרפט צוהונגערן. דער זעלבער קעלנער, וואָס האָט גערעדט גוט דייטש, האָט זיך אַרויסגערופן יעדן טאָג אונז צוצושטעלן ברויט, אויב נאָר מיר וועלן צאָלן מיט אַמעריקאַנער געלט; און מיר האָבן זיך פון דער טובה ניט אָפּגעזאָגט. לויט די קאַרטן האָט מען אַרויסגעגעבן זייער ווייניק ברויט, און מיר, אַמעריקאַנער, זיינען צו אַזאַ זאַך ניט געוואוינט געווען...

דער בעל־הבית פון אונזער האָטעל, אַ גריך, וואָס האָט גערעדט פּליסיג אַ‍ַנטיקע שפּראַכן, אויך רוסיש, אַ דורכגעטריבענער כיטרער קערל, האָט דערקלערט, אַז באַטש ס'איז איינגעפירט אַ קאַרטן־

סיסטעם אַף א גאַנצער ריי פּראָדוקטן, איז אָבער די גאַנצע מעשה מער ניט, ווי א וויץ. די אָרימע ווערן טאַקע אויסגעריסן, ליגן אין דער אדמה און די רייכע שפּייען אויף דעם מלוכה־מאָנאָפּאָל. אַלע נאַציאָנאַליזירטע פּראָדוקטן ברענגט מען זיי אין שטוב אריין; ער אליין, האָט ער געגעבן אָנצוהערעניש, קען מאַכן געשעפטן, וויפיל זיין הארץ גלוסט נאָר, און האָט פאָרגעשלאָגן ברויט פאר א ביליגערן פּרייז...

אימיצער האָט אָנגעוויזן, אז אויף אזא אופן ווערט דאָך באַ'גנב'עט די מלוכה. אַלס ענטפער האָט זיך דער גריך הילכיג פאנאנדערגעלאכט: נו, איז וואָס? אויב אין דייטשלאַנד, וואָס איז אזוי פארארימט פון דער מלחמה, מעג מען ספּעקולירן אַף וואָס די וועלט שטייט, טאָ פארוואס זאָל מען ניט טאָרן ספּעקולירן אין שוועדן, וואָס האָט זיך אָנגעגאָסן מיט שפע פון דער מלחמה? באַ'גנב'ענען די מלוכה? ווייניק באַ'גנב'עט זי די באפעלקערונג? זי רייסט דאָך די פעל און דאָס אָנגערויבטע ווערט צעטיילט צווישן די, וואָס האַלטן די לייצעס אין די הענט. ס'איז דאָ פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז פיל פון אונזערע מיניס־טאָרן זיינען געוואָרן פאר דער צייט פון מלחמה קרח־רייך. נאָר מען שווייגט, מען טשעפּעט זיי ניט און זיי שטעפּן אנדערע ניט; אפילו די סאָציאַליסטן האָבן אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער, ווייל אויך אייניקע פון זייערע פירער זיינען ניט ריין פון ספּעקו־לאציע; מען רעדט דאָ וועגן דעם גאַנץ אָפן, און טאָמער האָבן די לינקע אויפגעהויבן א טומל, האָט בראַנטינג שוין געפונען אן עצה, ווי צו דערשטיקן די זאך. ער, בראַנטינג, איז שוין איין מאָל אַ יונג מיט ביינער, פארשטייט אַן עסק... איצט איז א וועלט פון ספּעקולאַציע, פון שווינדל פאר אַלעמען, ניט אויסגעשלאָסן סאָצי־אליסטן און רעוואָלוציאָנערן; אַ געזונט אין די ביינער אריין דער מלחמה דערפאר...

פון די געשפּרעכן מיט פיל חברים פון אנדערע לענדער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אזא געפאַלנקייט פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, ווי ס'האָט ציניש כאראקטעריזירט דער גריך, באמערקט

זיך אין אַלע לענדער; אומעטום צייכנען זיך ניט אויס שטאַרקע אָנהענגער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מיט אַ באַזונדער נשמה־ריינקייט; דאָס יאָגעניש נאָך פּראָפיטן האָט זיי אויך פאַרכאַפּט אין טייוול־טאַנץ...

טאַקע אין סטאָקהאָלם האָבן מיר באַגעגנט אייניגע פּערזאָנען, וואָס האָבן געשפּילט אַמאָל אַ גרויסע ראָל אין דער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג, ספּעציעל אין „בונד", און זיי האָבן געשווינדלט און ספּעקולירט אַף גאָר אַ גרויסן אופן. די דאָזיקע לייט זיינען עס געווען די גאַנצע מאַכער פון עמיגראַנטן־קאָמיטעט, פון די אָרטיקע רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופּן; זיי האָבן עס געגאָסן פעך און שוועבל אַף די באָלשעוויקעס, איבערהויפּט אַף לענינ׳ען, פאַר זייער פאַרקויפטקייט צו די דייטשן...

אָנגעשטויסן האָבן מיר זיך אויף אַ פּאָר פון זיי אין דעם עמיגראַנטן־קאָמיטעט. אַזעלכע צופרידענע, מיט זאַטע פּנים׳ער, אָנגעפּיקעוועט מיט בריליאַנטן, האָבן זיי אויפגענומען די דורכפאָרנדיקע רעוואָלוציאָנערן מיט אַ מאָדנער גרינגשעצונג. זיי האָבן געגעבן צו פילן, אַז זיי זיינען ניט אַבי ווער, נאָר שטייען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט קערענסקיס רעגירונג, מיט׳ן פּעטראָגראַדער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־סאָוועט, דאַרף מען האָבן צו זיי אַ באַזונדער אָפּשיי. די הילף, וואָס זיי פלעגן אַרויסגעבן אַן עמיגראַנט, האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון צדקה; מען פלעגט לאָזן לויפן נאָך דעם טעג נאָך טעג, זיך דינגען פאַר אַ גראָשן, כאָטש דאָס געלט איז געווען, ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, ניט פון פּריוואַטע נדבות, נאָר אַ ספּעציעלער פאָנד פאַר דעם צוועק פון דער ציטווייליקער רעגירונג.

אַן אָרטיקער אידישער אַרבעטער, אַ בונדיסט, האָט זיך פאַר אונז געקלאָגט, אַז ביז דער רעוואָלוציע פלעגן די דאָזיקע לייט פּשוט ווייכן פון וועלכער ס׳איז רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, קיין מאָל אַ גראָשן ניט געגעבן פאַר די נויטן פון דער באַוועגונג אין רוסלאַנד; מען האָט ספּעקולירט און געלעבט אַ גוטן טאָג — דאָס אַלץ. איצט אָבער זיינען זיי געוואָרן גאַנצע בעלי־צדקה אויפ׳ן

חשבון פון דער נייער רוסישער רעגירונג, און ס׳איז א סברה, אז זיי ליגן צום עסק ניט צו. — איך וואָלט פון זיי — האָט זיך געהיצט דער ארבעטער, — א גראָשן ניט גענומען, ווייל דאָס איז אתנן זונה...

איינער פון די פאָרשטעהער פון עמיגראַנטן־קאָמיטעט, א ווילנער איד, וואָס האָט זיך געהאלטן פאר כפול־שמונה׳דיקן סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט פאר מיר און באַראָכאָוו׳ן שענדלאָך אטאַקירט די באָלשעוויקעס; דערפאר האָט ער הייס פארטיידיקט פּארוואוס׳ן, דעם אמאָליקן בארימטן רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט זיך אינגאנצן פארקויפט צו דער דייטשער רעגירונג און איז געווארן א בארימטער ספּעקולאַנט. דאָס איז אונז געווען א ביסל קשה׳דיק, נאָר מען האָט אונז אָנפארטרויט א סוד, אז דער דאָזיקער באָלשעוויקעס־פרעסער לעקט אָפּ א פעטן ביינדל פון פּארוואוס׳ן...

מיר האָבן אין דעם עמיגראַנטן־קאָמיטעט באַגעגנט אָבער אויך אַנדערע פּערזאָנען,—די באוואוסטע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מארטינאָוו, יערמאַנסקי, און אָנגעזעהענעם בולגארישן סאָציאַליסט, קירקאָוו, — דעפּוטאַט פון בולגארישן פּארלאַמענט. אלע זיינען זיי אהער געקומען אין פארבינדונג מיט דער באַפאַר־שטייענדיקער אינטערנאציאָנאלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ.

זיי אַלע זיינען דעמאָלט געווען הייסע צימערוואַלדיסטן; מיט שוים אויף די ליפּן האָבן זיי גערעדט וועגן די פאָרשטעהער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

מארטינאָוו האָט מיר איבערראשט מיט זיין אייראָפּעאישן אויסזען. איך האָב אים געדענקט פון 7טן צוזאַמענפאָר פון „בונד”, אין יאָר 1906, אין לעמבערג, וואו ער האָט פארטראָטן די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער־פּארטיי. דאָס איז געווען דעמאָלט אַן אָפּגעלאָזענער איד; עס האָבן אים בלויז געפעלט א פּאָר פּאות׳ן, כדי מען זאָל אים אָננעמען פאר א טיפּישן קליינשטעטלדיקן מלמד אָדער פאר א שול־שמש. איצט איז ער געווען אן אמת׳ער „דזשענטלמען”, אָנגעטאָן פּינקטלאָך און ריין,

אפילו מיט אָפּגעשניטענע נעגל. ניט אומזיסט איז אין אַלע רוסישע סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס אין אויסלאַנד געווען אַזוי פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז ער האָט א יונגע ווייב...

מאַרטינאָוו איז באַזונדערס געווען אין כעס אויף קאַוטסקי'ן. ער האָט אים ניט געשאָנעוועט; ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער אַלטער קאַוטסקי קייקלט זיך אַלץ מער באַרג אַראָפּ צו רעפאָרמיזם, אַז עדוואַרד בערנשטיין, דער שעפער פון רעוויזיאָניזם, איז מער רעוואָלוציאָנער, ווי ער, קאַוטסקי. יערמאַנסקי, א בלאָנדער יונגערמאַן, א באַוועגלאַכער, מיט קלוג־פינקלענדיגע אויגן, האָט אָנגערופן ליבער'ן סאָציאַל־פּאַררעטער און נאָך מיט אַזוינע שיינע נעמען. אַלע האָבן זיי גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ וועגן לענין'ען, הגם זיי זיינען ניט געווען אין אַלץ מסכים מיט אים.

דער איינציקער, וואָס איז אינגאַנצן געשטאַנען אַף לענין'ס פּלאַטפאָרם איז געווען דער באָלגאַר, א דיקלאַכער, מיט שוואַרצע וואָנצן, מיט א קלוגן געזיכט. ער האָט גערעדט אויסגעצייכנט רוסיש און מיר האָבן לאַנג מיט אים דיסקוטירט. ער האָט געהאַלטן פאַר אַן אַוואַנטיורע קערענסקי'ס אָנגריף אַפ'ן גאַליצישן פראָנט. גראַד זיינען דעמאָלט אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן דעם ערפאָלג פון אָנגריף; קירקאָוו האָט סאַרקאַסטיש געשמייכלט: „איר וועט זען, דאָס וועט זיך ענדיקן מיט א מיאוס'ן דורכפאַל און אפשר נאָך מיט א אידישן פּאָגראָם... די מלחמה וועט טויטן די רעוואָלוציע, און גערעכט זיינען די באָלשעוויקעס, וואָס פאָדערן א באַלדיקן שלום, אפילו א סעפּעראַטן מיט דייטשלאַנד, ווייל די אויפגאַבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז צו טויטן די מלחמה... מיר, „טעסניאַקעס", ווי ס'הייסן ביי אונז אין באָלגאַריע די לינקע סאָציאַליסטן, זיינען אויך מיט דערזעלבער מיינונג, און מיר וועלן אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די באָלשעוויקעס"...

פון קירקאָוו'ן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין באָלגאַריע

האָט זיך די לעצטע יאָרן גענומען אנטוויקלען אויך א אידישע ארבעטער־באוועגונג; זי איז אָבער זייער שוואך, ווייל די צאָל אידישע ארבעטער איז קליין, און די צייטונג, וואָס דער אידישער סאָציאַליסטישער פארבאנד גיט ארויס אין דער באָלגארישער שפראך, ווערט וויניק פארשפרייט. דאָס איז גיכער א באוועגונג פון סאָציאַליסטיש־געשטימטע אידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך אין אויסלאנד דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון „בונד". דערפאר איז אנטוויקלט אין בולגאריע די ציוניסטישע באוועגונג, וואָס קומט אלס רעזולטאט פון וואקסנדיקן אנטיסעמיטיזם; נאָר אויך דער ציוניזם איז גיכער א באוועגונג פון אינטעליגענטן, איידער פון דער קליינבירגערלאכער אידישער באפעלקערונג אין באָלגאריע. בכלל איז דער באָלגארישער אידענטום באדייטונגס־לאָז, שפילט קיין ראָל נים אין פּאָליטישן לעבן. אזוי איז די לאגע אין אלע באלקאנישע לענדער; ס'זיינען פאראן זייער רייכע אידן, מיליאָנערן, אינטערעסירן זיי זיך ניט מיט קיין זאך, אויסער מיט געלט מאכן; אפילו פילאנטראָפּיע איז צווישן זיי שוואך אנט־וויקלט. די געציילטע אידישע אנשטאלטן עקזיסטירן קוים־קוים.

ריידנדיק וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט קירקאָוו מיט ליבע זיך אָפּגעשטעלט אַף דער ראָל פון „בונד" אין איר. ער האָט ארויסגעוויזן א גרויסע באהאוונטקייט אין דער בונדישער ליטע־ראטור. אים האָט אָבער שטארק פארדראָסן, וואָס דער „בונד" איז איצט דורכאוים מענשעוויסטיש. ליבער'ס נאָמען האָט ער אפילו נים געוואָלט דערמאָנען. אבראמאָוויטש שטייט אַף א ריכטיקן וועג, ער גייט אָבער ניט צו וויים. דאָס איז די שוואכקייט פון אלע אינטערנאציאָנאליסטן, וואָס פילן, אין גרונד גענומען, אז די באָלשעוויקעס זיינען גערעכט, נאָר האָבן מורא צו האנדלען באָלשעוויסטיש. דערפון קומט עס, וואס זייער ווירקונג איז אזוי קליין. קיין „צווישן" קען ניט זיין: אָדער מענשעוויזם אָדער באָלשעוויזם.

איך און טערמאן זיינען אין דעם פּרט געווען מיט אים איינפארשטאנען, נאָר אלס מענשעוויקעס האָבן מיר, פארשטייט

זיך, שטאַרק קריטיקירט זיינע אנשויאונגען, און דאָס האָט גע־בראַכט צו זייער היציקע ויכוחים. קיין פאַרביטערקייט האָט זיך אָבער צווישן אונז ניט געפילט, און גאַנץ ריכטיק האָט באַמערקט קירקאָוו, אז ווען אזא צוזאַמענשטויס זאָל פאָרקומען צווישן רוסישע מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס אָדער צווישן באָלגארישע וואָלט מען זיך שוין מסתמא געריסן ביי די האָר; ס'איז שוין אזוי די טבע, אז פרעמדע זאָלן זיין מער טאָלעראַנט איינע צו די אנדערע; ס'פעלט דאָ די אינטימקייט אפילו פאַר רייסערייען...

איין מאָל נאָך אזא דיסקוסיע מיט'ן באָלגאַר האָבן מיר באַגעגנט מאַדאַם דר. אינגערמאַן. אזוי ווי אַפ'ן שיף, האָט זי זיך אויך דאָ געהאַלטן זייער אָנגעצויגן, געקוקט אויף אונז פון אויבן אַראָפּ, און ס'האָט אונז א ביסל פאַרוואונדערט, וואָס זי, אזא „אַריס־טאָקראַטקע", זאָל גאָר קומען אין עמיגראַנטן־קאָמיטעט, וואו געוויינלאך קלייבן זיך צונויף פּראָסטע בשר־ודמ'ס.

אין יענעם מאָמענט זיינען אין קאָמיטעט אריין, אויך מאַרטינאָוו און יערמאַנסקי, און מאַדאַם אינגערמאַן, ווייזט אויס, האָט זיך געפילט געקרענקט, וואָס זיי שענקען איר ניט א באַזונ־דערע אויפמערקזאַמקייט; סטייטש, זי, וואָס האָט געמיינט, אז אָן איר קען די רוסישע רעוואָלוציע ניט אויסקומען, זאָל פון די דאָזיקע אָנגעזעהענע סאָציאַל־דעמאָקראַטן גאָר אָנגענומען ווערן אלס פּשוט'ע פּאָליטישע עמיגראַנטקע? קאָן דען זיין א גרעסערע באַ־ליידיקונג? פון אירע אייניקע באַמערקונגען, וואָס זי האָט אונז געמאַכט, האָט מען גלייך געקאָנט ארויסזען, אז זי איז אנטוישט. „איך האָב זיך שוין מיט זיי באַגעגנט, זיי זיינען אַלע משוגע — האָט זי ארויסגעזאָגט אין ענגליש, כדי מאַרטינאָוו און יערמאַנסקי זאָלן ניט פאַרשטיין, — זיי קריכן אַף גלייכע ווענט, זיי וועלן באַגראָבן די רעוואָלוציע. איך מוז זיך וועגן דעם דורכריידן מיט פּלעכאַנאָוו'ן. איך פיל, אז מען גייט אַף א פאַלשן וועג."

טערמאַן האָט א שמייכל געטאָן, ווי איינער זאָגט: מען וועט זיך באַגיין אָן אייערע עצות.

זי האָט גענומען פאַרפירן א געשפּרעך מיט מאַרטינאָוו'ן און

יערמאַנסקי׳ן, נאָר ער האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט. ווען זי איז אוועק, האָט זיך איינער פון די אַנוועזנדיקע אָפּגערופן: דער דאָזיקער מאַדאַם וועט די לופט פון דער רוסישער רעוואָלוציע ניט פאַליובן...

דאָ האָבן מיר אויך באַגעגנט איינעם מיט׳ן נאָמען, דאַכט זיך, מאַזאַוועצקי; ער האָט אונז דערציילט, אַז ער קען גוט באַכמע־טיעוו׳ן, קערענסקי׳ס אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע. ער קען אים פון רוסלאַנד און אַמעריקע; זיין מיינונג איז, אַז באַכמעטיעוו איז אַ פּשוט׳ער שאַרלאַטאַן און אַוואַנטיוריסט. ער איז קיינמאָל קיין סאָציאַליסט ניט געווען, האָט אַלעמאָל געזוכט פון אַלץ צו שלאָגן פאַר זיך קאַפּיטאַל, כדי צו מאַכן זיך אַ קאַריערע. אין ניו יאָרק האָט מאַזאַוועצקי געאַרבעט צוזאַמען מיט באַכמעטיעוו׳ן אין דער אַזוי־גערופענער רוסיש־אַמעריקאַנער האַנדלס־פּאַלאַטע, און ער האָט דוקעמענטן, אַז באַכמעטיעוו איז אין אַמעריקע געווען פאַר־בונדן דורך דעם צאַרישן קאָנסולאַט מיט די רוסישע שוואַרץ־מאַה׳דיקע קרייזן; זיינע געשעפטן זיינען געווען זייער פינסטערע. מאַזאַוועצקי האָט געוואָלט, מיר זאָלן די דאָקומענטן נעמען מיט זיך, כדי איבערצוגעבן זיי אין פּעטראָגראַד; נאָר דאָס איז געווען אוממעגלאַך פאַר אונז, ווייל די צענזור, איבערהויפּט איבער פּאַפּירן פון פּאָליטישע עמיגראַנטן, האָט דעמאָלט געבושעוועט ניט ערגער, ווי אין צאַר׳ס צייטן.

— ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנד — האָט זיך מאַזאַוועצקי געקאָכט, — פאַר דער ציטוווילי׳קער רעגירונג, אַז באַכמעטיעוו, אָט די פאַרקויפטע נשמה, זאָל זיין איר פאַרטרעטער אין אַמעריקע. איך בין ניט קיין באָלשעוויק, נאָר אויב צו קערענסקי׳ן האָבן זיך געקענט צושאַרן אַזעלכע אַוואַנטיוריסטן, ווי באַכמעטיעוו, ווייזט עס, אַז עפּעס איז ניט גלאַט. אָט זעט, די דאָקומענטן, וואָס איך האָב, דעקן אויף אַן אמת׳ע „פּאַנאַמע״, שטעלן אַרויס באַכמעטיעוו׳ן אין די ערגסטע פאַרבן. איך קען זיך אָבער ביי קיינעם ניט דערבעטן, אַז מען זאָל זיי אַריבערשיקן אין פּעטראָגראַד, אפילו ביי דער דעלעגאַציע פון אַלרוסלענדישן אַרבעטער און סאָלדאַטן־סאָוועט,

וואָס געפינט זיך איצט דאָ און האָט ניט אויף זיך קיין צענזור. מען האָט מורא פאַר'ן אמת, און איך בין זיכער, אז ווען מיר זאָל אפילו געלינגען איבערצושיקן די דאָקומענטן אין פעטראגראד, וועט מען זיי דאָרטן באַגראָבן, ווייל צופיל קאָמפּראָמיטירן זיי שוין דעם „סאָציאַליסטישן" אמבאסאדאָר."

דעם אמת זאָגנדיק, האָבן מיר דעמאָלט ווייניק אויפמערקזאמקייט געשענקט מאזאוועצקי'ס רייד, און ניט בלויז דערפאר, וואס מיר האָבן וועגן אים, מאזאוועצקי'ן, קיין אנונג ניט געהאַט; די סבה איז געווען א טיפערע: מיר זיינען שטארק געווען איינגעגלויבט אין קערענסקי'ן און זיין רעגירונג, האָבען מיר פשוט אלע באשולדיגונגען, ווי שרייענדיק זיי זאָלן ניט זיין, ארונטערגעמאַכט מיט דער האַנט, באַמיט זיך צו איגנאָרירן און פארשווייגן...

5.
סטאַקהאָלמער באַגעגענישן.

מאַזאָוועצקי איז מיט מיר און באַראַכאָוו'ן אוועק אין רוסישן קאָנסולאַט, וואו מיר האָבן געוואָלט קריגן א דערלויבניש דורכצופירן אונזערע מאנוסקריפטן. איבערהויפּט איז געווען דערין פאַראינטערעסירט באַראַכאָוו, צוליב זיין קאָלעקציע ווערטפולע דאָקומענטן וועגן דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

דער ערשטער צימער פון קאָנסולאַט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אן אמת'ע אַלטמאָדישע רוסישע קאַנצעלאַריע. עטליכע טשינאָווניקעס, מיט פּנים'ער פון שיכורים, האָבן ביי לאַנגע הילצעלנע טישן געסקריפּעט מיט די פעדערס, ארויסלאָזנדיק דערביי געדיכטע זיילן רויך פון שלעכט־געדרוקטע פּאַפּיראָסן. אפילו קיין שרייב־מאַשין האָט זיך ניט געזען. אין א ווינקל האָט געברענט אן אויל־לעמפּל אונטער אן אפּגעבליאַקירטער איקאָנע. דאָ ניט ווייט האָט געזאָדן א גרויסער סאַמאָוואַר, און אן אַלטע פרוי, אָנגעטאָן ווי א היימישע „קופּטשיכע", האָט פאַנאַנדערגעטראָגן גלעזער שטאַרקע טיי. דאָס איינציקע, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף דער נייער ענדערונג, איז געווען די גרויסע פּ ו ס ט ע באַגאָלדעטע ראַם, אָ ן נ י ק אָ ל א י ' ס ב י ל ד, איבער דער גאַנצער לענג פון דער פאָדערשטער וואַנט.

דער קאָנסול איז ניט געווען און אונז האָט אויפגענומען אין זיין קאַבינעט דער סעקרעטאַר.

דער קאַבינעט האָט שוין געהאַט א ציוויליזירט אויסזען. שיינע מעבעל, שיינע סטאַטועטקעס, א פּראַנטיש מיידל מיט אן אָנגעפּריזירטער קוטשמע האָר בא א שרייב־מאַשין. דערפאַר האָט

דער סעקרעטאר אויסגעקוקט ווי א טיפּישער „אָכראַניק". אויס־געפּוצט אין עסיג און אין האָניק, מיט פּאַרדרייטע וואָנצן, מיט בריאַלינטענע רינגען אַף די פינגער, איז ער געזעסן גאוה'דיק אין פאָטעל, און זיינע אויגן זיינען געווען אַזעלכע גלעזערנע. וויפיל מאָל איז דאָס אויסגעקומען צו פילן אויף זיך אַזוינע אויגן אין די אַלטע צאַרישע צייטן ? ...

אויסהערנדיק אונזער בקשה, האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט קורץ, אַז ער קאָן אונז קיין דערלויבניש ניט געבן : גענוג באָלשעוויקעס פאָרן איצט קיין רוסלאַנד, און ער וועט קיין שום מאַנוסקריפּטן ניט דורכלאָזן. מאַלע וואָס אַזעלכע מאַנוסקריפּטן קענען אַנטהאַלטן אין זיך ? זיין פּאַראַכטלאַכער קאַטעגאָרישער טאָן האָט אונז שרעקלאַך אויפגערעגט, און איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן ניט צו באַמערקען אים, אַז מסתמא האָט ער זיין דערציאונג באַקומען אין „אָכראַנקע". דער חברה־מאַן איז געוואָרן רויט ווי א בורעק ; ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז ער מיינט קיין שלעכטס ניט, נאָר מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק טאַקע אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. דאָס האָט אַרויס־גערופן בא אונז א שמייכל און באָראָכאָוו האָט אַרויסגערעדט : „זייער שיין פון אייער זייט, וואָס איר שטייט אַזוי אויף דער וואַך פון דער רעוואָלוציע, וויפיל זשע רעוואָלוציאָנערן האָט איר דאָס פריער איבערגעגעבן אין די הענט פון די זשאַנדאַרן ?" דאָס האָט שוין אַרויסגעבראַכט דעם סעקרעטאַר פון געדולד, אם וויניגסטענס, אַזא אָנשטעל האָט ער געמאַכט : ער האָט בעס'דיק אויסגעשריען : באָלשעוויקעס זייט איר און איר וועט קיין דער־לויבניש ניט קריגן, איר קענט זיך אפילו קלאָגן צו קערענסקי'ן גופא ! ...

אויף יענער זייט טיר האָבן מיר נאָך דערהערט די גוט־באַקאַנטע ווערטער : „פּאַרפלוכטע זשידעס"...

דער דאָזיקער אינצידענט האָט געמאַכט אויף אונז א שווערן איינדרוק. אונז האָט געוואונדערט, וואָס די צייטווייליגע רעגירונג לאָזט איבער די קאָנסולאַטן אין די הענט פון די אַלטע צאַרישע

שוואַרץ־מאָה'ניקעס. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז דער פאַל ניט בלויז אין שוועדן, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. אומעטום איז די באַנעמונג צו די פּאָליטישע עמיגראַנטן ניט קיין בעסערע. אייניקע חברים האָבן דערציילט, אַז אין לאָנדאָנער רוסישן קאָנ־סולאַט שעמט מען זיך ניט אַרויסצוטרייבן די פּאָליטישע עמיג־ראַנטן אויף אַ גאַנץ אומווירדיק־פּרעכן אופן: מען נעמט פּשוט אָן פאַר'ן קאָלנער און מען שטופּט אַרויס אַף יענער זייט טיר. די אַלע פּראָטעסטן קעגן דעם צו מיליוקאָוו'ן האָבן דערווייל געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג...

צוריקגייענדיק אין האָטעל, האָט אונז מאַזאָוועצקי דערציילט, אַז דער סעקרעטאַר פון רוסישן קאָנסולאַט אין סטאָקהאָלם איז טאַקע ביז דער רעוואָלוציע געווען דער הויפּט פון דער רוסישער „אָכראַנקע" אין שוועדן. אין פּעטראָגראַד ווייס מען דאָס גאַנץ גוט; אויב ער איז נאָך ניט באַזייטיקט פון זיין שטעלע, איז דאָס אַ דאַנק דעם איינפלוס פון אייניקע רעדל־פירער פון דער היגער רוסישער קאָלאָניע, וואָס דאַרפן אים האָבן פאַר זייערע קאָנטראַבאַנדע־געשעפטן; דער דאָזיקער נפש איז אַזאַ מומחה אין הלכות קאָנטראַבאַנדע, ווי אין הלכות פּאָליטישן שפּיאָנאַזש, און ניט אַזוי גיך וועט מען אים אָפּזאָגן, בפרט נאָך, ווען ס'האָט זיך באַוויזן די באָלשעוויסטישע געפאַר...

אין סטאָקהאָלם האָט מען אונז דערציילט, אַז בכלל זיינען פילע געוועזענע שפּיאָנען געבליבן דינען אין דער „קאָנטר ראַז־ווערקע" פון דער צייטווייליקער רעגירונג...

צוריקוועגס פון קאָנסולאַט בין איך אַריין צו ליטוואַק'ן אין האָטעל; אַהין האָט אונז געדאַרפט קומען זען דער מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד, ה. ע ר ל י ך, וואָס איז געווען איינער פון דער דעלעגאַציע פון אַלרוסלענדישן אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־סאָוועט.

פּערזענלאַך האָב איך ערליכ'ן ניט געקענט, ווייל ער האָט גענומען שפּילן אַ ראָל אין דער באַוועגונג שוין נאָכדעם, ווי איך בין אוועקגעפאָרן פון רוסלאַנד. מיר האָבן זיך אָבער באַגעגנט,

ווי אַלטע חברים. ער האָט געמאַכט זייער אַ סימפּאַטישן איינדרוק. אַ הויכער, מיט אַ בלאָנד פראַנצויזיש בערדל, מיט אַ גוטמוטיק געזיכט, אָנגעטאָן מיט געשמאַק, האָט מען פאַר זיך גלייך דערזען אַ טיפּישן אידיש־פּוילישן אינטעליגענט. ס'האָט זיך אָבער אין אים ניט געפילט די פּוילישע האָנאָראָווע אָנגעצויגנקייט.

איך האָב אים דערציילט וועגן אינצידענט אין קאָנסולאַט און געמאַכט פאָרוואורפן דעם סאָוועט, פאַרוואס ער נעמט ניט אָן קיין מיטלען צו באַזייטיקן די אַלטע טשינאָווניקעס. קיין דירעקטן ענטפער האָב איך פון ערליכ'ן דאַרויף ניט באַקומען, נאָר פון זיינע קאַרגע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער סאָוועט איז מאַכטלאָז, אַז די צייטווייליקע רעגירונג סטאַרעט זיך אים צו איגנאָרירן. ניט פיל פאַרשפּרייט האָט זיך ערליך אויך וועגן די באָלשעוויקעס; ער האָט מער ניט באַמערקט, אַז זיי מאַכן אַ גרויסע צרות און דער סאָוועט האָט פון זיי צו זינגען און צו זאָגן; זינט זיי האָבן זיך באַוויזן אפ'ן האָריזאָנט ווערן אַלץ טיפער און שאַרפער די קאָנפליקטן צווישן סאָוועט און דער צייטווייליקער רעגירונג.

בכלל האָט זיך ערליך געהאַלטן ווי אַ דיפּלאָמאַט, ווען דער געשפּרעך האָט באַרירט אַלגעמיינע מלוכה־ענינים; זיינע ווערטער זיינען געווען געציילט; ער האָט מער געלאָזט ריידן דעם צווייטן און ניט גערן געענטפערט אויף פאַרשידענע שאלות. דאָס האָט מיך אַביסעל איבערראַשט, נאָר קיין קשיות האָב איך ניט געפרעגט: מסתמא דאַרף אַזוי זיין; ווער קען דאָס אַריינדרינגען אין די אייגנשאַפטן פון דער נייער דיפּלאָמאַטיע? רעדעוודיקער איז דערפאַר ערליך געוואָרן, ווען מיר זיינען אַריבער צו אונזערע היימישע בונדישע ענינים. ער האָט אונז דערציילט וועגן אַלע אַלטע חברים, וואָס זיינען געקומען צוריק אין רוסלאַנד, וואָס יעדער פון זיי טוט, וועגן דער באַגייסטערטער שטימונג אַף דער 10טער קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, וועגן אַלע ליטעראַרישע און פאַרלעגערישע פּלענער.

„ארבעט וועט זיין פאר אייך אַלעמען גענוג — האָט ער באַמערקט — און איר האָט גוט געטאָן, וואס איר זייט געקומען; איר וועט זיך אָבער מוזן שטעלן צום „פריזיוו". און ווי נויטיק איר זאָלט פאר אונז ניט זיין, וועט דאָך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" גאָר נישט טאָן פאר אייער באפרייאונג; ער קאָן דאָס פּרינציפּיעל ניט, ווייל ס׳איז דער חוב פון יעדן אויפריכטיקן רעוואָלוציאָנער צו פארטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד קעגן דעם דייטשן אימפּעריאַליזם. פון דער דאָזיקער פארטיידיקונג הענגט אָפּ דער ערפאָלג פון דער רעוואָלוציע. פיל פון אונזערע חברים געהען דעריבער פרייוויליק אוועק אין דער ארמיי."

ווי מענשעוויסטיש איך בין דעמאָלט ניט געווען געשטימט, האָט מיר אָבער ניט שטארק געשמעקט די אויסזיכט צו ווערן א סאָלדאט, און עפּעס פרעמד האָט מיר אויסגעזען ערליכ׳ס פּאַטריאָטיזם. מיין פרוי איז מיט מיר ניט געווען איינפארשטאַנען. זי איז געווען גרייט, אז איך זאָל גיין אין דער ארמיי און האָט אפילו געקראָגן די הסכמה דארויף פון מיין זונעלע; ער, מיין זונעלע, האָט זיך שוין אויסגעמאָלט א בילד, ווי אזוי דער פּאַפּא וועט אויסזען אין די מיליטערישע קליידער מיט דער זעבל בא דער זייט און מיט׳ן ביקס אויף די פּלייצעס... ווען איך האָב אים אָבער געפרעגט, וואָס וועט זיין, אז דער פּאַפּא וועט דערשאָסן ווערן, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט און גענומען בעטן בא דער מוטער, זי זאָל מיר ניט לאָזן ווערן א סאָלדאַט.

די פראַגע וועגן מיליטער־דינסט האָט דעמאָלט ארויסגערופן בא אונז און נאָך אייניקע חברים א הייסן ויכוח. ביז שפּעט אין דער נאכט האָבן מיר זיך אָפּגעאמפּערט. אַלע מאַנסביל, אפילו די פאַרברענטסטע מענשעוויקעס, זיינען געווען קעגן אריינטרעטן אין דער ארמיי. די פרויען זיינען אָבער געווען פאר און האָבן אונז שיער ניט געקרוינט מיט׳ן נאָמען „פאַררעטער". כדי צו מאַכן שלום צווישן אונז, אז ס׳זאָל ניט קומען, חלילה, ווי אימיצער האָט זיך אין שפּאס אויסגעדריקט, צו א גט, האָט א חבר, אן עמיגראַנט פון איטאַליע, פאָרגעשלאָגן צו לאָזן די פראַגע אָפן; אויף אן

אָרט וועט מען זיך קאָנען בעסער אָריענטירן: פאָדערט טאַקע די רעוואָלוציע, אַז מען זאָל גיין מלחמה האַלטן, וועט מען מוזן גיין, צי מען וויל, צי מען וויל ניט...

פון יענער נאַכט אָן האָבן מיר אויסגעמידן צו ריידן וועגן דעם ענין, ווייל דאָס איז געווען אַן אַנגעווייטיקטער פּונקט פאַר פיל פון אונז: זאָגן אָפן, אַז מען האָט קיין חשק ניט צו גיין אין דער מלחמה, האָט מען מורא געהאַט, ווייל מען וואָלט אייך פאַרשריען פאַר אַ פּחדן, פאַר אַ בוגד פון דער רעוואָלוציע, און שרייערס האָבן זיך געפונען גענוג, דער עיקר צווישן די, וואָס זיינען שוין געווען עלטער פון די מיליטער־יאָרן אָדער האָבן פיזיש ניט געטויגט פאַר דער אַרמיי; דערקלערן ווידער, אַז מען איז גרייט צו לאָזן זיך פאַרוואַנדלען אין קאַנאָנען־פלייש אין די אינטערעסן פון „דעמאָקראַטיע", וואָלט געווען ניט אויפריכטיק, ווייל אַלע האָבן געפילט, אַז די דאָזיקע „דעמאָקראַטיע" איז ניט ווערט די קרבנות, וואָס ווערן פאַר איר געבראַכט...

אָן אינטערעסאַנטן געשפּרעך האָב איך און טערמאַן געהאַט וועגן דעם מיט אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא.

אַוועקגעפירט האָט אונז צו באַלאַבאַנאָווא קירקאָוו.

זי האָט געוואוינט אויף אַ זייטיק שטיל געסל אין אַן אַלט הויז מיט גרויע לאָדן.

ווען מיר האָבן אָנגעקלונגען איז אונז אַנטקעגן געקומען אַ יונגע שיינע בלאָנדינקע, אַן אמת'ע „גרעטכען". אין אַ ריינער דייטשער שפּראַך האָט זי אונז געבעטן אויפוואַרטן אין פאָדערשטן צימער, ווייל „גענאָסין" באַלאַבאַנאָווא האָט איר „פרישטיק".

דער צימער איז געווען אַ גרויסער און ליכטיקער, נאָר אַרים מעבלירט. ס'האָבן זיך אין אים געפונען עטלאַכע איינפאַכע שטולן און דריי טישלאַך. איין טישל איז געווען פאַרנומען מיט אַ שרייב־מאַשין און אויף די איבעריקע צוויי זיינען געלעגן אַנגע־וואָרפן אין אומאָרדנונג צייטונגען און פּאַפּירן. בא אַ פענסטער האָט זיך געוואַרימט אויף דער זון אַ פעך־שוואַרצע קאַץ מיט בלישטשנדיקע אויגן. די בלאָנדינקע האָט צאַרט געגלעט די קאַץ,

דורכוואַרפנדיק זיך מיט אָפּגעהאַקטע פראַזן אין פראַנצויזיש מיט קירקאָוו'ן, וואָס האָט זיך דאָ געפילט ווי א בן־בית...

פון קירקאָוו'ן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אז די בלאָנדינקע איז באַלאַבאַנאָוואַ'ס סעקרעטאַרין און דאָס צימער איז איר קאַנ־צעלאַריע; „אָט דאָ — האָט דער באַלגאַר באַמערקט — שאַפט זיך דאָס דער נייער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיין פונדאַמענט איז אוועקגעלעגט געוואָרן אין צימערוואַלד; דאָ גייען זיך צונויף אַלע פעדים פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל, פון אַלע צימערוואַל־דיסטן".

איך און טערמאַן האָבן אפילו דעמאָלט וועניק געגלויבט אין דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל, דאָך האָב מיר געפונען, אז אזא וויכטיקער אַנשטאַלט האָט געקענט האָבן א שענערע קאַנצעליאַריע. קירקאָוו האָט אונזער באַמערקונג איבערזעצט פאַר דער בלאָנדינקע. יענע האָט א שמייכל געטאָן און ארויסגעזאָגט אין דייטש: „מיר זיינען אָרים אין אויסערלאַכקייט, נאָר רייך אין אינערלאַכקייט. א שיינע רייכע קאַנצעלאַריע האָט הויסמאַנס, דער סעקרעטאַר פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל!"

פון א צווייטן צימער איז ארויסגעלאָפן א ווייסינקער מאָפּס־הינטל און נאָך אים האָט זיך באַוויזן די באַלעבאָסטע.

פון דעם, וואָס איך האָב געלעזן פון באַלאַבאַנאָוואַ און וועגן איר, האָב איך זיך זי אנדערש ניט פאָרגעשטעלט ווי א שלאַנקע, הויכע, שיינע פרוי, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, ווי ביי א טעמפּעראַמענטפולער איטאַליענערקע, אָנגעטאָן אריגינעל מיט א באַזונדער געשמאַק. מיר האָט זיך געדאַכט, אז זי מוז אין פילעם זיין ענלאַך צו אַלעקסאַנדרא קאָלאָנטאַי. ווי איבערראַשט בין איך דאַריבער געוועזן, ווען איך האָב פאַר זיך דערזען אַן עכטע אידישע פרוי, פון די מיטעלע יאָרן, א נידריקע, אביסעלע איינגע־הויקערט, געקליידט זייער פשוט, ווי א קורסיסטקע, מיט פאַר'־חלום'טע אויגן. ס'האָט מיר אפילו איבערראַשט איר שטים, וואָס קלינגט, ווי מען האָט איבערגעגעבן, אזוי הויך אף די אינטערנאַ־ציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן. דאָס איז

געווען א שטילע, איינגעהאלטענע שטים, פול מיט ווייבלאכער ווייכקייט.

קירקאָוו האָט אונז פאַרגעשטעלט, און אונזער געשפּרעך האָט גלייך אָנגענומען א היימישן כאראקטער, אָן קיין שום אָנגע־צווינגנקייט.

פון אלע אמעריקאנער סאָציאליסטן האָט באלאבאנאָווא'ן באַזונדערס אינטערעסירט בודין; זי האָט אים געהאלטן פאר א היימן צימערוואלדיסט; אזא איינדרוק האָט זי געהאט וועגן אים פון זיינע לעצטע ארטיקלען, פון זיין בוך וועגן דער מלחמה און פון די גרוסן, וואָס ס'האָט וועגן אים איבערגעגעבן טראָצקי. הילקוויט'ן האָט זי געהאלטן פאר זייער א פייאיקן מענטשן, נאָר פאר אַן אָפּאָרטוניסט; זיין שטעלונג צו דער מלחמה איז איר געפעלן, זי שמעקט אבער מער מיט פאציפיזם איידער מיט אַן אמת מארקסיטישן גייסט. אין דעם פּרט האָט זי געהאט זייער פיל וואָס אויסצוזעצן קעגן דער רעזאָלוציע פון דער אמעריקאנער סאָציאליסטישער פארטיי, וואָס איז אָנגענומען געווארן אויפ'ן סט. לואיס'ער צוזאמענפאָר. „איר וועט זען, אז די אמעריקאנער סאָציאליסטישע פארטיי — האָט זי געזאגט — אונטער דער אָנפירונג פון הילקוויט'ן און בערגער'ן, וועט אוועקגיין אַף דעם זעלבן גליטשיקן וועג, ווי אלע אָפּאָרטוניסטישע סאָציאליסטישע פארטייען; דער מענשעוויזם איז אומעטום איינער און דער זעל־בער, ער באַדעקט זיך אמאָל מיט רעוואָלוציאָנערע פראזן, זיין אינהאלט איז אָבער א קליינבירגערלאכער, א רעפאָרמאטאָרישער".

איך און טערמאן האָבן, פארשטייט זיך, פארטיידיקט הילק־וויט'ן און דעם מענשעוויזם בכלל און דערביי אויסגעדריקט אונזער אומצופרידנהייט מיט טראָצקי'ס שטעלונג, איבערהויפּט מיט זיין שטעלונג צו דער צייטווייליקער רעגירונג, ווי ער האָט זי פאַר־מולירט אין זיין אפשיידס־רעדע אין ניו יאָרק. מיר האָבן געזען, אז באלאבאנאָווא שטרענגט זיך אָן ניט צו זיין מיט אונז צו־שארף; ווען טערמאן האָט אָבער גענומען פארטיידיקן ליבער'ן,

איז זי געוואָרן זייער אויפגערעקט. איר שטים האָט מיט אמאָל פאַרלאָרן די ווייכקייט. זי האָט כמעט ווי אויסגעשריען:

„דערמאָנט מיר ניט ליבער׳ס נאָמען, דאָס איז א סאָציאַל־פּאַטריאָט אין פולן זין פון וואָרט. אָט דער העלד וואָגט עס צו פּריידיקן, אז יעדער רעוואָלוציאָנער דאַרף גיין אין דער מלחמה קעמפן פאַר די אינטערעסן פון „דעמאָקראַטיע״; וועמעס דעמאָקראַטיע, ווילסאָנ׳ס, לאָיד דזשאָרדזש׳ס, קלעמאַנסאָ׳ס, פון אָט די וועלט־רויבער, וואָס ווילן פאַרשטאַרקן די ממשלה פון אימפּעריאַליזם? ס׳איז דאָך ווירקלאַך מער ניט ווי א בלוטיקער חוזק, אז ליבער׳ן, דאַנ׳ען, גאָצ׳ן האַלט מען פאַר סאָציאַליסטן, פאַר די רעטער פון דער רעוואָלוציע, און לעניג׳ען מיט טראָצקי׳ן ניט בלויז פאַר ווילדע פאַנאַטיקער, נאָר פאַר פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע... זאָגט, איר זייט דאָך מענשעוויקעס, אבאָראַנצעס, האָט איר עפּעס גרויס חשק צו גיין פאַרגיסן אייער בלוט פאַר די אינטערעסן פון „דעמאָקראַטיע״? שעמט זיך ניט, זייט זיך מודה, קוקט אריין צו זיך טיף אין הארצן, וועט איר אליין צוגעבן, אז פּריידיקן איצט גיין אין מלחמה איז ניט בלויז אַן אומזין, נאָר פּשוט א פאַרברעך; יעדער טאָג, וואָס די מלחמה דויערט, איז אַן אומגליק פאַר דער רעוואָלוציע, און די מענשעוויקעס ווילן אַנדערש ניט דערפירן די מלחמה ביז אַן ערפאָלגרייכן סוף. פאַר וועמען ערפאָלגרייך? פאַר דער בורזשואזיע פון די אַנטאַנט־לענדער; מעגן אומקומען פאַר דעם „הייליקן״ צוועק נאָך הונדערטער טויזנטער מענטשן־לעבנס, מעג רוסלאַנד חרוב ווערן...

„ניין, יעדער אויפריכטיקער רעוואָלוציאָנער דאַרף גיין ניט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון „דעמאָקראַטיע״, נאָר ארויסטרעטן מיט וואָפן אין די הענט קעגן די, וואָס פאַרציען די מלחמה, וואָס פאַרטומלען די מוחות פון די ארבעטער מיט סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם״...

אָט די דאָזיקע ווערטער באַלאַבאַנאָוואָס, וואָס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ טיפער איבערצייגונג, האָבן אונז אוועקגעשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט; מיר האָבן געפילט, אז זי איז

גערעכט, נאָר זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. מיר האָבן אַ פרעג געטאָן?

„וואו איז דער אויסגאַנג? דענקט איר ווירקלאַך, אַז ווען רוסלאַנד וועט זיך אָפּזאָגן פון דער מלחמה און שליסן אַ סעפּאַ־ראַטן שלום מיט דייטשלאַנד, וועט שוין די מלחמה אויפהערן, וועט מען רוסלאַנד לאָזן צורו?"

דאַרויף האָבן אי באַלאַבאַנאָווא, אי קירקאָוו געענטפערט אין איין קול:

„ווען רוסלאַנד וועט זיך אָפּזאָגן צו האַלטן ווייטער מלחמה, וועט מוזן נעמען אַ סוף; די אַרבעטער־מאַסן פון אַלע מלחמה־לענדער זיינען שרעקלאַך אויסגעמאַטערט, און זיי דאַרפן בלויז קריגן אַ סיגנאַל, וועלן זיי צווינגען זייערע רעגירונגען אויפצו־געבן די שחיטה. דעם סיגנאַל דאַרף דערלאַנגען רוסלאַנד, דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד; דאָס באַגרייפן די באָלשעוויקעס און אַלע צימערוואַלדיסטן. דאַריבער העצן דאָס קעגן זיי אַלע לאַקייען פון אַנטאַנט־אימפּעריאַליזם"...

מיר זיינען אַוועק מיט באַלאַבאַנאָווא און קירקאָוון אין אַ רעסטאָראַן, וואו זיי האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיט מאַרטינאָוון און יערמאַנסקין. די לעצטע צוויי האָבן אַרויסגעזאָגט די זעלבע מיינונגען, וואָס די ערשטע צוויי, הגם ניט אין אַזאַ שאַרפער פאָרם. אַזוי ווי מיר זיינען געווען מיד פון דעבאַטירן, האָט אונזער געשפּרעך דערנאָך אָנגענומען אַ מער געמיטלאַכן כאַראַקטער.

באַלאַבאַנאָווא האָט אונז דערציילט, ווי אַזוי די „דעמאָקראַ־טישע" צייטווייליקע רעגירונג האָט זי משלח געווען פון רוסלאַנד פאַר אירע באָלשעוויסטישע אנשויאונגען, און ווי אַזוי מ'האָט זיך נעגלומעט איבער איר אַפּ'ן פינלענדישן גרענעץ. מען האָט זי אויסגעטאָן הייל־נאַקעט און געזוכט דינאַמיט אין אַזעלכע ערטער, אַז ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן... אפילו געוועזענע צאַרישע זשאַנ־דאַרן וואָלטן זיך צו אַזעלכע ווילדקייטן ניט דערטראַכט. דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער פראַנצויזישער שרייבער, אָקטאַוו מיר־

באַ, — האָט באַלאַבאַנאָווא באַמערקט, און איר געזיכט האָט זיך שטאַרק גערויטלט, — וואָלט עס געקאָנט מאַכן פּאַר אַ דער־פינדונג פון כינעזישן תליון אין זיין בוך „דער גאָרטן פון פּיי־ניגונגען", וואָס דעקט אויף די גאַנצע ווילדקייט און פאַרדאָרבנ־קייט פון דער בורזשואַזער אָרדנונג. די אונטערזוכונג איבער מיר אפּ'ן פינלענדישן גרענעץ דעקט אויף די גאַנצע ווילדקייט און פאַרדאָרבנקייט פון קערענסקי'ס נייער „דעמאָקראַטיע"...

די דאָזיקע דערציילונג באַלאַבאַנאָוואס האָט אויף אונז גע־מאַכט אַ שוידערלאַכן איינדרוק.

אגב־אורחא האָבן מיר דערפאַרן, אַז באַלאַבאַנאָווא שטאַמט אַליין פון טשערניגאָוו און זי קען גאַנץ גוט אידיש. שרייבן אידיש איז איר אָבער שווער. באַ דער געלעגנהייט האָט זי אונז שוין דערציילט אַזאַ וויץ: איינמאָל אין דער שווייץ, אויף אַ צוזאַמענקונפט פון סאָציאַליסטישע פאָרשטייער פון פאַרשידענע לענדער, האָט זי, ווי געוויינלאַך, געדאַרפט זיין די איבערזעצערן פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער. זי האָט זיך אָבער מישב געווען, אַז זי וועט אין שפּאַס נעמען רעדן פּראָסט מאַמע־לשון, און ווי איבערראַשט איז זי געווען, ווען די מערסטע אָנוועזנדיקע האָבן זי אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען; עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז זיי זיינען אַלע אידן, און רוסישע אידן.

מאַרטינאָוו'ן און יערמאַנסקי'ן איז דער וויץ שטאַרק געפעלן געוואָרן: ער האָט זייער גוט געקאָנט אָנגעווענדעט ווערן אויך בנוגע צו זיי...

באַ באַלאַבאַנאָוואַן האָבן מיר אויך צום ערשטן מאָל דערזען די רוסישע מאַרקעס, וואָס האָבן געדינט אַלס געלט. אָט די קליינע נישטיקע שטיקלאַך פּאַפּיר האָבן אונז עדות געזאָגט, צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון געפאַלנקייט איז דערגאַנגען רוסלאַנד; מאַרטינאָוו און יערמאַנסקי האָבן אונז זייער פיל דערציילט וועגן דער שרעקלאַכער נויט פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין

רוסלאַנד. „ווען די מלחמה ניט אויפהערן, איז אונזער לאַנד קאַפוט" — האָבן זייביידע אַרויסגערעדט מיט גרויס אַנגסט.

מיר האָבן מיט זיי אַלעמען געמוסט איינ׳טענה׳ן, אַז זיי זאָלן שרייבן פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. דאָס איז אייגנטלאַך אויך געווען איינער פון די צילן פון אונזער באַגעגניש מיט זיי; זיי האָבן אָבער אפילו ווייסן ניט געוואָלט דערפון. ערשטנס, האָבן זיי קיין צייט ניט דערפאַר; צווייטנס, איז זיי גלאַט דערווידער די אַמעריקאַנער פּרעסע, אפילו די סאָציאַליסטישע. „איך ווייס — האָט מאַרטינאָוו זיך אָפּגערופן — וואָס אייער „פאָרווערטס" איז, איך לייען אפילו קיין אידיש ניט, נאָר מ׳האָט מיר פיל דערציילט וועגן אים. פאַר דעם לעצטן ווינער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס, וואָס איז ניט פאָר־געקומען צוליב דער מלחמה, האָט מיר אַ בונדיסט באַוויזן אַ „פאָרווערטס" מיט אכצן געשענדעטע מיידלאַך אין איין נומער. אָט דאָס הייסט פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע. ניט אמת, הא?"

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. ניט צום לאַכן איז אָבער געווען מיר און טערמאַנ׳ען; מיר האָבן זיך פאַרשעמט דורכגעקוקט צווישן זיך און אַראָפּגעלאָזן די אויגן פאַר חרפּה...

קלייבנדיק זיך שוין אַרויסצוגיין פון רעסטאָראַן, האָבן מיר דערהערט פון אַ צווייטן צימער צוויי מענער־שטימען, וואָס רעדן אידיש מיט אַ גאַליצישער אויסשפּראַך. דאָס האָט אונז פאַראינ־טערעסירט: מיר האָבן געכאַפּט אַ קוק, און ווי דערשטוינט זיינען מיר געווען, ווען אין איינעם פון די מענער האָבן מיר דערקענט דעם הונדערטפּראָצענטיקן שוועד, וואָס איז געפאָרן מיט אונז אין איין קופּע קיין סטאָקהאָלם. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז גאָר איינער פון אחינו בני ישראל.

דער צווייטער מאַן איז געווען אַ גאַליצישער בונדיסט, מיט העלע האָר און אַ בלאָס געזיכט, אַן אָפיציר פון דער עסטרייכישער אַרמיי, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דעם

אריבערפיר פון עסטרייכישע קריגסגעפאנגענע דורך שוועדן. מיט אים האט אונז באקאנט געמאכט מיט א טאג פריער ליטוואק.

דער אזוי־גערופענער שוועד האט זיך געפילט ניט באקוועם, ווען ער האט אונז דערזען. בעת הערמאן, אזוי האט מען גערופן דעם אפיציר, האט אונז פארגעשטעלט, האט יענער קוים ארויס־געשטאמעלט זיין נאמען, באמערקנדיק, אז מיר זיינען שוין, דאכט זיך, באקאנט.

דער געשפרעך האט זיך עפעס ניט געקלעפט. דער ניי אנט־דעקטער איד האט זיך געפילט, ווי שולדיק קעגן אונז, און מיר האבן אים געלאזט צורו. ווען מיר האבן דערנאך הערמאנען דער־ציילט וועגן אונזער ערשטער באגעגעניש מיט זיין באקאנטן, האט ער געזאגט: „א חולאת האט, רחמנא לצלן, אט דער סוביעקט ארויסצוגעבן זיך אלס עכטן שוועד, הגם די שוועדן לאזן אים פילן אף יעדן טריט און שריט זיין אידישע אפשטאמונג; איך ווייס זיין גאנצן יחוס: ער איז אליין זייער א געבילדעטער און אריגינעלער מענטש, נאר זיין שוועדישער פאטריאטיזם מאכט אים פשוט פארריקט; דערפאר האט ער אבער שטארק ליב מיט אן אייגע־נעם לאנדסמאן זיך אפצורעדן פון הארצן טאקע אף פראסט מאמע־לשון. איך האב אף אים רחמנות, ווייל, אין גרונד גענומען, איז ער טיף אומגליקלאך: פון איין זייט דריקט אים די לאסט פון אידישקייט און פון דער צווייטער זייט האט ער ליב אידיש־קייט. דאס איז אן עכטער פראדוקט פון אסימילירטן גאליצישן אידנטום. אין שוועדן איז פאראן זייערע א גאנצע גרופע. צווישן די אסימילירטע רוסישע אידן איז שווער צו געפינען אזעלכע טיפן; מ'דארף זיין אליין א גאליצישער איד, כדי צו פילן זייער טיפע טראגעדיע...“

מיר איז אויסגעקומען אין סטאקהאלם צו טרעפן נאך אזא ענלאכן טיפ.

איינמאל, ווען איך בין געגאנגען מיט מיין פאמיליע אין א רעסטאראן, איז צו אונז צוגעגאנגען א מיטליאריקער מאן מיט א

שוואַרצער באָרד און אָנגעטאָן דורכאויס אין שוואַרצן; ער האָט געהאַט אַ גאַנץ סימפּאַטיש אויסזען און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רוסישן געבילדעטן גוט־באַזיצער. מיין פרוי האָט אים שיער אָנגענומען פאַר אירן אַן אַלטן חבר. אין אַ שלעכטן רוסיש האָט ער זיך אַנטשולדיגט, וואָס ער איז אומבאַקאַנטערהייט צוגעגאַנגען צו אונז, נאָר, ווי ער פאַרשטייט, זיינען מיר פּאָליטישע עמיגראַנטן, ווייל ער אונז געבן דורכלעזן אַ ביכל, וואָס וועט אונז געווים פאַראינטערעסירן.

דאָס ביכל איז געווען אין רוסיש, אפ׳ן פאָדערבלאַט האָט זיך געפונען אַ בילד פון אַ הדרת־פּנים׳דיקן רב, וואָס האָט כלומר׳שט דערפונדן אַ נייע רעליגיע, וואו ס׳זיינען אויסגעמישט תורת משה, עוואַנגעל און די רוסישע רעוואָלוציע...

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אויך אַ גאַליצישער איד, איינער פון די הויפּט־מיסיאָנערן אין שוועדן, וואָס וויל דאָס אַרויפפירן אפ׳ן דרך הישר די גאָטלאָזע פּאָליטישע עמיגראַנטן; ער האָט אפילו איניקע פון די חברים איינגעלאַדן אױף אַן עפענטליכן דיספּוט איבער דער טעמע „קריסטענטום און די רוסישע רעוואָלוציע", נאָר קיינער האָט די איינלאַדונג ניט אָנגענומען, און ער האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט. הערמאַן האָט זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער מיסיאָנער האָט נאָך אַלץ ענגע פאַרבינדונגען מיט׳ן רוסישן קאָנסולאַט...

בכלל איז הערמאַן געווען פאַר אונז אַן אוצר. אַן אינטעליגענטער מענטש מיט אַ שאַרף באַאָבאַכטונגס־אויג, האָט ער געהאַט זייער פיל צו דערציילן וועגן זיין דערפאַרונג פאַר דער צייט פון דער מלחמה; דערציילן פלעגט ער לעבעדיק, פול מיט בילדער און פאַרבן. ער האָט געהאַט אויך זייער פיל מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע פון די אידן אין גאַליציע אונטער דער קורצער צאַרישער הערשאַפט, וואָס זיינען געווען ווייניק באַקאַנט. די פאַרשידענע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס פלעגן דורכפאָרן סטאָקהאָלם, פלעגן אים שטאַרק מעלקן, און באַזונדערס אייפריק איז

אין דעם פּרט געוועזן הערמאַן בערנשטיין פון ניו יאָרק. צו קאָ־רעספּאָנדענטן פון בורזשואַזע צייטונגען פלעגט אָבער הערמאַן זיין קאַרג. דערפאַר האָט ער געווידמעט פיל צייט צו אונז. האָט טאַקע דער עולם געבאַקט אַרטיקלען פאַר׳ן „פאָרווערטס״ און „טאָג״, אף וואָס די וועלט שטייט, ליטוואַקן האָט ער געגעבן מאַטעריאַל פאַר גאַנצע זעכציק דאָלאַר, ווי מ׳האָט זיך דערנאָך געוויצלט; דערביי האָט מען זיך געסטאַרעט צו מאָנאָפּאָליזירן אים אינגאַנצן פאַר זיך, אַז איך, טערמאַן און באַראָכאָוו זאָלן ניט דינען אַלס קאָנקורענץ...

דעם אמת זאָגנדיק, איז אונז די קאָנקורענץ אפילו אפ׳ן רעיון ניט געקומען, און די יאָגעניש פון אייניקע חברים אויסצו־באַקן וואָס מער קאָרעספּאָנדענצן האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ גאַנץ אומאַנגענעמען בייגעשמאַק...

איין דערציילונג הערמאַנ׳ס האָט געמאַכט אף מיר אַ באַ־זונדער שטאַרקן איינדרוק, און ס׳איז כדאי זי צו פאַרצייכנען.

.6
יענער כל־נדרי.

סטאָקהאָלם פאַרמאָגט אַ וואונדערבאַרן פּאַרק. ער ליגט הינטערן שטאָט, ווי אַן אָפּגעצאַמט אינזל. דער אַריינגאַנג אין אים פּאַסן אַרום היסטאָרישע געביידעס פון אַלטימליכער סקאַנדינאַווישער אַרכיטעקטור, פול מיט אַלערליי סטאַטועס פון באַרימטע פּערזענליכקייטן. פון אומעטום קוקן אַראָפּ געשלענגלטע קייטן בערג, דורכגעשטרייפט מיט טונקל־בלויע פּאַסן, וואָס גלאַנצן אַף דער זון, ווי רעגנבויגנדיקע זיילן. פון ווייטן זעט זיך דער קלאָרער אויבערפלאַך פונ׳ם ים, וואָס באַדעקט אַלץ מיט אַ שפּילעוודיקער דורכזיכטיקייט. די דורכזיכטיקייט דרינגט אַריין צווישן די הויכע טאָפּאָלן, וואָס ציען זיך לאַנג, לאַנג און גיסן זיך, דאַכט זיך, צונויף מיט די קייטן בערג. ס׳באַקומט זיך אַ זעלטן שיינע פּאַנאָראַמע מיט אַזאַ אייגנאַרטיקער רחבות, וואָס רופט אַרויס אַ געהויבענע שטימונג; מ׳דערפילט זיך עפּעס לעבעדיק און מונטער...

אָט דאָ אין פּאַרק, אין אַ זייטיקער אַלייע, ווי דערווייטערט פון דער גאַנצער וועלט, האָט אונז הערמאַן דערציילט זיינע איבערלעבונגען, ווען די רוסן האָבן גענומען לעמבערג. אייגנטלאַך, איז דאָס ניט געווען קיין דערציילונג, נאָר אַ בולט׳ע שילדערונג פון מענטשלאַכע ליידן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שוידער.

אַרום האָט דער זומער געהאַלטן אין מיטן בליען. ס׳האָט געשמעקט מיט בלומען־דופט. די טאָפּאָלן האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך. ווי מיט אַ געדיכטן דאַך, האָבן זיי אונז באַדעקט. די זון האָט אַריינגעלויכטן צווישן זייערע צווייגן, און הויך איבער

זיי איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ בלויער הימל. ניט קיין וואָלקנדל אין ערגעץ. אַלץ אַזוי ליכטיק, אַזוי לויטער, אַקוראַט ווי דער פּאַרק וואָלט זיך נאָר־וואָס אויסגעוואָגן אין אַ קריסטאַל־קלאָרן קוואַל. פון ווייטן האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון אַ פאָנטאַן; ס'האָט זיך אויסגעמישט מיט אַ פויגל־טשיריק, מיט אַ געלאַף פון אויטאָמאָבילן איבער די שאָסע־אַלייען, מיט'ן שפּילן פון אַ גראַמאָפאָן אין קאַפע־הויז. ווען־ניט־ווען פלעגט זיך אין דער אַלגעמיינער מוזיק פון פּאַרק אַריינרייסן אַ היל־ביקער געלעכטער פון ערגעץ־וואו בײַ אַ רונד טישל, ווערנדיק באַגלייט מיט אַ קלונג פון גלעזער.

דאָס אַלץ האָט זיך דערטראָגן צו אונז, ווי אַן עכאָ פון אַ פרעמדער וועלט. מיר זיינען געווען אינגאַנצן פאַרזונקען אין הערמאַנס דערציילונג; מיר האָבן זיך אַלע עפּעס אומהיימלאַך גע־פילט; אַן אומעט האָט געפּרעסט די געמיטער. דער דאָזיקער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס בליקן; ער האָט זיך אפילו איבערגעגעבן מיין זונעלע. צוגעטוליעט האָט זיך דאָס קינד צו דער מוטער און געקוקט אַזוי טרויעריק אויף דעם דער־ציילער, הגם ער האָט ניט פאַרשטאַנען יענעמס שפּראַך.

הערמאַן רעדט, און פאַר אונז וואַקסט אויס אַזאַ בילד:

ס'איז אויך אַזאַ שיינער זומער־טאָג, ווי היינט. אַלץ בליט און שיינט אַרום; ס'גרינען די לאָנקעס; ס'מורמלען די טייכ־לאַך; ס'צוויטשערן די פייגעלאַך, און איבער גרויסע וועגן, אויף צענדליקער מיילן ווייט, ציען זיך מחנות גאַנצע מענטשן. דאָס זיינען שוואַכע פרויען מיט עופּה'לאַך אויף די הענט, אַלטע גוסס־דיקע לייט. מ'טרייבט זיי פון זייערע צעראַבירטע היימען; וואוהין, ווייסען זיי ניט. פון ווייטן זעען זיי רויטע פייער־צונגען, וואָס שפּרייטן זיך איבער'ן קלאָרן הימל; ס'יאָגט זיך אין דער לופט אַ געדיכטער רויך, ווי פון אומצייליקע קאַלך־אויוונס; אַ האָגל קוילן שיט זיך פון אַלע זייטן; ס'קראַכן קאַנאָנען; ס'ציטערט די ערד פאַר אימה; און זיי, די מענטשן, מיט וואַנזיניקע אויגן, מיט געזיכטער, ווי בײַ בר־מינן'ס, יאָגן זיך איבער די

וועגן, טאָג און נאַכט יאָגן זיי זיך. דער שונא לאָזט זיך ניט אָפּשטעלן; ס'פייפט די נאַהייקע איבער זייערע פּלייצעס. שפּרייזט, שפּרייזט ווייטער, פאַרפלוכטע זשידעס! — טראָגט זיך אַ ווילדער בייזער צו זיי; און זיי שפּרייזן; זיי שפּרייזן איבער די קער־פּערס פון די קליינע עופה'לאַך, וואָס זיינען אָט דאָ אויסגעגאַנ־גען; פון זקנים, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם; פון שוואַנגערע פרויען, וואָס זיינען געפאַלן אין אוממאַכט. דער שונא לאָזט ניט אויפהייבן די טויטע, ער לאָזט ניט אפילו געז־זעגנען זיך מיט די גוסס'דיקע. גייט, זשידעס, גייט! — פייפט די נאַהייקע, און פול זיינען שוין די וועגן מיט קברים־בערג־לאַך; אויף יעדן טריט אַ קבר. די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט קללות. מאַמע, מאַמע! — שרייען קינדערשע שטימעלאַך מיט די לעצטע כחות; זיי ווערן דערשטיקט אין אַנדערע קולות: מיין קינד, מיין טאַטע! — און ווען ס'פאַלט צו די נאַכט, ווערט פאַרוואַנ.לט די גאַנצע ערד אין אַ שטילן יאָמער; עס וואַקסן אויף איר אוים גייסטער פון קדושים, וואָס באַזעצן זיך אין די בוימער, אין די גראָזן, און איבער דער וועלט גיסט זיך אַ נייע קינה, אַ נייער „איכה"...

שאַ, די טאַפּאָלן שושקען זיך: הערן זיך דאָס ניט אין זיי יענע שטימעלאַך: מאַמע, מאַמע? די פייגעלאַך צווויטשערן; וויינען דאָס ניט ארוים פון זיי די נשמות פון יענע יונגע מור־טערס? ס'מורמלען די טייכלאַך; איז דאָס ניט דער וידוי פון יענע זקנים?

וואָס מער דער חבר רעדט, אַלץ מער פילן מיר דעם ענגן פאַרבאַנד צווישן אונז און יענע קדושים; מיר זיינען דאָך אַ טייל פון זיי, בלוט פון זייער בלוט, פלייש פון זייער פלייש; און ווי ווייט זיינען מיר פון זייערע לײדן, ווי פאַרפרעמדט!

„ניין, פריינט, — זעצט פאָר הערמאַן — איך בין ניט אימשטאַנד אייך איבערצוגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן איבערגע־לעבט אין יענע שרעקלאַכע טעג; ס'זיינען ניטאָ קיין ווערטער דערפאַר. אָט זיץ איך מיט אייך, און פאַר מיינע אויגן שוועבן

אינ'ם לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

צווייטער טייל.

אַלץ די געזיכטער פון יענע קדושים. איך זע אַ מחנה פון זיי אין לעמבערג, אפ'ן שטאָט־פּלאַץ. וויפיל זיי זיינען געווען, ווייס איך ניט. שווארץ איז דער גרויסער פּלאַץ געווען פון זיי, ווי אָנגעבראָקט מיט טונקעלע פיגורן. קיינעם האָט מען צו זיי ניט צוגעלאָזן. צוגעשמיטע איינער צום צווייטן מיט קייטן זיינען זיי געשטאַנען, די שוואַכע פרויען און אַלטע לייט, און אַ זיפץ האָט זיך אפילו פון זיי ניט געהערט. זיי זיינען שוין געווען אזוי אומעכטיק, אַז זיפצן האָבן זיי קיין כחות ניט געהאַט. אויף דער בלאָטע פון פּלאַץ האָבן זיך געוואַלגערט אין קופּקעס שמאַטעס פּיצינקע קינדערלאַך, שווארצע, ווי קויל; צווישן זיי זיינען געווען ברוסט־עופּה'לאַך; די גרעסערע קינדערלאַך האָבן געגריזשעט פון הונגער דעם שמוציגן ברוק, און די ברוסט־עופּה'לאַך האָבן געזויגן די פינגערלאַך...

„דאָס אַלץ האָב איך צוגעזען פון אַן אַנטקעגנדיקן פענסטער, און איך וואונדער זיך אַלץ, ווי אזוי איך בין דעמאָלט ניט משוגע געוואָרן. צוועלף שעה נאָכאַנאַנד האָט מען די אומגליקלאַכע געהאַלטן אפ'ן שטאָט־פּלאַץ, ניט געבנדיק זיי אפילו קיין טרונק וואסער. און מיט מיינע אויגן האָב איך געזען, ווי עופּה'לאַך זיינען אויסגעגאַנגען, ווי זקנים זיינען געפאַלן טויט, ווי פרויען זיינען פון זינען אַראָפּ, צערייסנדיק אַלץ אויף זיך.

„איך בין געשטאַנען, און פון מיין האַרץ האָט זיך געריסן אַ ברומען, ווי פון אַ ווילדער חיה; און איך ווייס אַליין ניט, ווי אזוי איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אַ בעט ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנט הויז. צו מיין קאָפּ זיינען געווען צוגעלייגט נאַסע טיכער, און אין די שלייפן האָט מיר געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס.

דאָס איז געווען ערב יום־כפּור פאַרנאַכט.

ניט ווייסנדיק, וואָס מיט מיר איז, האָב איך זיך אַנגעטאָן און בין אַרויסגעלאָפן אין גאַס. קיין לעבעדיקער נפש איז אין ערגעץ ניט געווען. טיר און טויער פאַרקלאַפּט. קיין פונק ליכט ניט פון אַ פענסטער, אַלץ האָט געאָטעמט מיט אימה.

און וואָס מער די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די אימה; זי האָט, דאַכט זיך, אַראָפּגעפּאַכט פון דעם פאַרוואָלקנטן הימל, פון די פאַרהאַקטע פענסטער, פון די שפּיצן קלויסטערס. איך גיי דורך, שאַרנדיק זיך בא די ווענט, איין גאַס, אַ צווייטע, און גאָרניט — אַן אויסגעשטאָרבענע שטאָט. אפילו קיין סאָלדאַט זעט מען ניט אַרום, קיין פּאָ־ליציסט.

„איך גיי און גיי; וואוהין, ווייס איך ניט. עפּעס טראָגט מיך אַלץ ווייטער און ווייטער. ס'איז שוין גוט נאַכט, אַזאַ פינסטערע נאַכט, אַז איך זע ניט, וואָס ס'טוט זיך אַ טריט פאַר מיר. אַ געדיכטע פינסטערניש, וואָס מ'קאָן אָנטאַפּן מיט די הענט. איך שטעל זיך אָפּ און שפּאַר זיך צו צו אַ מויער. איך וויל הערן אַ מענטשליכן שאָרך, כאָטש אַ בלאָז פון אַ ווינטל. מיר דאַכט זיך, אַז מיין האַרץ קלאַפּט ניט, און איך ווער, ווי פאַרגליווערט.

„מיט אַמאָל דערטראָגט זיך צו מיין אויער אַ שטיל געוויין. איך ציטער אויף און נעם זיך צוהערן. איך פיל, אַז דאָס איז אַ געוויין ניט פון איין מענטשן, נאָר פון צענדליקער, הגם ער גיסט זיך אַזוי גלייכאַרטיק, ווי אַ ניגון פון איין שטים. אַ מינוט ווערט שטיל, ווי מען וואָלט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און מ'וויינט ווידער. איך גיי אַהין, פון וואַנען דער געוויין טראָגט זיך, און וואָס ווייטער איך גיי, אַלץ דייטליכער ווערט מיר, אַז דאָס וויינען צענדליקער, צענדליקער מענטשן. איך הער פרויען־שטימען און מענער־שטימען, אפילו קינדערשע שטי־מעלאַך. שווידערלאַך ווערט מיר; עפּעס קלינגען מיר ווערטער, אַזעלכע אָפּגעהאַקטע, ציטריקע, פאַרשטיקטע, ווי פון אונטער דער ערד, און די ווערטער זיינען אַזעלכע באַקאַנטע, אַזעלכע היימישע; וויפיל מאָל האָב איך זיי שוין אין מיין לעבן גע־הערט?...

„כל־נדרי! — פאַלט מיר איין, און מיינע אייגענע ליפּן נעמען שעפּטשען די דאָזיגע ווערטער. פון וואַנען קומען זיי

אבער אהער? איז דען דאָ די שול? איך נעם זיך ווי ס'איז ארומקוקן אין דער געדיכטער פינסטערניש און זע, אז דאָס איז ניט די שול. ס'איז אָבער פּאַרט די אַלטע טרויעריקע תפילה פון די אמאָליקע מאַראַנען, און ווי שרעקלאַך זי קלינגט איצטער אין דער אַפּגעשטאָרבענער שטאָט, וואָס איז פול מיט אימה...

„כל-נדרי! — שרייט אַ געוויין אין דער לופט, און וואָס טיפער די נאַכט ווערט, אַלץ שטאַרקער ווערט דער געוויין. מיר דאַכט זיך, אַז פון די טויזנטער קברים זיינען איצטער אויפ־געשטאַנען מתים; עס רייבן זיך זייערע שאַרבנס, ס'קנאַקן זייערע ביינער, און טאַקע פון אונטער דער ערד שטייגט ארויף דער אַלטער אידישער געיאָמער...

„כל-נדרי! — וויינט אין מיר יעדער אבר, און איך פיל, ווי מיין געוויין גיסט זיך צונויף מיט'ן געוויין פון דער אַפּגע־שטאָרבענער שטאָט. מיט אמאָל ווערט מיר אַלץ קלאָר. איך בין ניט ווייט פון שטאָט-טורמע, פון איר גיסט זיך דאָס דער „כל-נדרי". איך גיי צו נענטער, גאָר נאָענט. יאָ, דאָס איז אזוי. דאָרטן שאָקלען זיך דאָס געשטאַלטן. הינטער די אייזערנע גראַטעס זע איך זיי; דאָס זיינען די זעלבע, וואָס זיינען געשטאַנען געשמיט אין קייטן אפ'ן שטאָט-פּלאַץ.

„כל-נדרי! — רייסט זיך ארויס קאָנוואולסיוו פון מיין האַרץ, און איך פאַל צו מיט א יאָמער צו דער וואַנט פון טורמע...

„צי האָבן אינווייניק די געשטאַלטן געהערט, אז אימיצער דאָ פון דרויסן זאָגט מיט זיי מיט „כל-נדרי"? איך ווייס ניט. איינס ווייס איך אָבער, אז יענעם „כל-נדרי" וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט פארגעסן..."

צוריקגייענדיק פון פּאַרק, האָבן מיר אַ וואָרט צווישן זיך ניט אויסגערעדט; ס'האָט זיך עפּעס ניט גערעדט. מער ניט הערמאַן האָט שטיל פאַר זיך אונטערגעברומט דעם ניגון פון דער אַלטער אידישער תפילה...

7.

אין די קרייזן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

מיט די אמת'ע שטימונגען פון די שוועדישע סאָציאַליסטן האָבן מיר זיך באַקאַנט אין סטאָקהאָלמער „אַרבעטער־הויז".

דאָס איז אויסערלאַך א געוויינלאַכע באַשיידענע געביידע, וואָס געפינט זיך אין א שטילער גאַס, ניט ווייט פון צענטער, מיט גרויסע פענסטער און א ברייטער אַריינגאַנגס־טיר, פאַר־שטעלט אין פראָנט מיט עטלאַכע געדיכטע שלאַנקע ביימער. פון אינווייניק מאַכט זי אָבער אַן אייגנאַרטיקן איינדרוק.

אין קאָרידאָר שטייט א שיינע סטאַטוע פון קאַרל מאַקס, אויף א ברייטן פיעדעסטאַל, וואָס קוקט, דאַכט זיך, פון אַלע זייטן. די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט רעוואָלוציאָנערע אויל־בילדער. א גרויס גריפל־ברעט גיט א רשימה פון לעקציעס און פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן דאָ אָפּגעהאַלטן. א גאַנצע ריי טירן פירט אין פאַרשידענע אָנשטאַלטן.

ווען איך און מיין פרוי זיינען געקומען אַהין, איז שוין געווען פאַרנאַכט. די עלעקטריע האָט נאָך ניט געברענט, און אין דער טונקלהייט האָט דאָס „אַרבעטער־הויז" אויסגעזען, ווי א טעמפּל. אַזוי שטיל און רואיק, א שטילקייט און רואיקייט, וואָס ווייען אַראָפּ פון זייליקן סופיט אויף אַלץ אַרום.

אונז אַנטקעגן איז געקומען אַן אַלטער מאַן, מיט א גרויער באָרד און א געדיכטן קאָפּ גרויע האָר. ער איז געווען מערק־ווירדיק ענלאַך צו מאַרקסן, אפילו מיט די קנייטשן פון זיין פנים, און האָט אַזוי האַרמאָנירט מיט דער סטאַטוע. ער האָט זיך געווענדעט צו אונז אין שוועדיש; מיר האָבן גענומען מיט

אים רעדן ענגליש, ער האָט אָבער א וואָרט ניט פארשטאַנען, זיינען מיר אריבער אף דייטש. די דייטשע שפּראך האָט ער גראַד גוט געקענט, און דערוויסנדיק זיך, ווער מיר זיינען, האָט ער אונז גלייך געבראַכט צוויי שטולן און איינגעלאַדן זיצן.

ער האָט זעהר באַדויערט וואָס מיר זיינען געקומען צו שפּעט. אַלע אַנשטאַלטן זיינען שוין פאַרמאַכט, קיין לעקציעס און פאַרזאַמלונגען זיינען אויך ניטאָ. „זומער־צייט, ווייסט איהר — האָט ער ארויסגערעדט מיט א גוטמוטיקן שמייכל — וויל דער עולם, איבערהויפּט די יוגנט, זיין אף דער פרישער לופט, איז איצט אומעטיקלאך ביי אונז, ניטאָ דאָס רוישיקע לעבן פון די איבעריקע צייטן פון יאָהר. דעמאָלט קאָכט דאָ ווי אין א קעסל, די הכנות צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע זיינען אין פולן גאַנג"...

— גלויבט איהר אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע? — האָב איך אין שפּאַס געפרעגט.

— אָ, יאָ, חבר — האָט דער אַלטער ערנסט געענטפערט — איך בין איינער פון די עלטסטע סאָציאַליסטען דאָ אין לאַנד, האָב דורכגעמאַכט פיל, פיל שווערע קאַמפן, און די רוסישע רעוואָלוציע האָט נאָך אין מיר מעהר פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין סאָציאַליזם. ער — האָט ער אָנגעוויזן אויף מאַרקס'עס סטאַטוע — איז געווען גערעכט, די מלחמה מוז פירן צו דער פאַרווירקליכונג פון זיין לערע".

— גלויבט אויך בראַנטינג דערין? — איז געווען אונזער פראַגע, ווייל אין סטאָקהאָלם האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז בראַנטינג איז א הייסער אַנטאַנט־פּאַטריאָט.

דער אַלטער האָט זיך ארומגעקוקט און שטיל ארויסגערעדט, אַזוי ווי מורא האָבנדיק, אַז קיין זייטיקער זאָל ניט הערן: „איך דענק, אַז ניט. איך קאָן בראַטינג'ן שוין יאָרן און יאָרן, איך האָב נאָכגעפאָלגט זיין גאַנצע קאַריערע, און איך מוז צו־געבן, אַז זיין סאָציאַליזם ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אויס־

געוועבט. עס איז עפּעס ניט דאָס, וואָס אַמאָל. די מלחמה האָט אים אויך געמאַכט פאַרריקט״.

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אַלטער איז אַ פּשוט׳ער וועבטער. ער איז אָבער געווען צופרידן מיט זיין אַמט. „אַלע קענען מיך און איך קען אַלעמען, איך בין אַן אייגענער מענטש, און איך דין דעם סאָציאַליזם לויט מיינע כוחות.״

פון דעם געשפּרעך מיט אים האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז בראַנטינג מיט זיין אַנטאַנט־פּאַטריאָטיזם איז אַן אויסנאַם, ווייל די מערסטע שוועדישע סאָציאַליסטן זיינען גערמאַנאָפילן, אַזוי ווי די גאַנצע שוועדישע באַפעלקערונג. דערקלערט האָט עס דער אַלטער דערמיט, וואָס בראַנטינג האָט זיך אַלע מאָל געפונען אונטער דער ווירקונג פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, אַי־בערהויפּט פון זשאָרעס׳ן, און זיין שטעלונג צו דער מלחמה רופט אַרויס פיל רייבונגען אין דער שוועדישער פּאַרטיי.

— איך האַלט אויך — האָט דער אַלטער געזאָגט — מער מיט די דייטשן, הגם מיר איז אַזוי דערווידער שיידעמאַן׳ס פּאַטריאָטיזם, ווי סאַמבאַ׳ס אָדער טאָמאַ׳ס. די דייטשן פאַרשטייען בעסער אַן עסק, ווי די פראַנצויזן; אָט ניט לאַנג זיינען דאָ געקומען צו גענאָסע הויסמאַנס קאַוטסקי און בערנשטיין, האָבן זיי אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אין דייטשלאַנד וועט מוזן זיין אַ רעוואָלוציע; געקומען זיינען אויך שיידעמאַן און מילער, און זיי גלויבן ניט אין אַ רעוואָלוציע. אַלע זיינען זיי אָבער פאַר אַ סעפּעראַטן שלום מיט רוסלאַנד, וואָס בראַנטינג האַלט פאַר אַ פאַרראַט.״

מיר האָבן זיך ביי אים געפרעגט זיין מיינונג וועגן פינ־לאַנד.

— אָ יאָ, — איז דער אַלטער עפּעס געוואָרן באַזונדער אויפגעלייגט — פינלאַנד דאַרף באַלאַנגען צו אונז. דערין זיינען מיר אַלע איינפאַרשטאַנען. דאָס וועט זיין אַ גליק פאַר רוס־לאַנד; זי וועט פּטור ווערן פון אומזיסטע צרות, און פינלאַנד וועט טאַקע ווערן אינגאַנצן פריי, פאַרבינדנדיג זיך מיט שוועדן.״

פון דעם וויטערדיקן געשפּרעך מיט דעם אַלטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין זיין קאָפּ הערשט אַ שרעקליכער מיש־מאַש; פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז ער זייער צופרידן, אירע פירער זיינען אָבער צו גרויסע צענטראַליסטן בנוגע צו פינלאַנד; פּאַטריאָטיזם איז אַ שעדלאַכע זאַך, אַ שוואַרצער פּלעק אויפ׳ן סאָציאַליזם, יעדער שוועד מוז אָבער זיין אַ הייסער פּאַטריאָט; דער קעניג פון שוועדן איז ניט אַ ווילהעלם; ער שטערט ניט, אינטערעסירן זיך מיט אים וועניג די סאָציאַליסטן. צו וואָס אים טשעפּן, אַז ער טשעפּעט קיינעם ניט? ווען די סאָציאַליסטן זאָלן וועלן, קאָנען זיי, אָן קיין שום רעוואָלוציעס, אַראָפּזעצן דעם קעניג פון טראָן צו יעדער צייט, נאָר זיי ווילן דאָס ניט; ס׳אַרט זיי ניט, אבי זיי האָבן דעם איינפלוס איבער די מאַסן. סאָציאַלע רעוואָלוציע איז אַ גוטע זאַך, זי מוז אויס־ברעכן אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע מלחמה־לענדער. אין שוועדן אָבער שפּעטער ווי אומעטום, ווייל שוועדן איז געבליבן ניי־טראַל אין דער מלחמה, זיינען נאָך אין איר די באַדינגונגען פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע ניט רייף, און ס׳לעבט זיך טאַקע ניט שלעכט אין איר אויך אָן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע.

מילא, אַז אַזא מיש־מאַש האָט געהערשט אין קאָפּ פון אַ פּשוט׳ן וועכטער, מעג ער אפילו זיין אַן אַלטער סאָציאַליסט, איז נאָך ווי ס׳איז געווען באַגרייפליך. איבעראַשנדיק איז אָבער געווען, ווען ענליכע מיינונגען האָט אונז אויסגעדריקט אַן אינ־טעליגענט, אַ פּאַראַנטוואָרטלאַכער פּאַרטיי־טוער, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבן אַלס אַ רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער שוועדי־שער טעגלאַכער פּאַרטייצייטונג, „סאָציאַלדעמאָקראַטן״.

די רעדאַקציע־דירה האָט זיך געפונען דאָ אין „אַרבעטער־הויז״. דער וועכטער האָט אונז אַריינגעפירט. ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַ יונגער טיפּישער שוועד. ער האָט אונז זייער העפלאַך אויפגענומען. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אים ריידן דייטש, נאָר ער איז גראָד אַריבער אויף ענגליש, וועלנדיק וויזן, מסתמא, אַז ער איז אַ געבילדעטער מענטש.

נאָך אייניקע שאַבלאָנטרטיקע פראַגן וועגן אַמעריקע האָט דער יונגערמאַן אויך אָנגעהויבן אונז צו באַווייזן, ווי ווייט וויכטיק עס איז, אַז פינלאַנד זאָל אַריבער צו שוועדן. „די פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע דאַרפן אין דעם פּרט ניט זיין איינגעשפּאַרט — האָט ער אַרויסגעזאָגט — זיי מוזען זיך רעכענען מיט'ן ווילן פון פינלענדישן פאָלק". דערביי האָט ער געמאַכט אייניגע באַמערקונגען אויפ'ן חשבון פון דער אידישער אָפּשטאַמונג פון אייניקע פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פּונקט ווי אונזער באַקאַנטער „אידישער" שוועד.

עס איז אַפילו שווער געווען ניט צו דערקאָנען, אַז מיר זיינען אידן, נאָר ווי עס שיינט, האָט אונזער גייער באַקאַנטער אונז ניט אָנגענומען פאַר אַזעלכע, האָט ער געגעבן פרייהייט זיין צונג, און זיין טאָן האָט אויף אונז געמאַכט ניט קיין אָנגענעמען איינדרוק; עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. וועגען די אידן, וואָס געפינען זיך אין שוועדן, אַפילו וועגן די סאָציאַליסטן צווישן זיי, האָט ער גערעדט מיט פאַראַכטונג; אַלע זיינען זיי, לויט זיין מיינונג, ספּעקולאַנטן, פּאַראַזיטן, וואָס זיינען העכסט צופרידן פון דער מלחמה, ווייל זי גיט זיי אַ מעגליכקייט אָנצושטאָפּן די קעשענעס מיט גאָלד.

אויף אונזער פראַגע, צי דאָס איז די הערשנדיקע מיינונג וועגן אידן צווישן די שוועדישע סאָציאַליסטן בכלל, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט צו ענטפערן. ער האָט אונז אויך, אַזוי ווי יענער „אידישער" שוועד, פאַרזיכערט, אַז ער איז ניט קיין אַנטיסעמיט, און איך האָב באַ זיך געטראַכט: ווער ווייס, אפשר איז ער אויך מאחינו בני ישראל? אַלץ קאָן דאָך פּאַסירן...

וועלנדיק מאַכן אַ סוף צו דעם דאָזיקן געשפּרעך, האָב איך אים גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז מיר זיינען אידן. דער יונגערמאַן איז שטאַרק רויט געוואָרן און זיך דערפילט זייער אומבאַקוועם. כדי צו פאַרגלעטן די זאַך האָט ער אונז גענומען דערציילן וועגן דעם גוואַלדיקן וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין שוועדן, וועגן בראַנטינג'ס ווירקונג ניט בלויז צווישן

די אַרבעטער, נאָר אויך אין די בורזשואַזע קרייזן. „דאָס איז אַן אמת'ער שטאַטסמאַן — האָט ער באַמערקט, — נאָר מיר קאָנען קיינער ניט באַגרייפן זיין אַנטאַנט־פּאַטריאָטיזם; מיר אַלע שטייען שטאָל און אייזן פאַר דייטשלאַנד. מיר זיינען אַלע איבערצייגט אין דעם זיג פון די צענטראַלע מלוכות אין דער היינטיקער מלחמה; בראַנטינג דענקט אָבער אַנדערש, און ער האַסט, ווי דעם טויט, די רוסישע אינטערנאַציאָנאַליסטן, איבערהויפּט די באָלשעוויקעס, וואָס פרעדיגן אַ סעפּעראַטן שלום מיט דייטשלאַנד, ער האַלט זיי פאַר פּשוט'ע אַגענטן פון דייטשן גענעראַל־שטאַב"...

אריבערגייענדיק צו דער טעמע פון באָלשעוויזם, האָט אונז שוין דער יונגערמאַן דערציילט, אַז אויך אין שוועדן איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקע גרופּע צימערוואַלדיסטן; זיי זיינען אָבער מער ניט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, טומעלמאַכער, גאָרנישטן; מען רעכנט זיך מיט זיי ניט און בראַנטינג באַקעמפט זיי אומ־ברחמנות'דיק, ווי זיי פאַרדינען. ער אליין דענקט אויך, אַז סאָציאַלע רעוואָלוציע איז זייער און זייער אַ גוטע זאַך, פרעדיקן זי אָבער איצט איז אַן אומזין, באַזונדערס אין שוועדען, וואו אַלץ איז אַזוי שיין און פיין, וואו אפילו דער קעניג איז אַזוי גוט. „וועלן מיר, סאָציאַליסטן — האָט ער מיט התלהבות אַרויסגערעדט — באַקומען אַ מערהייט אין פּאַרלאַמענט, וועלן מיר שוין במילא אויף אַ העכסט פרידליכן אופן איינפירן דעם סאָציאַליזם; מען וועט אונז ניט שטערן. ניין, איך בין ניט קיין סאָציאַל־פּאַטריאָט, איך בין ניט אין אַלץ מסכים מיט שייַ־דעמאַנ'ען און מיט סאַמבאַ, די צימערוואַלדיסטן זיינען אָבער אַן אומגליק פאַר דער אַרבייטער־באַוועגונג..."

ער האָט פאַרשריבן אונזער געשפּרעך, און ווער ווייס וואָס פאַר אַ „פּאַטראָווע" ער האָט אונטערגעטראָגן וועגן אונז די אַרבייטער־לעזער...

לאַנג האָבן מיר מיט אים ניט פאַרבראַכט, הגם ער האָט אונז געבעטן גיין מיט אים אין אַ קאַפע, וואו ער וועט אונז

באַקענען מיט נאָך „קאַמעראַדן". מיר האָבן זיך אָבער אַפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער איינלאַדונג אונטער דעם אויסרייד, אַז מיר האָבן קיין צייט ניט; — אין דער אמת'ן דערפאַר, וואָס אונז איז ניט זייער אָנגענעם געווען צו הערן די זעלבע אויסגעדראָשענע רייד; ווי מען האָט אונז שוין פריער דערציילט, הערשט אַזאַ מיש־מאַש אין די מוחות פון דער גאַנצער שוועדישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אונטער בראַנטינג'ס פירערשאַפט. מען האָט אונז אויך געגעבן אָנצוהערעניש, אַז בראַנטינג'ס אַנטאַנט־פּאַטריאָטיזם שטאַמט ניט פון ריין־פּרינציפּיעלע מאָטיוון... קיין געלעגנהייט צו דערקונדיקן זיך אין דער ריכטיגקייט פון די אַלע אָנצוהערענישן האָבן מיר ניט געהאַט; נאָר דאָס, צוזאַמען מיט די שטימונגען, וואָס האָבן בכלל געהערשט אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט אין די באַראַטונגען צו דער סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ, האָט אונז געדינט אַלס גוטער באַווייז, וואָס פאַר אַ חורבן די מלחמה האָט אָנגעמאַכט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

וועגען די שטימונגען אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט אונז ווערטפולע ידיעות געגעבן דער פּועל־ציוניסט כאַזאַנאָוויטש. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אַ בן־בית ביי קאַמיל הויסמאַנס'ן, און ער האָט געהאַט אַ סך אינטערעסאַנטעס צו דערציילן.

ניט קוקנדיק דאַרויף, וואָס מיר זיינען געווען פּאַרטייגעגנער, האָבן מיר זיך מיט כאַזאַנאָוויטש'ן אין סטאָקהאָלם שטאַרק באַפריינדעט; ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ סימפּאַטישן מענטשן, ניט שמאָלקעפּיק, ווי פיל פון זיינע חברים, מיט אַ חוש פון אַן אמת'ן פּאָליטישן טוער. מערקווירדיג, ס'האָבן זיך ביי אונז איינגעשטעלט מער אינטימע באַציאונגען מיט איהם, ווי מיט אייניקע נאָענטע חברים פון אייגענעם לאַגער. דאַרויף האָט אַן צווייפל געהאַט אַ ווירקונג זיין אויפריכטיגקייט, זיין וואַרימע באַציאונג צו מענטשן. מיין קליי־

נער חברה־מאַן האָט אים אפילו שטאַרק ליב באַקומען און פלעגט אים דערנאָך אָפט דערמאָנען...

כאַזאַנאָוויטש איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און ער האָט ניט קיין קליינעם חלק אין דער גינסטיקער שטעלונג פון לעצטן צום פּועלי־ציוניזם. ער האָט „באַאַרבעט״, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, די פאָרשטייער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, און דאָ האָט זיך באַזונדערס ארויסגעוויזן זיין פעאיקייט פון אַ גוטער פּאָליטיקער. ניט אומזיסט האָבן די „פּועלי־ציון״ אים אויסגעקליבן פאַר דער דאָזיקער שליחות, ער האָט זי גלענצענדיק דערפילט. אונז, וואָס האַלטן דעם פּועלי־ציוניזם פאַר אַ שעדלאַכע קליינבירגערלאַכע אוטאָפּיע, וואָס האָט מיט'ן סאָציאַליזם גאָרניט צו טאָן, האָט די מעשה ניט זייער געשמעקט; אונז האָט שטאַרק פאַרדראָסן פאַר כאַזאַנאָוויטש'עס ווירקונג אויף דער ביוראָ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אפילו ליטוואַק האָט געמוזט מודה זיין, אַז כאַזאַנאָוויטש איז אַ טיכטיקער פּאָליטישער טוער...

פון כאַזאַנאָוויטש'ן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער אידישער פירער פון פּ. פּ. ס., דיימאָנט, האָט זיך אין סטאָקהאָלם שאַרף ארויסגעזאָגט געגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון „בונד״, אַז ער האָט אינגאַנצן געלייקנט אין דער עקזיסטענץ פון דער אידישע נאַציע. אזא איז אויך געווען די שטעלונג פון שיידעמאַנ'ס חבר, מילער; בכלל האָט די אידישע פראַגע ניט באַקומען קיין וואַרימע אויפנאַם אויף די באַראַטונגען צו דער געפּלאַנטער אינטערנאַציאָנאַלער סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ. אויב דיימאָנט און ענלאַכע צו אים האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאַר אַ אידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע, איז דאָס פּשוט דערפאַר, וואָס זיי ווילן פּטור ווערן פון די אידן. אזא מיט פּאַלעסטיניזם האָט ניט פאַרשאַפט קיין גרויס נחת רוח אויך כאַזאַנאָוויטש'ן...

אין די באַראַטונגען האָט זיך באַזונדערס בולט ארויסגעוויזן דער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם פון די סאָציאַליסטישע פירער. מען

האָט געהאַלטן פאַר א פאַרברעך, אז די פראַנצויזן זאָלן זיצן ביי איין טיש מיט די דייטשן, האָט מען זיי באַזונדער אויסגעהערט; און ווי שווער האָט געמוזט אָנקומען קאַמיל הויסמאַנס'ן, דעם פאַרברענטן אַנטאַנט־פּאַטריאָט, צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן די פיינדלאַכע לאַגערן...

אזוי האָט אין סטאָקהאָלם געפונען דעם שאַרפסטן אויסדרוק דער תהום, וואָס די מלחמה האָט באַשאַפן אין דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג....

דעם דאָזיקן תהום האָב איך באַזונדערס שטאַרק דערפילט אין מיין אינטערוויו מיט קאַמיל הויסמאַנס'ן.

איינגעאָרדנט דעם אינטערוויו האָט מיר אויך כאַזאַנאָוויטש.

הויסמאַנס האָט פאַרנומען א גרויסע דירה פון א סך צימערן אין רעכטן צענטער פון שטאָט.

גלייך ווי איך בין נאָר אריין אין קאָרידאָר האָב איך דערזען, אז דאָס איז טאַקע ניט באַלאַבאַנאָווא'ס אָרימע קאַנצעלאַריע. רייכע מעבעל, אַלץ צוגעפּוצט, לויט דער לעצטער מאָדע, מיט טייערע בילדער אויף די ווענט. פון ערגעץ האָט זיך געהערט א קלאַפּן פון עטלאַכע שרייב־מאַשינקעס. ס'באַגעגנט מיך א פראַנטישע פריילין, אָנגעטאָן אין א ווייסן טשעפּטשיק, וואָס הייסט מיר וואַרטן אין אויפנאַם־צימער. איך וואַרט גאַנץ לאַנג און ענדלאַך קומט צו מיר אַרויס א בלאָנדער יונגערמאַן, אויך פראַנטיש אָנגעטאָן. ער דערקלערט מיר אין א צובראָכענעם ענגליש, אז „מיסטער" הויסמאַנס איז זייער באַשעפטיקט, און ער ווייסט ניט צי ער וועט מיך היינט קאָנען אויפנעמען; אַלענפאַלס זאָל איך איבערגעבן מיין וויזיט־קאַרט און נאָך אביסל צוואַרטן. אַלע גייען אויף די שפּיץ פינגער, מען רעדט צווישן זיך זייער שטיל, ווי מען וואָלט מורא געהאַט צוצושטערן די רו. פון דער גאַנצער באַנעמונג ווייעט מיט אזא אָפיציעלקייט, ביוראָ־קראַטיזם, ווי אין דעם אויפנאַם־צימער פון א הויכן רוסישן טשינאָווניק...

איך וואַרט ביי אַ שעה צייט; ענדלאַך דערהער איך אַ קלונג פון אַ גלעקל: עס עפנט זיך פאַנאַנדער די טיר און אַ נייער פראַנ־טישער יונגערמאַן פרעגט ביי מיר מיין פאַמיליע; ווען איך ענטפער אים, בעט ער מיך נאָכגיין נאָך זיך. מיר גייען דורך עטלאָכע צימערן; מיט אַן אמת'ער לאַקייאישער מינע קלאַפּט ער אָן אין אַ טיר, פאַרדראַפּירט מיט טייערע פאָרהאַנגען. פון דאָרטן דערהערט זיך אַ טרוקענע שטים: „העריין!"

איך גיי אריין אין אַ פּראַכטפולן קאַבינעט. אין אַ הויכן פאָטעל, ווי אויף אַ טראָן, זיצט ביי אַ גרויסן שרייב־טיש, מיט צוויי קריסטאָל־קאַנדעליאַברעס ביי די זייטן, אַ מאַן פון די מי־טעלע יאָהרן. ער זיצט פאַרטיפט אין פּאַפּירן. ער הויבט זיך ניט אויף פון אָרט, דערלאַנגט מיר אפילו ניט די האַנט, נאָר ווייזט מיר אָן מיט אַ וואונק צו זעצן זיך אויף אַ דערבייאיקן ווייכן שטול.

ער קוקט אַלץ אין די פּאַפּירן, און איך האָב דערווייל צייט אים צו באַטראַכטן. אַ לענגלאַך בלאַס געזיכט מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע וואָנצן, וואָס דריקט אויס טרוקנקייט, פאַר־מאַלקייט. דאָס זעלבע דריקן אויך אויס די אויגן. איך זיץ אַזוי אַ היבשע ווײלע; ענדלאַך הויבט אויף הויסמאַנס זיין קאָפּ און ווענדט זיך צו מיר מיט אַ געמאַכטער העפליכקייט אין ענגליש, מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט: „איר פאָרט אין רוס־לאַנד, יאָ, צוריק אהיים? זייער שיין, אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, מסתמא, אַ פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פרעסע; קאַמעראַד כאַזאַנאָוויטש האָט מיר דערציילט. מיט וואָס־זשע קאָן איך אייך דינען?

איך שטעל אים אייניקע פראַגן וועגן דער אינטערנאַציאָ־נאַלער קאָנפערענץ, וואָס ער פּלאַנט צונויפרופן, צי איז דאָ אַ האָפנונג, אַז זי וועט פאָרקומען און וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן זי קאָן ברענגען. ער ענטפערט מיר, אַז אַלץ גייט פאָרלויפיג כשורה, ס'זיינען שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַראַטונגען מיט די סאָציאַ־

ליסטן כמעט פון אַלע לענדער. שווער איז זיך אָבער צונויפריידן מיט די דייטשן. און מיט די פראַנצויזן? — פרעג איך. „מיט די פראַנצויזן — ענטפערט ער — איז גאַנץ אַנדערש, זיי זיינען אַ ליבליך פאָלק, אַ רעוואָלוציאָנער פאָלק, טאַקע אמת'ע סאָציאַליסטן, און די דייטשן זיינען גאָט־פאַרדאַמטע פּאַטריאָטן, אין יעדן דייטשן סאָציאַליסט שטעקט אַ שטיק ווילהעלם. ניין, זיי באַגראָבן דעם סאָציאַליזם, אפילו קאַוטסקי, בערנשטיין, האַזע און לעדעבור זיינען פאַר'סמ'ט."

איך באַמערק, אַז גער, סאַמבאַ, טאַמאַ, וואַנדערוועלדע זיינען דאַכט זיך, ניט בעסער: אַזוי ווי יענע, אַזוי זיינען זיי אויך פאַרגיפטעט פון פּאַטריאָטיזם. ער ענטפערט מיר מיט אומגעדולד:

— וואָס פאַרגלייכט איר? פראַנקרייך האָט ניט ארויסגערופן די מלחמה. זי איז קיינעם ניט באַפאַלן, זי פאַרטיידיגט זיך נאָר, מוזן די פראַנצויזישע און בעלגישע סאָציאַליסטן זיין פּאַטריאָטן, פאַרטיידיקן מיט אַלע חושים פון זייערע נשמות דאָס פאָטערלאַנד. דייטשלאַנד האָט אָבער ארויסגערופן די מלחמה, זי פאַלט אָן אויף פראַנקרייך, האָט פאַרניכטעט בעלגיע, און אויב אירע סאָציאַליסטן פאַרטיידיקן אַזאַ מלחמה, זיינען זיי פאַררעטער, שונאים פון אַרבעטער־קלאַס. ניין, דייטשלאַנד מוז צושמעטערט ווערן, דאָס איז די איינציקע לעזונג פון דער פראַגע.

— דענקט איר ניט, אַז ווען די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער זאָלן זיך פאַראייניקן — פרעג איך — וואָלטן זיי געקאָנט צווינגען די רעגירונגען צו שליסען שלום?

— יאָ, דאָס ווילן מיר טאַקע, דאָס באַצוועקן מיר מיט אונזער קאָנפערענץ — ענטפערט הויסמאַנס — עס ווענדט זיך אָבער וואָס פאַר אַ שלום. דייטשלאַנד מוז אַלץ נאָכגעבן, די אַנטאַנט מוז ארויס די זיגערין, דעריבער איז אַזוי שווער צונויפריידן זיך מיט די דייטשע סאָציאַליסטן. די באָלשעוויקעס

פריידיגן א סעפּעראַטן שלום פון רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד. דאָס וואָלט געווען דאָס גרעסטע אומגליק פאַר דער מענשהייט, דער גרעסטער פאַרראַט צום סאָציאַליזם בכלל און צו דער רוסי־שער רעוואָלוציע בפרט...

דאָ האָט הויסמאַנס געגומען גיסן פעך און שוועבל אויף לענינ'ען און טראָצקי'ן; ער האָט זיי אויך אָנגערופן אַגענטן פון דייטשן גענעראַל שטאַב און דערביי אַרויסגעזאָגט א פּאָר שטאַרקע ווערטער אויפ'ן חשבון פון אַנזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ און די צימערוואַלדיסטן.

א קוק טוענדיג דערנאָך אויפ'ן זייגער, האָט הויסמאַנס מיר דערקלערט, אז ער קאָן מיר געבן אינגאַנצן נאָך צען מינוט, ווייל ער האָט א וויכטיקע באַראַטונג.

איך האָב אים נאָך געשטעלט אייניקע פראַגן וועגן זיין באַציאונג צום „בונד". דאַרויף האָט ער מיר געענטפערט, אז ער האָט גאָר ניט געגן „בונד", דער „בונד" איז א שיינע אָר־גאַניזאַציע; פאַר די אידן איז אָבער דאָ איין אויסוועג, — גרינדן אַן אייגענע מלוכה אין פּאַלעסטינע. איצט איז דער שעת הכושר דערצו, און דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל וועט באַהילפיג זיין דאַרין.

אויף אַלע מיינע אָנוועגדונגען געגן ציוניזם פון ריין־סאָציאַ־ליסטישן שטאַנדפּונקט האָט הויסמאַנס געהאַט איין תשובה: אַלע פעלקער האָבן טעריטאָריעס, דאַרפן די אידן אויך האָבן, און אויב דאָס שטימט ניט מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע — האָט ער מיט א שמייכל צוגעגעבן, — שטימען א סך זאַכן ניט מיט איר...

אַזאַ ענטפער פון סעקרעטער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט מיר געקלונגען מאָדנע, נאָר ער האָט מיך ניט איבערראַשט, ווייל פאַר דער קורצער צייט פון מיין זיין אין סטאָקהאָלם האָב איך זיך שוין געקאָנט דערקונדיגן דורך לעבעדיגע פאַקטן, וואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז, וואוהין ער גייט.

אָט די איבערצייגונג האָט זיך נאָך אין מיר מער פאַר־שטאַרקט, ווען איך האָב אויפמערקזאַם דורכגעלעזן דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן די באַראַטונגען צו דער סטאָקהאָלמער קאָנ־פערענץ, וואָס הויסמאַנס׳עס הויפּט סעקרעטער האָט מיר געגעבן פאַר מיין אוועקגיין. דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט אין גרונד גענומען אויפגעדעקט די גאַנצע צופּוילקייט פון צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל, אַז פאַר זיין טויט שטעלט ער זיך אינגאַנצן צו דער דינסט פון דער בורזשואַזיע...

דאָס האָבן אפילו געמוזט מודה זיין פיל גאָר רעכטע מענ־שעוויקעס, וואָס האָבן געהאַלטן מיט פּלעכאַנאָוו׳ן.

אַלענפאַלס האָט מיין באַקאַנטשאַפט אין סטאָקהאָלם מיט די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע שמועסן און ריכטונגען אַרויסגע־רופן ביי מיר זייער ניט קיין פריילעכע געדאַנקען. טער־מאַן האָט זיך געפילט זייער געדריקט און ווען איך האָב אים איבערגעגעבן מיין אינטערוויו מיט הויסמאַנס׳ען, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „יאָ, שלעכט מיט׳ן סאָ־ציאַליזם!"; ער האָט פאַרלאָרן יעדן חשק אויך צו האָבן אַן אינטערוויו מיט הויסמאַנס׳ן, הגם אַזאַ איז פאַר אים איינ־געאָרדנט געוואָרן אויף אַ טאָג שפּעטער...

8

אויפ'ן וועג קיין פינלאַנד.

ס'האָט זיך געמאכט אזוי, אז איך מיט דער פאַמיליע האָבן ניט געקאָנט אוועקפאָרן פון סטאָקהאָלם צוזאַמען מיט טער־מאַנ'ען. טערמאַן איז געווען דערפון אומצופרידן. די פאַרשי־דענע באַגעגענישן אין דער שוועדישער הויפּט־שטאָט, די אַלע שמועסן מיט די געקומענע פון רוסלאַנד האָבן אויף אים גע־מאכט זייער א שווערן איינדרוק. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו צווייפלען, אזוי ווי מיר אַלע, אין דער „בלוטלאָזיקייט" פון דער רוסישער רעוואָלוציע, מיט וואָס קערענסקי האָט פאַרשריען א וועלט, און ער האָט זיך געשראָקן, אז פּלוצלונג זאָל ניט פּאַ־סירן עפּעס, וואָס זאָל אונז צושיידן.

אזא סיורפּריז האָט מען געקאָנט דערוואַרטן. פון דעם, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעהערט וועגן רוסלאַנד, האָבן מיר גע־פילט, אז א בירגער־קריג קאָן דאָרטן אויסברעכן יעדן טאָג. אייניקע עמיגראַנטן האָבן אפילו גענומען טראַכטן וועגן פאָרן צו־ריק, אָדער אמווייניגסטנס ניט נעמען מיט זיך די פאַמיליעס. אויך איך האָב געהאַט א געדאַנק איבערצולאָזן די פאַמיליע אין סטאָקהאָלם; נאָר נאָך פיל ישוב הדעת מיט פריינד איז גע־בליבן, איך זאָל דאָס ניט טאָן, בפרט נאָך, ווען מיין פרוי האָט הערן ניט געוואָלט דערפון: „מיר האָבן געוואוסט פאָראויס — האָט זי גע'טענה'ט — אז מיר פאָרן ניט אין רוסלאַנד אויף א באַל, ס'איז א רעוואָלוציע, יאָ א בלוטיקע רעוואָלוציע, אויב בלוט גיסט זיך נאָך ווייניג, וועט זיך גיסן, דאָס איז אומפאַר־

מיידלאך, דאַרפן מיר זיין צוזאַמען, וואָס ס'זאָל זיך ניט מאַכן!"...

טערמאַן איז פאַר'ן אוועקפאָרן געווען זייער אומעטיק, אַזוי ווי ער וואָלט געשפּירט, אַז ניט לאַנג וועט אים אויסקומען צו לעבן אין באַפרייטן רוסלאַנד. גראָד האָט אים די אַסטמע אין סטאָקהאָלם שרעקליך געמאַטערט, און אַ פּאָר מינוט פאַר'ן אָפּ־גיין פון צוג האָט ער מיר געזאָגט: „דו ווייסט, כ'פיל זיך עפּעס פאַרלאָרן, אָן אַ באָדן, מיר דאַכט זיך, אַז מיינע טעג זיינען גע־ציילט!"... איך האָב געשפּאַסט פון אים, אָנגערופן אים „באָבי־צע", נאָר זיינע ווערטער זיינען מיר אַריינגעדרונגען טיף אין האַרצן, און אונזער געזעגענען זיך איז גאָר ניט געווען ווי אויף אַ פּאָר טעג בלויז. ווען דער צוג האָט זיך שוין גערירט, האָט טער־מאַן אויסגעשריען פון וואַגאָן־פענסטער: „זעט, פאַרזאַמט זיך ניט, קומט וואָס גיכער!"

נאָך געדריקטער איז געווען די שטימונג, ווען באַראַבאַוו מיט זיין פאַמיליע זיינען געקומען אונז באַגלייטן אויפ'ן וואַגזאַל.

באַראַבאַוו און זרובבל זיינען נאָך פאַרבליבען אין סטאָק־האָלם, ווייל דאָרטן איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די „פּועלי ציון", און זיי האָבן ניט געוואוסט, ווי לאַנג זיי וועלן זיך פאַרהאַלטן; דערצו האָט זיך פרוי באַראַבאַוו גע־פילט זייער שוואַך אין געזונט און זי האָט ווייטער ניט געקאָנט פאָרן. אונזער זעגענען זיך איז שוין אַ אַזאַ אופן געווען ניט אויף עטליכע טעג בלויז, נאָר אויף אַ לענגערער צייט, און אַזוי ווי מיר האָבן זיך זייער באַפריינדעט, האָט זיך ניט געוואָלט צושיידן זיך...

דאָ, אפ'ן סטאָקהאָלמער וואָקזאַל, האָבן מיר ניט געהאַט דורכצומאַכן די אַלע שוועריקייטן, וואָס אין כריסטיאַניע. מען האָט זיך ניט געדאַרפט דורכשלאָגן מיט די עלנבויגנס צו אַ וואַ־גאָן. ס'האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג. מיר האָבן באַקומען אַ געראַמע קופּע און זיך איינגעאָרדנט גאַנץ באַקוועם. דער ליבעסווירדיקער באַראַבאַוו האָט וועגן דעם שטאַרק געזאָרגט.

ער האָט אַפילו געהאָלפן דעם טרעגער שלעפּן אונזער באַגאַזש, הגם דאָס איז ניט נויטיק געווען; נאָר אַזאַ טבע האָט ער שוין גע־האַט — קומען אַלעמען צו הילף...

באַזונדערס רירנדיק איז געווען דאָס זעגענען זיך פון מיין זונעלע מיט באָראָכאָוו׳ס טאָכטערל. די גאַנצע צייט, וואָס די גרויסע זיינען געווען פאַרנומען מיט די רייזע־הכנות, זיינען די קינדער געשטאַנען שווייגנדיק אַרומגעאָרעמט און געקוקט ווי אַ פאַרליבט פּאָרל; אַט דאַרף מען שוין אַריינגיין אין וואַגאָן, און מען קען זיי ניט אָפּרייסן צווישן זיך; מיינער פרעגט מיט בענקשאַפט: „סוסאַנאָטשקע, וועסטו מיר געדענקען?"; יענע ענטפערט מיט דער זעלבער בענקשאַפט: „יאָ, נאָלעטשקע!" און מיט אויגלאַך, פול מיט טרערן, פאַלן זיי אַרויף איינע דעם צווייטן אויף די העלזלאַך...

די דאָזיקע סצענע האָט צוגעצויגן אונזער אַלעמענס אויפ־מערקזאַמקייט; די בענקשאַפט פון די קליינע האָט זיך, דאַכט זיך, איבערגעגעבן צו די גרויסע...

דער צוג רירט זיך שוין, און באָראָכאָוו גייט נאָך אים. ער בעט, מיר זאָלן אָנהאַלטן אונזער פריינדשאַפט דורך בריף, אויב ס׳וועט ניט באַשערט זיין צו זען זיך פערזענליך: מאַלע וואָס ס׳מאַכט זיך... איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר זיינע ווערטער מאַכן אַף מיר אַזאַ איינדרוק, ווי טערמאַנ׳ס ווערטער, איך הער אין זיי דעם זעלבן יאוש...

ס׳איז שוין פאַרנאַכט. אַלץ איז איינגעהילט אין בלאַסער דונקלהייט. איך, ליטוואַק און כ״ץ שטייען באַם פענסטער פון וואַגאָן און קוקן אַרויס אַף די פאַרביישוועבנדיקע פעלדער, לאַנ־קעס, וועלדער און דערפער. מיר ריידן וועגן דעם, וואָס דער־וואַרט אונז אין רוסלאַנד; די שטימונג איז אַ פעסימיסטישע, באַזונדערס פעסימיסטיש איז ליטוואַק; ער גלויבט, אַז מיר האָבן שוין פאַרשפּעטיקט דעם „האָניג־חודש" פון דער רעוואָלוציע, און דאָס פאַרדריסט אים שטאַרק. מען דערמאָנט זיך פאַרשידענע עפּי־זאָדן פון אַמעריקע; מיר לופטערן דורך שוין לאַנג פאַרגעסענע

מעשיות, פאַרשידענע רייבונגען אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, אין אונזערע אייגענע רייען, און מיר דערפילן זיך עפּעס פון די דאָזיקע עראינערונגען היימיש, אַזוי ווי מיר וואָלטן געזעסן ערגעץ אין ניו יאָרק אין „קיבעצאַרניע". פון יעדנס ווערטער פילט זיך, אַז מען בענקט צוריק נאָך דער נייער וועלט, אַז די אַלטע וועלט, וואוהין מיר האָבן זיך אַלע יאָרן געריסן, שרעקט מיט איר אומבאַשטימטקייט...

מיר באַמערקן אַליין ניט, ווי עס ווערט שוין שפּעט בא נאַכט, ווי ס'באַווייזט זיך פייער; מיר זיינען אַלץ פאַרטיפט אין אונזער שמועס, וואו מען פאַרגעסט אַלע פערזענלאַכע חשבונות, קריוודעס; פון אַמעריקע גייט מען אַריבער צו עראינערונגען פון אַמאָליקע יאָרן אין רוסלאַנד; ס'שווימען אַרויף פאַרשידענע פּערזאָנען אין זכרון; ליטוואַק איז אין דעם פּרט אומדערשעפּלאַך; ער געדענקט די דאָזיקע פּערזאָנען מיט אַלע איינצלהייטן, דערציילט אונז פאַרשיידענע וויצן וועגן זיי, אינטימע געשיכטעס פון זייער לעבן, און מיר מאָלן זיך שוין אַ בילד, ווי אַנגענעם וועט זיין זיך צו טרעפן מיט פיל פון זיי; ס'וועט, דאַכט זיך, איבערגעלעבט ווערן נאָך אַמאָל די יוגנט...

אויף מאָרגן שליסן מיר נייע באַקאַנטשאַפט.

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אין זעלבן צוג פאָרן נאָך עמיגראַנטן, צווישן זיי צוויי אידן, פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קוביליאַנסקי און גאָלדבערג, וואָס האָבן יאָרנלאַנג פאַרבראַכט אין רוים, און נאָך איינער אַ האַלבער אַנאַרכיסט—האַלבער ציוניסט, אַ געוועזענער טאָמסקער סטודענט, וואָס האָט שטודירט אין נעאַפּאָל.

קוביליאַנסקי מיט זיינע לאַנגע שוואַרצע האָר און באָרד, מיט'ן בלאַסן געזיכט פון אַ שווינדזיכטיקן, מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַמאָליקן ניהיליסט; ער איז דורכאויס פּאָזע, ניטאָ קיין נאַטירלאַכקייט אין זיין ריידן, אין זיינע זשעסטן, אפילו אין זיינע באָלשעוויסטישע אַנשויאונגען... פּונקט דער היפּוך פון אים איז גאָלדבערג, וואָס איז ,ווי מיר דערוויסן זיך, זיינער אַ ברודער. דאָס איז אַ רואיקער מענטש, אַ געזונטער־קרעפּטיקער, וואָס דער־

מאָנט אַן אַמעריקאַנער פערמער. ער רעדט געלאַסן, קאָכט זיך ניט, באַציט זיך צו אַלץ זייער איינגעהאַלטן; ער איז אויך אַ באָלשעוויק, הגם ער שטעלט ניט אַרויס דעם באָלשעוויזם „נאַ פּאָקאַז”, ווי זיין ברודער. דער טאָמסקער סטודענט, אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן, מיט אַ לענגלאַך געזיכט, אָנגעטאָן אין טוריסטן־קליידער, זעט גיכער אויס ווי אַ שווייצאַרישער באַרג־איינוואוינער, איידער אַ איד; ער רעדט אַ סך און מיט היץ.

אַזוי ווי ס׳איז ניטאָ וואָס צו טאָן און ס׳ווערט דערעסן צו קוקן דורכאויס דורכ׳ן פענסטער אויף די איינגאַרטיקע נאַטור־לאַנדשאַפטן, גייט מען צו גאַסט פון איין קופּע אין אַ צווייטער. די טעמע איז, פאַרשטייט זיך, די רוסישע רעוואָלוציע; אויף יעדער סטאַנציע נעמט אימיצער אַ טשייניק טיי, טרינקט מען און מען דיסקוטירט, טיילט מען זיך מיט איינדרוקן פון וועג, פון די לענדער, פון וואַנען מען קומט, און אָפּגעזען פון פאַר־שיידענע מיינונגען, אַנטקעגנגעזעצטע וועלט־אַנשויאונגען, פילט זיך דאָך ניט קיין אַנטאַגאָניזם. ס׳באַשאַפט זיך אַ היימישע אַטמאָס־פערע.

פון אַ ווינקלדיקער קופּע פאַרפירן מיט אונז באַקאַנטשאַפט צוויי פאַרפוצטע יונגע לייט, מיט הענטשקעס אויף די הענט; איינער איז אַ איד, מיט׳ן נאָמען לוריע, רעדאַקטאָר פון אַ רוסיש האַנדלס־בלעטל אין סטאָקהאָלם; ער באַרימט זיך גלייך, אַז ער האָט מיט זיך אַ טשעק אויף צוואַנציק טויזנט רובל; ער פאָרט אַלס קאָמיסיאָנער פון אַ גרויסער שוועדישער פירמע, און פרעגט זיך ביי יעדן פון אונז אַן עצה, וואו צו באַהאַלטן דעם טשעק, אַז מען זאָל אויפ׳ן גרענעץ אים ניט צונעמען. דערביי רעקאָ־מענדירט ער זיך, אַז ער איז אַ געגנער פון סאָציאַליזם, אַ רעכטער קאַדעט, אַ שטאַרקער אָנהענגער פון מיליוקאָוו׳ן. קוביליאַנסקי לאָזט דעם דאָזיקן העכט גלייך אַריין אַ פּאָר שפּילקעס, גיט אים גאַנץ אומצווײדייטיק צו פילן, אַז מען קען זיך באַגיין אָהן זיין געזעלשאַפט, און לוריע ווערט פאַרשוואונדן.

דער צווייטער יונגערמאַן, אויך מיט אַ אידישן אויסזען, גיט

זיך אָן פאַר אַן עכטן רוס; ער אינטערעסירט זיך זייער שטאַרק מיט וואָס מיר האָבן זיך אַלע באַשעפטיקט אין אויסלאַנד, צו וועלכע פאַרטייען מיר באַלאַנגען; אַליין גיט ער זיך אָן אַלס סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. ער וואוינט שטענדיק אין פּעטראָגראַד און איז געווען אין סטאָקהאָלם געשעפטלאַך. אויב מיר ווילן, קען ער אונז אויסבייטן אַמעריקאַנער דאָלאַרס אויף רוסישע געלט; ער וועט אונז רעכענען לויט'ן קורס, פּשוט ער וויל אונז טאָן אַ טובה. אויך דעם דאָזיקן יונגנמאַן שניידט אָפּ גלייך קוביליאַנסקי, און אַזוי ווי לוריע רוקט ער זיך אַרויס פון אונזער קאָמפּאַניע. קוביליאַנסקי באַמערקט, אַז דאָס מוז זיין אַ שפּיאָן אָדער קאָנטראַבאַנדיסט...

די אַלע שוועדן, וואָס פאָרן מיט אונז צוזאַמען, האַלטן זיך פון אונז פון דער ווייטן; מיר בילדן אין דעם לאַנגען קופּע וואַגאָן אַ באַזונדערע קאָלאָניע; מער ניט איין יונגע שיינע דאַמע, אַ דייטשקע, פאַראינטערעסירט זיך שטאַרק מיט אונזער געזעלשאַפט. זי פרעגט זיך אַלץ נאָך, ווער איז דער מאַן מיט די לאַנגע האָר, דאָס מיינט, קוביליאַנסקי, מסתמא אַ מאַלער אָדער מוזיקער..

באַגינען קומען מיר אָן אין דער שוועדישער גרענעץ־שטאָט האַפּאַראַנדע...

די ערשטע שטראַלן פון דער זון וואַרימען קוים. די לופט איז קיל; ס'פילט זיך שטאַרק די צפון־נאַטור. פון אומעטום קוקן ווידער אַראָפּ פעלזנבערג, אַזוי ווי אַרום כריסטיאַניע. ניעדריקע הילצערנע געביידעס מיט שינדל־דעכער זעען זיך דאָ און דאָרטן, ניט ווייט פון וואָקזאַל. דער וואָקזאַל איז אויך אַ הילצערנער, אַזוי ווי אַ צייטווייליק צונויפגעשלאָגענער געצעלט.

דאָ שמעקט שוין מער מיט רוסלאַנד. אַלע אָנגעשטעלטע ריידן רוסיש. פּאַסאַזשירן זיינען ניטאָ קיין סך. די אונטערזוכונג פון אונזערע זאַכן איז ניט קיין שטרייכגע. מער ניט מיט צרות קומט אָן ליטוואַק'ן אַרויסצוראַטעווען די מאַטריצן פאַר אַ זעצמאַשין, וואָס מיר פירן פאַר'ן „בונד". דער אונטערזוכער ווייס ניט וואָס דאָס איז אַזוינס; ער נעמט עס אָן פאַר געפערלאַכע

געצייג, און בלויז נאָך לאַנגע דערקלערונגען גלויבט ער אונז אויפ׳ן וואָרט און לאָזט עם דורך.

דאָ דערוויסן מיר זיך, אַז אונזער באַגאַזש, וואָס מיר האָבן ניט געפונען אין כריסטיאַניע, וואַרט שוין אַף אונז אַף דער פינ־לענדישער גרענעץ־סטאַנציע טאָרנעע, וואוהין מען דאַרף צופאָרן אויף אַ קליינעם דאַמפּפער.

אַפ׳ן דאַמפּפער קומט אונז אוים לאַנג צו וואַרטן.

דער „סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער״, וואָס האָט אונז פאַרגע־שלאָגן אויסצובייטן אַמעריקאַנער דאָלארס אויף רוסישע רובלס, דערשיינט פּלוצלונג פאַר אונז אין רוסישע אָפיצערישע קליידער, שוין מיט עפּעס אַ דאַמע פון פאַרדעכטיקן אויסזען; ער רעדט שוין גאָר פויליש און מיידט אוים צו באַגעגענען זיך מיט אונז אַפילו מיט די אויגן. פון זיין גאַנצער האַלטונג דערקונדיקן מיר זיך, אַז קוביליאַנסקי׳ס חשד האָט אַ גרונד...

דערווייל דערזעען מיר פאַר זיך אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אויף די טעלעגראַף־דראָטן באַוועגן זיך גרויסע קופּערטס מיט דער עמבלעם פון רויטן קרייץ; זיי באַוועגן זיך גאַנץ שנעל; מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס זיינען פּעקלאַך פאַר די רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס ווערן אַף אַזאַ אופן איבערגעשיקט פון פינלאַנד דורך דער נייטראַלער שוועדן.

אַ אידל מיט אַ גרוי געשאָרן בערדל און כיטרע אויגן, וואָס האַלט אין איין שושקען זיך מיט׳ן „סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָ־נער״, גייט אונטער צו אונז; ער פאַרגיט אונז אויך די זעלבע פראַגע: צי מיר האָבן אַמעריקאַנער דאָלארס, און כדי נושא חן צו זיין ביי אונז, זאָגט ער ארוים מיט אַ מאָדנעם ציניש גע־לעכטערל, אָנווייזנדיק אַף די באַוועגנדיקע קופּערטס אין דער לופט: „נו, דערמאָנט עס אייך ניט יענעם פויער, וואָס האָט אויפ־געהאַנגען אַ פּאָר שטיוול אַפ׳ן טעלעגראַף־סלופּ, כדי אַריבערצו־שיקן זיי זיין זון — דעם סאָלדאַט?״ ווען ער זעט, אַז זיין וויץ מאַכט אַף אונז קיין איינדרוק ניט, גייט ער צוריק אַוועק צום

„סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער" אוןביידע גיבן אַף אונז אַ וואָרף אַ בייזען בליק: שלעכטע העכט...

ענדלאך קומט אָן דער דאַמפּערל; מען קוועטשט צונויף די פּאַסאַזשירן, ווי הערינג אין אַ פאַס, און מיר שווימען אריבער אין טאָרנעע.

דאָ איז שוין דורכאוים רוסלאַנד. קיין פינער אויף אַ רפואה ניט. אַף יעדן שריט און טריט סאָלדאַטן, די מערסטע פון זיי אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע; פּראַנטישע אָפיציערן. באַם אריינ־גאַנג אין גרויסן הילצערנעם וואָקזאַל, ענלאך אויף אַן אַלט־מאָ־דישער קרעטשמע, טיילט אונז אוים אַ טשינאָווניק קאַרטן, ווייל אָן זיי קאָן מען ניט קריגן קיין ברויט. דאָ דערביי וואַלגערט זיך טאקע אויף הפקר אונזער באַגאַזש; מיר דערקאָנען אים גלייך, און אַ יונגער סאָלדאַטל מיט אַ סימפּאַטיש פּויעריש פּנים רופט זיך ארוים אריינצונעמען דעם באַגאַזש אין וואָקזאַל. ווען מיר ווילן אים דערפאַר באַצאָלן, באַליידיקט ער זיך: „ניין, חברים, — זאָגט ער, — איר זייט דאָך פּאָליטישע עמיגראַנטן, רעוואָלוציאָנערן, האַלט איך פאַר מיין חוב אייך צו העלפן".

מיר ריידן זיך מיט׳ן סאָלדאַטל פאַנאַנדער, און ער ווייזט זיך ארוים פאַר אַ באַוואוסטזיניקן סאָציאַלדעמאָקראַט, שטאַרק נעגויגט צום באָלשעוויזם. ער דערציילט אונז, אַז אין פּעטראָ־גראַד גרייט זיך אַן אויפשטאַנד קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג, ווייל זי פאַרציט די מלחמה; אויך אין פינלאַנד איז שטאַרק אומרואיק, און מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק דאָ, ס׳דרייען זיך ארום שפּיאָנען, וואָס זוכן צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן באָלשעווי־קעם; ניט איין עמיגראַנט האָבן זיי שוין אָנגעטאָן צרות...

מיר מוזן ווידער דורכגיין אַ רעוויזיע; נאָר אַלץ איז מיט חסד; מען קוקט פון אויבנאויף. דער אָפיציער, וואָס שטייט באַ דער אונטערזוכונג, וואָרנט אונז אָבער, אַז אין ביעלאָאָסטראָוו, דער לעצטער גרענעץ־סטאַנציע פאַר פּעטראָגראַד, וועט מען ביי אונז אַלץ דורכנישטערן, אפילו אונז פּערזענלאך. „אייך צווישן אונזערע דאָ זיינען פאַראַן גאַנץ אייפריקע בחורים, וואָס

האבן ניט קיין גרויס איינזעעניש מיט פאליטישע עמיגראנטן, נאר איך באלאנג ניט צו זייער לאגער, און ס'איז גראד גוט, וואס היינט איז מיין דעזשורסטווע, ווען ניט וואלט איר געהאט אומאנגענעמליכקייטן."

מיר זעען, אז ער איז אן אינטעליגענטער מענש מיט ראדיקאלע אנשויאונגען, און איך פרעג ביי אים, צי ער וויים וועגן דעם אינצידענט מיט באלאבאנאווא'ן. „א יא, — האט ער אויפגערעגט געענטפערט — דא איז א שענדליכער אינצידענט, א פלעק פאר דער רעוואלוציע; נאר, ליידער, איז דאס געווען א באפעל פון אויבן, און איר ווייסט דאך, ס'זיינען נאך דא גענוג אלטע זשאנדארן, וואס לעכצן פשוט נאך אזא שטיקל ארבעט..."

פאנאנדעררייידנדיק זיך מיט אונז, האט דער אונטערזוכונג־אפיציער מיט באדויערן באמערקט: איר האט זיך, דאכט זיך, צוגעאיילט: די עכטע רעוואלוציע הויבט זיך נאך איצט אן, און אונטערוואַרפן צו פארשיידענע געפארן און ליידן — ווייזט ער אן אויפ'ן קינד — אזא קליין צארט באשעפעניש, וויים איך ניט, צי איז ראטזאם...

ארויסגייענדיג פון וואקזאל, האבן מיר זיך אנגעשטויסן אויף א גרופע סאלדאטן, וואס האבן געלעזן מיט גרויס אויפמערקזאמקייט א רוסישע צייטונג; מיר האבן זיך געפרעגט, וואס איז דאס פאר א צייטונג און זיי האבן אונז דערלאנגט א פרישן נומער פון דער באלשעוויסטישער „וואלנא".

איינער פון דער גרופע, א רוס פון די מיטעלע יארן, האט ליטוואַק'ן דערקאנט נאך פון די אמאליקע צייטן פון פינסק. ליטוואק האט דעם רוס ניט געדענקט, נאר דאס איז געווען פאר אים אן איבעררראשונג. דער דאזיקער רוס האט טאקע געבעטן צו געבן עפעס פאר דער „וואלנא", און ווי מיר זיינען ניט געווען קעגן די באלשעוויקעס, האט דאך דאס הארץ ניט געלאזט אים אפזאגן...

אויפ'ן אפגיין פון צוג נאך פעטראגראד איז אויסגעקומען צוווארטן עטלאכע שעה. און מיר האבן די גאנצע צייט פאר־

בראַכט אין געשפּרעכן מיט די סאָלדאַטן; כּמעט אַלע אָהן אויס־נאַם זיינען זיי געווען באָלשעוויסטיש געשטימט און האָבן גע־רעדט מיט גרויס אינטערעס וועגן דעם אויפשטאַנד, וואָס ווערט דערוואַרט אין פּעטראָגראַד; דאָס וועט זיין, האָבן אייניקע פון זיי געזאָגט, דער ערשטער סיגנאַל; ס'פּלאַצט שוין דאָס גע־דולד, גאַרנדיס נאָכ'ן סוף פון דער מלחמה. בלויז לענין און טראָצקי קענען ברענגען דעם דאָזיקן סוף, קערענסקי איז אַ פּלאַפּלער...

אַנדערש געשטימט זיינען געווען די אָפיציערן. זיי האָבן געשאָלטן די באָלשעוויקעס אין ביין אריין און שטאַרק סימפּאַ־טיזירט מיט פּלעכאַנאָוו'ן און גאָץ'ן. אינטערעסאַנט זיינען פאַר אונז געווען די באַציאונגען צווישן די אָפיציערן און סאָלדאַטן. די לעצטע האָבן זיך געהאַלטן מיט די ערשטע אַזוי ווי גלייכע מיט גלייכע, האָבן אָן קיין שום מורא געלייענט פאַר זיי אין די אויגן „וואָלנאַ", אַפילו דיסקוטירט מיט זיי וועגן פּאָליטישע פראַגן, און ס'האָט זיך עפּעס ניט באַמערקט, אַז די אָפיציערן זאָלן זיך פילן דערפון געקרענקט; דאָס האָט אויסגעזען אַזוי געוויינלאַך.

איינער פון די אָפיציערן האָט אונז געבראַכט עטלאַבע קעסט־לאַך קאָנסערוון, — „דאָס — האָט ער געזאָגט — האַלטן מיר ספּעציעל פאַר די דורכפאָרנדיקע פּאָליטישע עמיגראַנטן: אין פּעטראָגראַד וועט דאָס אייך שטאַרק צוניץ קומען..."

נעבן אונזער וואַגאָן איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך. ער איז אַליין געווען אַ סיבירער פּויער, וואָס איז ניט לאַנג געקומען אַהער; ער האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן דער רעוואָלוציע; ער האָט אונז דערציילט, ווי אַזוי רואיק, אָן קיין שום צוזאַמענשטויסן איז אין סיביר איינגעשטעלט גע־וואָרן די נייע מאַכט; דאָס פאָלק האָט איינפאַך געטאַנצט אין די גאַסן פון שמחה, ווען עס האָט זיך דערוואוסט, אַז ניקאָלאַי איז אויס הערשער.

ס'איז געווען אַ פאַרגעניגען צו הערן, ווי אַזוי אָט דער

סאָלדאַט גיט איבער אין א פרימיטיווער שפּראַך זיינע איבער־לעבונגען און איינדרוקן, וואָס די היסטאָרישע איבערקערעניש האָט אַף אים, דעם פּראָסטן פּויער, געמאַכט; מען האָט באַ־שיינפערלאַך געזען, אַז זיינע אויגן האָבן זיך געעפנט. נאָך מאָדנע, ווי נאָר מיר האָבן באַ אים געפרעגט וועגן די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס פאָרן דורך סיביר, האָט ער זיך אינגאַנצן גע־ענדערט; — „דאָס זיינען אַלץ זשידעס" — האָט ער געענטפערט מיט אַן עכטן רוסישן זידל־וואָרט. אַף אונזער פאַרוואונדערונג, פאַרוואָס ער איז אַזוי אין כעס אַף די אידן, האָט ער בייז אַרויס־גערעדט: „זיי ווילן אומברענגען די רעוואָלוציע, איר וועט זען. באַ אונז אין סיביר רעדט מען וועגן דעם גאַנץ שטאַרק, מען שרייבט אפילו וועגן דעם אין די פּראָקלאַמאַציעס, און די זשידעס ברענגען דאָס בכיון אַראָפּ פון אויסלאַנד זייערע העלפער..."

אָן זיין פאַרטרויליכן טאָן איז קאָנטיק געווען, אַז אונז איז ער ניט חושד אין א שייכות צו אידן. פּאָרט א סיבירער פּויער: האָט נאָך ווייניק דערפאַרונג אין דעם פּרט...

דעם סאָלדאַט'ס ווערטער האָבן אונז, פאַרשטייט זיך, זייער ניט געשמעקט; ס'איז פון זיי געווען קלאָר, אַז די קאָנטר־רעוואָ־לוציע האָט שוין אָנגעהויבן פעסט צו אַרבעטן, און ווי אונזער שטימונג איז פריער ניט געווען געהויבן, איז זי איצט שטאַרק געפאַלן; מיר האָבן געפילט, אַז מיר פאָרן אריין אין רוסלאַנד שוין נאָך דעם „האָניק־חודש" פון דער רעוואָלוציע.

סוף פון ערשטן טייל.

.1
אויף דער רוסישער ערד.

מיר דערנענטערן זיך צו פעטראגראד.

דער צוג לויפט. אין פענסטער קוקט שוין אריין די ווייסע נאכט. אלץ ארום איז איינגעהילט אין א דורכזיכטיקן נעבל. דער נעבל וועיט, דאכט זיך, אראפ פון מרה־שחורה׳דיקן הימל, ער שפרייט זיך איבער די פארביישוועבנדיקע דערפלאך מיט די קליינע הילצערנע הייזלאך, פארבלאסט די לעצטע זונענשטראלן אף די איינזאמע קלויסטערס און דרינגט אריין אויף טיף אין הארצן.

אט איז די אלטע גוט־באקאנטע היימישע נאטור. איינארטיקע גרינע לאנקעס, לאנגע גרינע פעלדער מיט תבואה, דא און דארטן איינצלנע ביימער, סטאדעס בהמות מיט קליינטשינקע פאסטוכלאך און הינט, א רויך פון א פאנאנדערגעלייגטן פלאקער, און פון וויטן קוקט ארויס פאר׳חלומ׳ט א וואלד. פון ערגעץ וואו טראגט זיך א מעלאנכאליש ליד פון א פרויען־שטים אדער א פייפל, וואס דריקט אויס די מעלאנכאלישקייט פון דער ווייסער נאכט; די טענער פון ליד רייסן זיך אריין אין אפענעם פענסטער עפעס אזוי פלוצלונג און פונקט אזוי פלוצלונג ווערן זיי איבערגעריסן. און דער הימל ווערט אלץ מרה־שחורה׳דיקער; אט דערשיינט א שטיקל לבנה, נאר זי ווערט גלייך באדעקט מיט א לייכטן וואלקנדל, און פונקט אנטקעגן לעשט זיך אויס אזוי פאר׳יתומ׳דיק די זון; א שטראל אירער דרינגט נאך דורך אין קופע, גיט זיך א שפיגל אפ אף דער טיר און פארשווינדט שפורלאז. די גאנצע לאנדשאפט ארום איז שוין איינגעטונקט אין

בלאַסקייט; ס'איז ניט טאָג און ניט נאַכט, אפילו ניט בין השמשות. אַלץ צוזאַמען איז אויסגעמישט, און דער צוג לויפט ווייטער, שניידט דורך די בלאַסקייט און מען הערט שוין מער ניט ווי בלויז דאָס קלאַפּן פון די רעדער.

ריידן ווילט זיך ניט. יעדער איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען; אפילו מיין קליין זונעלע זיצט פאַרטראַכט; זיינע טיפע אויגעלאַך קוקן ערגעץ ווייט, ווייט, און איך ווייס ניט פאַר וואָס; ווען איך גיב אַף זיי אַ קוק, פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ. וואָס דערוואַרט דיך, קינד מיינס, אין דעם לאַנד פון דיינע עלטערן?— טראַכט איך פאַר זיך, און וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם, אַלץ שווערער ווערט אַפּ'ן געמיט. איך נעם מיין זונעלע צו זיך אַפּ'ן שויס, גלעט זיינע זיידענע לאָקן, און ער טוליעט זיך צו מיר, ווי אַ דערשראָקן שעפעלע. פּאַפּאַ, שיסט מען ניט דאָרטן? — פרעגט ער מיר פאַרזאָרגט. וואו? — פרעג איך. אין פּעטראָגראַד! — ענטפערט ער מיר. — אַט ליטוואַק דערציילט אין דער צווייטער קופּע.

ווירקלאַך, פון דער צווייטער קופּע הער איך ליטוואַק'ס שטים; ער דיסקוטירט עפּעס היים מיט'ן שכן און יענער טענה'ט אַלץ: דאָס איז דער אָנהויב פון סוף, פרייהייט האָט זיך זיי געוואָלט, האָבן זיי. איך גיי אַרויס פון קופּע. אין קאָרידאָר קומט מיר אַנטקעגן משה כץ; ער דערציילט מיר: ס'זיינען פאַראַן קלאַנגען, אַז אין פּעטראָגראַד איז אַן אויפשטאַנד, אַז פון נעווע באַשיסט די שטאָדט אַן עסקאַדרע; אַזוי האָט אונז איבערגעגעבן דער עלטסטער קאָנדוקטאָר. די נייס ווערט גיך פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצן וואַגאָן. אַלע גייען אַרויס אין קאָרידאָר, און איינער, אָנגעטאָן אין מיליטער־קליידער, שרייט אויס: לענינ'ס אַרבעט! איך זאָג אייך, אַט דער דייטשער שפּיאָן וועט אומברענגען רוסלאַנד. ס'הויבט זיך אָן אַ הייסער ויכוח; איך און מיין פרוי פאַרטיידיקן שטאַרק לענינ'ען; אַלץ, אַלץ, קיין דייטשער שפּיאָן איז ער געווים ניט. ליטוואַק און כץ זיינען אויך בא דער זעלבער מיינונג; די איבעריקע ווילן אָבער דערפון

ניט הערן, באזונדערס אייפריק איז אין דעם פרט לוריע, דער רעדאַקטאָר פון רוסישן האַנדלס־בלעטל אין סטאקהאָלם. פאַר אים זיינען אַלע דייטשע שפּיאָנען, ניט גאָר לענין אַליין, אַלע, וואָס פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. וואָס הייסט עס, דער המון זאָל ווערן דער כל וכל, זאָל ווערן מיט מיר אַ פּאַני־בראַט?...

איינער פון אונז ווייזט אים אָן, אַז ער רעדט ווי אַן אמת׳ער שוואַרץ־מאה׳ניק; ער ווערט אָבער דערפון ניט נתפעל; וואָלט זיך דאָס ווענדן אָן אים, וואָלט ער אויסגעראָטן אַלע רעוואָלוציאָנערן, איבערהויפּט דעם אידישן „בונד"; זיי רואינירן דאָך רוסלאַנד, זיי פאַרראַטן די אַנטאַנט, זיי צעשטערן די גאַנצע קולטור, די קולטור פון די אַדעליקע. איך באַמערק אים: פון וואָסערע אַדעליקע שטאַמט ער דאָס, ניט פון די שניפּעשקער? ער שטייט אָבער שטאָל און אייזן פאַר דאָס זייניקע און באַליידיקט זיך ניט פאַר קיין שום זאַך: יאָ, איך בין אַן אַדלמאַן, כאָטש מיט אַ אידישער נאָז, איך האָב אָבער מיט דער פאַרפלוכטער נאַציע קיין שום שייכות ניט, איך וויל רו, אָרדנונג, לוקסוס, און דאָס האָב איך געהאַט באַם אַלטן ריזשים. דעריבער בין איך קעגן דער רעוואָלוציע...

זיינע ווערטער רופן ארויס אנטריסטונג אפילו בא אייניקע קריסטן: איינער אַן עלטערער מענטש, זעט זיך אָן, אַ טיפּישער מאָסקווער „קופּעץ", אַ ליבעראַל, פאַלט אָן אַפ׳ן שניפּעשקער „אַדלמאַן": איך בין ניט קעגן דער רעוואָלוציע, זי האָט געמוזט אויסברעכן, ס׳איז מער ניט אַ פראַגע, צי עס וועט געלינגען איינהאַלטן די סטיכיע, אויב יאָ, וועט רוסלאַנד נאָך באַווייזן, וואָס זי קאָן...

די ווייסע נאַכט ווערט טונקעלער, דער הימל איז שוין אינגאַנצן פאַרכמאַרעט און אַלע צוגייען זיך אַף זייערע ערטער.

מיין זונעלע שטעלט מיר ווידער די פראַגע: שיסט מען דאָרטן? איך באַרואיק אים, זיינע אויגעלאַך זיינען אָבער פול מיט אַ טיפן אומעט; ער טוליעט זיך צו צו דער מוטער און ווערט אַנדרעמלט. ס׳דרעמלט אויך מיין פרוי, און קוקנדיק אַף זיי

ביידן, אַף זייערע געזיכטער, אויסגעמוטשעט פון לאַנגן וועג, ווערט מיר עפּעס אומהיימלאַך. אַט זיינען מיר שוין באַלד צוריק אין דער היים; יאָרן לאַנג האָבן מיר געטרוימט וועגן דעם מאָ־מענט, און איצט, אַז ער ווערט פאַרווירקלאַכט, פרעסט אַ שווע־רער שטיין דאָס האַרץ. איך דערמאָן זיך די ווערטער פון אונ־טערזוכונג־אָפיציער אַף דעם פינלענדישן גרענעץ, אַז מיר האָבן זיך צוגעאיילט אומצוקערן זיך, און נאָך מיט'ן קינד...

מיר האָבן די גאַנצע צייט וועגן דעם ניט געטראַכט, דער וועג איז פאָרלויפיק געווען כשורה, איצט אָבער דערהערנדיק וועגן די נייע אומרועו, איז געוואָרן קאַלעמוטנע אַף דער נשמה. דאָס איז געווען ניט קיין געפיל פון פורכט פאַר זיך אַליין, נאָר אַ געפיל פון טיפער פאָטער־ליבע, וואָס האָט אין דעם מאָמענט אָנ־געפילט אַלע אברים. איך האָב זיך דערביי דערמאָנט, אַז מיר פאַרמאָגן אפילו ניט קיין פיצל ברויט, אַלץ איז אויסגעגאַנגען, און אויב ווירקלאַך אין פעטראָגראַד איז אַן אויפשטאַנד, וועט דעם קינד גלייך אויסקומען צו דערפילן דעם טעם פון הונגער...

אַזוי בין איך געזעסן, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון די דרעמלענדיקע, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין רויש פון די רעדער הער איך אַ קינדיש געוויין, אַזאַ שטיל־נאָגנדיק געוויין, און אונטער דעם קלאַנג פון דעם דאָזיקן געוויין האָב איך אַליין איינגעדרעמלט...

מיט אַמאָל האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. אַ צאַנקענדיק ליכט האָט באַלויכטן די קופּע; דער שיין פון ליכט האָט זיך אויסגעמישט מיט דער בלאַסקייט פון דער ווייסער נאַכט און געמאַכט נאָך דעם אומעט דריקנדיקער. איך האָב אויפגעעפנט די טיר און ליטוואַק דער־לאַנגט מיר אַ נומער „רעטש": נאַט, לייענט! ס'ווייזט זיך ארויס, אַז אין פעטראָגראַד איז טאַקע אַן אויפשטאַנד, בלוטיקע שלאַכטן קומען פאָר אַף די גאַסן, דאָס פאָדערן די אַרבעטער איבערצוגעבן די מאַכט צו די סאָוועטן. מיין פרוי כאַפּט זיך אויף, איך גיב איר איבער די נייס, און מיר זיינען ביידע זייער

פאַרצווייפלט. וואָס וועט זיין, אַז דער וואָקזאַל ווערט באָמ־באַרדירט, וואו וועלן מיר זיך אהינטאָן מיט'ן קינד?

איינער פון אונזערע שכנים ראַט, מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן אין ביעלאָ־אסטראוו, ביז וואנען אלץ וועט זיך בארואיקן, ווייל אריינפאָרן מיט'ן קינד אין פעטראגראַד, ווען דער אויפשטאַנד קומט נאָך פאָר, איז א גרויסע געפאַר; מיר זיינען זיך וועגן דעם מישב מיט ליטוואַק'ן און כץ'ן און זיי ראַטן אונז אויך דאָס זעלבע. אלע זיינען אומרואיק, די שטימונג ווערט אלץ געדריקטער, און דער שניפּעשקער „אדלמאַן" וויצלט זיך: אהאַ, ס'ווילט זיך אייך רעוואָלוציעס...

ס'דערהערט זיך א פייף, און מיר שטעלן זיך אָפּ אף דער סטאַנציע ביעלאָאָסטראָוו.

דער וואקזאַל איז העל באַלויכטן. אומעטום שטייען קופּ־קעס מענטשן און לייענען מיט אומגעדולד די אָוונט־צייטונגען. ס'איז א געלאַף, א גערויש, אף אלעמענס געזיכטער ליגט אויס־געדריקט פאַרלאָרנקייט. מען הייסט אונז נעמען די זאַכן אין אונטערזוכונגס־צימער. אף אלע אונזערע פראַגן, וואָס הערט זיך אין פעטראָגראַד, קריגן מיר קיין ענטפער ניט. מיר וועקן אויף דאָס קינד; פון זיינע אויגעלאך זעט מען, אַז ער פילט די ערנסטקייט פון מאָמענט; עס שלעפּט זיך נאָך נאָך אונז מיט שווערע טריט; איך פרעג בא אים, צי ער איז הונגעריק, ער ענטפערט מיט א שאָקל פון קעפּל, און דאָס דאָזיקע שאָקל שניידט מיך, ווי א מעסער, ווייל איך האָב אים ניט וואָס צו געבן, אויסער א שטיקל שאָקאָלאַד; ער באַנוגנט זיך אָבער דערמיט. שלעפּנ־דיק זיך אַזוי מיט'ן קינד און מיט'ן באַגאַזש אין אונטערזוכונגס־צימער, ווייל א טרעגער איז געוועזן אוממעגלאַך צו קריגן, שטעלט אונז אָפּ א קאָנדוקטאָר, שוין אַן עלטערער מענטש, מיט א לאַנ־גער גרויער באָרד. ער פרעגט אונז, צי מיר זיינען פּאָליטישע אימיגראַנטן, און אויך ער דריקט אויס זיין באַדויערן, וואָס מיר זיינען געקומען נאָך מיט'ן קינד אין אַזאַ צייט אין רוסלאַנד; דערביי דערקלערט ער אונז אָבער, אַז דער אויפשטאַנד אין פעטראָגראַד

איז שוין באַם ענד און ער ראַט אונז ניט פאַרבלייבן אין ביעלאָ־אָסטראָוו, נאָר פאָרן גלייך אין פּעטראָגראַד; דאָרטן וועלן שוין אַף אונז וואַרטן מיטגלידער פון וויערא פיגנער׳ס קאָמיטעט, וואָס וועלן אונז באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן; ער רופט זיך אַרויס צו בלייבן מיט׳ן קינד ביז וואַנען מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט דער אונטערזוכונג; „ער מוז דאָך זיין הונגעריק, דער קליינ־טשינקער, איך זע אָן זיינע בלאַסע ליפּעלאַך, וועל איך אים אויך קריגן וואָס צו עסן. קיין סך האָב איך ניט, נאָר אַ פּוטער־ברויט מיט טיי; מיט וואָס רייך, דערמיט צופרידן" — האָט ער צוגע־געבן מיט אַ שמייכל. מיר זיינען זייער גערירט געוועזן פון דעם אַלטנ׳ס אויפמערקזאַמקייט, און האָבן אים האַרציק באַדאַנקט; ער האָט זיך אָבער געפילט באַליידיקט: „צו וואָס דאַנקען, איך בין אַן אַלטער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע, ניקיפּיראָוו איז מיין נאָמען, די פּעטראָגראַדער חברים קאָנען מיר גוט, און מיר וועלן זיך נאָך מסתמא צוזאַמענטרעפן אין דער אַרבעט; איך האָב אַ סך גוטע פריינט צווישן די אַריבערגעקומענע פּאָליטישע אימיגראַנטן; לענין איז אויך מיינער אַן אַלטער חבר! — האָט ער שטיל צוגעגעבן, אַרומקוקנדיק זיך, אַז קיינער זאָל ניט הערן.

מיר האָבן אָנפאַרטרויט דעם אַלטן אונזער זונעלע, און ס׳איז באמת געוועזן אַ רירנדיקע סצענע, ווי דער אַלטער מיט׳ן קינד אַף די הענט איז אוועק זוכן אַ באַקוועמען אָרט. דאָס קינד האָט גלייך דערפילט צו אים אַ צוטרוי, אַרומגעכאַפּט מיט די הענטלאַך זיין האַלז; מיר האָבן דאָס קינד געפרעגט, צי ער האָט קיין מורא ניט, האָט עס אונז מיט אַ שמייכעלע געענטפערט: דער זיידע איז אַ גוטער, ער וועט מיר היטן, ביז וואַנען איר וועט קומען. באַ מיין פרוי זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן...

דער אונטערזוכונגס־צימער איז געוועזן געפּאַקט. נאָכדעם, ווי אַ יונגער סטודענט האָט אונז געשטעלט אַ גאַנצע רייע פראַגן: פון וואַנען מיר קומען, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי מיר באַלאַנגען, וועד פון די באַרימטע רעוואָלוציאָנערן קענען אונז, האָט מען געהייסן באַזוכן אונז פּערזענלאַך און די זאַכן. לויט דער באַנעמונג

פון די באזוכער האָט מען וויניק געפילט די נייע ארדנונג; מען האָט דורכגענישטערט יעדע פיצל פּאפּיר, צוגענומען קראַגנס, טאָמער איז אַף זיי, חלילה, ניטאָ קיין קאָנספּיראַטיווע אויפשריפטן, פּאַנטאַן־פּעדערס, טאָמער איז אין זיי ניט באהאַלטן קיין דינאַמיט; באזונדערס אייפריג איז אין דעם פּרט געווען א הויכער קאָזאַק; מיר האָבן פּראָטעסטירט אויפ׳ן שאַרפסטן אופן פאַר אזא באַנעמונג, נאָר דער קאָזאַק איז דערפון וויניק נתפּעל געוואָרן, אפילו ווען אייניקע חברים זיינע, סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי, האָבן אים פאַרגעוואָרפן, אז מיט פּאָליטישע עמיגראַנטן דאַרף מען זיך באַגיין העפלאַכער, — זיי זיינען דאָך חברים. וואָס מיר חברים, ווען מיר חברים — האָט גראָב גענטפערט דער קאָזאַק — ווער ווייס, צי זיי זיינען ניט באָלשעוויקעס? און באָלשעוויקעס דאַרף מען אויסראָטן. — דערביי האָט ער זיך אויסגעזידלט אַף אַן עכט רוסישן שטייגער.

אזא אויפנאַם פון דער נייער „דעמאָקראַטיע” האָט אונז אפילו ניט זייער איבערראַשט, ווייל מיר האָבן געדענקט וואָס באַלאַבאַנאָווא האָט דערציילט, דאָך זיינען מיר אוועק קלאָגן זיך צום נאַטשאַלניק. ער האָט אונז אויך שטרענג געזאָגט: מאָלע, וואָס איר גיט זיך אָן פאַר מענשעוויקעס, אז אייך קען ליעוו דייטש, ליבער, דאַן און אנדערע. אפשר זייט איר גאָר לעניג׳ם אונטערשטופּער? אָהאָ, די פּאָליטישע עמיגראַנטן שטייען שוין אונז אָט דאָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין שפּיציקן גאָרגל און דערביי א דריי געטאָן צאָרנדיק זיינע גרויסע שפּיציקע וואָנצן. ווען מיר זיינען געגאַנגען צוריק צו אונזערע זאכן, איז אונז דער נאַטשאַלניק נאָכגעגאַנגען. דעם קאָזאַק האָט פאַרביטן א סאָלדאַט. דער סאָלדאַט האָט אונז שוין באהאַנדלט ווי א חבר און געוואָלט איבערלאָזן אַלץ ניט גערירט, אפילו די קראַגנס. דער נאַטשאַלניק האָט אָבער געמאַכט א גוואַלד, אז ער וועט דעם סאָלדאַט איבערגעבן צום געריכט פאַר איבערטרעטן דעם געזעץ, וואָס קערענסקי אליין האָט ארויסגעגעבן, און ער האָט אויסגעפירט; קוים מיט צרות איז געלונגען אויסצופועל׳ן בא אים, אז אַם וויניקסטנס

איין פֿאַנטאַן־פּעדער, וואס איך האָב געקראַגן אַלס אַנדענקונג פון חברים, זאָל ניט קאָנפיסקירט ווערן, נאָר ער זאָל זי איבערשיקן אין פּעטראגראדער „קאָנטר־ראזוועדקע".

דער סאָלדאַט האָט געקוקט מיט האס אויפ'ן נאַטשאַלניק, און ווען דער לעצטער איז אוועק, האָט ער זיך אָפּגערופן: א קאָנטר־רעוואָלוציאָנער; נישקשה, מיר וועלן אין גיכן פון זיי אַלעמען פּטור ווערן, אפילו פון קערענסקי'ן אַליין. דער אויפ־שטאַנד אין פּעטראָגראַד איז נאָר אַן אָנהייב! — און ארומ־קוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, האָט ער מיר אריינגערוקט אין האנט א פרישן נומער פון דער באָלשעוויסטישער צייטונג „וואָלנא".

ווען מיר זיינען ארויס פון אונטערזוכונגס־צימער, האָט שוין ביים טיר געוואַרט אף אונז דער אַלטער קאָנדוקטאָר מיט אונזער זונעלע. דאָס זונעלע האָט מיט פרייד דערציילט, אז דער זיידע האָט אים אָנגעקאָרמעט און אים געהייסן זיין א באָלשעוויק, ווען ער וועט אויסוואקסן; אונז האָט אפילו דער באָלשעוויזם דעמאָלט ניט זייער שטאַרק געשמעקט, דאָך האָבן מיר צום אַלטן געפילט א טיפע דאנקבאַרקייט פאר זיין שיינעם אויסדרוק פון מענטש־לאַכקייט, און ניט בלויז א דאנקבאַרקייט, נאָר אויך א טיפע אכטונג. מיר האָבן פאר זיך געזען איינעם פון יענע אַלטע קעמפער, וואָס גיבן צו אזא שיינקייט דער גרויזאַמער רוסישער ווירקלאַכקייט, און אונזער שטימונג האָט זיך א ביסל געענדערט: ס'קאָן זיין, אז דארויף האָט אויך געהאט א ווירקונג דאָס געפיל, וואָס דער צוקונפטיקער באָלשעוויק איז זאַט...

ביז'ן אָפּגיין פון צוג איז נאָך פארבליבן א מינוט פופצען; מיר האָבן זיך פאנאנדערגערעדט מיט'ן אַלטן און אונז האָט איינפאך איבערראשט זיין וואונדערבארער גלויבן, אז רוסלאַנד וועט די ערשטע פארווירקלאכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. אַלע אונזערע „מענשעוויסטישע" ארגומענטן האָט ער אָפּגעשטרייט קורץ און שארף, אין אן איינפאכער פאָלקס־שפראך, און דערביי האָבן זיינע אויגן געברענט מיט א יונגנטלאכן פייער. נאָר נאָענט האָט זיך פלוצלינג דערהערט אן אויסרוף: „לעבן זאָל די מאכט

פון די סאָוועטן!" און א הילכיקער הורא פון א גרויסן עולם.
דער אַלטער איז געוואָרן אומרואיק: „דאָס איז א מיטינג פון
אונזעריקע אויף יענער זייט וואָקזאַל, מען מוז זיך איילן!"
אף גיך האָט ער זיך מיט אונז אפגעזעגנט, א קוש געטאָן דעם
קליינעם חברה־מאַן אין שטערנדל און אונז צוגעוואונשן, אז מיר
זאָלן קעמפן אין די באָלשעוויסטישע רייען. דער קליינער חברה־
מאַן האָט מיט בענקשאפט נאָכגעקוקט דעם אַלטן און אומעטיק
געפרעגט: וועט דער זיידע קומען צו אונז? אָט די פראגע האָט
באַוויזן, אז אין דער יונגער נשמה'לע באַוועגט זיך עפּעס אזוינס,
וואָס איז פאר איר אינגאנצן ניי...

דער דריטער קלונג. דער צוג רירט זיך פּאמעלאַך, און נאָך
לאנג הערט זיך דער אויסרוף: „לעבן זאָל די מאַכט פון די
סאָוועטן!" און א הילכיקער הורא...

מיר זיצן אין קופּע, און דער בלאַסער שיין פון צאנקדיק
ליכטל ווארפט ווידער אָן א טיפן טרויער. באלד וועלן מיר זיין
אין פּעטראָגראַד. ס'גלויבט זיך ניט, אז דאָס ציל איז אזוי נאָענט,
נאָר דאָס הארץ איז אזוי אומרואיק. בילדער, איינס שרעקלאכער
פון צווייטער, מאָלן זיך פאר די אויגן: ס'שוועבן אומעטום טויט
און פארניכטונג, א קינדיש געוויין פילט, דאכט זיך, אָן די לופט,
און דער הימל איז צונטער־רויט פון לאנגע פייער־צונגען. איז דאָס
די בלוטלאָזע רעוואָלוציע? אלס ענטפער דארויף הער איך טאַקע
אף דער וואך אן אָפּהילך פון שיסעריי, און די אינערלאכע אומ־
רואיקייט ווערט נאָך גרעסער, די נערוועזקייט וואַקסט....

2.

דער אָפּקלאַנג פון יולי־אויפשטאַנד

ענדלאַך זיינען מיר שוין אין פּעטראָגראַד, אַפ'ן פינלענ־דישן וואָקזאַל.

פּוסט און לער איז ארום. די גרויסע פּלאַטפאָרם איז באַ־לויכטן פון איין דונקל עלעקטריש לעמפּל. ס'זעען זיך בלויז איינצלנע מענטשלאַכע פיגורן, וואָס בלאָנדזשען אַרום ווי שאָטנס הין און צוריק; צווישן זיי אָנגעכמורעטע סאָלדאַטן מיט ביקסן אַף די פּלייצעס.

אנטקעגן קומט אונז אַ חבר פון „בונד". ער דערציילט אונז, אַז אַזוי ווי מען האָט אונז דערוואַרט נעכטן, זיינען אונז געקומען באַגעגענען אַ סך חברים, אייניקע מיטגלידער פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון „בונד" און אַזוי אַלטע פריינט. היינט האָט אָבער אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, און ער אַליין האָט זיך איינגעפאַך מיט סכנות פאַר'ן לעבן דורכגעקליבן אַהער. ער האָט אונז פאַר קיין פאַל ניט געראַטן צו גיין אין שטאָדט מיט'ן קינד; ערשטענס, קאָן מען בשום אופן ניט קריגן קיין „איזוואָזשטשיק"; צווייטנס, קומט נאָך פאַר אַף די גאַסן אַ שיסעריי. מיר מוזן דעריבער בלייבן איבער נאַכט אַפ'ן וואָקזאַל. ליטוואַק און כ'א גייען אַוועק מיט'ן חבר אין שטאָדט; מיר, מיט דעם פאַרשטאָר־בענעם פּוילישן סאָציאַל־דעמאָקראַט קוביליאַנסקי און זיין ברו־דער, פאַרבלייבן.

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז פון וויערא פיגנערס קאָמיטעט איז קיינער ניטאָ, און דער נאַטשאַלניק פון סטאַנציע קאָן אויך פאַר אונז גאָרניט טאָן. אָנקלינגען עמיצן פון די באַקאַנטע איז אויך

אוממעגלאך, ווייל די טעלעפאָנען ארבעטן ניט. דאָס איינציקע, מיט וואָס דער נאַטשאַלניק קאָן אונז באהילפיק זיין, איז מיט א ביסל ווארים וואסער און מיט דערלויבן צו פארבלייבן אין ערשטן קלאַס.

דאָס קינד פאלט איינפאַך פון די פיס פון מידקייט און הונגער. מער, ווי אביסל ווארים וואסער און א שטיקל שאָקאָלאַד, קאָנען מיר אים אָבער ניט געבן. ; מיר לייגן אים, ווי ס'איז, איין אף א ווייכן באַנק, און אפ'ן הארצן איז ניט פרייליך. מיר זיינען אין ערשטן קלאַס ניט די איינציקע; דאָרטן געפינען זיך נאָך א צענדליק מענטשן, וואָס שלאָפן, זיצנדיק אף די בענק; צווישן זיי אַן אלטע פרוי, זייער רייך אָנגעטאָן; זי דערציילט אונז, אַז זי איז די ווייב פון דעם ניט-לאנג פארשטאָרבענעם רוסישן אמבאַסאַדאָר אין רוים און איז אויך אָנגעקומען פון סטאָקהאָלם מיט אונזער צוג. איך מאַך אַן אָרט פאר מיין פרוי אף א הארטן טיש, ניט ווייט פון קינדס געלעגער. די טירן פון ערשטן קלאַס ווערן פארשלאָסן; און איך מיט'ן חבר קוביליאַנסקי און זיין ברודער לאָזן זיך אוועק דורכ'ן דריטן קלאַס אין גאַס אריין, פיליכט וועלן מיר געפינען נאָענט א האָטעל און עפּעס שפייז פאר'ן קינד.

ווי נאָר מיר גייען ארויס אפ'ן גאַס, דערהערן מיר ניט ווייט א שיסן פון א קוילנוואַרפער. ארום איז קיין לעבעדיקע נשמה ניטאָ. אונזערע אייגענע טריט קלינגען אַפּ אזוי מאַוימדיק איבער די ברוק-שטיינער. פינסטער. דער הימל איז באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס; א קליין רעגנדל נעמט דורך מיט זיין פייכטקייט אלע ביינער, און דאָס שיסן הערט ניט אויף. מיר שטעלן זיך אָפּ א ווילע אין פארצווייפלונג: גיין ווייטער, צי ניט. מיטאמאָל דערהערן מיר א שטרענגן בייזער: „קטאָ טאַם?" ס'דערטראָגן זיך צו אונז שווערע פאַטרול-טריט, און פון דער פינסטערניש דערשיינען פאר אונז פינף גרויע פיגורן, דריי אָנגעטאָן אין אָפּגעריסענע סאָלדאַטן-קליידער און צוויי אין „פּאָדיאָווקעס" מיט לאַנגע שטיוול; אלע האלטן זיי ביקסן אף

די פּלייצעס, און באַם גאַרטל הענגען זיי צו רעוואָלווער און באַמבע; מיר שטעלן זיך אָפּ; ווען מיר ווייזן זיי אונזערע דאָ־קומענטן, אַז מיר זיינען פּאָליטישע עמיגראַנטן, הייבן זיי אָן צו אונז צו רעדן זייער פריינדלאַך, ווי צו חברים. מיר דער־ציילן זיי, וואָס מיר ווילן. איינער פון זיי גייט מיט אונז אוועק זוכן אַ האָטעל; ניטאָ אָבער קיין איין ליידיקער נומער. ווענן אַ שטיקל ווייס ברויט פאַר'ן קינד איז שוין אָפּגערעדט. דאָס איז בכלל אין פּעטראָגראַד ניט בנמצא. יעדער פון פּאַטרול באָט זיך אָן מיט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, און איינער פון זיי פילט זיך אמת גליקלאַך, ווען ער קאָן אָפּגעבן זיינע לעצטע צוויי שטיקלאַך צוקער. ווען איך זאָג זיך אָפּ דערפון, פילט ער זיך זייער באַ־ליידיקט: וואָס הייסט, חבר, איך וועל אויסקומען, נאָר דאָס קינד?

מיר דערוויסן זיך, אַז דער אויפשטאַנד איז נאָך ניט פאַר־ענדיקט; אַף מאָרגן דערוואַרט מען נייע בלוטיקע שלאַכטן; דער פּאַטרול איז אַ באָלשעוויסטישער, און דער קוילנוואַרפער, וואָס האָט פריער געשאָסן, איז אויך אַ באָלשעוויסטישער; דאָס האָט ער געענטפערט אַף אַן אַטאַקע פון קערענסקים אַ פּאַטרול. אַזעל־כע אַטאַקעס קומען פאָר אין אַלע טיילן פון שטאָט. וויפיל קרבנות זיינען געפאַלן, איז נאָך אומבאַוואוסט, אַלנפאַלס איז די צאָל אַ גאַנץ גרויסע.

חבר קוביליאַנסקי, אַליין אַ באָלשעוויק, פאַרפירט מיט'ן פּאַטרול אַ געשפּרעך; די סאָלדאַטן דערציילן אונז וועגן טראַצקיס רעדע צו די קראַנשטאַטער מאַטראָסן, און דערביי פרעגט אונז איי־נער, צי מיר האָבן געלייענט טראָצקי'ס בראָשור, ווי אַזוי מ'האָט אים, טראָצקין, לויט אַ באַפעל פון דער ענגלישער רעגירונג, אַרעס־טירט אין האַליפאַקס, אַפּ'ן וועג פון אַמעריקע. אַלע רעדן זיי וועגן לענינען און טראָצקין מיט באַגייסטערונג. בלויז די באָלשע־וויקעס זיינען אימשטאַנד, האָבן זיי גע'טענה'עט, מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, צו געבן דעם פאָלק שלום און ברויט; דער איצטי־קער אויפשטאַנד איז נאָר אַן אָנהויב, דאָס רעכטע געדיכטע

וועט נאך קומען, די מאכט מוז באלאנגען צו די סאוועטן, קיין אנדער אויסוועג איז ניטא.

דער דאזיקער געשפרעך איז מיר געווען זייער אומאנגענעם. איך האב ניט געגלויבט, געהאלטן פאר אן אומזין אט די אלע אויפריכטיקע רייד פון די פשוטע פאלקס־קינדער און געהאלטן זיי שולדיק פאר דעם, וואס מיין קינד וואלגערט זיך איצט א פארשמאכטער אף א באנק אין וואקזאל. פול מיט פארביטער־רונג האב איך זיך ארויפגעווארפן אף די באלשעוויקעס; קובי־ליאנסקי האט מיך געצויגן פאר'ן ארבל, איך זאל אויפהערן אזוי צו רעדן, ווייל ער האט מורא געהאט, דער פאטרול זאל מיך דער־פאר ניט ארעסטירן אדער נאך עפעס ערגערס טאן; די סאלדאטן האבן אבער געשוויגן, הגם זייער שווייגן איז געווען א גאנץ דרא־ענדיקס; אין דער פינסטער האט ארויסגעשיינט א בייז פייערל פון זייערע אויגן; ווען איך האב געענדיקט, האט זיך איינער אפגערופן גאנץ רואיק: „חבר, איר זייט פאראירט, איר וועט אפזיין אביסל אין רוסלאנד, זיך באקענען מיט דער לאגע, וועט איר אנדערש רעדן; טאקע דערפאר, וואס איר זייט נאר וואס געקומען, שאנעווען מיר אייך, זייט אבער ווייטער פארזיכטיק; דאס פאלק, די ארמיי איז צופיל פארביטערט, אז זיי זאלן קאנען דולדן אזעלכע פארדעטערישע דרשות; אייער גליק, וואס איר האט אנגעטראפן אף אונז, וואס קלייבן זיך אביסל טעארע־טיש פאנאנדער אין דער פראגע; טרעפט איר אבער אן אף אנדערע פשוטע אומוויסנדיקע סאלדאטן, וואס די נויט האט זיי באוויזן אז דער איינציקער אויסוועג פון אלע זייערע צרות און ליידן איז דער באלשעוויזם, וואלט איר זייער שלעכט אפגעשניטן, איר וואלט שוין אפשר מער אייער קינד ניט געזען... מיט'ן גדולד פון א פאלק שפילט מען זיך ניט!..."

ווי ווילד און ברוטאל ס'האבן מיר דעמאלט ניט געקלונגען די דאזיקע ווערטער, האב איך אבער געפילט זייער ביטערן אמת.

ווען איך האב זיך שוין געקליבן אוועקגיין, האט א סאלדאט געמאכט מיר א פארשלאג, אזוי ווי ס'וואלט גארניט פארקומען

צווישן אונז, אַז מיר זאָלן זיך דערווייל אריבערקלייבן צו זיי אין „פּאַטרולקע“, פּילייכט וועט אונז זיין באַקוועמער; די איב־ריקע האָבן אָבער ניט געראַטן, ווייל די „פּאַטרולקע“ איז זייער קליין, און די לופט איז אין איר אַ פאַרשטיקטע: דאָס קאָן זיך אָפּרופן שלעכט אפ׳ן געזונט פון קינד.

די זאָרג פון אָט די מלחמה־מענטשן וועגן קינד איז איינפאַך געווען אַ רירנדיקע; אין איר האָט זיך, דאַכט זיך, אויסגע־דריקט די גאַנצע שיינקייט פון זייערע נשמות.

דער פּאַטרול האָט מיך באַגלייט צוריק צום וואָקזאַל. דער הימל האָט זיך עטוואָס אויסגעלייטערט, און איצט האָבן זיך דייטליך אַרויסגעוויזן די אָפּגעלאָזענע פּעטראָגראַדער געביידעס, וואָס האָבן, דאַכט זיך, אַראָפּגעקוקט אין די פּוסטע גאַסן מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער אימה. די פיל פענסטער מיט די אויסגע־לאָשענע שויבן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אויסגערונענע אויגן־לעכער. אַלע ווײַלע פלעגט די לופט איבעררייסן דער פייף פון איין פּאַטרול צום צווייטן, און גאַנץ אָפט פלעגט אָפּהילכן אַ שיסעריי פון אַ ביקס אָדער פון אַ קוילנוואַרפער.

קובילאַנסקי מיט׳ן ברודער זיינען אַוועק אין „פּאַטרולקע“.

ווען איך בין צוריק אַריין אין ערשטן קלאַס, האָב איך גע־פונען מיין פרוי אַרומגייענדיק פאַרצווייפלט הין און צוריק אי־בער׳ן זאַל. אפ׳ן זעלבן פּלאַץ איז געזעסן דעם אַמבאַסאַדאָרס ווייב און זיך פאַראיינם גע׳צלמ׳ט; אירע ליפּן האָבן דערביי געשעפּטשעט אַ תפילה, נאָר אַזוי דייטלאַך, אַז מען האָט געקאָנט הערן די ווערטער מיט׳ן ניגון. מיר האָבן איינפאַך מקנא געווען די, וואָס האָבן געשלאָפן. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, ווי פון שכרות, און די נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אויפהער, אַזאַ לאַנגע, קוועלנדיקע נאַכט...

דער געדאַנק, וואָס וועט זיין מאָרגן, האָט אַוועקגערויבט בײַ אונז דעם שלאָף, זיינען מיר אַרומגעקראָכן פון איין ווינקל אין צווייטן און נאָכאַנאַנד געטראַכט, געטראַכט; יעדער גערויש פון גאַס פלעגט זיך אָפּרופן מיט אַן אומרואיקייט אין די הער־

צער. די נערוון זיינען געווען זייער אָנגעצויגן, און גאַנץ אָפּט איז אויסגעקומען צו קאָנטראָלירן זיך שטאַרק, כדי ניט צוזאַמענ־צוברעכן און פאַלן אין אָנמאַכט...

ס'הייבט אָן, ענדלאַך, צו טאָגן. די גרויקייט פון מאָרגנ־שטערן דרינגט אריין אין ערשטן קלאַס, באַדעקנדיק אַלץ, ווי מיט תכריכים. ניט קיין מענטשן זיינען דאָ, נאָר שאָטנס, שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך ניט, אַזוי ווי פאַרגליווערט אָדער אָפּגעשטאָרבן. צייטנווייז רייסט זיך אַרויס בא אימיצן פון שלאָף א זיפץ, און ס'הערט זיך אַלץ די תפילה פון דער אַלטער...

אָט דערזעען מיר פאַר זיך די פּעטראָגראַדער גאַסן. אַזעלכע שמוציקע אָפּגעלאָזענע זיינען זיי. פיל הייזער קוקן אויס, ווי חורבות, וואָס אָט־אָט פאַלן זיי איין. בא פאַרשידענע קראָמען שטייען לאַנגע שורות, הויפּטזעכלאַך פרויען, מיט קאָשיקעס און כלים אין די הענט. מיר פאַרשטייען, אַז דאָס זיינען די באַ־רימטע „אָטשערעדן“ נאָך ברויט און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן. די פרויען זיינען אַזוי אָרים און פאַרעלענט, פילע פון זיי בלויז הויט און ביינער; ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז צענדליקער פון זיי שטייען אָפּ אַזוי א גאַנצע נאַכט, כדי צו זיין די ערשטע אין ריי. איך גיי אַרויס, אפשר וועל איך קריגן ערגעץ אביסל מילך אָפּ־צוקוויקן דאָס פאַר'חלש'טע קינד, נאָר אומזיסט מיין מי; און דאָס קינד ליגט פאַרזונקען, ווי אין א לעטאַרגישן שלאָף, עס רירט ניט מיט קיין אבר...

ס'ווייזן זיך אייניקע פּאַסאַזשירן פון שטאָט; זיי דערציילן אונז, אַז ס'איז דערקלערט באַלאַגערונגס־צושטאַנד, און פיל בריקן, וואָס פאַראייניקן פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, זיינען פאַנאַנדערגענומען. איינער א אידישער אָפיציר מיט'ן נאָמען פיינשטיין, וואָס באַגלייט זיינע א שוועסטער קיין אַמעריקע, פאַראינטערעסירט זיך שטאַרק מיט אונזער לאַגע און ער נעמט זיך אָן צו באַגלייטן מיך אין טאַווריטשן פּאַלאַץ, דעם אָרט פון דער פריערדיקער „גאָסודאַרסטווענע דומע“, וואו איך האָף צו באַגעגנען באַקאַנטע. איך לאָז די פרוי אין גרויס פאַרצווייפלונג

און גיי אַוועק. קיין איין איזוואָזטשיק וויל ניט פאָרן צום טאַור־רישן פּאַלאַץ, ווייל דאָרטן איז נעכטן געווען דער צענטער פון אויפשטאַנד, און מיר מוזן גיין צופוס. אַפ'ן וועג באַגעגנען מיר פאַרשיידענע סאַניטאַרע אויטאָמאָבילן; פיינשטיין שטעלט זיי אָפּ, ער דערקלערט זיי, ווער איך בין, און בעט זיי נעמען מיך אונטערפירן; נאָר זיי זאָגן זיך אָפּ. איך פיל, אַז מיינע כחות גייען מיר אויס, די האָפנונג אָבער, אַז איך וועל אין טאַורישן פּאַלאַץ באַגעגנען באַקאַנטע, גיט מיר צו קוראַזש, און איך גיי ווייטער.

זייטיקע מענטשן זעט מען אין גאַס זייער ווייניק; אומעטום גייען אַרום פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן, און אַף פיל הייזער הענגען גרויסע מודעות פון דער צייטווייליקער רעגירונג, אַז דער אויפ־שטאַנד איז דערשטיקט, די שולדיקע וועלן קריגן זייער שטראָף, און דער עולם מעג זיך באַרואיקן, — מער וועלן אַזעלכע אומרוען ניט דערלאָזט ווערן; זיי זיינען די אַרבעט פון דייטשע שפּיאָנען...

וואָס נענטער מיר קומען צו צום טאַורישן פּאַלאַץ, אַלץ גע־דיכטער זיינען די גאַסן פון מיליטער. אומעטום זיינען פאַנאַנ־דערגעשטעלט לייוועגטענע לאַגער־ביידלאַך. בא פיל פון זיי ברענט אַ פלאַקער, און סאָלדאַטן קאָכן זיך אַף אים עסן. אַן אמת'ער מלחמה־פּלאַץ. מען שטעלט אונז אָפּ אַף יעדן טריט און שריט; און ווען איך באַווייז מיינע דאָקומענטן, לאָזט מען מיך דורך פריי.

פאַרביי לויפט דורך אַ שטאַרק באַוואַכטער אָפענער אויטאָ־מאָביל, פון פאָרנט און פון הינטן קאָזאַקן אַף פערד; פיינשטיין דערקלערט מיר, אַז דאָס פאָרן די מיניסטאָרן סקאָבעליעוו און צערעטעלי; אַף אַ זייטיקער גאַס באַגעגנען מיר אויך קוביליאַנסקי'ן מיט זיין ברודער. זיי פאַראייניקן זיך מיט אונז און דערציילן וועגן דער פאַרבראַכטער נאַכט אין „פּאַטרולקע"; זיי רעדן ביידע מיט באַגייסטערונג וועגן דעם אויפשטאַנד; דאָס איז, זאָגן זיי, אַ נייע רעוואָלוציע, די אמת'ע רעוואָלוציע, די סאָציאַלע, און אויב קערענסקי'ן מיט זיינע משרתים איז געלונגען זי צו

דערשטעקן, איז דאָס אָבער ניט אַף לאַנג. פיינשטיין, אַליין א רעכטער עס־ער, רעדט מיט שוים אַף די ליפּן וועגן דעם אויפ־שטאַנד און וועגן די באָלשעוויקעס. ער פאַרזיכערט אונז, אַז די גאַנצע געשיכטע איז ניט מער, ווי א פשוטע אַוואַנטיורע פונ'ם דייטשן גענעראַל־שטאַב, און ווען מיר וועלן אָפּזיין אביסל צייט אין פּעטראָגראַד, וועלן מיר זיך אַליין דערקונדיגן דאַרין. ער ווייזט אָן דערביי אַף די אויסגעשלאָגענע שויבן, אַף די אָפּ־געריסענע קאַרניזן פון די הייזער, אַף די דורכגעלעכערטע ווענט; דער נעכטיקער איין טאָג, באַמערקט ער, האָט געבראַכט מער קרבנות, אָנגעטאָן מער שאָדן אין פּעטראָגראַד אַליין, ווי די מערץ־רעוואָלוציע איבער'ן גאַנצן לאַנד. און וואָס מיינט איר, דאָס וועט אָפּגיין לעניגען און טראָצקין מיט זייער גאַנצער באַנדע אַזוי זיך גלאַט? האָט איר א טעות; פאַר זיי איז פאַראַן איין שטראָף: די תליה! דאַרויף באַמערקט קוביליאַנסקי: גיכער וועלן אַזאַ שטראָף כאַפּן די צאַצקעדיקע פאָרשטייער פון דער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס פאַרראַטן די אינטערעסן פון פאָלק. פיינשטיין פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט, ער כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער און שרייט אויס: „וועט איר ניט אַנטשוויגן ווערן, דערשיס איך אייך דאָ באַלד אפ'ן אָרט, ווי א הונט!" מיט מאַטערניש איז מיר אָנגעקומען צו באַרואיקן ביידע צדדים, הגם איך האָב סימפּאַטיזירט מיט פיינשטיינען; איך האָב זיך אָבער אין געשפּרעך ניט אַריינגעמישט, ווייל איך האָב זיך דערמאָנט די ווערטער פון דעם פּאַטרול־סאָלדאַט ביינאַכט: „מיט'ן גע־דולד פון א פאָלק שפּילט מען זיך ניט!" דאָס, וואָס אויך אַזאַ פּערזאָן, ווי פיינשטיין, קאָן זיך ניט קאָנטראָלירן, האָט אַף מיר געמאַכט זייער א שווערן איינדרוק...

אָט זיינען מיר שוין באַם טאַווּרישן פּאַלאַץ. ער איז אַרום און אַרום באַוואַכט פון סאָלדאַטן מיט קוילנוואַרפער און האַר־מאַטן; דאָ פעלן אויך ניט קיין געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן. דער טומל אַרום איז גרויס; מען לויפט; עס קלינגען שפּאָרן, שווערדן; מען שרייט, פייפט, און עכט־רוסישע קללות שוועבן

אַרום אין דער לופט. קופּקעסווייז שטייען סאָלדאַטן און לייענען ציַיטונגען, דיסקוטירן הייס צווישן זיך וועגן די געשעענישן; דערביי קנאַקט מען אָן אויפהער „סעמעטשקעס", וואָס מיט זייער שאָלאַכץ איז באַדעקט דער גאַנצער טראָטואַר, און מען לאָזט אַרויס אַ געדיכטן טיטון־רויך... אַ גרויסע רויטע פאָן מיט אַן אויפשריפט: „לעבן זאָל די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!" פלאַטערט אַראָפּ פון דאַך פון פאַלאַץ, און אַ געפיל פון ערפורכט כאַפּט מיך אַרום, ווען איך דערזע עס. איך דערמאָן זיך אָן די היסטאָרישע סצענעס, וואָס האָבן זיך פאַר די לעצטע פּאָר חדשים אָפּגעשפּילט אין די ווענט פון דעם דאָזיקן פּאַלאַץ און אַרום אים, און מיר דאַכט זיך, אַז זיין אויסערליכער אויסזען האַרמאָנירט ניט מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס די וועלט האָט באַקומען וועגן אים. עפּעס האָט ער געדאַרפט שטיין אויף אַ הויכן פּלאַץ און זיך אַרויסזען ווייט, ווייט מיט זיין גאָלדענעם דאַך; און דאָ איז גאָר אַ געוויינלאַכער פּאַלאַץ, וואָס מען קאָן באַגעגנען אַזוי אָפט אין פּעטראָגראַד. דעם אמת זאָגנדיק, בין איך געוועזן אַביסל אַנטוישט; דערצו האָט נאָך דער כמאַרנער טאָג אים צוגעגעבן אַ כמאַרנעם אויסזען, און ער האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאַזאַרמע...

מיט גרויס מי איז מיר אָנגעקומען צו קריגן אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין פּאַלאַץ. די פּראָצעדורע האָט געדויערט מער, ווי אַ שעה, און ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי שטאַרק נערוועז דאָס האָט מיך געמאַכט.

ענדלאַך האָט מען מיך אַריינגעלאָזט אינווייניק. איך גיי איבער די גרויסע זאַלן מיט'ן אָפּגעלאָזענעם גלאַנץ פון אַמאָל. מער ווי סאָלדאַטן זע איך אָבער ניט. אין אַ זייטיקן צימער איז אָפן די טיר; פיינשטיין דערקלערט מיר, אַז דאָס איז טשכעאידזעס קאַבינעט; איך הער פון דאָרטן הייזעריקע שטימען: דער־שטיקט איז דערשטיקט! און פּונקט, ווען איך קלייב זיך שוין אַריינגיין אין דעם דאָזיגן צימער, קומט מיר אַנטקעגן אַ יונגע פרוי מיט זייער אַ מידן אויסזען. איך פרעג באַ איר אויף אייניקע

פריינט. עס ווייזט זיך ארויס, אַז זי קען זיי אַלעמען פּערזענ־לאַך, נאָר זי דערקלערט מיר, אַז היינט וועט דאָ קיינער פון זיי ניט זיין ,ווייל אין גאַס איז נאָך זייער אומרואיק, און מ׳איז ניט זיכער, ס׳זאָל זיך ניט איבערחזרן דאָס זעלבע, וואָס נעכטן. זי פרעגט מיין פאמיליע און מיין פרוי׳ס, און זי דערציילט מיר, אַז מיין פרוי קען זי נאָך פון סיביר. זי האָט גלייך אָנגעקלונגען, און אין עטלאכע מינוט ארום איז געקומען א הויכער סטודענט, אויך מיט אַ מידן פּנים. זי דערציילט אים, וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך, און ער הייסט מיך גיין נאָך זיך.

מיר דרייען זיך איבער לאנגע קאָרידאָרן און זאלן; די אומאָרדנונג איז אומעטום א שרעקלאכע; אַף דער פּאָדלאָגע ליגן קופּקעס סאָלדאטן, צוגעדעקט מיט די שינעלן, און כראָפּן שטארק; אונז קומט אפילו אוים צו שפּרינגען איבער מענטשלאכע קערפּער. דער אומאנגענעמער ריח פון מענטשן־שוויים פארכאפּט דעם אָטעם. ענדלאך פירט מיך אריין דער סטודענט אין אַ קליין פינסטערן חדר׳ל. ס׳כראָפּן אויך דאָ אויף דער פּאָדלאָגע סאָלדאטן. מיר שווינדלט אין קאָפּ פון דער פארשטיקטער לופט. דאָ געפינט זיך א טעלעפאָן, וואָס ארבעט און איז דירעקט פארבונדן מיט דער שטאָט. דער סטודענט רוימט מיר אריין א סוד, אַז דאָס איז דער טעלעפאן פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי. ער קלינגט אין ווערא פיגנער׳ס קאָמיטעט, אז מען זאָל גלייך שיקן נאָך אונז אַפ׳ן וואָקזאַל א קארעטע. קיינער ענטפערט אָבער ניט פון דאָרטן. ער קלינגט אין אנדערע ערטער, און ווידער דער זעלבער גורל. דער סטודענט זעט מיין פארצווייפלונג און וויל מיר העלפן. ער לאַדט מיר איין צו טרינקען מיט אים טיי, דערצו האָט ער נאָך א שטיקל ברויט מיט פּוטער, וועט ער זיך מיט מיר טיילן; דאָס אלץ קריכט מיר אָבער אין קאָפּ ניט. מיר נעמען ווידער גיין איבער די קאָרידאָרן און זאלן. די יונגע פרוי קומט אונז אנטקעגן, און זי דריקט אוים גרוים באדויערן, וואָס זי קאָן גאָר ניט טאָן, ווייל די דעזשורעט איצט און זי קאָן זיך אַף א מינוט ניט אָפּרייסן; זי האָט שוין דריי נעכט ניט גע־

שלאָפן, דאָס זעלבע דער סטודענט; זיי פאַלן פשוט פון די פיס און האָבן ביז אהער ניט געהאט אין מויל אפילו קיין ביסל וואַרים וואסער.

איך באַשליס אַוועקצופאָרן זיך אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", אַף ניקאָלאַיעווער גאַס; ס'איז א היבשער מהלך, דערצו גיסט נאָך א שלאַגס רעגן, קיין אַנדער אויסוועג איז אבער ניטאָ. די פרוי מיט'ן סטודענט זעען צו קריגן פאַר מיר א פור אָדער איזוואָזשטשיק, נאָר אומזיסט.

דעם גאַנצן וועג האָט מיך פאַרנומען איין געדאַנק: וואָס וועט זיין, אז איך וועל אויך אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" קיינעם ניט טרעפן? און פון קאָפּ גייט מיר ניט אַרויס דאָס בילד, ווי אזוי מיין קינד ליגט א פאַר'חלש'טער אפ'ן וואַגזאַל...

צוויי דעם זייגער בייטאָג האָב איך זיך קוים דערשלעפּט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". צו מיין גרויס צופרידנהייט טרעף איך דאָרטן אבראַמאָוויטש'ן, ליטוואַק'ן און אַנדערע חברים, זיי וואַרטן שוין אַף מיר; די אויפנאַם איז זייער א וואַרימע, און איך פאַרגעס א ווייַלע מיין מידקייט, מיין פאַרצווייפלטע שטימונג. ס'ווייזט זיך אַרויס, אז ס'איז שוין אָנגעגרייט פאַר אונז א דירה באַ חבר דראַבקין, דעם פאַרוואַלטער פון „בונד'ס" דרוקעריי. אין גיכן קומט טאַקע צוגיין חבר דראַבקין אליין, און ניט מאַכנדיק קיין שהיות, גייען ליטוואַק און דראַבקין מיט מיר אַוועק צום וואַגזאַל.

אין שטאָט איז שוין מער אָדער ווייניקער רואיק. דער רעגן הערט אויף; ס'באַווייזט זיך די זון, און פּעטראָגראַד קריגט א פרייַלאַכן אויסזען. צום גליק קריגן מיר אויך אַן איזוואָזשטשיק. אפ'ן וועג דערוויסן מיר זיך אָבער, אז די בריקן זיינען נאָך אַלץ פאַנאַנדערגענומען, און עס איז אוממעגלאַך צו דערקלייבן זיך צום פינלענדישן וואַקזאַל; ס'בלייבט באַ אונז אַריבערצופאָרן אפ'ן פּראָם, כאָטש עס וועט אויסקומען זייער לאַנג צו וואַרטן, נאָר פאַרפאַלן, קיין ברירה ניטאָ. ווי מיר שטייען אזוי, דערוויסן מיר זיך, אז טראָאיצקער בריק איז ניט פאַנאַנדערגענומען, און כאָטש

עס קומט אוים אָנצולייגן וועג, וועלן מיר אלץ גיכער קומען, ווי וואַרטנדיק אפ׳ן פּראָם; מיר דערלייגן דעם איזוואָשטשיק א צענערל. זיין שוואַך פערדל שלעפּט זיך קוים. אַף טראָאיצקער בריק רינגלען אונז אַרום פּאַטרולן. ווידער אַן עסק מיט ווייזן דאָקומענטן. אַרום זעקס דעם זייגער קומען מיר ערשט אָן אַפ׳ן פינלענדישן וואָקזאַל.

מיין פרוי איז אין ערשטן קלאַס ניט געווען, זי איז אוועק זוכן מיטלען, ווי אזוי צונויפקלינגען זיך מיט׳ן שטאַט. דאָס קינד איז געלעגן א גע׳חלש׳טער, נעבן אים איז געזעסן אַן עלטערע פּויערטע און זיך גע׳צלמ׳ט, אַקוראַט ווי זי וואָלט אָפּגעשריען דאָס קינד. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיך געטרייסט, אַז מיין פרוי וועט באַלד קומען און דאָס קינד איז מער ניט א ביסל אָפּגעשוואַכט פון ניט דערעסן. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען מיין זונעלע צו דערמינטערן, ער האָט קוים געעפנט זיינע אויגעלאך, און האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט, אזוי ווי ער וואָלט מיך ניט דערקענט; ער איז געווען זייער בלאַס, זיינע הענטלאך האָבן געציטערט ווי אין פיבער; ער האָט אויפגעהויבן דאָס קעפל און איז ווידער אנידערגעפאַלן אפ׳ן באַנק אין אָנמאַכט. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, וואָס מיין פאָטערלאַך האַרץ האָט געפילט אין דעם מאָמענט. אין גיכן איז געקומען מיין פרוי. דערזעענדיק אונז, האָט זי זיך ניט געקאָנט באַהערשן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. פּאָרט אַ ווייבערשע נאַטור. אימיצער פון די פּאַסאַזשירן האָט אונטערגעטראָגן אַ גלאָז וואַרימע טיי מיט א שטיקל אויסגע־טריקנטע בולקע, און דאָס האָט איינפאַך דעם קינד אריינגעגעבן חיות...

ווען מיר האָבן זיך געטראָגן מיט׳ן איזוואָזשטשיק איבער די פּעטראָגראַדער גאַסן, האָבן מיר זיך דערפילט פרייער; אַ שווערער שטיין פון האַרץ איז אַראָפּגעפאַלן. די קופּאָלן פון די קלויסטערס האָבן געגלאַנצט אונטער די שטראַלן פון דער זון. די שטאָט האָט שוין געלעבט מיט איר געוואוינלאַך לעבן. דער נעכטיקער אויפ־שטאַנד האָט זיך נאָך אבער אַלץ געפילט אין דער לופט. אויף

א סך גאַסן האָבן זיך געזען פאַרבאַקענע לוזשעס בלוט, זיך געוואַלגערט דער׳הרג׳עטע פערד, צעבראָכענע בריטשקעס און וועגענער. קזשעשינסקי׳ס פּאַלאַץ, וואו ס׳איז געווען די באַלשעוויסטישע הויפּט־קוואַרטיר, איז געווען ארומגערינגעלט מיט א קייט פון פּאַטרולן. דאָרטן איז אַנגעגאַנגען אַן אונטערזוכונג און מען האָט קיינעם ניט צוגעלאָזט נאָענט. וואו ניט וואו זיינען געשטאַנען קופּקעס מענטשן און געלייענט די מודעות פון דער ציטוווייליקער רעגירונג.

פאַרבייפאָרנדיק צירק „מאָדערן", וואס איז געווען באַוואוסט אלס דער מיטינג־פּלאַץ פון די באַלשעוויקעס, האָבן מיר פאַר זיך דערזען א גרויסן עולם ארבעטער און סאָלדאַטן; עס האָבן זיך געהערט אויפגערעגטע שטימען, דראָאונגען אפ׳ן חשבון פון דער רעגירונג, און ניט ווייט פון דאַנען זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן איינס אפ׳ן צווייטן פאַרשידענע חפצים, אַן איבערגעקערטער טראַמוויי, ווי ס׳ווייזט אויס, א צעשטערטע באַריקאַדע....

די אינגלאַך מיט די אָוונט־ציַיטונגען האָבן פאַרהילכט די גאַסן: לעניִן אנטלאָפן, טראָצקי ארעסטירט, דער גאַנצער הויפּט־שטאַב פון די באַלשעוויקעס פאַרניכטעט! דער עולם האָט זיך אַף די ציַיטונגען ארויפגעוואָרפן, ווי הייזשעריקן, און אַף צו־להכעיס די רייטנדיקע קאָזאַקן מיט די אויפגערעגטע פּנים׳ער האָט זיך פון צייט צו צייט געטראָגן דער אויסרוף: „לעבן זאָל די מאַכט פון די סאָוועטן!" וואס האָט אָפּגעקלונגען ווייט, ווייט.

מען האָט באַשיינפּערלאַך געזען, אז דער קעסל פון דער רעוואָלוציע זידט און קאָכט, ער זידט און קאָכט אינוועניק, און איך האָב זיך ווידער דערמאָנט די נעכטיקע ווערטער פון פּאַטרול־סאָלדאַט: מיט׳ן גערולר פון א פּאָלק שפּילט מען זיך ניט!...

3.
אין א היימישער סביבה.

דראַבקין האָט געוואוינט אין צוויי אָרימע צימערן, מיט ציצ־בראָכענע מעבל, בא דער דרוקעריי פון „בונד". די צימערן האָבן אונז אָבער דאַמאָלסט אויסגעזען, ווי א גן־עדן; אבי מיר זיינען שוין אף אן אָרט, צווישן אייגענע...

אפ'ן לאַנגן הינקענדיקן טיש פון משותּלח'ס יאָרן האָט שוין געזאָדן א גרויסער געלער סאַמאָוואר, וואָס האָט מסתמא אויך געהאַט צו דערציילן א לאַנגן יחוס־צעטל. דאָ דערביי איז געלעגן אף א טעלער שווארץ ברויט און אביסל צוקער.

„אייער מזל — האָט דראַבקין געזאָגט מיט שמחה — גראָד איז היינט געווען א „ווידאַטשע", אַזוי האָבן מיר שוין פינף טעג גאָרניט געקראָגן. וועט איר פרעגן, ווי קומט מען אוים — הונגערט מען אונטער..."

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דראַבקין איז בכלל ניט קיין גרויסער אויסקלייבער; זיין פרוי מיט'ן קינד איז אף א זומער־וואוינונג, איז ער צופרידן, אַז ער האָט שוואָרץ ברויט. ניטאָ קיין צייט צו טראַכטן וועגן אַזעלכע נארישקייטן, ווי אכילה...

די קאָנסערוון, וואָס ס'האָט אונז געגעבן דער אָפיציר אין טאַרנע, זיינען אונז טאַקע גוט צונוץ געקומען. נאָכדעם, ווי מען האָט זיי אָנגעוואָרימט אף א פּרימוס־מאַשינקע, זיינען זיי פאַר אונז געווען די בעסטע פּאַטראַווע, א מאכל־מלכים. אונזער קליינער חברה־מאַן האָט פּשוט אָנגעקוואָלן פון הנאה...

ס'האָט פּאַסירט נאָך א גליק: אַן אָנגעשטעלטער פון דרו־

קעריי, אַן אַלטער חבר פון „בונד", האָט צו דער סעודה ביי־געשטייערט אַביסל משקה, עכטע זיבן־און־פופציקער, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו באַקומען. מען האָט זיך דערביי דערפילט אַזוי היימיש, אַז מען האָט אינגאַנצן פאַרגעסן די אַלע איבערלעבונגען פון די לעצטע טעג.

קיין פייער האָט מען ניט אָנגעצונדן; דורכ'ן פענסטער האָט אַריינגעקוקט די ווייסע נאַכט, איז מען געזעסן באַם קאָכיגן סאַמאָוואַר, דערוואַרימט פון טיי און פון די זיבן־און־פופציקער, און מען האָט אינטים געשמועסט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זייַען גאָר קיינמאָל ניט אַוועקגעפאָרן פון רוסלאַנד. ווידער דער זעלבער קרייז, די זעלבע סביבה, פונקט ווי מיט יאָרן צוריק אין די אומלעגאַלע צייטן, אף א חבר'שער „ליאַמע"...

ס'איז געקומען צוגיין מיר אַלטער פריינט און חבר ווירגילי. איך האָב פאַר זיך דערזען דעם אַלטן „טשודאַק" פון יאָר 1905, ווען מיר האָבן ביידע צוזאַמען געאַרבעט אין ווילנע; איך האָב זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט שטענדיק אַרומגיין מיט אַ „ברויניגג" אין הויזן־קעשענע, האָט האָלד געהאַט צו רעדן אָן אויפהער וועגן מאַרקסיזם, צו זיין דער ערשטער אף אַ געפער־לאַך שטיקל אַרבעט, צו „ליאַמעווען", פראַווען חסידישע דבקות און שלאָפן אַנדערש ניט, ווי אין די זאַכן: מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך, דאַרף מען זיין גרייט...

מאָדנע, ווי ער האָט זיך ניט געענדערט: דער זעלבער ענ־טוזיאַסט מיט די זעלבע חסידישע אייגנשאַפטן, מיט דעם זעלבן שטענדיק סאַרקאַסטישן שמייכל; ס'פּאַסט אים עפּעס ניט דער ווייסער קראַגן מיט'ן קראַוואַט, דאָס פינקטלאַך צוגעשאָרענע בלאָנדע בערדל: צו אַריסטאָקראַטיש פאַר ווירגילי'ן מיט דער קוטשמע האָר און בלויען העמדל; מען איז אָבער אַ פּאַרוואַלטער פון אַ גרויסער מיל, מוז מען אויסזען לייטיש...

איך דערוויס זיך, אַז די אַלע מעשיות, וואָס איך האָב זיך אָנ־געהערט וועגן ווירגילי'ן, זיינען ניט אמת. ער איז ניט געוואָרן קיין בעל־תשובה, ער האָט זיך ניט אומגעקערט צוריק אין בית־

המדרש אריין, ניט געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, נאָר געבליבן אַלץ דער פייערדיקער רעוואָלוציאָנער, פול מיט דעם אַלטן ראָמאַנטיזם פון „בונד“. איצט איז ער אַ הייסער פּאַטריאָט, פּלעכאַנאָוום אַ חסיד, און ער גייט אַוועק פריייווייליק אין דער אַרמיי צו העלפן קעמפן קעגן דייטשן אימפּעריאַליזם, וואָס איז די גרעסטע געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע...

דראַבקינען, וואָס איז אַלעמאָל געווען אַביסל אַנאַרכיסטיש־סינדיקאַליסטיש געשטימט, איז דאָס שטאַרק ניט געפעלן. ווען ער צעהיצט זיך, צינדט זיך אָן אין זיינע אויגן דאָס פייערל פון אַמאָליגן „איסער׳ן“, ווי ס׳איז געווען זיין פּאַרטיי־נאָמען, פון די אומלעגאַלע דרוקערייען, ווען אים פלעגט זיך איינגעבן אַ באַשטעלונג... אָט איז ער, דער זעלבער קאָנספּיראַטאָר, מיט׳ן פּנים פון אַ נזיר, און, דאַכט זיך, מיט אַ פרומען שמייכל אויף די ליפּן... אַזוי ווי ער הערט שלעכט, ווערט אונזער ויכוח גאַנץ הילכיק, מען צעהיצט זיך גאָר פיין: ווירגילי שילט איןביין אַריין די באָלשעוויקעס, דראַבקין שאַנעוועט ניט ליבער׳ן און דאַנ׳ען; מיר, די געסט, זיינען נייטראַל. אפילו ליטוואַק איז אַזוי גוטמוטיק געשטימט, אַז ער באַגייט זיך אָן שפּילקעס...

נאָר אָט ווערט דער ויכוח איינגעשטילט: ווירגילי ברומט אונטער אַ חסידיש ניגון, דראַבקין קנאַקט אונטער מיט די פינגער, און דאָס נעמט אַזוי אוים באַ מיין זונעלע, אַז ער דערמאָנט זיך אָן טשאַרלי טשאַפּלין...

ס׳פאַרדריסט אונז שוין אַ האָר ניט, וואָס מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

די חברים דערציילן וועגן דעם „האָניג־חודש“ פון דער רעוואָלוציע, און ס׳דאַכט זיך אונז, אַז דאָס אַלץ איז אַ חלום...

דער ערשטער מאַי. פּעטראָגראַד באָדט זיך אין אַ ים רויטע פאָנען. אומצייליקע אָרקעסטרען שפּילן „מאַרסעליעזע“ און „אינטערנאַציאָנאַל“, באַגלייט פון אַ טויזנט־קעפּיקן כאָר. הונדערט און איין מאָל סאַלוטירן האַרמאַטן, און אַלץ טאַנצט, אַלץ זינגט: די מענטשן, די גאַסן, די הייזער; פאַראויס די אַלטע

גרייז־גרויע קעמפּער, און הינטער זיי, אַף מיילן ווייט, די רעוואָ־לוציאָנערע אַרמיי אין איין ריי מיט קינד און קייט. פון די פענסטער, באַלקאָנען און דעכער וואַרפט מען מיט בלומען, מיט לעבעדיקע בלומען, און ס'באַקומט זיך אַ לאַנגער, לאַנגער, בלומען־מאַרש. און ביינאַכט — פייערווערק, וואָס צינדן אָן די הימלען אַזש, אַ לופט, פול מיט הורא־יובל, וואָס רייסט זיך פון יעדנס האַרץ...

ס'איז ווערט געווען — זאָגט אימיצער — צוליב דעם איין טאָג אַליין אַזוי פיל צו ליידן, אַזוי פיל קרבנות צו ברענגען...

מיר פילן דאָס זעלבע, און ניט ווילנדיק דערוועקט זיך אַ פראַגע: וועלן מיר אַליין נאָך איבערלעבן אַזעלכע מאָמענטן?

די חברים דערציילן ווייטער.

מען גייט אַריבער צו איינצעלנע פּערזאָנען. ליטוואַק וויל וויסן יעדע קלייניקייט פון דעם אָדער יענעם חבר, אפילו וועגן פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן, וועגן חתונות און בריתן, ליבעס און גט'ן. ליטוואַק'ס שטענדיקע שוואַכקייט. דערביי אינפאָרמירט ער שוין וועגן פיל חברים, וואָס זיינען אין אַמעריקע, מיט אַזעלכע דעטאַלן, אַז ס'איז זאָגאַר פאַר מיר ניי; ס'אַנטפּלעקן זיך פאַר מיר גאַנצע פּעק פרעמדע פאַמיליע־סודות...

פון ווירגילי'ס און דראַבקינ'ס דערציילונגען באַקומען מיר אַ בילד פון אונזער גאַנצער משפחה אין רוסלאַנד: ווער איז גע־בליבן טריי דער באַוועגונג אין דער צייט פון רעאַקציע, ווער איז אַוועק, האָט זיך באַזייטיגט, איז געוואָרן אַ פּריוואַטער בירגער, וואָס איז מיט יעדן פון זיי איצט. וועגן די, וואָס האָבן זיך בשעת דער רעאַקציע דערווייטערט, רעדן אַלע מיט גרינג־שע־צונג. ליטוואַק איז קעגן זיי שטאַרק פאַרביטערט; זיינע ווער־טער זיינען בייסיק, פול מיט גאַל. ער האָט אָן אַ שיעור מעשיות וועגן די דאָזיקע „נפשות“, ווי ער רופט זיי, מעשיות, וואָס שילדערן זייער קליינלאַכקייט, זייער פּחדנות, זייער ביליקן קאַריערִיזם. אין די פינסטערע יאָרן פלעגן זיי אַ חבר ניט וועלן דערקענען, ניט אַרויפלאָזן אפ'ן שוועל, ווייכן פון אַלץ,

וואָס שמעקט מיט רעוואָלוציע, ווי אַ שד פון ווייַרויך. ווען ליט־וואַק דערוויסט זיך, אַז אייניקע פון זיי זייַנען ווידער טעטיק, קרימט זיך אוים זייַן גאַנצער פּנים פון פאַראַכטונג און כעס: מען טאָר זיי אפילו די האַנט ניט דערלאַנגען...

ביסלאַכווייַז אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע וועגן די אויסזיכטן פון דער רעוואָלוציע בכלל. ווירגילי איז שטאַרק פּעסימיסטיש. דער נאַר־וואָס דערשטיקטער אויפשטאַנד האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע פריערדיקע אילוזיעס. די רעוואָלוציע גייט באַרג־אַראָפּ; די באָלשעוויקעס שטופּן זי אויף דעם וועג. דראַבקין דענקט אַנ־דערש. ביז אַהער איז, אין גרונט גענומען, קיין רעוואָלוציע ניט געווען. דאָס איז געווען אַ „פּיקניק"; ערשט איצט הייבט זיך אָן דאָס רעכטע געדיכטע; די סטיכיע צעבושעוועט זיך, זי ראָט אוים דאָס ווילד־גראָז, און דאָס מוז פירן צו אַ פירכטלאַכן ביר־גער־קריג, מיט ימים בלוט. ס'איז אומפאַרמיידלאַך...

ס'ווערט אומהיימלאַך פון דער דאָזיקער פּערספּעקטיוו. און ווען מיר דערמאָנען זיך אָן דעם, וואָס מיר האָבן געזען אויף די פּעטראָגראַדער גאַסן, פאַרנדיק פון וואָקזאַל, פאַרשטייען מיר, אַז דראַבקין איז גערעכט: דער „פּיקניק" האָט זיך געענדיקט...

אַזוי ציען זיך שעה'ן און שעה'ן. מען ווערט גאַרניט מיד רעדנדיק. פאַר די יאָרן, וואָס מ'האָט זיך ניט געזען, האָט זיך דאָך אַזוי פיל אָנגעקליבן, און ס'ווילט זיך פאַר אַ מאָל אַלץ דער־וויסן און אַלץ אויסדערציילן...

זייער שפּעט זייַנען מיר אוועק אויף אונזערע געלעגערס. מיר האָבן געהאַט שטאַרק צו קעמפן מיט די צעבראָכענע אייזער־נע בעטן, איידער מיר האָבן זיך, ווי ס'איז, „איינגעמאַשטשעט". באַ יעדן ריר פלעגן זיי קרעכצן, ווי אַלטע לייט, און מ'האָט זיי געמוזט אונטערשטופּן מיט טשעמאָדאַנעס און קאָרזינעס, אַז מ'זאָל ניט בלייבן ליגן אויף דער ערד. מיר זייַנען אָבער געווען צופרידן, וואָס מ'קאָן כאָטש אויף אַזאַ אופן אויסגלייכן די מידע ביינער... אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך אין קאָפּ געפלאָנטערט פאַר־שידענע געדאַנקען און בילדער. פון די אַלע איבערלעבונגען און

אַנגעהערטע דערציילונגען איז אויסגעוואַקסן אַ קאָשמאַר. געזאַנג מיט געוויין, פריד און טרויער מישן זיך אויס, און מיר דאַכט זיך, אַז איך לעב איבער דאָס זעלבע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט מיט צוועלף יאָר צוריק אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין דער נאַכט, ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון וואַרשעווער פעסטונג. אין האַרצן זינגט עס, נאָר איך שפּיר, אַז עמיץ לויערט איבער מיר, גייט מיר נאָך שריט נאָך שריט. ווער איז דער עמיץ, ווייס איך ניט, איך פיל אָבער זיין אָטעם, און איך ווער אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט, אַזוי ווי פון אַ שרעקלאַכן ווייטיק...

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — פרעג איך זיך אַליין, און קאָן קיין ענטפער ניט געפינען.

איך בין דאָך צוריק אין דערהיים, צווישן אַלטע פריינט און חברים. פאַר מיר איז אָפן אַ נייע וועלט, אַ פרייע וועלט, נאָר פאַר מיינע אויגן שוועבן אַלץ די פאַרבאַקענע לוזשעס בלוט אפ׳ן גאַס, און אין די אויערן קלינגט מיר אַלץ דאָס אומעטיקע שטימעלע פון מיין זונעלע: פּאַפּאַ, שיסט מען דאָרטן?

איך ווער וואַך און דערהער טאַקע אַ שיסעריי. זי רייסט זיך אַריין אַזוי פּלוצלונג אין דער נאַכט־שטילקייט, פּונקט ווי נעכטן אין דער צייט, ווען איך בין אַרומגעקראָכן איבער׳ן וואָקזאַל אין פאַרצווייפלונג.

האָב איך ניט געהערט די זעלבע שיסעריי מיט צוועלף יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך געשלעפּט פון טורמע מיט מיין קולמיק איבער די וואַרשעווער גאַסן?

אויך דעמאָלט האָבן מיך און די איבריקע באַפרייטע חברים באַגלייט פריינטלאַכע בליקן פון סאָלדאַטן, די זעלבע סאָלדאַטן האָבן אָבער דערנאָך די רעוואָלוציע דערשטיקט. וועט ניט פּאַסירן אַזוינס אויך איצט? ווער ווייס?

„די זשידעס וועלן די רעוואָלוציע אומברענגען" — הילכן מיר אָפּ די ווערטער פון סיבירער פויער אפ׳ן פינלענדישן גרעניץ, און דער קאָשמאַר פאַרשטאַרקט זיך אַלץ. מען שיסט און

מען שיסט, קוילן לעבערן דורך ווענט, אָט טרעפן זיי מיין פרוי, מיין קינד... און פון שלאָף הער איך, ווי אַ באַקאַנטע שטים וועקט מיך: וואָס איז מיט דיר, וואָס האָט זיך דיר גע׳חלומ׳ט?

ווען איך עפן מיינע אויגן, דערזע איך, אַז אין צימער איז אָנגעצונדן פייער, און מיין פרוי שטייט נעבן מיר אַ דערשראָקענע; מיין זונעלע זיצט אפ׳ן בעט אַ פאַרוויינטער. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב פון שלאָף שרעקלאַך געזיפצט און עפּעס געדעדט אַזעלכע מאָדנע ווערטער: טויט, שיסן, זשידעס...

דאָס צימער מיט די צעבראָכענע מעבל האָט מיר איצט אויסגעזען אַזוי פרעמד. איך האָב זיך לאַנג ניט געקאָנט אָריענטירן, וואו איך געפין זיך; און ניט געשלאָפן האָט זיך שוין קיינעם פון אונז; די שיסעריי האָט ניט געלאָזט, מיר זיינען נאָך דעמאָלט דערצו ניט געוואוינט געווען, און מיר האָבן געמוזט טרייסטן דאָס קינד, אַז דאָס איז גאָרניט. דאָס קינד האָט געקלאַפּט מיט די ציינדלאַך און זיך אַזוי ציטריס געטוליעט...

4.

מיטן אידישן דראַמאַטורג א. ווייטער אַף די פּעטראָגראַדער גאַסן.

די דרוקעריי פון „בונד" האָט געדאַרפט אריבערגיין צו דער „פאָלקס־פּאַרטיי", וואָס האָט זיך געקליבן ארויסגעבן א טעגלאַכע אידישע צייטונג מיט'ן נאָמען „פאָלקס־בלאַט". אין דעם זעלבן קאָרידאָר האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון דער צייטונג.

דאָס איז געווען א גרויסע, שיין־אויסגעפּוצטע דירה, איינגעאָרדנט גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער, ווי די אַמעריקאַנישע אידישע רעדאַקציעס. אז מ'איז אריין אהער, האָט מען גלייך דערפילט דעם אונטערשייד צווישן דער אידישער קולטור־אומגעבונג אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. אין אַלץ, — אין די מעבל, אין דער אויסשטאַטונג פון רעדאַקטאָר'ס קאַבינעט, פון די צימערן פאַר די מיטאַרבעטער, — האָט זיך גיט ארויסגעזען דער מגושם'דיקער גוסט פון אַן אויפגעקומענעם נגיד, וואָס האָט האָלד זיך אויסצופּיינען מיט זיין עשירות. אַנשטאַט דעם האָט זיך דאָ געשפּירט דער איינגעבוירענער געשמאַק פאַר באַקוועמלאַכקייט און רחבות פון א באַשיידענעם יחסן.

דאָ פלעגט זיך דאָס צוזאַמענקומען פיל באַרימטע אידישע שרייבער, וואָס האָבן געדאַרפט מיטאַרבעטן אין דער צייטונג, צווישן זיי די מיטגלידער פון רעדאַקציע: ש. ניגער, ש. ראָזענפעלד, רעדאַקטאָר פון געוועזענעם טעגלאַכן „פריינד", און א. ווייטער.

מיט אייניקע פון זיי האָב איך זיך טאַקע באַגעגנט אַף מאָרגן אינדערפרי.

מיט ניגער׳ן האָב איך זיך פון פריער ניט געקענט. ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויסגעבאַליעטן משכיל׳ישן יונגנמאַן, וואָס האָט אין זיך אַ סך עניוות, נאָר אויך אַ סך גדלות, וואָס איז שטאַרק איינגעגלויבט אין זיך און האָט מורא, אַז אַ שפּרינקעלע זאָל פאַלן אויף אים. אונז איז אפילו אויסגעקומען ווייניק צו רעדן, נאָר פון זיין גאַנצער האַלטונג, פון די עטלאַכע באַמערקונגען, וואָס ער האָט געמאַכט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער באַציט זיך זייער סימפּאַטיש צו דער רעוואָ־לוציע, נאָר איז ניט אימשטאַנד באַגייסטערט צו ווערן פון איר; עפּעס איז אים די רעוואָלוציע מיט איר גאַנצן פאַרנעם דאָך פרעמד; זי איז צו־רווישיק און קאָכיק פאַר זיין משכיל׳שער נשמה, וואָס האָט מסתמא ליב רואיקייט און שטילקייט, אַ געמיטלאַכן קאַבינעט מיט אַ וואַרימען קאַמין...

מיט ש. ראָזענפעלד׳ן בין איך אויך ניט געווען באַקאַנט פון פריער. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ קלוגער מענטש, נאָר ניט אויפריכטיק, כיטרע. דאָס האָב איך גלייך דערשפּירט פון זיין קוק מיט איין אויג, פון זיין שמייכל. הגם ער האָט גע־רעדט מיט באַגייסטערונג פון דער רעוואָלוציע, האָט מען גע־קענט פילן, אַז מען קאָן זיך אויף זיין באַגייסטערונג ווייניק פאַר־לאָזן. וועט ניט לוינען, וועט ער זינגען אַן אַנדער לידל...

שטאַרק איבערראַשט האָט מיך א. ווייטער. מיר זיינען געווען נאָענט באַקאַנט נאָך פון די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער איז געווען אין זיין פולן רעוואָלוציאָנערן רום; מיר האָבן זיך אייניקע מאָל דורכגעשריבן, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע.

איך האָב אפילו געוואוסט, אַז ווייטער איז אויס רעוואָלו־ציאָנער, אַנטי־סאָציאַליסט, אַז זיין אידעאַל איז געוואָרן דאָס גרויע אידנטום, דער אַלטער בית־המדרש, וואו ער האָט געזוכט אַ תשובה אויף זיינע חטאת נעורים. איך האָב געוואוסט, אַז צו־פעליק איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר, פון וואַנען די רע־וואָלוציע האָט אים באַפרייט, און דאָרטן האָט זיך נאָך זיין תשובה־שטימונג פאַרשטאַרקט. איך האָב זיך אָבער פאַר קיין

פאל ניט פארגעשטעלט, אז דער אמאליקער וויטער, וואס איז אויסערלאך אזוי ענלאך געוועזן אף לאסאל'ן, זאל אזוי אפגע־בלאקירט ווערן.

ווען ער איז צוגעגאנגען צו מיר דאס ערשטע מאל, האב איך אים וועסט ניט דערקענט. דערקענט איר ניט אראנ'ען? — האט ער מיך געפרעגט, און איך האב לאנג אף אים געקוקט. זיין אמאליקע שטאלצע שלאנקע פיגור איז עפעס ווי איינגעשרומפט געווארן, ניטא מער דער שיינער קאפ האר, וואס האט אים אזוי אויסגעטיילט צווישן אלע איבריקע, אפילו די שטים איז ניט די זעלבע. א שאטן, מער ניט ווי א שאטן פון אמאליקן וויטער,— אלעקסאנדער פון זיין דראמע „דער שטומער"...

מיר האבן זיך פאנאנדערגערעדט, און איך האב באמערקט, אז וויטער'ן איז אומאנגענעם, ווען מיר דערמאנען די אלטע צייטן. אף מיין פראגע, צי איז ער פארבונדן מיט דער „פאלקס־פארטיי", האט ער מיר געענטפערט: וואס האב איך צו טאן מיט פארטייען? פון דעם וויטערדיקן געשפרעך האט זיך ארויס־געוויזן, אז ער האלט פון דער „פאלקס־פארטיי" זייער ווייניק. דאס איז אין גרונד גענומען אן אמעריקאנער בלאף, מענטשן באשאפן פאר זיך א קלייזל און ווילן איינרעדן די וועלט אז זיי גייען ארגאניזירן די פאלקס־מאסן. מאכן די אידישע הענדלער און קרעמער פאר ניצלאכע בירגער.

איך ווייז אים אן, אז אזא פארטיי איז גראד נויטיק. דער אידישער ארבעטער איז ארגאניזירט אין „בונד", די אי שע גרויס־בורזשואזיע האט אירע ארגאניזאציעס, פארטייען, דארף דער אידישער מיטלמענטש, דער קליינבירגער, אויך זיין ארגא־ניזירט; די „פאלקס־פארטיי" קאן דעריבער האבן א צוקונפט. וויטער וויל אבער דערפון ניט הערן: מיר זיינען א צעשטויבט פאלק, ניט ווי אנדערע פעלקער, ניטא בא אונז קיין קלאסן, דאס איז אן איינגערעדטע זאך; מיר האבן אן איינהאטלאכן אידישן כלל, די ניט־צעטיילבארע עדה, און ס'איז פאראן איין קראפט, וואס קאן איינהאלטן דעם קיום פון דער דאזיקער עדה — דאס

איז די אַלטע אידישע קולטור, דער בית־המדרש, אויב איר ווילט. פארשווינדט דאָס, איז מער ניטאָ קיין אידיש פאָלק... די רע־וואָלוציע, איך וויים ניט, פאר די גויים איז זי אפשר גוט, פאר די אידן — צווייפל איך; ווארט, זי וועט נאָך ווייזן אירע נעגל...

מיינע ארגומענטן ווירקן ניט. ווייטער׳ס פעסימיזם איז אזא פינסטערער, זיין נאציאָנאליזם אזא קאָנסערוואטיווער, אז דער גאנצער געשפּרעך מאכט אן אומגעהויער שווערן איינדרוק. בא זיך אין הארצן גיב איך אף ווייטער׳ן א מאך מיט דער האנט: אויסגעשפּילט, אָפּגעלעבט.

אזוי ווי ער וואָלט פארשטאנען, וואָס איך טראכט, רעדט ער ארוים: וועט איר פרעגן, וואָס איז מיין ציל אין לעבן, זאָג איך אייך, אז איך האָב קיין ציל ניט. אי, איך גיי, ארבעט, רעג זיך אויף, טאָ וואָס זאָל מען טאָן, ליגן אפ׳ן בעט און שפּייען אין סטעליע אריין? איך גלויב אפילו ניט, צי איך בין שוין בכח עפּעס רעכטס אָנצושרייבן. איך ווער אין „פאָלקס־בלאט" א האנט, מעג איך הייסן מיט־רעדאקטאָר, און פארטיק. פארוואָס אין „פאָלקס־בלאט" און ניט אין דער בונדישער פּרעסע? פאָרט א פרייערע טריבונע, קאָר ארויסזאָגן מיינע ספקות, מיין אפּיקורסות, ווען עס וועט זיין א פארלאנג; די בונדישע פּרעסע קאָן מיר אזא פרייהייט ניט געבן, און איך וויל דאָס אויך ניט; זאָלן זיי זיך צאצקען מיט זיך אליין, מיינען, אז מיט זיי איז דער גאנצער אמת, גענוג אליין נאר געווען, וואָס האָב אמאָל דארין געגלויבט...

גראָד אין מיטן אונזער שמועס איז אריינגעגאנגען טערמאַן; ער האָט געוואוסט, אז מיר זיינען שוין דאָ, האָט ער געוואָלט וואָס גיכער אונז זען און איבערגעבן זיינע איינדריקן; ער איז דאָך געקומען אין פּעטראָגראד מיט א פּאָר טעג פריער פאר׳ן יולי־אויפשטאנד, און דער אויפשטאנד האָט אף אים אזוי גע־ווירקט, אז אים האָט זיך געוואָלט גלייך צוריק אוועקפאָרן קיין אמעריקע. איך זאָג דיר — האָט ער גע׳טענה׳ט — מיר וועלן דאָ צעמאָלן ווערן. ניט פאר אונזערע כחות, ברודער...

טערמאַן איז מיט ווייטער'ן געווען גאָר אינטימע פריינט פון אמאָל; זיי האָבן זיך געזען מיט אַ פּאָר טעג פריער, און טערמאַנ'ען זיינען שוין געווען באַקאַנט ווייטער'ס שטימונגען; פון מיינע אַ פּאָר באַמערקונגען האָט טערמאַן פאַרשטאַנען, וועגן וואָס מיר האָבן געשמועסט, און ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך בעסער דורכגיין אין גאַס.

מיר האָט עס טאַקע ניט געשאַרט. נאָך די צוויי שלאָפלאָזע נעכט און נאָך די אַלע איבערלעבונגען זיינען מיינע נערוון געווען שרעקלאַך אָנגעשטרענגט. איך האָב זיך עפּעס געפילט, ווי אין עולם התוהו...

גראָד איז אויסגעפאַלן אַ שיינער טאָג, איינער פון יענע זומער־טעג אין פּעטראָגראַד, ווען די לופט איז אָנגעפילט מיט אַן אייגנאַרטיקער ווייכקייט; די זון שיקט פאַליעם שטראַלן, נאָר עס איז דאָך ניט זייער הייס, ווייל די נעווע פאַרשפּרייט אַ לייכטן קילן נעבל, וואָס באַשאָטנט, דאַכט זיך, אַלץ.

אפ'ן גאַס האָבן מיר זיך אַלע דערפילט פרייער, פרישער. לאַנגע „אָטשערעדן", פול מיט אויסגעהונגערטע געזיכטער, האָבן זיך געצויגן בײַ די שפּייז־קראָמען. אַף די טראָטואַרן האָבן זיך געשפּילט בלאַסע, אָפּגעריסענע קינדער. אומעטום האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אָפּגעלאָזענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן גע־ קנאַקט „סעמעטשקעס"; אייניקע פון זיי האָבן געשפּילט אַף „האַרמאָשקעס" און געכאַפּט אַ טענצל מיט דינסט־מיידלאַך, אויך אַזעלכע אָפּגעלאָזענע, ווי זיי. וואו מען האָט זיך ניט געקערט און געווענדט, האָבן אינגלאַך פאַרקויפט פּאַפּיראָסן, שטיקלאַך צוקער; בײַ די מאַרק־שטעלן האָבן זיצערינס געהאַנדעלט מיט לי־ מאָנאַד פון אַ מיתה־משונה'דיקן קאָליר און מיט אַזעלכע פּאַרסאַ־ זשעטע אינגבערלאַך. וויצן־ניט־ווען פלעגט דורכפליען אַ טראַמ־ וויי, פול אָנגעהאַנגען מיט מענטשן אַרום און אַרום, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט רייסן זיי זיך אָפּ און פאַלן אַרונטער אונטער די רעדער; פלעגט פאַרביילויפן אַ רעגירונגס־אויטאָמאָביל מיט גרויס גערויש. אַף די ראָגן האָבן געדרעמלט איזוואָזטשיקעס

באַ זייערע מאָגערע פערדלאַך, וואָס האָבן שוין מסתמא לאַנג נים פאַרזוכט קיין האָבער. ס׳פעלן אויך נים קיין קאַטערינקעס, וואָס שפּילן זייערע געוויינלאַכע נגונים...

פון די „טשאַינעס”, וואָס זייער שמוץ זעט זיך אזוי דייטלאַך ארויס פון די פענסטער, טראָגט זיך אַן עכט־רוסישע זידלעריי, וואָס מישט זיך אוים מיט׳ן הו־הא פון גאַס, מיט די זידלערייען באַ די „אָטשערעדן”, פון די ארומבלאָנקענדיקע סאָלדאָטן... איבער דעם אַלעם הויכן זיך פּינסטערע, ברוגז׳ע הייזער און הייזקעס, פאַרנאַכלעסיקטע און אָפּגעלאָזענע, ווי אַלץ ארום... זייער נים קיין צוציענדיק בילד.

וואָס נענטער מיר קומען אָבער צו נעווסקי פּראָספּעקט, אַלץ מער קריגן די גאַסן אַ קולטורעלן אויסזען. דאָ איז שוין ניטאָ אזא ערב רב. באַ די רעגירונגס־אַנשטאַלטן גייען ארום פּאַטרולן מיט ביקסן אַף די פּלייצעס. מיליציאָנערן האַלטן אומעטום אָרדנונג. מיר זעען פאַר זיך עטלאַכע געוועזענע קייזערלאַכע פּאַלאַצן; אויסערלאַך מאַכן זיי קיין איינדרוק נים: אַלטמאָדישע דונקעלע געביידעס. דערפאַר קוקן אוים פייערלאַך די פאַרשידענע קלויס־טערס פון זעלטענער ארכיטעקטור מיט די גאָלדענע קופּאָלן, וואָס גלאַנצן אויף דער זון.

נעווסקי פּראָספּעקט איז זייער באַלעבט. די מאַגאַזינען זיינען אָפן. די טראַמווייען קלינגען אָן אויפהער: ס׳פליען אָפּט דורך אויטאָמאָבילן און קאַרעטעס. די רעסטאָראַנען זיינען פול. דער עולם איז, דאַכט זיך, אַ געקליבענער, שיין געקליידעטע פרויען און מענער, גאָר ווי אין אַ נאָרמאַלער צייט. עס באַגייט זיך אָבער אויך דאָ נים אָן „אָטשערעדן” באַ אַ פּאָר שיך־געשעפטן...

אויף אַ דראָזשקע פּאָרט דורך הערמאַן בערנשטיין פון ניו יאָרק. ער באַמערקט אונז אָבער נים. נעבן דער רעדאַקציע פון „נאָוואַיע ווּרעמיע” באַגעגענען מיר דעם אידישן ליטעראַט שניי־פּאַל, וואָס איז געווען אמאָל אין אמעריקע. ער דערפרייט זיך מיט אונז גאַנץ שטאַרק. יאָרן דערלעבט — זאָגט ער — אידעלאַך גייען ארום פראַנק און פריי איבער נעווסקי פּראָספּעקט..

ווייטער ווערט אביסל אויפגעלעבטער. ס'פאַרבינדט זיך ניט ווילנדיק א געשפּרעך וועגן דער רעוואָלוציע. שנייפאַל הערט ניט אויף צו דערציילן ניסים וועגן קערענסקי'ן, וואָס פאַר א בראַווער מוטיקער קעמפער ער, קערענסקי, איז, ס'אַרא אוהב ישראל...

ווייטער זאָגט איראָניש ארוים: ניט קיין קעמפער, נאָר א קאָמעדיאַנט, א פּלאַפּלער. דער איינציקער שטאַטסמאַן פון די רעכטע סאָציאַליסטן איז לויט זיין מיינונג צערעטעלי, נו, איז וואָס, וועט ער בלייבן ביי זיין שטאַטמאַנשאַפט. דער בעל הבית, דער הערשער, וועט פאָרט ווערן לעניו...

אונז פאַרוואונדערט ווייטער'ס באַמערקונג: צי דען סימפּאַטיזירט ער מיט די באָלשעוויקעס? ניין, חס ושלום, ער האַסט זיי פונקט, ווי די מענשעוויקעס און עסערן. נאָר וואָס, וואָס, קיין פּלאַפּלער זיינען זיי ניט, זיי טוען, און אויב ס'איז פאַראַן צווישן זיי א סך אידן, איז דאָס אן אצבע אלהים, דאָס ווערט דורך זיי, מיט טראָצקי'ן בראש, געגומען נקמה פאַר אלע אידישע צרות. אי. וואָס זיי וועלן אומברענגען די קולטור, די ציוויליזאַציע, זאָלן זיי, ניטאָ וואָס צו פאַרלירן, איידער אזא קולטור, די קולטור פון „נאָוואָיע ורעמיע", שוין בעסער גאָר ניט...

— פאַרגעסט אָבער ניט, — זאָגט טערמאַן, — אז ווען די סטיכיע וועט אַרויסגיין פון צאַם, וועט זיך דאָס קודם כל אויסלאָזן צו אידישע קעפּ. ווייטער ווערט אומעטיק: אידישע קעפּ, אידישע קעפּ, יאָ, א הארבע שאלה, אזוי צי אזוי, קיין רעטונג איז ניטאָ. איר, סאָציאַליסטן, וועט געוויס די גאולה ניט ברענגען...

פון ווייטן דערהערן מיר א שפּילן און זינגען פון „אינטערנאַציאָנאַל". דאָס גייט א רעוואָלוציאָנערער פּאָלק אין לאַגער אריין: ס'ציען זיך פאַראוים רויטע פאָנען מיט אן אויפשריפט: לעבן זאָל די רוסלענדישע בלוטלאָזע רעוואָלוציע! די פאַרבייגייער אף די טראָטואַרן נעמען אראָפּ די היטלען און ווען איך דערזע עס, הייבט מיר אָן צו שפּרינגען דאָס הארץ פון פרייד: פאָרט דערלעבט צו זיין אליין אן עדות פון אזא דערשיינונג. טערמאַן פּילט דאָס זעלבע; ער דריקט עס אוים מיט ווערטער;

איר ווייסט — זאגט ער — ווען איך דערזע די פריערדיקע צארישע ארמיי מארשירנדיק מיט רויטע פאנען און רעוואלוציאָנערע לידער, ווערט בא מיר פארשוואונדן יעדער פעסימיזם. איך ווער איבערציינט, אז אלץ וועט זיין כשורה און רוסלאנד וועט נאך דינען אלס מוסטער פאר אלע אנדערע לענדער. ווייטער גייט ניט אריין אין קיין ויכוח; ער וויצלט זיך מער ניט וועגן דער בלוטלאזיקייט פון דער רעוואלוציע: קערענסקי'ס אידיאטישע מליצה — שמייכלט ער...

ווען מיר זיינען אוועק צוריק אהיים איז שוין געווען פאר־נאכט. נעווסקי פראספעקט האט גענומען שווימלען מיט גאסן־פרויען. זיי האבן פראנק און פריי פאר די אויגן פון די נייע „דעמאקראטישע" ארדנונגס־היטער פארגעשלאגן די דורכגייער זייער ליבע, דערביי זיך אנדערש ניט געווענדט, ווי מיט'ן ווארט „חבר"...

— נאט אייך, — האט ווייטער ארויסגערעדט — די „נייע" קולטור, וואס די רעוואלוציע באשאפט! — און מיר האבן זיך עפעס פארשעמט פאר זיך אליין...

פארבייגייענדיק א גרופע סאלדאטן, וואס איז געשטאנען נעבן א קינעמאטאגראף, האבן מיר דערהערט אף אונזער חשבון: פארפלוכטע בורזשויען, זשידעס, מיט ווייסע קראגעלאך! אין דעם גלאנץ פון די אויגן ביי די, וואס האבן אונז מכבד געווען מיט דעם טיטל, האבן מיר פארשטאנען, אז ווען זיי באגעגענען אונז ערגעץ אויף א פינסטער געסל, וואלטן מיר מסתמא ניט אפגעשניטן בלויז מיט אזא באמערקונג...

די דריטע נאכט אין פעטראגראד האט זיך אויך ניט זייער רואיק געשלאפן...

5.

צווישן פאָלק.

אפ׳ן דריטן טאָג האָב איך זיך געמוזט מעלדן אין מיליטער־פאַרוואַלטונג.

קיין טראַמווייען זיינען גראָד ניט געגאַנגען. זיי האָבן זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. די אורזאַך דערפון האָט מען ניט גע־וואוסט. אַ קלאַנג איז געווען, אַז די טראַמוויי־אַנגעשטעלטע זיינען אַרויס אין סטרייק, ווייל זיי האָבן ניט געקראָגן פאַר אַ חודש באַצאָלט. אין גאַס האָט מען גערעדט, אַז אויפגעהעצט צום סטרייק האָבן די באָלשעוויקעס.

מיר איז ניט אינגאַנצן געווען פאַרשטענדלאַך, פאַרוואָס דער סטרייק רופט אַרויס אַזאַ אינטערעס. ווי מען האָט מיר שוין דערציילט, איז אין פּעטראָגראַד קיין נאָווינע ניט, אַז די טראַמ־ווייען זאָלן זיך פּלוצלונג אָפּשטעלן: פּשוט, ס׳פעלט גאַנץ אָפּט אוים הייץ־מאַטעריאַל אויף דער צענטראַלער עלעקטרישער סטאַנ־ציע. צוליב דעם בלייבט מען אויך זיצן אין דער פינסטער. מיט וואָס־זשע דערקלערט זיך די איצטיקע אויפרעגונג?

מיר איז אויסגעקומען פאַרבייגיין דעם געוועזענעם קייזער־לאַכן ווינטער־פּאַלאַץ, אפ׳ן ברעג פון נעווע. זיין פיר־שטאָקיגע רויטלאַכע געביידע מאַכט אויסערלאַך קיין איינדרוק ניט; דאָס איז אַן אַלטמאָדישער מויער, אָן אַ ברעקל אייגנאַרטיקער אַרכיטעק־טור. דאָס טונקעלע וואַסער פון נעווע און דער גרויסער גאָרטן מיט די הויכע טאָפּאָליעס גיבן אָבער צו דעם פּאַלאַץ אַ באַזונדער

רייץ. ס'דאכט זיך, אז ער שטייט אָפּגעזונדערט אף א פיעדעסטאַל און קוקט מיט גאוה ארום...

דער גאנצער ברעג פון נעווע איז געווען פארוואָרפן מיט די־קע קיילאכדיקע קלעצער, און אף זיי זיינען געזעסן קופּקעס מענטשן, פארטיפט אין א געשפּרעך. מיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויפּן איינע אַזאַ קופּקע; זי איז באשטאנען כמעט דורכ־אויס פון סאָלדאטן. איינער, מיט א האַלבער האנט, אף קוליעס, האָט עפּעס גערעדט אפ'ן קול, און אַלע האָבן זיך צוגעהערט. ס'האָבן זיך צו מיר דערטראָגן אָפּגעריסענע ווערטער: לעניִן, קערענסקי, מלחמה, סטרייקס, און איך בין שטארק נייגעריק געוואָרן צו וויסן, וועגן וואָס ס'האנדלט זיך.

איך האָב זיך פארדרוקט צווישן צוויי הורבעס קלעצער, כדי מען זאָל מיך ניט באמערקן, ווייל איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, מורא געהאט פאר מיין „בורזשואזן" אויסזען... דאָס איז גראָד אויסגעקומען קעגן אַן אָפענעם טויער פון ווינטער־פּאַלאַץ; א גרוי־סער הויף, ווי באשאָטן מיט געלן זאמד, האָט ארויסגעשיינט פאר מיר; ערגעץ אין א ווינקל האָבן יונקערס געמאַכט גימנאַסטיק. אין מיטן הויף האָט א קליין־געוויקסיקער דיקער פעלדפעבל, מיט לאַנגע וואָנצן, מושטירט „נאָוואָבראַנצעס". ער האָט זיך אַזוי הי־ציק געשאָלטן, אַז זיינע כפל־שמונה'דיקע קללות האָבן זיך דער־טראָגן אַזש צו מיר. איך האָב אפילו באַאָבאַכט, ווי זיין שווערע האנט האָט זיך אראָפּגעלאָזן איבער'ן קאָפּ פון א יונגיטשקן „נאָוואָ־בראַנעץ".

„מערזאַוועץ! — האָב איך געהערט דאָס ברומען פון סאָל־דאט אף די קוליעס — ער מיינט, ס'זיינען די אַלטע צייטן", און איך האָב פארשטאנען, אז די איבריקע האָבן אויך באמערקט דאָס זעלבע, וואָס איך...

אין דער קופּקע האָט זיך אָנגעהויבן א שטאַרקע באַוועגונג. אַלע האָבן זיך מיטאמאָל אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו שרייען אין דער ריכטונג פון פעלדפעבל מיט אַזעלכע ווילדע קולות: „די

קישקעס דאַרף מען דיר אַרויסלאָזן, כּלב איינער!״ דער פעלד־פעבעל איז אָבער אָנגעגאַנגען מיט זיינע קללות, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַרגעקומען, אַרבעטנדיק אַלץ אַזוי ענערגיש מיט זיין שווערער האַנט איבער נאָך קעפּ פון „נאָוואָבראַנצעס״...

פון די אויפגערעגטע פּנים׳ער ניט ווייט פון מיר האָב איך געפילט, אַז ס׳האַלט בײַ אַ סקאַנדאַל, און איך האָב באַצייטנס זיך געוואָלט אָפּטראָגן. נאָר אימיצער האָט מיך באַמערקט, און איך האָב דערהערט: „אַהאַ, אַ בורזשוי, מיט אַ ווייסן קראַגעלע!״ מיר איז געוואָרן גאַנץ קאַלעמוטנע אַפּ׳ן האַרצן. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו מיר, און דער סאָלדאַט אַף די קוליעס האָט אַף מיר אַזאַ קוק געגעבן, אַז אַ קעלט איז מיר אַריבער איבער׳ן לייב. „אַ מענשעוויק, האַ, און אפשר גאָר אַ שפּיאָן?״ — האָט ער אַרויסגערעדט דורך צונויפגעקריצטע ציין. איך האָב זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז איך האָב אַ וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן. איך האָב מער ניט געפילט, ווי בייזע אויגן שטעכן מיך דורך, און איך האָב דערהערט אַ דראָענדיקע שושקעריי. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען גרייט דאָ פאַר מיר צו אַ געהעריקן „ברוך־הבא״...

דערוויי איז דאָס רעדל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. די פאַרשידענע קופּקעס אַף די קלעצער האָבן זיך צונויפגעגאָסן, ווי אין איינער. „מענשעוויק, שפּיאָן!״ — און עפּעס אַ בעטלער, מיט אַ געלן קאָלטן, קייכט זיך פון געלעכטער: זעט נאָר, ווי דעם „בורזשוי״ האָט עס אָפּגענומען דאָס לשון. אַנו, חברה, דערלאַנגט אים! ‏ עי, אוכניעם! — האָט ער אויסגעשריען; און ווי אַ שוואַרצע כמאַרע צונויפגעדריקטע פויסטן האָט זיך גענומען רוקן אַף מיר. איך האָב אינסטינקטיוו אַ מאַך געטאָן מיט׳ן גאַנצן כּח מיט דער האַנט און אויסגערופן: „חברים, שטייט!״ די שוואַרצע כמאַרע איז פאַרגליווערט געוואָרן, אַפילו דער בעטלער מיט׳ן געלן קאָלטן האָט אַראָפּגעלאָזט זיין פויסט...

איך האָב שוין געעפנט דאָס מויל צו דערקלערן, אַז איך בין ניט קיין שפּיאָן, נאָר אַ חבר. ערשט איך דערהער אַ שטים: „דאָס

איז דאָך אַ פּאָליטישער אימיגראַנט. איך האָב אים געזען מיט זיין פאַמיליע אפ'ן וואָקזאַל אין ביעלאָסטראָוו!" די שטים איז געקומען פון אַ יונגען סאָלדאַט, וואָס האָט מיר גלייך דערלאַנגט די האַנט: גוט מאָרגן, חבר!

די בייזע געזיכטער האָבן זיך גלייך באַדעקט מיט אַ לייכטן שמייכל; מער ניט דער בעטלער איז אַלײן געבליבן אָנגעכמורעט, אַזוי ווי מען וואָלט אים קאַליע געמאַכט אַ וויכטיקן עסק.

מיין „ווייניקייט" האָט דערוויילן אָפּגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט פון פּעלדפעבעל. דער בעטלער האָט די ערשטע זאַך געבעטן, איך זאָל אים מכבד זיין מיט אַ פּאַפּיראָס, און דער סאָלדאַט אוֹיף די קוליעס האָט אים גוטמוטיק אָפּגעשטויסן, אַרויס־רעדנדיק: „וואַסקע, קריך ניט אין די אויגן, וועסט נאָך צייט האָבן צו בעטלען!"... איך האָב אָבער גלייך צעטיילט אַלע מיינע פּאַ־פּיראָסן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ פריינטלאַכער גע־שפּרעך.

דער ראש־המדברים איז אַלײן געווען דער סאָלדאַט אוֹיף די קוֹ־ליעס. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אַמעריקע און אַלײן געוואָלט דערגיין, צי איך בין אַ באָלשעוויק. איך האָב גע־דאַרפט אָנווענדן אַ סך דיפּלאָמאַטיע, כדי צו פאַרשווייגן מיין מענ־שעוויסטישע פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. אַלע האָבן זיי גערעדט מיט אַזאַ האַס וועגן די מענשעוויקעס, אַז ווען זיי זאָלן זיך דערוויסן וועגן מיינע איבערצייגונגען, וואָלט איך שוין קיין טרוקענער פון זייערע הענט ניט אַרויס. אפילו דאָס, וואָס איינער פון זיי האָט מיך דערקענט אַלס פּאָליטישן עמיגראַנט, וואָלט ניט געהאָלפן...

נישקשה, — האָט דער סאָלדאַט אוֹיף די קוליעס גע'טענה'ט, — מיר וועלן ווייזן דער וועלט, אַז מען קאָן אויסקומען אָן „בורזשויען", שרעקט זיך ניט. אפילו אַמעריקע וועט אונז מוזן נאָכ־מאַכן. קערענסקי פאַרשפּאַרט אונז דאָס מויל, צעשיסט אונזערע־קע, רינגלט אונז אַרום מיט שפּיאָנען, זיין שפּיל איז אָבער פאַר'ן טייוול. אַט ערשט האָט ער אונז געמאַכט אַ בלוט־באָד, נו, איז

וואָס? מיר און די אַרבעטער שווייגן ניט, ס'קאָכט אין אונז, ווי אין אַ קעסל; און פאַרוואָס, מיינט איר, גייען היינט ניט די טראַמווייען? אַלץ צוליב דער זעלבער סיבה: דאָס איז אַ פּאָרט־זעצונג פון אייערנעכטן; מען סטרייקט ניט פאַר אַ חודש שכירות, נאָר אַלס פּראָטעסט קעגן קערענסקי'ס בלוטיקע מאַכינאַציעס. איך זאָג אייך. וואָס דען? מאַלע וואָס דער טראַמוויי גייט ניט. היינט איז אָבער אַנדערש, ווי אַלעמאָל, איר פאַרשטייט, אין דער לופט שמעקט נאָך מיט אויפשטאַנד. די געמיטער זיינען צו אויפ־געררודערט...

זיין שפּראַך איז געווען אַ פּראָסטע, נאָר אין דער אַרט און וויַיז, ווי אַזוי ער האָט אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען, האָט זיך געפילט אַן אינערלאַכע אינטעליגענץ; אפילו קיין איין זידל־וואָרט האָט ער ניט אַרויסגערעדט, ער האָט ניט געוואָרפן מיט „זשיד"...

דאָס האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ געוועזענער אַרבעטער פון פּוטילאָווער זאַוואָד, אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער. די מלחמה האָט אים אָבער געמאַכט פאַר אַן אינוואַליד, און ער פירט איצט דאָס לעבן פון אַ „באָסיאַק". וואָס־זשע דען זאָל ער טאָן? קערענסקי'ס „סאָציאַליסטישע" רעגירונג זאָרגט זיך ניט פאַר אַזעלכע, ווי ער. קאַנאָנען־פלייש זיינען זיי געווען באַם צאַר און קאַנאָנען־פלייש זיינען זיי איצט, וואַלגערן זיך דאָ אויף די קלעצער, אַפּ'ן ברעג פון נעווע. און וואָס וועט זיין ווינטער? נישקשה, דעמאָלט וועלן זיי וואוינען אָט דאָ, אין פּאַלאַץ... אויב ניט, וועלן זיי אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט איבערלאָזן, ניטאָ וואָס צו פאַרלירן...

— פּאַן אילי פּראָפּאַל! — שרייט אויס וואַסקע, שאָקלענדיק מיט זיין רויטן קאָלטן און אויספּייפנדיק עפּעס אַ לידל. דער עולם שמייכלט; איך נעם זיך איינקוקן אין די אַרומיקע, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען אַרויסגעקראָכן פון זייערע נאָרעס גאָרקי'ס טיפּן; אַלע אַזעלכע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט צעקודלעטע האָר, מיט פּנימ'ער, געשוואָלענע פון הונגער. אפילו מיין פאַר־

טיידיקער איז א האלבער אינוואליד; יעדער הוסט זיינער שניידט, ווי מיט א מעסער; איך הויב אָן צו באגרייפן זייער שטימונג: ס'קומט זייער צייט אצינד; דאָס רייסט זיך אין זייער געשטאַלט די סטיכיע ארויס פון צאם; און איך שטעל זיך שוין אין רעיון א מצבה איבער דער רעוואָלוציע...

דער מענשעוויק וואכט אויף אין מיר; מיר ווילט זיך אויס־גיסן מיין כעס אף די יעניקע, וואָס וועקן די סטיכיע, וואָס פריי־דיקן די צעשטערונג פון דער „דעמאָקראַטיע„; דער „כאם" גייט! — קלער איך בא זיך. ווען איך דערזע אָבער די שמוציקע קלעצער, פול מיט אומגליקלאכע נפשות, און אנטקעגן דעם גרויסן פאלאַץ, וואו דער פעלדפעבעל שיט זיינע קללות און קלעפּ אף די שוצלאָזע „גאָוואָבראַנצעס", פארגעס איך א ווײַלע מיין מענשעוויזם; איך דערמאָן זיך ווידער אמאָל די ווארנונג: מיט'ן גערולד פון פאָלק שפּילט מען זיך ניט.

דער שטאַט־זייגער שלאָגט אויס דורך א הארמאָטן־שאָס צוועלף. איך מוז זיך איילן אין מיליטער־פּארוואלטונג; ס'איז א שטיק וועג, און איך קאָן נאָך פארשפּעטיקן. מיין פּארטיידיקער נעמט זיך אָן מיך באגלייטן: ער האָט סיי־ווי־סיי ניט וואָס צו טאָן. דער בעטלער זאָגט צו מיר מיט א כיטרן וואונק: פּילייכט קאָנט איר עפּעס געבן אף טיי, נאָך אין מויל ניט געהאַט. אלע קוקן אָנגעכמורעט, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט...

— וואסקע! — שרייט ווידער אויס דער סאָלדאט אף די קוליעס — וועסט אויפהערן צו בעטלען, צי ניט?! — דערביי רייסט זיך בא אים ארויס אָן עכט־רוסיש זידל־וואָרט; נאָר מאָדנע, אין דעם דאָזיקן זידל־וואָרט קלינגט אָפּ אזוי פיל מענטשנווירדע...

איך זעגן זיך מיט אלעמען. דער סאָלדאט אף די קוליעס דריקט שטארק מיין האַנט: מיר וועלן זיך נאָך זען, חבר, קומט צו אונז צו גאַסט! ער בלייבט א ווײַלע שטיין, ווי אין א פאר־

לעגנהייט, און רעדט דערנאָך ארויס, איינקאָרטשנדיק זיין גרויסן פארשוויצטן שטערן: „זייט איר טאַקע א רעוואָלוציאָנער, טאָ גייט אין דער ארמיי, דערקלערט דאָרטן אונזערע לייט, אז זיי דארפן מלחמה האַלטן. נו, איר פארשטייט דאָך פארוואָס, פאר די סאָ־וועטן — דער איינציקער אויסגאַנג"...

אָפּגייענדיק שוין א היבשע שטרעקע, האָב איך באַמערקט, אז אין דער קופּקע האָט זיך אָנגעהויבן א קריג; איניקע שאַרפע אויסדריקן האָבן דערגרייכט אַזש צו מיר. מיין באַגלייטער האָט ארויסגעזאָגט: פאר אייער פינפערל; הונגעריקע וועלף...

איך האָב אים מער גאָרניט געפרעגט; די דאָזיקע באַמער־קונג זיינע האָט אויסגעדריקט אַלץ...

ס'איז געווען שרעקלאַך הייס. די לופט האָט ממש געברענט, ווי צונטער, אז מען האָט קוים דעם אָטעם געכאַפּט. דערביי האָט זיך פון איניקע קאַנאַלן פון דער נעווע געטראָגן אַזאַ דומפּער גערוך, וואָס האָט מיר דערמאָנט דעם גערוך פון א פארשפּאַרטער פייכטער קאַמער אין א טורמע זומער־צייט. אומעטום דאָס זעלבע בילד, וואָס נעכטן: אָרימקייט, אָפּגעלאָזנקייט, אָנגעבמורעטקייט. מער ניט רעדלאַך שטייען אַף טריט און שריט; דאָ זיינען אויסגע־מישט מענער און פרויען, ציווילע פערזאָנען און סאָלדאַטן, אפילו קליינע קינדער פעלן ניט, — אויך זיי הערן זיך צו מיט גרויס ערנסט צו די פּאָליטישע נייס. פון די מויערן שיינען אַראָפּ גרוי־סע מודעות, אז דעם צוועלפטן יולי וועט פאָרקומען די פייערלאַכע לויה פון די קאָזאַקן, וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן „די דייטשע אַגענטן, פאר דער צייטוויייליקער רעגירונג". דער עולם לייענט די מודעות, און ס'הערן זיך פאַרשידענע באַמערקונגען אַף זייער חשבון: איניקע דריקן אויס זייער טרויער אַף די געפאַ־לענע, אנדערע, פארקערט, פרייען זיך... וואָס מער איך קוק זיך איין אין די רעדלאַך, אַלץ מער דערשפּיר איך עפּעס דראָענדיקס, אומפארשטענדלאַכס, פאַטאַלס... גאַנץ פּעטראָגראַד זעט מיר אויס, ווי א ספינקס. וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן?..

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף גאַראַכאָוועד גאַס צו דער מי־ליטער־פּאַרוואַלטונג, איז שוין געווען האַלב נאָך דריי אזייגער.

ארום דער גרוי־געלבלאַכער געביידע, וואָס האָט זיך געצויגן אויף עטלאַכע קוואַרטאַלן, איז געשטאַנען א לאַנגע, לאַנגע „אָטשע־רעד", וואָס האָט זיך געדאַרפט רעגיסטרירן פאַר מיליטער־דינסט. דער עיקר האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זייער קליידונג די פּאָליטישע עמיגראַנטן; מען האָט גלייך געזען, אז דאָס זיינען אויסלענדער. צווישן זיי זיינען געווען אייניקע אידישע ארבע־טער פון ניו יאָרק, וואָס האָבן מיך דערקענט.

זאָגן, אז אין „אָטשערעד" האָט געהערשט א שטאַרקע פּאַט־ריאָטישע שטימונג, קאָן מען נישט. קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט זיין קיין סאָלדאַט. און טאַקע דאָ, אויפ'ן אָרט, האָט מען איינער באַם צווייטן געפרעגט עצות, ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פון מיליטער־דינסט. באזונדערס האָט געהאַלטן ווענן דעם לאַנגע דרשות א בלאָנדער אידישער יונגערמאַן, מיט א פראַנצויזיש בערדל און גאָלדענע פענסנע, א טיפּישער אינטעליגענט; ער האָט אריינגעלעגט די טומאה אין דער יראה: מיר זיינען געקומען דינען דער רעוואָלוציע, און וואָס קאָנען מיר טאָן אויף דער מלחמה?...

פון די ווייטערדיקע געשפרעכן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער יונגערמאַן איז א פּאַרקאַכטער „אָבאָראָנעץ", פלעכאַנאָוו'ס א הייסער חסיד. אימיצער פון „אָטשערעד" האָט אים בייסיק אויפ־מערקזאַם געמאַכט, אז פאַר אן „אָבאָראָנעץ" פּאַסט נישט צו האַלטן דרשות קעגן גיין אין מלחמה, צו ווען זיך ארויסדרייען פון מילי־טער־דינסט. דאַרויף האָט דער יונגערמאַן גאָרנישט געענטפערט; ער האָט זיך בלויז א קרים געגעבן און מער קיין וואָרט נישט ארויס־גערעדט...

פּונקט פינף מינוט צו פיר האָט מען אונז מודיע געווען, אז אלע פּאָליטישע עמיגראַנטן דאַרפן זיך פריער רעגיסטרירן גאָר אין אן אנדער פּונקט, ערגעץ באַ קאַטערינער קאַנאַל, אין דער זעל־

בער געביידע, וואו ס'געפינט זיך די „קאָנטער־ראַזוועדקע", דאָס הייסט, די נייע רעוואָלוציאָנערע אָכראַנקע...

דאָס האָט ארויסגערופן אַן אומצופרידנהייט צווישן עולם: א גאַנצן טאָג אָפּגעהאַלטן אומזיסט און אומנישט, דאָס זיינען די נייע „רעוואָלוציאָנערע" פאַראַנדקעס, אַז אָך און ווי... דער־הויפּט האָבן זיך געקאָכט די פּאָר אַמעריקאַנער חברים, און מען האָט זיי געדאַרפט דערמאָנען, אַז אין רוסלאַנד איז ציַיט גאַנץ ביליק...

מיר האָט די זאַך אויך פאַרדראָסן, דערצו האָט טאַקע גענו־מען שטאַרק נאָיען אין האַרצן פון הונגער, בפרט נאָך, אַז דער פרישטיק איז בלויז באַשטאַנען פון א שטיקל שוואַרץ ברויט מיט ניט קיין גאַר זיסער גלאָז טיי. נאָר גאָרניט. דערפאַר וועל איך מאָרגן קאָנען אָפּטאָן צוויי זאַכן מיט איינאָמאָל: פאַררעגיסטרירן זיך אַלס מיליטער־פּעאיקער און אויך זיך דערוויסן אין דער „קאָנטער־ראַזוועדקע", צי מען האָט שוין אויסגעלייִדיקט די דינאַמיט פון מיין פאָנטאָן־פעדער.

אַזוי ווי צו דערגיין אַהיים דאַרף געדויערן אַרום צוויי שעה, און עסן ווילט זיך גאָר נישקשה'דיק, נעם איך אָן דעם פאָרשלאָג פון מיין באַגלייטער אַריינצוגיין אין א „טשאַינע".

דאָס איז געווען ערגעץ אין א דונקעלן קעלער, פול מיט רויך פון מאַכאָרקע און מיט זידלערייַ; דערביי האָבן די טישטיכער אויף די לאַנגע טישן געהאַט אַן אויסזען, ווי באַדעקט מיט א דיקן שיכט סאַזשע; אַלץ איז אָבער רעכט געוואָרן, ווען פאַר צוויי רובל האָט מען אונז דערלאַנגט צוויי פונט שוואַרץ ברויט מיט א גרויסן טשאַיניק געפאַרבטע קאָכיקע וואַסער און נאָך פאַר פופציק קאָפּי־קעס עטלאַכע היבשע שטיקלאַך צוקער מיט פרישע שפּורן פון פאַרשוויצטע פינגער... צוזאַמען מיט מיין באַגלייטער האָב איך געזופּט פון אָפּגעריבענעם טעצל דאָס קאָכיקע וואַסער, געביסן די טייגיקע לוסטע ברויט און גאָר שטאַרק הנאה געהאַט...

.6

„ברויט און פרייהייט“.

איך בין ארויס פון דערהיים גאנץ פרי, כדי צו זיין איינער פון די ערשטע באַם קאַטערינער קאַנאַל.

פעטראָגראַד האָט נאָך געדרעמלט אונטער אַ נידריקן כמאַרנעם הימל. פוסט זיינען געווען די גאַסן. אַף זיי איז אַלץ געלעגן אויסגעשפּרייט דער נעכטיקער נעבל; ער איז איצט געוואָרן שיטער, און דורך אים האָבן אַרויסגעשיינט, ווי פאַרגליווערטע געשטאַלטן, די לאַנגע „אָטשערעדן“, וואָס האָבן זיך אין אַ טיפער שטילשווייגעניש געצויגן באַ די שפּייז־קראָמען. קיין מענטשלאַכער שאָרך האָט זיך ניט געהערט. שטום, ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער, זיינען געשטאַנען אפילו די מיליציאָנערן אַף די ראָגן און די וואַך־סאָלדאַטן באַ די רעגירונגס־געביידעס. אַ מאָדנע אומהיימלאַכקייט האָט געהערשט אומעטום. אַלץ איז געווען אַזוי פרעמד, פול מיט רוגזה...

מיר איז ווידער אויסגעקומען דורכצוגיין פאַרביי דער נעווע. אירע ראַשיקע וועלן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַ טריב־מוטנעם גלאַנץ, ווי פון פאַררויכערט גלאָז, און פון דער דאָזיקער מוטנעקייט האָבן אַרויסגעקוקט אַזוי פאַרוואָגלט און וויסט, ווי איינזאַם פאַרבלאָנדזשעטע, עטלאַכע אָפּגעניצעוועטע באַרזשעס און פאַרעלטערטע דאַמפּערס, וואָס האָבן שווער געקרעכצט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פון דער נעווע פאַרשפּרייט זיך דאָס די אומהיימלאַכקייט איבער די גאַסן, ווייעט די רוגזה, און פון איר תהום שטייגן עס אַרויף די הימל־פאַרכמאַרעטקייט און דער נעבל.

ניט ווייט האָב איך דערזען באַ אַ טעלעגראַף־סלופּ אַ רעדל

מענטשן, עפּעס אזעלכע פּאַראומערטע, פאַרזאָרגטע, אַקוראַט ווי די מוטנעקייט פון דער נעווע וואָלט זיי אויך ארומגענומען; זיי האָבן אַלע אָנגעשטרענגט געקוקט אין איין ריכטונג, און אין זייערע באַוועגונגען האָבן זיך געפילט אַ נערוועזקייט און אַן אומגעדולדיקייט... איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דאָס וואַרט מען אַף אַ טראַמוויי, וואָס גייט גראָד צום קאַטערינער קאַנאַל.

איינער פון רעדל, אַ יונגער טשינאָווניק, מיט אַן אויסגעצערט־געלן פּנים, מיט טיפע גריבער אונטער די אויגן, האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן די שטילקייט; ס׳איז געווען צו מערקן, אַז ער פילט אַ באַדערפעניש מיטצוטיילן עטוואָס די אַרומיקע. באַטראַכטנדיק פריער זיינע שכנים, האָט ער גענומען דערציילן, מיט אַ כאַרכלענדיקער שטים, אַז די מעשה וועגן סטרייק איז אַ ליגן. עס איז עפּעס קאַליע געוואָרן אַף דער עלעקטרישער סטאַנציע, האָט עס געדויערט נעכטן אַ גאַנצן טאָג צו פאַרריכטן, דעריבער זיינען די טראַמווייען ניט געגאַנגען, דאָס גאָר. וואָס פאַר אַן אומגליק עס זאָל ניט טרעפן — האָט ער בייז אַרויסגעזאָגט — וואַרפט מען אַרויף די שולד אַף די באָלשעוויקעס: מען מוז שטענדיק האָבן אַ שעיר לעזאזל: באַם צאַר זיינען דאָס געווען די אידן, באַ קערענסקי׳ן און צערעטעלי׳ן — לענין און טראָצקי, אַן אַלטע געשיכטע...

— באָלשעוויקעס און זשידעס — האָט זיך אָפּגערופן אַן עלטערע פויערטע, פאַרוויקלט מיט אַ גרויער פּאַטשיילע איבער׳ן קאָפּ און האַלטנדיק אַ ליידיקן קאָשיק אין האַנט — וואָס איז דער חילוק? אַלע זיינען זיי שונאים פון מאַמע־רוסלאַנד...

— גערעכט, מומע׳שי, גערעכט! — האָט אויסגעשריען אַ געזונטער קאַצאַפּ, רונד אָפּגעשוירן מיט שפּרינגענדיקע אויגן און אַ בלאָנדער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ וואַטאָוון קאַמזויל, וואָס פון אונטער אים איז אַראָפּגעהאַנגען אַ רויטע העמד — וואָס זיינען די באָלשעוויקעס, אויב ניט זשידעס? וואַרט, וואַרט, מומע׳שי, מיר וועלן נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן...

אַרויסזאָגנדיק עס, האָט זיך דער קאַצאַפּ פּילזייטיק אַרומ־געקוקט, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער מאַכן.

דער טשינאָווניק האָט אים דורכגעשטאָכן מיט זיין קראַנקן בליק: — וואָס, ס'געפעלט אייך ניט, האַ, בא ניקאָלאַשקע'ן בעסער געווען? ס'בענקט זיך נאָך גרישקע ראַספּוטין? געניג געפּאָכט מיט דער נשמה, אַן עק, אַ סוף! — דערביי האָט ער זיך אַזוי פאַנאַנדערגעהוסט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט פאַלט אים אַרויס די ברוסט, אויסכראַקנדיק פאַרבלוטיגטע לייבע...

דער עולם האָט געשוויגן; דאָס דאָזיגע שווייגן איז אָבער געווען ניט קיין געוויינלאַכס. אַלעמענס פּנים'ער האָבן זיך באַ־דעקט מיט אַ שוואַרצן שאָטן, און אַן עלטערע דאַמע, אַנגעטאָן אין טרויער, האָט זיך פרום איבערגע'צלמ'ט. אימיצער האָט ווי אויסגעזיפצט: אָך, אָך, אַ צייט איז דאָס אָנגעקומען! ... אפילו דער קאַצאַפּ האָט זיך געפילט אומבאַקוועם; ער האָט זיך מיטן אַרבל אויסגעריבן דעם שטערן און זיך אָפּגעטיילט פון רעדל... ענדלאַך איז אָנגעקומען דער לאַנג־דערוואַרטער טראַמוויי. מען האָט גלייך דערזען, אַז פּעטראָגראַד האָט זיך שוין אויסגעטשובעט. דער וואַגאָן איז געווען אַזוי געפּאַקט, פאַרהאַנגען אַזוי אַרום און אַרום מיט מענטשן, אַז אַ שפּילקע איז ניט געווען וואו אַהינצוטאָן. בלויז דער קאַצאַפּ און די פּויערטע האָבן אַזוי קונציק גענומען אַרבעטן מיט די עלנבויגנס און מיט'ן גאַנצן קערפּער, אַז זיי האָבן אייניקע פּאַסאַזשירן אַראָפּגעשטופּט פון די טרעפּ און אַליין פאַר־כאַפּט די ערטער. ס'האָט זיך דערהערט אַזאַ זידלעריי, אַז עס איז כמעט דערגאַנגען צו אַ געשלעג. די אַראָפּגעשטופּטע פּאַסאַ־זשירן האָבן זיך געראַנגלט מיט אַלע כחות; נאָר ס'האָט ניט גע־האָלפן: זיי זיינען פאַרבליבן מיט אונזער רעדל; לאַנג האָבן זיי זיך ניט געקאָנט באַרוהיקן; אַלע האָבן זיי מיטגעפילט און גע־געבן געדעכט, אפילו די דאַמע אין טרויער. אַזאַ חוצפּה, אַזאַ פרעכקייט! — האָט אויסגעשריען דער טשינאָווניק מיט שוים אויף די ליפּן, — אָט דאָס זיינען זיי, די כלבים, וואָס שימפּן די רעוואָלוציע, די באָלשעוויקעס. איך זאָג אייך, אָט דאָ, אין

געווע, — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט, — מיט אַ שטיין איבער׳ן האַלז דאַרף מען זיי אַריינשליידערן, וועט עס זיין אַ לערע פאַר אַלע פון זייער גלייכן!.... ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון צאָרן און זיך נאָך שרעקלאַכער פאַנאַנדערגעהוסט, ווי בעפאָר.

די דאַמע אין טרויער האָט זיך ווידער גענומען פרום צלמ׳ען, און אַף איר קוקנדיק, האָבן דאָס זעלביע געטאָן אויך אַנדערע.

דער צווייטער טראַמוויי איז שוין ניט געוועזן אַזוי פול. מען האָט אָבער אויך גערעפט באַזיצן אַ באַזונדערע בריה׳שקייט, כדי צו פאַרכאַפּן אַן אָרט. דריי מאָל בין איך שוין באַלד געווען איננווייניק, און דריי מאָל האָט מען מיך אַרויסגעשטופּט; איך האָב נאָך געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער און אין דער שטיקעניש האָט מען ניט אויסגעליידיקט אַלע מיינע קעשענעס...

איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז קאָנען קריגן אין רוס־לאַנד אַ פּלאַץ אין אַ טראַמוויי אָדער אַ צוג איז אַ ספּעציעלע מלאכה, וואָס פאָדערט איבונג. טאַקע דאָ אַפּ׳ן אָרט האָט עס מיר דערקלערט אַ סאָלדאַט מיט אַ קלוגן פּנים; מיט אַ שמייכל האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: „קענטיק, חבר, איר זייט נאָך אַ פריץ. נאָר נישקשה, איר וועט מיט דער צייט כאַפּן דעם שניט. היט אָבער שטענדיק די קעשענעס. דאָס איז דער וויכטיגסטער כלל, אין די הויזן האַלט גאַרניט, דער בוזים דאַרף זיין פאַרשפּילעט אַף אַלע קנעפּ, און די האַנט שטענדיק דאַרויף, נאָר אַזוי, אַז דער עלנבויגן זאָל זיין פריי.“ דאָס האָט אַרויסגערופן אין רעדל אַ גוטמוטיקן געלעכטער; מען האָט זיך גענומען ווייצלען אַפּ׳ן חשבון פון די נייע פּאַראַנדקעס. אפילו דער קראַנקער טשינאָווניק, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבן מזל, וואָס איך, האָט, לאַכנדיק, געזאָגט צום סאָלדאַט: כ׳לעבן, חבר, איר זייט אַ גוטער לערער, ס׳וואָלט ניט געשאַט, איר זאָלט געבן אַ פּאָר לעקציעס קערענסקי׳ן.

— נאָר ניט לעניג׳ען! — האָט זיך אימיצער אָפּגערופן.

— אָ, ניין, — האָט געענטפערט גוטמוטיק דער טשינאָווניק.

— גאָט איז מיט אייך, יענער וועט שוין אַליין זיין שטעטל באַשטיין!...

אז ס'איז אָנגעקומען דער דריטער טראַמוויי, בין איך אריין אין אַן אמת'ן אזארט; איך האָב שוין טאַקע געגומען כאַפּן דעם שניט, ווי מען דאַרף אַרבעטן מיט עלנבויגנס, מיט די פיס, מיט'ן קערפּער, ווי צו היטן די קעשענעס, נאָר אַלץ קיין ערפּאָלג ניט געהאַט — דאָך אַ פּריז!...

איך האָב דאָך געמוזט פאַרטזעצן מיין שפּאַציר צו פוס. נאָך אַ נס, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך אַ פּאָר שטיקלאַך שוואַרץ ברויט און צוקער אין אַ פּאַפּיר אין קעשענע; ווען ניט, וואָלט איך ניט געהאַט קיין כח צו דערגיין ביז'ן קאַטערינער קאַנאַל.

פאַר דער עצה צו נעמען מיט זיך צדה־לדרך האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין פריינט דראַבקינ'ען. ער, אַלס פּעטראָגראַדער תושב, האָט שוין געוואוסט, אז מען גייט אַרויס פון דערהיים אינדערפרי, נאָך צוליב אַן עסק אין אַ רעגירונגס־אַנשטאַלט, מוז מען מקריב זיין אַמווייניקסטן אַ טאָג, איז ווען מ'זאָל עפּעס ניט האָבן מיט זיך, קאָן מען זיך נישקשה'דיק אויסהונגערן. געפאָלגט האָב איך דראַבקינ'ס עצה אויך צוליב דעם, וואָס איך האָב שוין צייט געהאַט צו באַאָבאַכטן, אז אין רוסלאַנד אַנטוויקלט זיך אַ וואָלפישער אַפּעטיט, נאָר־וואָס, עס נאָיעט שוין אין האַרצן...

אָפּגייענדיק עטלאַכע קוואַרטאַלן, האָב איך זיך טאַקע דערפילט שטאַרק הונגעריק.

אויף די גאַסן איז שוין גאַנץ לעבעדיק: מען גייט, מען לויפט, מען פאָרט; פּלוצלונג פאַלט מיר איין זיך צוצוהערן צו דעם, וועגן וואָס ס'רעדט דער עולם. ס'שטראָמען פאַרביי גאַנץ עלעגאַנטע דאַמען, פּשוט'ע פּאָלקס־מענטשן, קינדער; איך טראָג זיך מיטן שטראָם און מאַך אַ וויכטיקע אַנטדעקונג: אַלע געשפּרעכן, פון גרויס און קליין, דרייען זיך אַרום איין פּונקט: עסן, שפּייז!

דאָס דאַכט זיך מיר ניט. איך הער דאָס גאַנץ דייטלאַך, און קוק איך זיך איין אין די געזיכטער פון די דורכגייער, גיט מיר אַ בלישטש אין די אויגן פון פיל יענעם פייערל, וואָס ס'שיל־

דערט אזוי מייסטערהאפט קנוט האמסון אין זיין „הונגער". עס שווימען מיר ארויף אין זכרון גאנצע סצענעס פונ'ם דאזיקן בוך, וואס איך האב שוין געלייענט מיט יארן צוריק, און ס'נעמט מיר שרעקן דער געדאנק, אז מיטאמאל זאל איך אט דאס פייערל ניט דערזען אין מיין זונעלע'ס אויגעלאך. האט עס שוין ניט א שיין געטאן פאר מיר נעכטן פאר'ן שלאף? — וואקסט אויס א פראגע, און איך וויים ניט, וואוהין איך גיי, וואס טראגט מיך; איך פיל מער ניט, אז פון אלץ קוקט אראפ אזא אומעט, וואס שפיגלט זיך אפילו אפ אין די בלאסע שטראלן פון דער זון.

קיין נעבל איז שוין ניטא. דער הימל איז אויסגעלייטערט, ער איז אזוי ווייט און הויך, דאך איז דונקל, ניט ווי אין מיטן העלן טאג, נאר ווי א הארבסטיקן פארנאכט, פארן זונענ־אונטערגאנג, ווען א מרה־שחורה איז אויסגעגאסן אומעטום; די בלאסע זונענשטראלן קאנען ניט פארטרייבן די דאזיקע מרה־שחורה, פארקערט, זיי מאכן זי נאך בולט'ער. אזוי איז איצט...

איך טראכט בא זיך: פארוואס ווייעט אן פעטראגראד אף מיר אזא שטימונג? איך קאן אבער דארויף קיין ענטפער ניט געפינען, און אין הארצן נאיעט אלץ מער און שטארקער. אפשר אריינגיין אין א „טשאינע"? איך דערמאן זיך דאס נעכטיקע שווארצע ברויט מיט'ן שמוציקן צוקער, ווי אזוי איך מיט מיין באגלייטער האבן עס הנאה געהאט דערפון, און איך באשליס בא זיך טאקע דא אפ'ן גאס אונטערצושפארן דאס הארץ; א „טשאינע" וועט נאך פארנעמען צופיל צייט, איך וועל נאך פאר־שפעטיקן.

איך שטעל זיך אבער פאר, וואס פאר אן איינדרוק עס וואלט געמאכט אין ניו יארק אזא בילד: עס גייט איבער'ן גאס א גאנץ שיין געקליידעטער יונגערמאן, אנגעטאן אינגאנצן זומערדיק, אין א פאנאמע, א ווייסן אנצוג, ווייסע שיך, און קייט שווארץ ברויט, וואס ער צופט פון קעשענע.

איך שלאג זיך דאריבער שטארק מיט דער דעה, צי איך זאל עסן אפ'ן גאס. איך שעם זיך עפעס; מיר דאכט זיך, אז

מ'וועט אַף מיר קוקן, ווי אַף אַ ווילדן; גיי איך ווייטער, שוין ניט טראַכטנדיק וועגן קיין שום זאַך, און מאַך נאָך אַן אַנטדעקונג: גאָר פילע פאַרבייגייער, אפילו פון אַ גאַנץ אינטעליגענטן אויסזען, טראָגן עפּעס אונטער פון קעשענע אין מויל אַריין און קייען; איך באַמערק, אַז אַ סטודענט האַלט גאַנץ אָפן אין האַנט אַ שטיק ברויט און עסט. קיינער שיינקט אים קיין אויפמערקזאַמקייט ניט. קענטיק אַ געוויינלאַכע זאַך. דאָס גיט מיר צו קוראַזש, איך זאָל פּרואוון דעם מאכל פון ברויט מיט צוקער; איך שלעפּ עס פאָרזיכטיק און פאַרשטעלטערהייט פון קעשענע, אַז ס'זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן, דאָך ניט צוגעוואוינט...

נאָך דער דאָזיקער סעודה האָב איך זיך דערפילט אַביסל קרעפטיקער און אויפגעלייגטער; ס'האָט מיר שוין ניט אויסגעזען אַלץ אַזוי פאַראומערט און פאַרזאָרגט; מיינע געדאַנקען זיינען שוין אויך ניט געווען אַזעלכע אומעטיקע. צוהערנדיק זיך איצט צו די געשפּרעכן פון עולם אַף'ן גאַס, האָב איך דערפאַרן, אַז אויסער וועגן עסן און שפּייז רעדט מען אויך וועגן דער רעוואָלוציע; און איך האָב גענומען ערשט ריכטיק פאַרשטיין די אמת'ע באַ־דייטונג פון דעם שלאָג־וואָרט „ברויט און פרייהייט". איך האָב דערזען, אַז מיט אָט דעם לאָזונג איז פול די גאַנצע פּעטראָגראַדער לופט; ער שיינט אַרויס פון די פענסטער, פון די ווענט, פון די פאָנען, וואָס פלאַטערן איבער אַלע געזעלשאַפטלאַכע געביידעס, אפילו פון אויטאָמאָבילן און וועגענער.

אָט דערטראָגן זיך קלאַנגען פון אַ מיליטער־אָרקעסטער, אַזעל־כע הילכיקע און אימפּעטיקע; אין זיי הערט זיך דער שווערער פוס־גאַנג פון אַ גאַנצער מחנה. וואָס־זשע רעדן די קלאַנגען? „ברויט און פרייהייט!"...

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין באַ אַ קאַזאַרמע, אַן אַלטע רוסישע קאַזאַרמע. אויסגעבראָכענע שויבן, דורכגעלעכערטע ווענט, אָפּגעריסענע שטיקער דאַך, צעבראָכענע טירן, — לעבעדיקע שפּורן פון אַ בלוטיקן קאַמף; און פון אָט דער חורבה, מיט די פאַרזשאַ־

ווערטע אייזערנע גראַטעס, שפּילט דאָס ארוים דער אָרקעסטער
דאָס ליד פון דער רעוואָלוציע...

א פּאַטרול לאָזט מיך ניט צוגיין נאָנט: פאַרבאָטן! גיי איך אריבער אפ'ן צווייטן טראָטואַר און קוק אַלץ מיט א יראת הכבוד אף דער קאַזאַרמע: זי איז מיר א סימבאָל פון ניי רוסלאַנד...

7.

אין רעגיסטריר־פונקט.

דער רעגיסטריר־פונקט אפ'ן קאטערינער קאנאל האט זיך געפונען אין אן אלטער צוויי־שטאקיקער הויז מיט צעשאסענע ווענט. קיין איין גאנצע שויב איז אין איר ניט געווען. דאס זעלבע האט זיך געוואָרפן שטארק אין די אויגן אויך אין די איבעריקע הייזער. די טראטוארן פון ביידע זייטן גאס זיינען געווען פול מיט שטיקלאך גלאז, וואס האבן מיט א גריל־צעריי זיך געבראכן אונטער די פיס. באם אויסגליטשן זיך איז געווען א געפאר גוט צו צעבלוטיקן זיך, און ס'האבן טאקע ניט געפעלט קיין קרבנות. דעריבער איז באם אריינגאנג, אף די צוויי אייזערנע קאלאנעס, געהאנגען א ווארנונג פון האנט־ארבעט מיט גרויסע אותיות: „היט זיך, ווי איר טרעט!“

דער פאטרול האט דערציילט, אז דא איז פארגעקומען איינע פון די גרעסטע שלאכטן אין דער צייט פון דעם נאר וואס דער־שטיקטן באלשעוויסטישן אויפשטאנד; א מחנה מאטראסן איז באפאלן די „קאנטרראזוועדקע“ און צעבראכן אלץ אינעווייניק; חוץ דעם האט מען געשאסן אהער פון דער נעווע, וואס איז פון דאנען נאנט. דאס האט געשאסן די בארימטע קריגס־שיף „אווראָרע“, וואס איז געקומען צו הילף די באלשעוויקעס פון קראנ־שטאט.

דער פאטרול האט עס דערציילט זייער גלייכגילטיק, און מען האט בשום אופן בא אים ניט געקענט דערגיין אף וועמעס זייט ער איז: פון די באלשעוויקעס אדער פון קערענסקי'ן; זיי פלעגט זיך זייער געשיקט ארויסדרייען צו געבן אן ענטפער אף אט דער פראגע.

אן עולם איז דאָ געשטאַנען אַ פאַרשיידנאַרטיקער — מענ׳ער און פרויען מיט קינדער, אפילו צוויי מאָנאַכן. דאָס זיינען אַלץ געוועזן פּאָליטישע עמיגראַנטן. אַלע, אָן אונטערשייד פון גע־שלעכט, האָבן זיך אָפיציעל געמוזט מעלדן. דער פאַרהער איז געווען דער זעלבער, וואָס אַפ׳ן גרענעץ. — די זעלבע פראַגן, די זעלבע פּראָצעדור.

אַ יונגער יונקער האָט געהאַלטן באַם אַריינגאַנג די פראַגע־ליסטן, וואָס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן פון גרענעץ, און לויט זיי אויסגערופן בּאַ די נעמען. דאָס האָט דערוועקט אַ פּראָטעסט, וואָס מען פאַרשאַפט מענטשן אַרויסגעוואָרפענע טרחה, ווען מען האָט שוין וועגן זיי סיי ווי סיי די נויטיקע ידיעות. דער יונקער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס איז ניט זיין שולד, — ס׳איז אַ באפעל פון אויבן, מוז מען זיך אונטערוואַרפן.

איינער פון די מאָנאַכן האָט זיך אָפּגערופן: „וואָס מיר באַ־פעל, זאָגט פּשוט, מען דאַרף באַזאָרגן אַ כאָפּטע דאַרמאָיעדניקעס, זוכט מען פאַר זיי אויס באַשעפטיקונג פון אונטער דער ערד. נישקשה, אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט געמעגט זיין שפּאָ־רעוודיקער״. דער גאַנצער עולם איז מיט אים מסכים געווען.

מען האָט זיך פאַראינטערעסירט, ווי קומען מאָנאַכן צווישן פּאָליטישע עמיגראַנטן, זיי האָבן אָבער אַליין וועגן זיך גאָר ניט געוואָלט דערציילן; זיי האָבן מער ניט דערקלערט, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און קומען פון פראַנקרייך. פון אַנדערע חברים, וואָס זיינען געפאָרן צוזאַמען מיט זיי פון פּאַריז, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די מאָנאַכן זיינען דעם באַרימטן איליאָדאָר׳ס אָנהייגער און האָבן צוזאַמען מיט׳ן לעצטן געמוזט פאַרלאָזן באַם צאַר רוסלאַנד צוליב זייער געגנערשאַפט צו ראַס־פּוטינ׳ען. אין עמיגראַציע האָבן זיי זייער פיל געלייענט און זיינען טאַקע געוואָרן אויפריכטיקע סאָציאַליסטן; מיט זייערע אָפּגעטראָגענע מאָנאַכן־קליידער ווילן זיי זיך בשום אופן ניט שיידן, ווייל זיי קענען דערמיט האָבן אַ גרעסערע ווירקונג אַפ׳ן פאָלק, וואָס גלויבט שטאַרק הייליקע: זיי זיינען מלא רציחה

אַף איליאָדאָר׳ן, וואָס ער האָט זיך אָנגעטאָן ציוויל. דורך דעם — טענה׳ן זיי — וועט ער אַ סך פארלירן פון זיין ווירקונג; אַז איליאָדאָר איז אַן אמת׳ער פריינד פון דער רעוואָלוציע, דערין צווייפלען זיי ניט.

עס האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז מיך האָט מען אויסגערופן צוזאַמען מיט די מאָנאַכן.

מיר זיינען אריינגעגאַנגען אין אַ גרויסן צימער, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ לאַנגער צעבראָכענער טיש מיט אַ פּאָר צעבראָכענע ביינק; ס׳האָט אין אים שטארק געשמעקט מיט טיטון־רויך און מיט מענטשן־שוויים. די אָביטשעס פון די ווענט זיינען געהאָנ־גען שטיקערוויז. דער גרויסער קאַכל־אויוון איז געווען פול מיט ליבער. אפ׳ן פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט בערג צוגעזברענטע פּאַפּיר. צעברענט איז ערטערווייז אויך געווען די סטעליע. אַן אמת׳ער חורבן ארום און ארום. מיט׳ן דאָזיקן חורבן האָבן אויך הארמאָנירט די אָרים־געקליידטע סאָלדאַטן באַם טיש. זייערע פּנים׳ער זיינען געווען עפּעס אַזעלכע פארפינסטערטע; דערצו נאָך איז דאָס איינציקע פענסטער אין צימער ארויס צו אַ הינ־טער־וואַנט אין הויף, האָט דאָס שוואַך־ברענענדיקע עלעקטרישע לעמפּל דעם חורב׳ן אויסזען נאָך פארשטאַרקט...

איינער, דער עלטסטער, וואָס איז געזעסן אויבנאָן, האָט אונז אַלעמען דערלאַנגט די האַנט און געבעטן העפלאַך זיך זעצן.

ווען ער האָט דערזען די מאָנאַכן, איז ער ווי איבעראַשט געוואָרן: אויך פּאָליטישע עמיגראַנטן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. ווען יענע האָבן נאָך זיינע איבעריקע פראַגן דערקלערט, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָט ער זיך דורכ־געקוקט באַדייטונגספול מיט זיינע איבעריקע מיטאַרבעטער; די לעצטע האָבן די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון די מאָנאַכן, באַ־טראַכט זיי מיט אַ באַזונדער ערפורכט. מען האָט באַמערקט, אַז ס׳ווילט זיך זיי זייער שטאַרק פארפירן אַ געשפּרעך מיט די זעלטענע באַזוכער.

די ריי איז דערגאנגען צו מיר. איך האָב אויסגעפילט אַלע פאָרמאַליטעטן, און דער עלטסטער האָט אונז אַלעמען דריי דער־קלערט, אַז ניט שפּעטער, ווי דעם 19טן יולי מוזן מיר זיך שטעלן צום „פּריזיוו“; אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטן מאַכט מען אונז אַ נדחה אַף אומגעפער דריי וואָכן, כדי צו ברייגנען אין אָרדנונג אַלע געשעפטן און באַזאָרגן די פאַמיליעס, אויב אַזעלכע זיינען דאָ. דערביי האָט דער עלטסטער גענומען רעכענען אויף אַ גרויסן „טשאַט“, וואָס איז געלעגן נעבן אים, וויפיל פון אונז אַלעמען קומט צוזאַמען פאַר הערב־מאַרקעס. די סומע האָט, דאַכט זיך, באַטראָפן גאַנצע דריי רובל מיט פינף און זיבעציק קאָפּיקעס...

שוין לאַנג ניט געזען קיין „טשאַט“ — האָבן זיך ביידע מאַנאַכן אָפּגערופן מיט אַמאָל. — אַן אמת'ע רוסישע דערפינ־דונג, פונקט ווי דער סאַמאָוואַר. — אַ גוט פאָלק אונזערס, — האָט איינער פון זיי שוין ארויסגערעדט מיט אַן אמת גלח'ישן טאָן, — אַ פּעאיק פאָלק, נאָר פאַרגרעבט, פינסטער, אָפּגעשטאַנען...

„נישקשה, פּעטערלאַך, — האָט זיך אָפּגערופן אַ סאָלדאַט באַם טיש—די רעוואָלוציע וועט עס אויסמענטשלען, און מאַמע־רוסלאַנד וועט נאָך ווייזען, וואָס זי קען; אַ סוף צו די פינ־סטערע צייטן פון די ראָמאַנאָווס, פון די ראַס . . . — ער האָט זיך אין מיטן אָפּגעהאַקט. אַ צווייטער סאָלדאַט האָט אים אונ־טערגעכאַפּט: זאָג, שעם זיך ניט, האָב ניט קיין מורא, טאַקע אין מאָנאַכן־קליידער, נאָר חברים, סאָציאַליסטן, יאָ: אַ סוף צו די פינסטערע צייטן פון די ראָמאַנאָווס, פון די ראַספּוטינס...

— כאַ, כאַ, כאַ — האָבן זיך ביידע מאָנאַכן פאַנאַנדער־געלאַכט, און איצט האָב איך דערזען, ווי ווייט ענלאַך זיי זיינען איינער אַפ'ן צווייטן, אַן אמת'ער צווילינג, מיט די פנים'ער, מיט דער שטים — פאַר אונז האָט מען מורא צו שימפן גרישקע'ן, אַ פיינער וויץ, כ'לעבן; כף הקל זאָל ער זיך קייקלען, דער אויס־וואורף, דער ניאוף. האָט איר דען אַ ידיעה, וויפיל אומגליקן ער האָט עס געבראַכט אַף אונזער פאָלק; אין אַלץ, אין דער מלחמה, אין אַלע צרות, וואָס דאָס לאַנד שטייט אויס, איז ער, ער, גרישקע,

שולדיק. איר מיינט, ניקאָלאַי איז געוועזן צאַר? הויבט זיך ניט אָן, גרישקע, גרישקע, אָט ווער ס'האָט געבאַלעבאַטעוועט, ווער עס האָט געשיקט צו דער שחיטה מיליאָנען ברידער אונזערע, ווער עס האָט אָנגעפילט די טורמעס מיט די בעסטע מענטשן...

דאָס, וואָס די מאָנאַכן האָבן דערציילט, איז קיין נייס פאַר קיינעם ניט געווען; ס'איז אָבער אַנגענעם געווען צו הערן, מיט וואָס פאַר אַן אנטריסטונג זיי ריידן; זייער שפּראַך האָט עפּעס מיט אַמאָל באַקומען אַ ביבלישן קאָלאָריט; זיי האָבן אָנגעהויבן צו שיטן מיט פּסוקים פון עוואַנגעל, פון תנ"ך, מיט ציטאַטן פון מאַרקס'ן און באַקונינ'ען, דערציילן מעשיות וועגן די אַמאָליקע נאַראָדניקעס; אין דעם אַלעם איז ניט געווען קיין סדר, קיין אויסגעהאַלטנקייט; ס'האָט זיך באַקומען אַ מיש־מאַש פון באַגריפן, פון וועלט־אַנשויאונגען; אַלע סאָלדאַטן מיט'ן עלטסטן בראש זיינען אָבער געזעסן פאַרגאַפט, אַקוראַט ווי פאַר זיי וואָלט זיך אַנטדעקט אַ נייע תורה; זיי האָבן פּשוט געשלונגען יעדן וואָרט און זיך גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ס'איז שוין ניט פרי, און אַפּ'ן גאַס וואַרטן נאָך אַזוי פיל באַזוכער...

די ערשטע, וואָס האָבן זיך געכאַפּט פאַר דעם, זיינען טאַקע געווען די מאָנאַכן. „פאַררעדט זיך, חברים — האָבן זיי באַמערקט, — אַן עולה, אַן עולה, צוליב אונז וואַרט עס דער עולם אומזיסט". זיי האָבן זיך אױף גיך אָפּגעזעגנט. די סאָלדאַטן האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון די ערטער, געדריקט אונז די הענט און באַגלייט אונז מיט אַ פריינטלאַכן שמייכל ביז די טרעפּ.

איך האָב גענומען פאַרשטיין פאַר וואָס די מאָנאַכן ווילן זיך ניט צעשיידן מיט זייערע קליידער. די באַציאונג צו זיי פון די סאָלדאַטן, וואָס זיינען שוין מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערן, האָט קלאָר באַוויזן, וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע דאָס פאָלק דאַרף נאָך דורכמאַכן אין זיין גאַנצער פּסיכאָלאָגיע, כדי זיך צו באַפרייען פון אַלע אַבערגלויבענישן, פון דעם היפּנאָז פאַר הייליקע...

דער עולם דרויסן איז שוין טאקע געוואָרן אומגעדולדיק. נאָר די מאַנאַכן האָבן אים באַרואיקט: אונזער שולד, חברים, אונזערע — האָבן זיי זיך פאַרענטפערט — געבאַפּט אביסל א שמועס, נאָר קיין אומגליק ניט, פעלט דען אין רוסלאַנד — האָבן זיי מיט א שמייכל צוגעגעבן — צייט? ס'איז דאָ איבער גענוג. וועט מען היינט ניט פאַררעגיסטרירן, וועט מען אייך הייסן קומען מאָרגן, איבערמאָרגן, איבעראַכטאָג. מיר, רוסישע מענטשן, זיינען געדולדיג. אָט האָבן מיר אויך געדולדיק געוואַרט אַף דער רעוואָלוציע. וואָס זשע איז די איילעניש?... אי, חברים, חברים, אויסלאַנד, מערב אייראָפּע האָט אונז איבערגעפירט...

— צו שפּעט איבערגעפירט — רופט זיך אָפּ איינער פון עולם.

— דערפאַר וועלן מיר גיך איבערפירן אייראָפּע — ענט־פערט א צווייטער.

— דאָס רעדט א באָלשעוויק, — הערט זיך א שטים.

— און איר זייט א סאָציאַל־פאַררעטער, — שרייט אימי־צער אויס, און עס אנטוויקלט זיך מיט אמאָל אזא הייסער ויכוח, אז עס ווערט ארום א טומל, וואָס מען קען זיך בשום אופן ניט פאַנאַנדערקלייבן וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך.

ס'פאַלט ווידער אוים אָפּ'ן גורל פון די מאַנאַכן צו באַרו־איקן די אויפגערעגטע געמיטער; „ניט געקריגט זיך, ניט גע־אַמפּערט זיך, חברים — זאָגן זיי מוסר — באָלשעוויקעס, מענ־שעוויקעס, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, וואָס איז דער אונטער־שייד? אַלע ווילן דאָך דאָס גליק פון פאָלק, זיינען שונאים פון טיראַנען און דעספּאָטן, דאַרף מען אַרבעטן פאַר דער רעוואָ־לוציע. דערפירן זי ביז'ן פולסטן זיג, וועט זיך שוין דאָס פאָלק צעטיילן מיט דער ירושה"...

זייערע ריידווירקן, און ס'ווערט ווידער שלום...

דער יונקער שרייט אוים: ווער ס'דאַרף אין דער דריטער אָפּטיילונג, דאַרף וואַרטן נאָך א שעה, דער נאַטשאַלניק וועט דיצמאָלט אַלעמען אויפנעמען...

.8

אין „קאָנטראַזוועדקע“.

איך ווייס שוין, אז די אויפגעלעבטע דריטע אָפּטיילונג איז די נייע „אָבראַנקע“, אָדער ווי מען רופט זי „קאָנטערראַזוועדקע“, האָב איך קיין ברירה ניט און מוז בלייבן וואַרטן. אַלץ בעסער, ווי פּטר'ן מאָרגן ווידער אַ טאָג.

וואָס טוט מען אָבער מיט'ן אַפּעטיט? גראָד, ווען מען דאַרף אים ניט, איז שקאָצל דאָ. ער קומט אַזוי אומדערוואַרט, און נעמט אַזוי צופּן באַם האַרצן, אַז מען האַלט זיך קוים אַף די פיס...

איך נעם שפּאַצירן איבער די שטיקער גלאָז. ס'איז ניט זייער קיין אַנגענעמער שפּאַציר, נאָר וואָס טוט מען ניט, כדי צו שטילן דעם הונגער? אין עק גאַס זע איך ווידער פאַר זיך די נעווע; זי איז שוין אַזאַ רואיקע, ברייטע, דורכזיכטיקע; איין פּראָם קומט צו גיין, דער צווייטער גייט אַוועק; זייערע מאַסטן מיט די רויטע פענדלאַך אַף די שפּיצן שפּיגלען זיך אַזוי דייט־לאַך אָפּ אין וואַסער; ס'שפּיגלען זיך אויך אָפּ די פּאַסאַזשירן מיט די קעפּ אַראָפּ. דאָס אַלץ ציט צו מיין אויפמערקזאַמקייט, און איך בין זיך אין געדאַנק משער, אַז אָט אין דעם אָרט צווישן ביידע פּראָמען, וואָס לאָזן איבער נאָך זיך לאַנגע וועלן־שלאַנגען, האָט געמוזט שטיין די „אַוראָרע“ און שיסן גלייך אַף דער „קאָנטער־ראַזוועדקע“. פאַר וואָס מוז דווקא דאָס זיין דער אָרט, ווייס איך ניט. אַזוי איז מיר איינגעפאַלן. אפשר איז דאָס צוליב דעם, וואָס דאָ טוקעט זיך אַזוי חנ'דלדיק די זון? איך

דערמאָן זיך אַנדרעיעוו'ס „דער וועג פון די רויטע פּאַנען": אַ חנ'דלדיקע זון און אַ ברייט־דורכזיכטיקע נעוווע; זיי גיסן זיך צענויף אין נשמה פון פאָלק; ס'פּאַסט, אַז דאָ זאָל שיסן די „אווראָרע"...

וואָס איז מיט מיר היינט? וואָס פּלאָנטערט זיך מיר אַלץ אין קאָפּ?

איך קוק אָפּ'ן זייגער: נאָך אַ האַלבע שעה. ווען, דהיינו,— גיב איך אַ קלער באַ זיך, — אַ מאַטראָס פון „אווראָרע" זאָל מיר איצט דערזען מיט'ן גאָלדענעם זייגער אין האַנט, וואָס וואָלט ער געזאָגט: „בורזשוי". בין איך דען ניט טאַקע אַ „בורזשוי", אַן עכטער „בורזשוי"? נאָר עפּעס, קריכט מיר שוין אין קאָפּ די אכילה...

מען דאַרף גיין צוריק...

אויף יענער זייט גאַס באַ אַ הילצערנעם פּאַרקן, פּונקט אַנט־קעגן דעם רעגיסטריר־פּונקט, זע איך זיצנדיק אויף אַ הילצערנעם קאַסטן אַ יונגע פרוי מיט צוויי קינדער. איך הער, זיי ריידן צווישן זיך פראַנצויזיש, און באַמערק, אַז זיי עסן עפּעס אַלע פון אַ ווייסן פּאַפּיר. איך בין זיי פּשוט מקנא, און וויל שוין אוועקגיין אין אַן אַנדער ריכטונג, מיט אַמאָל דערהער איך אַן אויסגעשריי פול מיט פאַרוואונדערונג: גינזבורג!

גינזבורג! — מיין נאָמען, וואָס איך בין אויף אים געווען פאַרשיקט אין סיביר. שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז איך האָב אַמאָל אַזוי געהייסן, פאַרגעסן אויף פילע אַנדערע נעמען, און איצט הער איך ווידער אַן אָפּקלאַנג פון יענע, יענע צייטן...

איך דערקען גלייך די, וואָס רופט מיך אַזוי: יאָ, דאָס איז זי, בערטע, די יונגע אידישע מיידל פון האַרקע, נאָך כמעט אַ קינד, וואָס איז געווען פאַרשיקט פון באַקו פאַר באַלאַנגען צום „בונד". איך דערקאָן זי בלויז אָן די אויגן, ווייל איך זע פאַר זיך שוין כמעט אַ מיטל־יעריקע פרוי אפילו מיט גרויע האָר; איינגעטלאָך זיינען די אויגן אויך ניט די זעלבע, אויסגעלאָשן,

נאָר עס פילט זיך אַ שפּור פון אַלטן גלאַנץ. וואָלט איך זי געטראָפן אַנדערש וואו, אַזוי אין גאַס, וואָלט איך זי ניט דערקענט. זי מיך? אויך ניט. ניטאָ דער אַמאָליקער גינזבורג. אויך די אויגן, בלויז די אויגן דערמאָנען אים אַביסל...

איינציייטיק אַן אַנגענעמע און שווערע באַגעגעניש. דער געשפּרעך קלעפּט זיך ניט. די צוויי שיינע קינדערלאַך זיינען אַזוי פאַרטאָן אין ברויט מיט די אייער, אַז זיי ווענדן אַף אונז קיין אויפמערקזאַמקייט ניט. זיי, קענטיק, געפעלט גלאַט דער „פּיקניק". קוקנדיק אַף זיי, אַף זייערע קיילעכדיקע פּנים'לאַך מיט די חן־גריבלאַך, אַף די לעבעדיקע שוואַרצע אויגלאַך, דערזע איך פאַר זיך די זעלבע בערטע, וואָס איך האָב געקענט מיט עלף יאָר צוריק. וויפיל הערצער פון פאַרשיקטע האָבן עס דעמאָלט די דאָזיקע חן־גריבלאַך און שוואַרצע אויגן פאַרוואונדעט? די גאַנצע קאָלאָניע איז דאָך אין דער יונגער האַרקער מיידל געווען פאַרליבט. זי איז געווען דער צענטער; אָן איר וואָלט אין פאַרוואָרפן ווייט־ווייטן סיבירער שטעטל, אָן קיין שום פאַרבינדונג מיט דער גרויסער וועלט, מיט נאָענטע פריינט, אָן ביכער, געווען דאָס לעבן אַזוי לאַנגווייליק, אַזוי פּוסט. און איצט? ס'שטייט פאַר מיר אַ מאַמע פון צוויי קינדער, אַ גאַנץ דיקלאַכע, מיט אַ סך קנייטשן אַפ'ן גרויסן שטערן און באַם קליינעם מויל, וואָס זאָגן עדות אַף אַ סך, אַ סך איבערלעבונגען...

דערציילן וועגן אונזער לעבן פאַר די אַלע יאָרן? ניין, ס'ווילט זיך ניט. אין גרונט גענומען זיינען מיר דאָך פרעמדע איינע די אַנדערע; יעדער פון אונז האָט דורכגעמאַכט זיין אייגענעם וועג; איך בין דער אַלטער בונדיסט, מיט'ן זעלבן גלויבן אין די אַלטע אידעאַלן; זי אַן אַנאַרכיסטקע, וואָס האַסט סאָציאַל־דעמאָקראַטן. וואָס זשע קען זיין געמיינשאַפטלאַכס צווישן אונז? די עראינערונגען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט? נאָר אָך און וויי, ווען מענטשן בינדט צענויף בלויז די פאַרגאַנגענהייט. דאָס באַווייזט, אַז ס'איז שוין ניטאָ קיין אָנהאַלט אין דער געגנוואַרט און קיין אויסזיכט אַף דער צוקונפט. און אַ

לעבן, אַ גרויס, ברויזיק לעבן, איז דאָך פֿאַראויס, אַ ניי לעבן, איז אוים מיט׳ן עבר!...

איך בין געקומען אויף אַ האַלבער שעה שפּעטער אין „קאָנטר־ראזוועדקע״; ס׳האָט מיר אָבער אָפּגעגליקט, וואָס איך האָב נים פאַרשפּעטיקט.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ געמיטלאַכער צימער, שיין מעב־לירט, מיט אַ ספּעציעל אָפּגעצאַמטן אָרט פאַר די באַזוכער. אויף די ווענט איז געהאַנגען אַ גאַנצע רייע פאַראָרדנונגען, וואָס מען טאָר מיט זיך פירן דורכ׳ן גרעניץ, און וואָס ס׳ווערט קאָנפיס־קירט. צווישן די פאַרבאָטענע זאַכן זיינען געווען דיק אונטער־געשטראָכן פאַנטאַן־פעדערס...

קיין צעשטערונג אין צימער האָט זיך ניט געפילט, אויסער די אויסגעבראָכענע שויבן, וואָס דורך זיי האָט אַביסל געבלאָזן.

אָנגעשפּארט אָן גראַטע איז געשטאַנען אַן עלטערער רוס, לויט׳ן אויסזען, אַ גוטבאַזיצער, אַן אַרעליקער, מיט אַ יונגער טאָכטער. זיי האָבן איינגע׳טענה׳ט מיט אַ טשינאָווניק, אַז מען זאָל זיי צוריקקערן דעם „ברויונינג״, וואָס מען האָט בא זיי צוגע־נומען אפ׳ן פינלענדישן גרענעץ.

— איך בין ניט קיין קאָנטררעוואָלוציאָנער — האָט זיך געבעטן דער רוס — נאָר אַן אַלטער נאַראָדאָוואָליעץ; די רעוואָ־לוציע איז געוועזן מיין טרוים. צוליב דעם האָב איך ניט ווייניק געליטן אין מיין לעבן. ווי זשע קענט איר ביי מיר צונעמען די לעצטע אָנדיינקונג פון מיין איינציקן זון, וואָס איז אומגעקומען אויף קאַטאָרגע? — טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן — גלויבט איר מיר ניט, קענט איר זיך אָנפרעגן אויף מיר בא זאַ־רודני׳ן, בא פלעכאַנאָוו׳ן, ביי צענדליקע אַנדערע באַרימטע פּער־זענליכקייטן.

דער טשינאָווניק מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ מאָדנע טעמפּקייט, האָט אָבער געהאַט איין ענטפער: מען קען ניט, לייענט די פאַראָרדנונג אויף דער וואַנט, וועט איר זען.

די טאָכטער האָט אַלץ געשעפּטשעט: קאַליעס רעוואָלווער,

סאָליעס רעוואָלווער! און געקוקט מיט אַזעלכע גרויסע, בעטנדיקע אויגן אַפ׳ן טשינאָווניק, אַפּעלירט צו זיין רעוואָלוציאָנערן געוויסן. יענער האָט זיך אָבער פאַרגראָבן אין זיינע פּאַפּירן, אַזוי ווי ניט אים מיינט מען דאָס.

דער פאָטער האָט באַרואיקט די טאָכטער, און ענדליך אַרויסגערעדט דורך פאַרשטשעמטע ציין: „אַן אַלטער אָבראַניק, האָט ניט קיין געוויסן!״ באַם אַרויסגיין האָט ער אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, אַז די ווענט האָבן אויפגעטרייסלט...

דער טשינאָווניק איז אָבער אַלץ געזעסן אַפּ זיין אָרט, איינגעגראָבן אין זיינע פּאַפּירן. קאָנטיק, ער איז שוין געוואוינט געוועזן צו אַזעלכע סצענעס...

איך האָב געוואַרט עטלאַכע מינוט, מיינענדיק, אַז דער טשינאָווניק וועט מיך באַמערקן. אייגנטלאָך האָב איך באַ זיך באַשלאָסן, אַז מיין טרחה איז אומזיסט: איך וועל מיין פאָנטאָן־פעדער ניט באַקומען צוריק, הגם מען האָט מיר פאַרשפּראָכן אַפ׳ן גרענעץ צוריקקערן. פּרוּוון זיך שאַדט אָבער ניט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז וואַרטן אַפּ איידלקייט איז ניטאָ וואָס, האָב איך זיך אַליין געווענדט צום טשינאָווניק; ער האָט אַפּ מיר אויפגעהויבן זיינע גלעזערנע אויגן, און איך האָב טאַקע גלייך אין זיי דערפילט אַן אַלטן צאַרישן אָבראַניק.

דער טשינאָווניק האָט מיך אויסגעהערט און גלייך פון טישקעסטל אַרויסגענומען מיין פאַנטאַן־פעדער. איז דאָס אייערע?
— האָט ער געפרעגט — אַזאַ גרויסע פעדער האָב איך נאָך ניט געזען. אַ מתנה מסתמא, האַ?

איך ענטפער אים און דערצייל אים וועגן דער הבטחה, וואָס איך האָב באַקומען אַפ׳ן גרענעץ; ער ווייזט מיר אָבער אַן קאָלט אַפּ דער פאַראָרדנונג: לייענט!

דאָס פירט מיך אַרויס פון געדולד. ווער איז דאָ דער נאַטשאַלניק? — פרעג איך באַ אים בייז. ער קוקט אַפּ מיר ניט און ברומט אַרויס: דער נאַטשאַלניק איז ניטאָ, ס׳וועט

איך גאָר ניט העלפֿן, א וואַזשנע שטיק! — שפּילט ער זיך מיט דער פֿעדער אין האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט מיר געריייצט.

איך ווער אויפֿגעבראַכט און האַלט שוין בא דערלאַנגען אים אַ גאָב. נאָר פּלוצלונג גייט אַרויס פֿון קאָרידאָר אַ נידעריק רונד אָפּגעגעסן מענטשל, מיט קיילעכדיקע באַקן און כיטרע לויפֿנדיקע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן מעשה פּראַנט, מיט אַ גרויסן דימענט אין האַלזטוך און דימענטענע רינגען אַף די הענט. אָן דעם ציטער, וואָס ס'גיט דער טשינאָווניק, פֿאַרשטיי איך, אַז דאָס איז דער נאַטשאַלניק.

איך ווענד זיך צו אים מיט מיין בקשה, ווייז אים מיינע קאָרעספּאָנדענטן-קאַרטן, דערצייל אים, ווער עס קען מיך פֿון די באַרימטע רעוואָלוציאָנערן. ער הערט מיך זייער העפֿלעך אויס און דערקלערט מיר, אַז על פּי געזעץ האָט ער ניט קיין רעכט צו דערפֿילן מיין בקשה, אַז די הבטחה אַפּ'ן גרענעץ איז אויך אַן אומגעזעצלאַכע. אַזוי ווי איך בין אָבער אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון אויסלענדישע צייטונגען, און לויט די פֿערזאָנען, וואָס איך רוף אָן, איז קענטיק, אַז איך בין ניט קיין באָלשעוויק, מאַכט ער פֿאַר מיר אַן אויסנאָם.

— פּראַכאַראָוו — האָט ער זיך געווענדט צום טשינאָווניק — גיב אָפּ דעם „חבר“ די פּאַנטאָן-פֿעדער, דו ווייסט דאָך וועלכע. — דערביי האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט, זיך עלעגאַנט אַ נויג געטאָן, אַרויסריידנדיק מיט גדלות אין ענגליש: „גוד באַי, סער“ און איז אַוועק צוריק צו זיך.

פּראַכאַראָוו איז געווען צוקער-זיס, און ער האָט מיר דערלאַנגט די פֿעדער מיט אַ שמייכל: ניטאָ קיין דינאַמיט. דער שמייכל איז געווען אַ פֿילדרייטיקער. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער בחור וואַרט אַף אַ זייטיק פֿאַרדינסטל. מיין ברייטהאַרציקייט האָט אים גאָר גערירט; ער האָט מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און באַגלייט מיט אַ ברייטן „זייט געזונט, חבר!“

ווען איך בין אַרויס אַפּ'ן גאַס, האָט בערטע מיט די קינדער אַף מיר געוואַרט. איך האָב זיך אָבער געפֿילט שרעקלעך מיד,

דערצו טאַקע הונגעריק און אונזער געשפּרעך האָט זיך ווידער ניט געקלעפּט. איך האָב זי באַגלייט צום טראַמוואַי, און איך האָב איר אמת מקנא געווען, וואָס צוליב די קינדער האָט זי אויך זוכה געווען צו אַן אָרט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'לוינט זיך איצט דאָך אַמאָל צו האָבן קינדער אין רוסלאַנד...

איך בין געקומען אַהיים זייער שפּעט. אַלע האָבן שוין געשלאָפן, און דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט אין פּעטראָגראַד, ווען איך האָב געהאַט אַ געשמאַקן שלאָף, כאָטש אָן וועטשערע...

.9

די העצע קעגן די באָלשעוויקעס.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָט געדארפט פאָרקומען א פארברייטערטע זיצונג פון פעטראָגראַדער ארבעטער־סאָוועט. אף דער דאָזיקער זיצונג האָט מען אויסגעקוקט מיט גרויס נייגעריקייט, ווייל זי איז געווען די ערשטע נאָכ'ן נאָר־וואָס דערשטיקטן באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד. מ'האָט זיך געריכט, אז אף איר וועלן זיך אָפּשפּילן שטורמישע סצענעס צווישן די אָנהענגער פון דער צייטווייליקער רעגירונג און פון די באָלשעוויקעס.

ביידע צדדים האָבן זיך צו דער זיצונג געגרייט, מאָביליזירט זייערע כחות. באזונדערס טעטיק זיינען געווען די אָנהענגער פון דער צייטווייליקער רעגירונג; זיי האָבן אָנגעווענדעט אלע מעגלאָכקייטן, כדי ארויסצורופן א שטימונג בא די מאסן קעגן די באָלשעוויקעס, און די מעשה, אז לענין און זיינע מיטהעלפער זיינען אגענטן פון דייטשן גענעראל־שטאב, איז זיי שטארק צוניץ געקומען דארין.

די צייטווייליקע רעגירונג און דער סאָוועט האָבן ניט געוואגט ארויסצוטרעטן אָפן אין זייערע אייגענע נעמען מיט אזעלכע באשולדיקונגען; האָט פאר זיי אָפּגעטאָן די „נאָבעלע" ארבעט דער בארימטער אלעקסינסקי, דעפּוטאט פון דער צווייטער דומע, מיט דעם געוועזענעם „שליסלבורזשעץ", פּאנקראטיעוו. אין דער קליינער צייטונג „זשיוואָיע סלאָווא" האָט מען פארעפנטלאכט דאָקומענטן, אז די פירער פון די באָלשעוויקעס שטייען אין דינסט פון דייטשן גענעראל־שטאב; ס'זיינען אפילו אָנגעגעבן געוואָרן די

נעמען פון די פאַרמיטלער אין סטאָקהאָלם, וואָס דורך זיי ווערן געפירט די געלט־געשעפטן פון די דייטשן מיט די באָלשעוויקעס, ווי יאַקאָוו פירסטנבערג (גאַנעצקי) און זיין קרובה סוסענסאָן, פאַרוואוס־העלפאַנט, דער אַדוואָקאַט קאָזלאָווסקי; מען האָט אויך אָנגערופן געוויסע בענק אין שוועדן, וואָס דורך זיי ווערט איבערגעשיקט דאָס געלט פון דער דייטשער רעגירונגס־קאַסע פאַר דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין רוסלאַנד.

אין פּעטראָגראַד איז קיין סוד ניט געווען, אַז די דאָקומענטן זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן, לויט׳ן אויפטראַג פון דער רעגירונג, און באַשטאַנען דאַרויף איז דער יוסטיץ־מיניסטער פּערעווערזיעוו. די מיניסטאָרן טערעשטשענקאָ און נעקראַסאָוו האָבן קעגן דעם שטאַרק פּראָטעסטירט, ווייל, לויט זייער מיינונג, האָט די פריי־צייטיקע פאַרעפנטלאַכונג פון די דאָקומענטן ניט געגעבן קיין מעג־לאַכקייט צו פאַרכאַפּן אַלע „שולדיקע" אין נעץ אריין און אָנגיין, ווי געהעריק, מיט דער אויספאָרשונג. די גרויסע צייטונגען האָבן די זאַך פאַנאַנדערגעבלאָזן אין אַ גוואַלדיקער סענסאַציע, און די העצע קעגן די באָלשעוויקעס איז אַוועק אין פולן גאַנג. מי־ליוקאָוו האָט דערנאָך צוגעגעבן, אַז אַלעקסינסקי און פּאַנקראַטיעוו האָבן „געראַטעוועט די לאַגע", ווייל זיי זיינען אַרויס מיט זייער „אויפדעקונג" אין רעכטן ברעג פון אויפשטאַנד, און דאָס האָט גע־ווירקט אַף אייניקע „נייטראַלע" רעגימענטן אַרויסצוטרעטן קעגן די באָלשעוויקעס.

אַלעקסינסקי, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פאַרברענטער באָלשע־וויק און איז דערנאָך געוואָרן אַ מלחמה־פּאַטריאָט פון עקל־האַפטסטן סאָרט, האָט גיהאַט אַ מיאוס׳ע רעפּוטאַציע אין אַלע סאָציאַליסטישע קרייזן, אפילו אין די רעכטע; מען האָט אים פשוט געהאַסט; זיין „גרויסער אויפטו" האָט אים אָבער מיטאַמאָל גע׳כשר׳ט. מענטשן, וואָס האָבן פריער זיין נאָמען ניט געוואָלט דערמאָנען, האָבן אים גענומען לויבן אין הימל אריין, הגם מען האָט געפילט, אַז אין האַרצן עקלט זיי פון דעם נפש. וואָס פאַר־

גלעט מען אָבער ניט צוליב דעם „הייליקן" קאמף קעגן די באָל־שעוויקעס ?...

מיט דעם דאָזיקן אלעקסינסקי'ן האָב איך זיך באַקאַנט פאַר דער דערמאָנטער זיצונג פון פעטראָגראַדער סאָוועט.

איך בין געקומען זיך זען מיט'ן אַלטן רעוואָלוציאָנער לעוו דייטש, וואָס איז געווען אונזערער אַ נאָנטער פריינט פון אמע־ריקע, אין דער רעדאַקציע פון פּלעכאַנאָוו'ס צייטונג „יעדינסטוואָ". לעוו דייטש איז געווען זייער צופרידן מיט מיין באַזוך, און ער האָט מיך גענומען גלייך אַגיטירן, איך זאָל אַריינטרעטן אין פּלע־כאַנאָוו'ס גרופּע. איך בין אַפילו דעמאָלט געווען אַ הייסער מענ־שעוויק, נאָר פּלעכאַנאָוו'ס פּאַטריאָטיזם האָט מיר ניט זייער שטאַרק געשמעקט. באַזונדערס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק די אַטמאָספערע אין דער רעדאַקציע פון „יעדינסטוואָ". דייטש, וואָס איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער צייטונג און פון פאַרלאַג, האָט מיך באַקאַנט מיט'ן גאַנצן שטאַט מענטשן. פאַר־ברענגענדיק מיט אייניקע פון זיי מער ווי אַ שעה, האָב איך דער־פילט, אַז דאָס זיינען אַלע „געוועזענע", אַזעלכע, וואָס די רע־וואָלוציע אינטערעסירט ווייניק, אַז זיי זיינען אַפילו פאַר אַ קאָנ־סטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, אָבי נאָר די דייטשן זאָלן כאַפּן אַ מפּלה. אַלץ, וואָס די אַנטאַנטע טוט, איז פאַר זיי כשר וישר; צוהערנדיק זיך צו זייערע אַרגומענטן, האָט זיך ניט ווילנדיק אַריינגע'גנב'עט אַ חשד, צי זיינען זיי אַליין ניט אַגענטן פון דער אַנטאַנטע...

דער אַלטער דייטש האָט פון די אַרגומענטן אָנגעקוואָלן; און ווען איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז די אַנטאַנטע דאַרף ניט האָבן קיין בעסערע פאַרטיידיקער פאַר זיך, ווי ער און זיינע חברים זיינען, האָט ער זיך אַפילו ניט באַליידיקט. — געוויס, האָט ער באַמערקט, דאַרפן מיר שטיין שטאָל און אייזן פאַר ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווייל זיי קעמפן פאַר דעמאָקראַטיע, און די, וואָס זיי־נען קעגן זיי, זיינען פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע, ווילהעלמ'ס מיטאַרבעטער.

פּאָלעמיזירן מיט דייטש'ן איז געווען איבעריק. פון מיין נאָנ־טער באַקאַנטשאַפט מיט אים האָב איך שוין געוואוסט, אַז אים טאָר מען ניט ווידערשפּרעכן, ער דולדט ניט אַזעלכע זאַכן; איך האָב דעריבער געזוכט צו פאַרפירן אַ געשפּרעך אַף אַן אַנדער טעמע. ער האָט אָבער געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער זעלבער זאַך. ער איז געווען אומצופרידן מיט ליבער'ן, דאַנ'ען און צערעטעלי'ן: זיי גייען ניט ווייט אין זייער פּאַטריאָטיזם, זיי זיינען צו ווייניק מאַרקסיסטיש. די איינציקע, אמת'ע מאַרקסיסטן, אָדער לויט זיין אויסדרוק, מאַרקסיסטישע פּאַטריאָטן, זיינען פּלעכאַנאָוו, ער און זייערע אָנהענגער. דאָס וואָרט „פּאַטריאָטיזם" איז ניט אַראָפּ פון דייטש'ס ליפּן, און דאָס האָט געקלונגען מאָדנע אין מויל פון אַזאַ אַלטן רעוואָלוציאָנער, פון איינעם פון די גרינדער פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. וועגן מאַרטאָוו'ן און אַבראַ־מאָוויטש'ן האָט ער גערעדט מיט פאַרביטערונג: דאָס זיינען דאָך כמעט באָלשעוויקעס, אַלנפאַלס, זייערע נאָנטע שותפים; און אין גרונד גענומען, מיט וואָס זיינען זיי בעסער פון די באָלשעוויקעס? זיי זיינען דאָך, אַזוי ווי לענין, געקומען צופאָרן קיין רוס־לאַנד דורך דייטשלאַנד אין אַ פּלאָמבירטן וואַגאָן. איז דאָס ניט אַ שאַנד פאַר רעוואָלוציאָנערן?

איך האָב באַמערקט: וואָס,וואָס — קיין אַגענטן פון דייטשן גענעראַל־שטאַב זיינען מאַרטאָוו און אַבראַמאָוויטש ניט...

דייטש האָט דאַרויף ניט געענטפערט; ער האָט נאָר בייז אַף מיר אַ קוק געטאָן און האַסטיק אַרויסגערעדט: אַז לענין, זינאָ־וויעוו און זייער גאַנצע חבריה זיינען עס אָבער — דאַרין איז שוין קיין צווייפל ניטאָ. איר געדענקט, נאָך אין אַמעריקע האָב איך אייך פאָראויסגעזאָגט, אַז לענין איז פעאיק אַף אַזעלכע זאַכן, און איצט זעט איר, אַז איך בין געווען גערעכט... דעם אמת זאָגנ־דיק, האָב איך דאָס ניט געדענקט. פאַרקערט, איך האָב געדענקט, אַז דייטש האָט געהאַלטן לענינ'ען פאַר אַ זויבערע פּערזענלאַכקייט, פאַר אַ גרויסן אידעאַליסט, כאָטש לענין איז, לויט זיין מיינונג, אַ סעקטאַנט און פאַרביסענער פראַקציאָנער. דערמאָנען דאָס אָבער

איצט דייטש'ן איז געווען איבריק. ער וואָלט עס סיי־ווי־סיי גע־לייקנט.

גראָד אין דעם מאָמענט איז אריין אין צימער א מאן פון מיטעל־וואוקס, אזא ראשינער, קוועקזילבערדיקער, מיט צאַפּלדיקע אויגן, וואָס קאָנען ניט איינשטיין אף אן אָרט. דייטש האָט מיר אים פאָרגעשטעלט: אַלעקסינסקי. דערהערנדיק דעם נאָמען, איז מיר געוואָרן עפּעס אומאַנגענעם. פון אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט די לעצטע יאָרן וועגן אים און פון אים, האָב איך געוואוסט אז דאָס איז אן אוואַנטיוריסט. איך ווייס, אז אזא מיינונג האָט אויך געהאַט וועגן אים דייטש, און מיטאַמאָל ווייזט דער אַלטער ארויס צו אים אזא פריינדשאַפט: דריקט שטאַרק זיין האַנט און אינטערעסירט זיך מיט זיין געזונט. אין דער גאַנצער באַנעמונג דייטשעס צו אַלעקסינסקי'ן האָט זיך עפּעס געפילט א מאָדנע הכנעה'דיקייט.

אַלעקסינסקי האָט קיינעם פון אונז ניט געקוקט גלייך אין פּנים אריין. מיט א געמאַכט שמייכל האָט ער מיך א פרעג גע־טאָן: וואָס, א פּאָליטישער עמיגראַנט? נו, ווי געפעלן אייך עפּעס אונזערע באָלשעוויקעס, פיינע קערלען, הא? אָט האָבן מיר דאָס זיי דערלאַנגט א באַמבע, אז זיי וועלן האָבן צו זינגען און צו זאָגן. האָט איר שוין געלייענט די דאָקומענטן וועגן זיי? וואַרט, דאָס איז נאָך ניט אַלץ, מיר האָבן פּעק גאַנצע וועגן זייערע געשעפטן מיט ווילהעלמ'ען...

דייטש האָט זיך געווענדעט צו אַלעקסינסקי'ן: פאַרוואָס־זשע שווייגט די צייטווייליקע רעגירונג, פאַרוואָס נעמט זי ניט אָן קיין מיטלען קעגן אָט די נפשות?

— לעוו גריגאָריעוויטש! — האָט אויסגעשריען מיט התלהבות אַלעקסינסקי אף זיין קווּיטשיק קול — וואָס רעדט איר? ווייסט איר דען ניט, אז לענין און זינאָוויעוו האָבן זיך שוין אָפּגעטראָגן, און מען קאָן זיי ניט געפינען. קשעסשינסקי'ס פּאַלאַץ איז פאַר־קלאַפּט, אין דער רעדאַקציע פון „פּראַוודאַ" איז געווען א שטרענ־גע אונטערזוכונג, און מען האָט די צייטונג אָפּגעשטעלט...

— און וואס איז מיט טראצקי'ן? — האט דייטש געפרעגט. אלעקסינסקי האט אים א וואונק געטאן, וואס האט באדייט, אז ס'איז ניט באקוועם צו ריידן וועגן דעם אין דער אנוועזנהייט פון א פרעמדן מענטשן. דייטש האט זיך אפגערופן:

— נישקשה, חבר עפשטיין איז אן אייגענער, ס'איז זיך ניטא וואס צו שטערן פאר אים.

אלעקסינסקי האט א קוק געטאן אף מיר און ארויסגערעדט:

—טראצקי איז נאך דערווייל אויף דער פריי, נאר ס'וועט קומען אויך זיין צייט...

— א שאד, א שאד — האט ארויסגעמורמלט דייטש — ער איז ניט בעסער פון לענינ'ען און זינאוויעוו'ן...

דער געשפרעך איז אריבער צו דער באפארשטייענדיקער זיצונג פון סאוועט. אלעקסינסקי האט דערציילט, אז אף דער דאזיקער זיצונג וועט מען דערלאנגען די ריכטיקע שטאף. אלץ איז צוגעגרייט אפ'ן בעסטן אופן. די שטימונג פון די מאסן, פון די „פראנטאוויקעס", וואס וועלן זיין פארטראטן אין א גרויסער צאל אף דער זיצונג, איז זייער א פיינטלאכע צו די באלשעוויקעס. צווישן די באלשעוויקעס גופא הערשט א שרעקלאכע אפהענדיקייט, זייער גאנצע ארבעט איז פאראליזירט און זיי וועלן זיך אפילו אויף דער זיצונג ניט אנזען. טראצקי וועט אהין ניט קומען, ער וועט מורא האבן...

— וועט מארטאוו — האט געזאגט דייטש — זיי פארטרעטן. וואס איז די נפקא מינה?

אימיצער האט ארויסגערופן אלעקסינסקי'ן.

ווען איך בין געבליבן אליין מיט דייטש'ן, האב איך זיך שוין ניט געקאנט איינהאלטן און אויסגעדריקט אים מיין גרויסע פארוואונדערונג, וואס ער איז אין אזעלכע פריינטלאכע באציאונגען מיט אלעקסינסקי'ן, וואס אלעקסינסקי שפילט אין זייער גרופע אזא ראל...

דייטש האט זיך דערפילט זייער אומבאקוועם; ער האט גענומען פארענטפערן אלעקסינסקי'ן, ריינוואשן אים, און סוף כל

סוף האָט ער געמוזט צוגעבן: ווען מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים אַראָפּ פון דער תליה. אַלעקסינסקי האָט טאַקע ניט קיין שיינע פאַרגאַנגענהייט, זיין רעפּוטאַציע איז אַ מיאוס׳ע, ער ברענגט אָבער איצט נוצן דער רעוואָלוציע מיט זיין פּאַטריאָטיזם.

— אַך און ווי צו אַזאַ פּאַטריאָטיזם — האָב איך צוגע־געבן. דייטש האָט דערויף גאָר ניט געענטפערט.

איך האָב געוואוסט, אַז דייטש איז פריער געווען טראָצקי׳ס אַ גרויסער פריינד, האָט געהאַלטן פון אים אַן עולם ומלואה און איך האָב געפרעגט, צי גלויבט ער ווירקלאַך, אַז טראָצקי איז אויך אַ דייטשער שפּיאָן.

— קיין באַווייזן — האָט דייטש געענטפערט — זיינען נאָך דערווייל ניטאָ. נאָר דאָס, וואָס ער גייט האַנט אין האַנט מיט לעניג׳ען, איז גענוג, אַז אַזאַ חשד זאָל אויף אים פאַלן. אַלנפאַלס איז ער אַן אומגליק פאַר דער רעוואָלוציע, האַנדלט ער ווי אַן אמת׳ער פאַררעטער פון אונזער פאָטערלאַנד.

דייטש האָט מיך באַגלייט. שוין אין גאַס האָט ער שטאַרק באַדויערט, וואָס פּלעכאַנאָוו איז ניט געווען אין רעדאַקציע; ער וויל מיך מיט אים באַקענען. ער וועט — האָט דייטש געזאָגט — געווים אויף אייך ווירקן, איר זאָלט אַריינטרעטן אין אונזער גרופּע, און אַרבעט וועט איר האָבן בּאַ אונז גענוג. מיר נויטיקן זיך גראַד אין מענטשן, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער „בונד" פירט אַ צוויי־פּנימ־דיקע פּאָליטיק; אַן אָרגאַניזאַציע, וואו ס׳קענען הויזען ליבער און אַבראַמאָוויטש, קען ניט גיין אַפ׳ן ריכטיקן וועג, מוז פאַר־דונקלען דאָס קלאַסנבאַוואוסטזיין פון אירע מיטגלידער. דאָס איז ניט בלויז מיין מיינונג, נאָר אויך פּלעכאַנאָוו׳ס.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, פאַרטיידיגט דעם „בונד", נאָר דייטש האָט, לויט זיין געוואוינהייט, ניט געוואָלט הערן אַלע מיינע אַרגומענטן: וואָס הייסט אים ווידערשפּרעכן, האָבן אַן אַנדער מיינונג, ווי ער? בּאַ מיין גאַנצן אָפּשיי צו אים האָב איך שוין דאָס מאָל זיין אומטאָלעראַנץ ניט געקאָנט פאַרטראָגן און

ס'האָט זיך צווישן אונז אַנטוויקלט אַ גאַנץ הייסער ויכוח אַפ'ן גאַס: ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דייטש האָט מיך כמעט דערקלערט פאַר אַ באָלשעוויק, פאַר לענינ'ס אַן אומבאוואוסט־זיניקן אונטערשטיצער, און דאָס, האָט ער געהאַלטן, איז די גרעסטע באַליידיקונג פאַר אַ סאָציאַליסט.

אַ נס האָט געטראָפן, וואָס גראַד איז אונז אַנטקעגן אָנגעקומען דר. קאַראַלניק, פון ניו יאָרקער „טאָג", וועמען מיר האָבן ביידע געקענט פון אַמעריקע. צוליב אים האָבן מיר ניט ווילנדיק איבערגעריסן דעם ויכוח.

דר. קאַראַלניק האָט אונז דערציילט, אַז אַלע זיינע סימפּאַטיען זיינען מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און ער טראַכט טאַקע אַריין צו זיי אין דער פּאַרטיי. וויסנדיק ווער איז אַזוינס דר. קאַראַלניק, האָט זיין דערקלערונג סיי באַ מיר, סיי באַ דייטש'ן אַרויסגערופן אַ שמייכל; ווען קאַראַלניק איז אַוועק, האָט דייטש אַרויסגערעדט: אַ נייער סאָציאַליסט, אַ נייער רעטער פון דער רעוואָלוציע...

איך האָב באַ אים געוואָלט פרעגן, נו, און אַלעקסינסקי? נאָר זיך איינגעהאַלטן, כדי צו פאַרמיידן אַ נייעם אומאַנגענעמען געשפּרעך.

פאַר'ן צושיידן זיך האָט מיר דייטש אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זען אומבאַדינגט קומען אַף דער זיצונג פון סאָוועט: ס'וועט זיין פאַר מיר אינטערעסאַנט און איך וועל זיך טאַקע דערוויסן, ווער די באָלשעוויקעס זיינען...

.10

אַ היסטאָרישע זיצונג פֿון סאָוועט

די זיצונג פֿון פּעטראָגראַדער סאָוועט האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין גרויסן מאַראַינסקן טעאַטער.

שוין זעקס אַזייגער פֿאַרנאַכט, צוויי שעה פֿאַר דער באַשטימטער צייט, איז דער גאַנצער פּלאַץ אַרום געווען געפּאַקט פֿון מענטשן. דאָ האָבן זיך געפֿונען ניט בלויז דעפּוטאַטן, וואָס זיינען באַשטאַנען הויפּטזעכלאַך פֿון אַרבעטער און סאָלדאַטן, נאָר אַ סך נייגעריקע. אַלע האָבן זיך געשטופּט צו די פֿאַרשיידענע אַריינגאַנגען, און די שטיקעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיליציאָנערן האָבן געמוזט מאַכן אָרדנונג. די מיליציאָנערן האָבן זיך געבעטן מיט גוטן, זיך געבייזערט, אַפֿילו צוגעזידלט זיך אַפֿ'ן אַלטן רוסישן שטייגער, אַז מען זאָל זיך אַזוי ניט שפּאַרן; דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפֿן. וואָס ווייטער איז דער עולם אַלץ געוואַקסן ביז וואַנען אַלע גאַסן אַרום זיינען געוואָרן פֿאַרפֿולט.

ס'איז געווען קלאָר, אַז דער טעאַטער וועט ניט אַריינעמען די גאַנצע מאַסע. קיינער האָט אָבער ניט געוואָלט אַוועקגיין, אַפֿילו די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אַריינגאַנג־קאַרט. פֿון די געשפּרעכן און דיסקוסיעס אַרום האָט מען געקענט צוטומלט ווערן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז איין גרופּע וויל איבערשרייען די צווייטע. די טעמע איז אַלץ געווען דער נאָר־וואָס דערשטיקטער באָלשעוויסטישער אויפֿשטאַנד; מען האָט זיך אָבער ניט געקענט מאַכן קיין באַגריף, אויף וועמעס זייט איז די סימפּאַטיע פֿון עולם, אויף קערענסקי'ס, צי אויף לענינ'ס. ס'האָט געהערשט

א שרעקלאכער מיש־מאַש פון מיינונגען. איין זאַך איז דערפאַר געווען צו באמערקן: די געשעענישן פון די לעצטע טעג האָבן שטאַרק אויפגערודערט אפילו די גלייכגילטיקסטע עלעמענטן צווישן די פעטראָגראַדער ארבעטער און מיליטער־גארניזאָן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אז אויך זיי מוזן ווערן מער אקטיוו.

אַט די גלייכגילטיקע עלעמענטן זיינען ביז אהער געגאַנגען מיט'ן שטראָם; האָבן זיי זיך געפונען אין א מערהייט פון קערענסקי'ס אָנהענגער, האָבן זיי אויטאָמאַטיש באקעמפט די באָלשעוויקעס; פארקערט, זיינען זיי געווען אין די רייען פון באָלשעוויקעס, זיינען זיי ארויסגעטראָטן קעגן דער ציטווייליקער רעגירונג. איצט אָבער האָט זיך ביי זיי געגומען פאָרמירען א באשטימטע באוואוסטזיניקע באציאונג צו דער לאַגע. טאַקע דער גרעסטער טייל פון פארזאמלטן עולם איז באשטאנען פון אַט די גלייכגילטיקע עלעמענטן; אזוי ווי זיי האָבן זיך נאָך ניט איינגאנצן קלאָר פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם, וואָס ס'קומט פאָר, האָט מען פון די שמועסן און דיסקוסיעס ניט געקענט דערגיין, אף וועמעס זייט איז די סימפאַטיע.

צוהערנדיק זיך צו אַלע רייד און צוקוקנדיק זיך צו די אָנגעכמורעטע געזיכטער, האָט מען באשיינפערלאַך געזען, וואָס פאַר א גרויסע פסיכאָלאָגישע ענדערונג דער אויפשטאַנד האָט געמאַכט אין דער גרויסער מאַסע. אזא ערנסט האָט אָראָפּגעוועיט פון איר, אזא ווילן האָט זיך געשפּירט אין איר צו באַגרייפן די געשעענישן.

א באזונדער איינדרוק האָט אף מיר געמאַכט א גרופּע „פראָנטאָוויקעס".

אַלע מיט בראָנזענע פנים'ער, מיט גרויסע פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן, וואו ס'איז אזוי ווי פארגליווערט די מורא פאַר'ן טויט, האָבן זיי זיך שטאַרק געהיצט. אייניקע האָבן גע'טענה'ט, אז מען דאַרף די באָלשעוויקעס עוקר מן השורש זיין, ווייל זיי לאָזן ניט פאַרזעצן די מלחמה, זיי צעשטערן דעם פראָנט. אַנדערע ווידער האָבן געגעבן די באָלשעוויקעס גערעכט: נו, ביז

וואַנען איז דער שיעור צו שלאָגן זיך, צו פאַרגיסן בלוט, ווען מען ברייינגט עס נוצן? מאָדנע, קיין איבערצייגטקייט האָט זיך אָבער ניט בא די, ניט בא יענע ניט געפילט. געוואָרפן האָבן זיך מער ניט אין די אויגן די קנייטשן אױף די שטערנס, ווען זיי האָבן דעבאַטירט צווישן זיך. בא אַלעמען אַזוי ווי איינע און די זעלבע קנייטשן, וואָס דריקן אויס ספקות, אָנגעשטרענגטקייט פון געדאַנק.

איך האָב לכתחילה דעם דאָזיקן שטריך ניט באַמערקט, נאָר עס האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט דאַרויף א חבר, וואָס איז מיט מיר צוזאַמען געקומען אױף דער זיצונג. צוזעענדיק און איבערלעבנדיק דעם אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד, האָט דער דאָזיקער חבר גאַנץ אָפט אונטערגעכאַפּט אין דער מאַסע אַזעלכע שטריכן, וואָס זיינען פאַר מיין „פּרעמד" אויג געוועזן אומבאַמערקבאַר. דאָס זעלבע איז אויך געוועזן מיט אַנדערע חברים, וואָס האָבן די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין פּעטראָגראַד. ס'האָט זיך בא זיי אויסגעאַרבעט א באַזונדערע עמפּינדלאַכקייט אין דעם פּרט: זיי פּלעגן ניט אַזוי אינטערעסירן די רייד פון דער מאַסע, ווי דער אויסדרוק פון איר'ס פּנימ'ער.

דער חבר האָט מיר דערציילט, אַז אַזאַ אינטערעס האָט ארויסגערופן צו זיך די ערשטע אָפענע זיצונג פון פּעטראָגראַדער סאָוועט. אויך דעמאָלט איז געקומען צו גיין זייער א גרויסער עולם. געהערשט האָט אָבער אַן אַנדער שטימונג, א גאַנץ באַשטימטע, א פייערלאַכע, אָן ספקות, אָן גריבלענישן, צו דער וועג, וואָס אױף אים האָט זיך פאַרנומען די רעוואָלוציע, איז א ריכטיקער. די מאַסע איז דעמאָלט געוועזן אייגהייטלאַך אין אירע מיינונגען, אַפּילו קעגן ראָדזיאַנקאָ'ן, קעגן מיליוקאָוו'ן האָט זיך ניט געהערט קיין שלעכט וואָרט. די אויגן פון יענער מאַסע, אירע געזיכטער האָבן אויסגעדריקט אין יענעם מאָמענט איין געפיל, דאָס געפיל פון א נאַציאָנאַלער שמחה, וואָס ניטאָ איז שוין מער קיין זעלבסטהערשונג, און קיין איין קנייטש איז ניט געוועזן צו מערקן אַפּילו אױף די שטערנס פון די „פּראָנטאָוויקעס".

וואָס זשע באדייט די איצטיקע ענדערונג אין דער מאָסע, פאַר וואָס איז פאַרשוואונדן איר איינהייטלאכע שטימונג? — האָב איך געפרעגט דעם חבר. ער האָט זיך א היפּשע ווײלע איינגעקוקט אין דער גרופּע „פראָנטאָוויקעס“, וואָס איז געשטאַנען נעבן אונז, און האָט מיר ווי אומגערן געענטפערט: ס'הויבט זיך אָן די דיפערענצירונג פון דער רעוואָלוציע. אָט מיט וואָס עס דערקלערן זיך די קנייטשן אַף די שטערנס, איז ארויסגערופן דער מיש־מאַש פון מיינונגען...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער גרעסטער טייל עולם איז געבליבן אין דרויסן; ס'האָבן אפילו ניט געקענט אריינגיין פילע מיט אריינגאַנג־קאַרטן, ווייל עס האָט ניט געקלעקט קיין פּלאַץ. איך וואָלט אויך אויסגעבליבן. ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז ס'איז נאָך ווייניק צוצושטעלן קאָרעספּאָנדענטן־צייגנישן; זיי דאַרפן באשטעטיקט ווערן פון אויסערן־מיניסטעריום און דערנאָך דאַרף מען קריגן א ספּעציעלן „פּראָפּוסק“ אין קאַנצעלאַריע פון סאָוועט. פון די אַלע פאָרמאַליטעטן האָב איך קיין אַנונג ניט געהאַט.

דער יונגער סטודענט, וואָס האָט דורכגעקוקט די „פּראָפּוסקן“ באַם אריינגאַנג, איז געווען זייער שטריינג. אַף אַלע ארגומענטן האָט ער געהאַט איין ענטפער: דאָס איז א באַפעל פון טשכבעאידזע'ן, און איך קען זיך ניט העלפן. דער קאָרעספּאָנדענט פון דער פראַנצויזישער צייטונג „טאַן“ איז אויך געווען אַזא „גרינער“ ווי איך, האָט ער זיך טאַקע א היפּשע ביסל געהיצט און געמוזט, נעבאָך, אוועקגיין מיט גאָר נישט. אַף מיין מזל איז אָבער אָנגעקומען ליבער און זיין פּראָטעקציע האָט מיר געהאָלפן.

דער גרויסער טעאַטער־זאַל איז געווען אַזוי טונקל באַלויכטן, אַז א האַלב פינסטערניש האָט געהערשט אין אים. קיין פּנים'ער האָט מען ניט געזען; האָט מען ארויפגעקוקט פון אונטן אַף די אויבערשטע גאַלעריען, האָט זיך געדאַכט, אַז ניט קיין מענטשן זיצן דאָ, נאָר אַלץ איז פול מיט אומבאַוועגלאכע שאָטנס.

אפילו די פלאַטפאָרם, וואָס איז געווען העל באַלויכטן און באַ־האַנגען מיט רויטע פאָנען, האָט ניט געקענט פאַרטרייבן די מרה־שחורה פון זאַל.

אָט באַוויזן זיך איינער נאָכ'ן צווייטן פּלעכאַנאָוו, פּעטער קראָפּאָטקין, לעוו דייטש, וויערא זאַסוליטש, וויערא פיגנער און פילע אַנדערע באַרימטע רעוואָלוציאָנערע פּערזענלאַכקייטן. איך וואַרט, מען זאָל זיי באַגעגענען מיט אַ שטורמישער אָוואַציע; ס'דערהערן זיך אָבער בלויז אַ פּאָר שיטערע אַפּלאָדיסמענטן. באַגעגנט עס דאָס פאָלק אַזוי זיינע העלדן, זיינע גרויסע גייס־טיקע פירער? וואו איז דער ענטוזיאַזם פון דער רעוואָלוציע, די באַגייסטערונג פאַר איר דאָ אין איר העכסטער פאַרטרעטונג? עפּעס ניט דאָס, צו וואָכעדיק...

איך שטויס זיך אָן אויף מאַדאַם דר. אינגערמאַן פון ניו יאָרק. איך זע, אַז זי חלש'ט אַנדערש ניט ווי זיצן אויף דער פּלאַטפאָרם, און איז זייער אומצופרידן, וואָס דאָס גיט זיך איר ניט איין. פון אירע אַ פּאָר באַמערקונגען דערפיל איך איר שווערן געמיט: סטייטש, געהאָפט צו זיין אַ גאַנצער כל וכל און צום סוף אַ געוויינלאַכער בשר ודם...

גאָץ עפנט די זיצונג מיט טרוקענע, אויסגעדראָשענע ווער־טער. ס'רעדט דאַן. ער רעדט לאַנג, אַקאַדעמיש, מאָנאָטאָנ־אַרטיק, אָן אַ ברעקל פייער. ער דערציילט, אַז דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט, נאָר אָן קרבנות. פון ערגעץ הויך דערהערט זיך אָן איינצלנע שטים: אַ ליגן. דער פּאָרזיצער קלינגט מיט'ן גלעקל, און ס'ווערט רואיק.

מאַרטאָוו קריטיקירט דאַנ'ען, קריטיקירט די ציטווייליגע רעגירונג; ער דריקט אויס זיין אומצופרידנהייט מיט דער ניט אויסגעהאַלטענער פּאָליטיק פון סאָוועט. כאָטש ער רעדט ניט הויך און ניט גאַנץ דייטלאַך, רופן זיינע ווערטער אַרויס אַ ביי־פאַל. ווען ער נעמט אָבער קריטיקירן די באָלשעוויקעס, טאַדלען זיי פאַר'ן אויפשטאַנד, הויבט מען אָן צו שרייען פון דער אויבער־

שטער גאַלעריע: גענוג, גענוג! דער פּאָרזיצער קלינגט ווידער, און עס ווערט איבער אַ נייעם רואיק.

אויף דער טריבונע ווייזט זיך לאַרין. ער רעדט זייער הייס. ער ווייס, פאַר וואָס אין זאַל איז אַזאַ קאַלטע שטימונג; מען האָט דאָ פאַרזאַמלט אייגענע מענטשן, פון דעם צד פון די באָ־שולדיקטע, פון די באָלשעוויקעס זיינען פאַראַן ווייניק; מען האָט שוין געזען, אַז זיי זאָלן זיין פאַרטראָטן אין וואָס אַ קלע־נערער צאָל. איז דען אַ וואונדער, אַז דאָן זאָל קענען האַלטן אומגעשטערט אַן עכט מענשעוויסטישע אַקאַדעמישע לעקציע, ווי אַזוי מען האָט דעם אויפשטאַנד דערשטיקט אין קרבנות?

פון אַלע זייטן דערהערן זיך געשרייען: אַראָפּ, אַראָפּ, לעניג׳ס אונטערשטופּער, דייטשער שפּיאָן! דערויף הערט זיך אַן ענטפער: „סאָציאַל־פאַררעטער, שווייגט באַשיבוזוקעס!“

לאַנג קלינגט דער פּאָרזיצער. לאַרין רופט אויס: „איר וועט מיך ניט איבערשרייען; אויב איר ווילט איצט ניט הערן דעם אמת, וועט אייך דאָס לעבן צווינגען אים אויסצוהערן. זעט אָבער, ס׳זאָל ניט זיין צו שפּעט. מיליוקאָוו און ראָדזיאַנקאָ וועלן אַריבערטרעטן איבער אייערע קערפּערס, איבער דעם קער־פּער פון דער רעוואָלוציע, און ווי וועט דעמאָלט זיין צו אייך!...

זיין רוף ווירקט, די געמיטער באַרואיקן זיך. ווען לאַרין נעמט אָבער קריטיקירן מאַרטאָוו׳ן, וואָס איז ניט אַהין און ניט אַהער, ווערט ווידער אַ שרעקלאַכער טומל. אַראָפּ, אַראָפּ! — שטורעמט פון אַלע זייטן, און ס׳הויבט זיך אָן אַ פייפעריי אַפּ׳ן חשבון פון פּאָרזיצער, וואָס הערט ניט אויף צו קלינגען מיט׳ן גלעקל.

— דער פראָנט מוז האָבן דאָס וואָרט! — דערהערט זיך אַ שטים. וואָס זייט איר, פראָנטאָוויקעס, פּאַר אַ יחסנים? אויך מיר, וואָס זיינען אין „טיל“, האָבן וואָס צו זאָגן — ענטפערן אַפּ עטלאַכע שטימען מיט אַמאָל; און דעם פּאָרזיצער איז שוין אוממעגלאַך צו באַהערשן די פאַרזאַמלונג. ער ווערט מיד קלינ־גענדיק, און ערשט איצט דערזעט מען, ווי די שאָטנס באַוועגן

זיך, באַוועגן זיך אַזוי מאַוים׳דיק, אַקוראַט ווי אַ פינסטערער וואָלקן וואָלט זיך אָנגערוקט אין זאַל. אין דער טונקלהייט באַ־ווייזן זיך דראָענדיקע פּויסטן; געשרייען און פייפערייען מישן זיך אויס. פּראָנט, טיל, סאָציאַל פאַררעטער, שפּיאָן — הילכט אָן אויפהער אין דער שטיקנדיקער לופט, און אין דעם דאָזיקן כאַאָס ווערט עס דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע, וואָס דריקט אויס צוטרוי צו דער צייטווייליקער רעגירונג און פאַרדאַמט די באָל־שעוויקעס...

אפ׳ן גאַס שטייט נאָך אַלץ אַ גרויסער עולם. מען וואַרט אַף די רעזולטאַטן פון דער זיצונג. איך שטופּ זיך אָן אַף דער פריערדיקער גרופּע „פראָנטאָוויקעס״. איר הערט, — טענה׳ט איינער פון זיי, — מען זאָל אונז ניט וועלן געבן דאָס וואָרט? איך באַמערק אַף זייערע שטערנס די זעלבע קנייטשן, די אויגן זיינען שוין אָבער ניט אַזוי פאַנאַנדערגעפּנט. אין דעם שוואַכן ליכט פון דער ווייסער נאַכט דאַכט זיך מיר, אַז ס׳שיינט שוין ניט אַרויס פון זיי די פאַרגליווערטע מורא פאַר׳ן טויט, נאָר אַ פייערל, אַזאַ בלישטשענדיק פייערל ברענט אין זיי.

איך דריי זיך אַרום צווישן עולם, און דאָס דאָזיקע פייערל זע איך ניט בלויז אין די אויגן פון די „פראָנטאָוויקעס״, נאָר בא אַלע, וואָס שטייען דאָ. אָנגעפאַקט האָט מען דעם טעאַטער — רעדט אַ הויכער אַרבעטער אין אַ „פּאַדיאַווקע״ און לאַנגע שטיוול, — מיט אייגענע מענטשן, און אַלץ איז פיקס און פאַר־טיק. נאָר וואַרט, דאָס פאָלק וועט נאָך ווידער זאָגן זיין וואָרט, זאָגן מיט קוילן און פּולווער, און דעמאָלט וועלן מיר זען, ווער ס׳פאַרדינט צוטרוי און ווער פאַרדאַמונג...

די גאַנצע גרופּע „פראָנטאָוויקעס״, אָן אויסנאַם, איז מיט אים מסכים, און ווען זיי דערזעען מיך מיט׳ן חבר, רופט זיך איינער פון זיי אָפּ: שולדיק דערין זיינען די „בורזשויצן״. אָט די מיט די ווייסע קראַגעלאַך, זיי פירן עס די גרענדע...

דער הויכער אַרבעטער גיט אַ קוק אַף אונז מיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: נישקשה, שרעקט זיך ניט! ער דערקלערט די

„פראנטאוויקעס", אז ניט די „בורזשויען" זיינען שולדיק, נאר זיי אליין, וואס זייניען פאסיוו. צווישן אט די „בורזשויען", מיט די ווייסע קראגעלאך, חברים, זיינען פאראן גוטע רעוואלו־ציאנערן; לעניו אליין שטאמט אויך פון „בורזשויען". די צרה איז ניט דעריין, נאר אין דעם, וואס איר לאזט זיך פירן פאר דער נאז פון די ניט ריכטיקע לייט, ס'מאכט ניט אויס, צי זיי שטא־מען פון בורזשויען, צי פון ארבעטער און פויערים. איר מוזט אליין צולעגן אייער קאפ, א קנייטש טאן דעם מארך. אט וואס מען דארף...

די פראנטאוויקעס לאזן אראפ פארשעמט די קעפ, אזוי ווי זיי וואלטן זיך געפילט שולדיק. נאר דער ארבעטער מונטערט זיי אויף: נישקשה, חברים, ניט גע'דאגה'ט, די נויט איז דער בעסטער לערער, זי וועט אייך שוין ארויספירן אפ'ן ריכטיקן שליאך...

אונז קומט אוים גראד צו גיין מיט'ן ארבעטער אין איין ריכטונג. ער פארזיכערט אונז, אז די איצטיקע זיצונג פון סאוועט איז ניט א זיג פאר דער ציימווייליקער רעגירונג. מאלע, וואס ס'איז אנגענומען געווארן א רעזאלוציע צו איר גונסטן. דאס איז גאר ניט, נאך א פאר אזעלכע נצחונות, און קערענסקי מיט זיין גאנצער כאפטע איז פארלארן. איין זאך האט דער באלשעוויסטישער אויפשטאנד געוויס אויפגעטאן: ער האט גע־צוואונגען די גרויסע מאסע א קנייטש צו טאן דעם מארך, און אט דער קנייטש האט פיל, זייער פיל צו זאגן פאר דער ווייטער־דיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואלוציע...

.11
לויה פון קאַזאַקן.

„קומט אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די אומפאַרגעסלאַכע העלדן, וואָס זיינען געפאַלן אַלס קרבנות פאַר דער פאָלקס־פרייהייט!"

אַזוי האָבן ארויסגעשריען פון די ווענט די גרויסע אַפישן פון קערענסקי'ס רעגירונג און פון דער שטאָדט־דומע, אַזוי האָבן גערופן די צייטונגען.

איך האָב געוואוסט פאַר וועלכע העלדן עס ווערט געמאַכט די וואַרע — דאָס איז פאַר די עטלאַכע קאַזאַקן, וואָס האָבן גע־האָלפן דערשטיקן דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד.

גאַנץ פעטראָגראַד, קינד און קייט, גרייט זיך צו דער לויה.

— אַזוי האָט מען גערעדט אין די רעגירונגס־ און פּאַרטיי־קרייזן, און דער באַרימטער איסאַאַקיעווער קלויסטער איז באַ־שטימט געוואָרן פאַר'ן זאַמל־פּונקט: דאָרטן וועט פאַרקומען די פייערלאַכע הזכרה נאָך די געפאַלענע.

איך בין אַרויס פון דער היים גאַנץ פרי, כדי צו זיין באַ־צייטנס אַפ'ן זאַמל־פּונקט.

דער וועטער איז געווען אַ טריבער; פון דער נעווע האָט זיך געשפּרייט אַ נעבל און פון הימל האָט אונטערגעקאַפּעט.

אַף די גאַסן איז אָבער געווען פוסטלאָך. אין ערגעץ האָט מען ניט געזען קיין גרופּן, וואָס זאָלן איילן צו דער לויה.

דאָס מאָגערע פערדל פון פאַרשלאָפענעם איזוואָזטשיק האָט מיך לאַנג און פויל געשלעפּט אין צענטער פון שטאָדט.

ווען איך בין אונטערגעפאָרן צום זאַמל־פּונקט, איז שוין

דער נעבל געווען צעשטרייט און דער הימל האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט.

איך האָב דערזען דעם איסאַאַקיעווער קלויסטער מיט זיין וואונדערבארער ארכיטעקטור, מיט זיינע קונציקע געזימסן און ראַנדן. אַף די גאָלדענע קופּאָלן האָט זיך געשפּיגלט אַ בלאַסער שטראַל פון דער זון.

איך בין צו פרי געקומען. אפ׳ן ברייטן פּלאַץ ארום האָבן זיך בלויז געזען פּאַטרולן פון סאָלדאַטן און מיליציאָנערן. איך האָב זיך באַ אייניקע פון זיי געפרעגט, ווען הויבט זיך אָן דער טרויער־פּאַראַד, נאָר זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. לויט דער פאַראָרדנונג האָט ער זיך שוין געדאַרפט אָנהויבן. „דער עולם — וויצלט זיך אַ יונגער מיליציאָנער, — פוילט זיך אונטער צו קומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד די געפאַלענע העלדן פאַר דער פאָלקס־פרייהייט“.

לויט דער דאָזיקער באַמערקונג האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט „אַ באָלשעוויק“. איך האָב זיך גע־פּרוווט מיט אים פאַנאַנדעררײדן, נאָר ער האָט מיר אַ וואונק געגעבן אַף זיין שכן, צולעגנדיק אַ פּאָר פינגער צו די ליפּן, אַז ס׳איז בעסער צו שווייגן...

אין קלויסטער זיינען די טירן געווען פאַנאַנדערגעעפנט. פון דאָרטן האָט ארויסגעשפּאַרט אַ ים מיט ליכט, אַזוי ווי אַלץ וואָלט געווען אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן און שטערן, גרעסערע און קלענערע. די שטערן האָבן געגאָסן מיט זיגזאַג־אַרטיקע שטראַלכּאַלאַך, מיט אַזעלכע פינקלדיק־שטיפערישע. איז דאָס דער אויסדרוק פון טרויער, פון טויט?

דער גאַנצער פּלאַץ ארום איז ווי פול געווען מיט דעם דאָ־זיקן ליכט און הגם די זון האָט שוין ארויסגעשיינט דרייסטער, דער הימל איז שוין געווען קלאָרער, האָבן אָבער דאָ דורכאויס געהערשט די שטערן פון קלויסטער. זייער גלאַנץ האָט באַזיגט דעם גלאַנץ פון דער זון און האָט זיך אָפּגעשלאָגן אַזש אַף די הויכע גאָלדענע קופּאָלן. אַ מאָדנער שפּיל פון זון אין דרויסן

און ליכט פון אינעווייניק. און די קופּאָלן האָבן שוין ניט בלאָס געשמייכלט, נאָר געלאַכט, געלאַכט...

פון וואָס און איבער וואָס האָבן זיי געלאַכט?

די געפאַלענע זיינען יחסנים; זיי האָבן געהאָלפן דערשטיקן אַ פאָלקס־אויפשטאַנד, אַן אויפשטאַנד פון זייערע אייגענע ברידער, גיט מען זיי דאָס אָפּ כבוד, האָט מען אין באַרימטן קלויסטער, וואו מען פלעגט ערשט ניט לאַנג זאַלבן קייסאָרים, אַנגעצונדן אַלע ליכט פאַר זיי, פאַר זייערע נשמות וועגן...

צענדליקער אָרקעסטרען האָבן זיך דערנענטערט צום פּלאַץ מיט'ן טרויער־מאַרש, ניט מיט שאָפּענ'ס, נאָר דוקא מיט'ן רעוואָלוציאָנערן טרויער־מאַרש. ס'האָבן געגלאַנצט באַגנעטן אויף דער זון, אַזוי פיל בלישטשענדיקע באַגנעטן, מיט רויטע פענדלאַך אויף די שפּיצן, מיט רויטע בלימלאַך אויף די הענטלאַך; עס האָט זיך געצויגן איין אויטאָמאָביל נאָכ'ן צווייטן, איין קאַטש נאָכ'ן אַנדערן, געשפּאַנט אין קראַסאַווצעס־פערד; פון זיי זיינען אַרויס־געקראָכן גאָלדענע עפּאָלעטן מיט קלינגענדיקע שפּאָרן און אָן אַ שיעור צילינדערס מיט שוואַרצע פּראַקן, דריי־גאָרנדיקע דאַמען־היט, פאַרהילט אין שוואַרצן. וואו איז אָבער דאָס פאָלק, דאָס פּשוט'ע אַרבעטער־פאָלק, וואָס פאַרגעטערט דאָס אַזוי, ווי די צייטונגען שרייבן און ווי די רעגירונג דערקלערט פייערלאַך, די געפאַלענע העלדן?

קיין זכר נימאָ. נאָר אָט זיינען אונטערגעפאָרן אַ פּאָר איינפאַכע איזוואָזטשיקעס. מיר האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן דאָס גרויע באָרד פון אַלטן לעוו דייטש, דער באַשיידענער גאַנג פון נאָך אַ פּאָר באַרימטע רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן דאָס פאַרביטן דאָס פאָלק...

און די מיליטער־טיילן זיינען אַלע געגאַנגען און געגאַנגען, און די אָרקעסטערן האָבן אַלץ הילכיקער געשפּילט דוקא דעם רעוואָ־לוציאָנערן טרויער־מאַרש, און אויף די טראָטואַרן זיינען געשטאַנען קופּעס זייטיקע צושויער; אָן די געזיכטער פון די צושויער האָט

מען געזען, אַז פאַר זיי איז די גאַנצע מעשה מער ניט ווי אַ ספּעקטאַקל, אַ געוויסער צייט־פאַרטרייב.

צו מיר דערפּליט פון ערגעץ וואו אַ באַמערקונג: אַזוי פיל מיליטער, איז ווער האָט געמאַכט דעם אויפשטאַנד?

דאָס איז באמת אַ פראַגע. איך האָב זיך גראַד אַנגעשטויסן אויף דעם פריערדיקן מיליציאָנער, און זיין וואונק האָט מיר אַזוי דייטלאַך געזאָגט: וואָס קען מען זיך העלפן, אַז נאַטשאַלסטווע הייסט, מוז מען פאָלגן...

איין זאַך האָט זיך דאָך געפילט: ס׳זיינען פאַרט אַנדערע צייטן. דאָס האָב איך געפילט אין קלויסטער גופא.

די אַלטע פייערלאַכקייט, דער אַלטער גלאַנץ, די אַלטע הייליגע בגדים, אויסגעהעפט מיט גאָלד, אויפ׳ן הויפּט־מיטראָ־פּאָליט און זיינע לויים, דער זילבער געזאַנג פון ווייראַך, און פאַרט ניט דאָס וואָס אַמאָל. ניטאָ די מיסטיק דערפון, די געהיימניס־פולקייט.

אַלץ באָדט זיך און טונקט זיך אין ליכט, אין אַ ים ליכט, און פון די קונציקע וועגט, פון די זעלטן־שיינע סופיט־זיילן, וואָס דרייען זיך, ווי שלאַנגען, קוקען אַראָפּ בילדער און בילדער, סצענעס גאַנצע פון דער ביבל, פון עוואַנגעל; אַזוי לעבעדיק זיינען זיי, אַז זיי ריידן, דאַכט זיך, מיט זייער אַלטערטימלאַכער שפּראַך. ס׳אַרא רחבות, ס׳אַרא אַנטציקונג פאַר׳ן אויג. וואוהין מען קוקט נאָר, שיינען אַרויס שמאַראַגדן, דימענטן, ברילייאַנטן, וואָס שפּילן זיך מיט אומצייליגע רעגענבויגנס און מאַכן גאָר דאָס ליכט פון די פייערן כישוף׳דיק.

איז דען דער בויער פון דעם דאָזיקן קלויסטער, דער פראַנ־צויזישער אַרכיטעקטאָר מאָנפעראַן אַליין ניט געווען אַ כישוף־מאַכער? ער האָט דאָך אויפגעהויבן אין מאָסקווע דעם „קייזער פון אַלע גלעקער", וואָס איז איינגעזונקען אין דער ערד. קלינגט איצט דער דאָזיקער גלאָק לכבוד די געפאַלענע העלדן, און זיינע קלאַנגען דערגרייכן אַזש אַהער אין מאָנפעראַנ׳ס טעמפּל.

אַזוי דערציילט דער הויפּט־מיטראָפּאָליט אין זיין אורים

ותומים מיט'ן גרויסן גאָלדענעם צלם אפ'ן ברוסט און מיט'ן נאָך גרעסערן צלם אין האנט, וואָס זעט אויס ווי א סצעפּטער. דער כאָר זינגט נאָך דעם מיטראָפּאָליט הייליקע תפילות, זינגט פון ערגעץ הויך, און די טענער גיסן זיך, ווי א מלאכים־געזאַנג, פון יענער וועלט, וואו ע ר מיט'ן דאָרן־קראַנץ אפ'ן קאָפּ בענטשט די גרויסע העלדן, אז זייער מארטירער־בלוט זאָל זיין געהייליקט, ווי זיינס, זאָל לייטערן מענטשלאכע נשמות...

מיין נשמה לייטערט זיך אָבער ניט, ווערט ניט געהייליקט; א זינדיקער געדאנק עגבערט מיין מארך:

אָט דאָ, אין דעם אָרט טאָקע, האָט מען דורות־לאַנג מיט דער זעלבער פייערלאכקייט אין ז י י ן נאָמען מכפר געווען די גרעסטע חטאים קעגן פאָלק, געבענשט די אונטערדריקער פון פאָלק, געזונגען הימנען די טרעגער פון דער דאָזיקער אונטער־דריקונג, געזאָלבט זיי אלס זיינע שילוחים אויף דער ערד, און איצט חזר'ט זיך דען ניט איבער דאָס זעלבע? לכבוד דער פרייהייט פראוועט מען די אלע צערעמאָניעס. וואו איז אבער אָט די פרייהייט? די נייע הערשער, געזאַלבט אין בלוטיקן קאמף פון די פאָלקס־מאסן, זיינען מזכיר וועמען? די בלינדע קנעכט פון זייערע אייגענע פאַרברעכנס.

דאָס פאָלק איז אבער אויף דער הזכרה ניטאָ. אָט פארוואָס ס'איז ניט ווי אמאָל. דאָס פאָלק קען מען שוין מער ניט פאר־נארן; ס'איז געבליבן אין דער היים, אין די פאבריקן, אין די גאַסן. דאָרטן זאמעלט זיך בא אים ניי גאַל, נייער האס, קנייטשט זיך זיין מארך, און ווער ווייס וואָס פון דעם דאָזיקן קנייטשן זיך וועט ארויסקומען?

שא, אן אויפרודערונג אין קלויסטער. ער אליין איז דאָ: קערענסקי, געקומען מיט זיין סוויטע, מיט אלע מיניסטאָרן, די סאָציאליסטישע בתוכם, מיט די פאָרשטייער פון ארבעטער־סאָוועט. דער מיטראָפּאָליט מיט'ן כאָר נעמט זיי אויף אמת געטלאך, און די הערשער פון דער נייער צייט זיינען זייער טאָלעראנטע פרייהייטס־קעמפער: זיי גייען מיט'ן פאָלק און

טוען וואָס דאָס פאָלק טוט: אָט פאַלן זיי כורעים, ווען אַלע פאַלן, אָט קושן זיי דעם גרויסן גאָלדענעם צלם, ווען אַלע קושן, און ווען דער עולם זאָגט אַ תפילה, זאָגן זיי מיט. וואָס הייסט, פאַר־שוועכן די רעליגיעזע געפילן פונ'ם פאָלק, און נאָך אין אַזאַ פייערלאַכן מאָמענט פאַר דער רעוואָלוציע, ווען מען איז מזכיר אַזעלכע העלדן אירע?

איך בין אַרוים פון איסאַאַקיעווער קלויסטער מיט זייער אַ שווערן געמיט. די גאַנצע פייערלאַכקייט פון דער צערעמאָניע האָט מיך געפּרעסט ווי אַ משא.

די גלעקער האָבן געקלונגען, אַלע גלעקער פון פּעטראָגראַד, און דער מיליטער־פּאַראַד מיט קערענסקי'ן בראש האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג איבער די גאַסן. אויסגעמישט האָט זיך מיט די קלאַנגען פון די גלעקער דאָס שפּילן פון די אָרקעסטרען, אַלץ צוזאַמען — דער טרויער־מאַרש מיט „מאַרסעליעזע" און „אינטערנאַציאָנאַל", און אין דער לופט האָט אַלץ געשמעקט מיט ווייערויך, מיט די תפילות פון מיטראָפּאָליט, מיט'ן קושן פון גרויסן גאָלדענעם צלם...

איר זייט אַ קרבן געפאַלן! — אַראָפּ די היטלען, העכער די רויטע פאָנען, און ווען מען איז צוגעקומען צום מאַרס־פעלד, צו אָט דעם הייליקסטן אָרט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז עפּעס אַ נס געשען: אַלע קופּאָלן פון די פּעטראָגראַדער קלויסטערס און קירכעס האָבן געלאַכט, געלאַכט אַזוי שעלמיש און פרעך, געלאַכט אַנטקעגן דער זון, געלאַכט אַנטקעגן די רויטע פאָנען...

אַנדערע האָבן דאָס פּילייכט ניט געפילט, איך האָב דאָס אָבער געפילט מיט אַלע מיינע חושים.

12.

אין צענטראל־קאמיטעט פון „בונד".

דער צענטראל קאמיטעט פונ'ם „בונד" האט זיך נאך דער רוסישער רעוואלוציע געפונען אין איינעם פון די לעבעדיקסטע טיילן פון פעטראגראד, נים ווייט פון בארימטן נעווסקי פראס־פעקט, אויף ניקאלאיעווער גאס.

ביז דער רעוואלוציע האט מען אין דער דאזיקער געגנט מסתמא זעלטן באגעגנט א אידישע נאז. איצט אבער זיינען שוין דארטן אידישע נעזער גאר קיין זעלנטהייט נים געווען. אפילו די קריסטלאכע שכנים ארום האבן שוין געוואוסט וואוהין מען גייט עס. ווען די מיליציאנערן אף די ראגן איז שוין אפגערעדט. פלעגט מען אמאל נים טרעפן דעם וועג, איז גענוג געווען אונ־טערצוגיין צו א מיליציאנער, אז ער זאל זיך גלייך אנשטויסן וואוהין מען באדארף.

מיט מיר אליין האט פאסירט אזא פאל. ווען איך בין דאס צווייטע מאל אוועק אין צענטראל־קאמיטעט פונ'ם „בונד", האב איך זיך אביסל פארבלאנדזשעט. דער נאהענטסטער מיליציאנער, צו וועמען איך האב זיך געווענדט, האט מיך גאר נים געפרעגט; ער האט בלויז באטראכט מיין נאז און גלייך ארויסגערעדט עטוואס איראניש: פיר קווארטאלן פון דאנען, דאס גאר... ווען איך בין אפגעטראטן פון אים, האב איך געהערט, ווי דער סעמעטשקע־פארקויפער אויפ'ן ראג, א מיטעל־יאריקער פאניע, מיט א שווארצער בארד און אין א רויטער העמד, האט א מורמל געטאן: אט האסטו אין פיטער אויך דעם זשידאווסקין „בונד"...

די דאזיקע באמערקונג האט נים באליידיקט; פארקערט, זי

האָט פאַרשאַפט נחת רוח: ווער האָט טאַקע געטרוימט צו זען מיט די אייגענע אויגן, אַז אין פּיטער, ניט ווייט פון נעווסקי פּראָספּעקט, וואו ס׳שטייען נאָך דענקמעלער פון רוסישע צאַרן, וואו ס׳געפינט זיך נאָך די רעדאַקציע פון „נאָוואָיע ווריעמיע", זאָל זיך הויבן פראַנק און פריי אַף אַ טויער אַ שילד מיט דער אויפשריפט: „צענטראַל־קאָמיטעט פונ׳ם „בונד"?

פאַר אונז, נאָר־וואָס אריבערגעקומענע עמיגראַנטן, וואָס האָבן ניט דורכגעמאַכט די רעוואָלוציע, האָט דאָס אויסגעוויזן, ווי אַן אמת׳ער חלום; ס׳האָט זיך די אייגענע אויגן ניט געגלויבט, אַז מיר זעען דאָס אַלץ אַפ׳ן וואָר. אַ חבר, וואָס איז געקומען פון פּאַריז, אַ וואַרשעווער אַרבעטער, האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער האָט דערזען דאָס קליינע שילד, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט פון שמחה. „דאָס איז — האָט ער געזאָגט — געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך האָב געוויינט, אַלנפאַלס, פאַר דער צייט, וואָס איך געדענק זיך".

איך האָב דעם חבר געגלויבט, ווייל איך האָב אים געקענט נאָך פון אַמאָליקע יאָרן; מען פלעגט אים שיקן אויף די געפערלאַכסטע שטיקלאַך אַרבעט; ניט איין שפּיאָן האָט געכאַפּט פון אים אַ ביטערן אָפּשניט, און דער מענטש האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין פּיצל סענטימענטאַלקייט. מען פלעגט וועגן אים דערציילן, אַז ווען זיין אַלטע מאַמע, וואָס ער האָט זייער געליבט, איז געשטאָרבן, האָט ער אָנגערוקט דעם דאַשעק איבער די אויגן, אָנגעשפּייט אין די הענט אַריין און אַרויסגערעדט: איך וועל איר אַ מצבה שטעלן מיט מיין בלוט אַף די באַריקאַדן!... דערביי האָט ער אַ שטאַרקן פייף געטאָן און איז אַוועק אַפ׳ן בירזשע אויסטיילן פּראָקלאַמאַציעס; — דאָס איז געווען זיין רבנן־קדיש נאָך דער אַלטער מאַמען... איצט האָט אָבער אָט דער פאַרהאַרטעוועטער קעמפער געוויינט; ער האָט געוויינט, וואָס ער שטייט אַף דער פרייער רוסישער ערד און געפינט זיך באַם פרייען אַריינגאַנג צום „בונד"...

אַזעלכע „שוואַכקייטן" האָט אַרויסגעצייגט ניט דער וואַר־

שעוועך חבר אַליין. ווען איך בין געקומען דאָס צווייטע מאָל אין צענטראַל־קאָמיטעט פון׳ם „בונד", האָב איך דערהערט, ווי חברים דערמאָנען זיך אָן די אַמאָליקע קאָנספּיראַטיווע „יאווי־קעס" פון צענטראַל־קאָמיטעט ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפן שטיבל אין ווילנע אָדער דווינסק; מען דערמאָנט זיך אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי דער אָדער יענער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען אָנגעטאָן, ווי ער האָט אויסגעזען, וואָס ער האָט געזאָגט, צי ער איז געווען אין אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער שטימונג. פון די אַלע געשפּרעכן וועיט אַזוי פיל ראָמאַנטיק. מען פאַר־גלייכט יענע צייטן מיט די איצטיקע: אַלע זיינען גליקלאַך, וואָס יענע צייטן זיינען שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט; מען איז דורך און דורכגעדרונגען מיט דער וואונדערבאַרער געגנוואַרט. דאָך פילט זיך אין די רייד אַ בייַנקשאַפט נאָך די פאַרוואָרפענע שטיבלאַך אין ווילנע אָדער דווינסק. ווי לאַנג איז דאָס געווען? אָט ערשט נעכטן, דאַכט זיך, און ווי אַלץ איז אַנדערש...

מען זיצט אין דער הויפּט־שטאָדט פון אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, אין אַ שיינער גראַמער דירה מיט אַ סך ליכטיקע צימערן; גרויסע טישן, ווי אין אַ קאַנצעלאַריע; ס׳קלאַפּן שרייב־מאַשינען; ס׳סקריפּען פּעדערס. דאָ דערביי איז די רעדאַקציע און די עקספּעדיציע פון דער „אַרבייטער־שטימע" און פון פאַרלאַג „די וועלט". וויפיל אַלטע פּנים׳ער דרייען זיך דאָ אַרום? מען האָט זיי געקאָנט, ווען זיי זיינען נאָך געווען יונג; ערשט האָבן שוין די מערסטע פון זיי אַ סך גרויע האָר און קנייטשן אויף די פּנים׳ער; פילע זיינען אפילו איינגע־הויקערט, הגם בא אַלעמען ברענט נאָך דער אַלטער גלאַנץ אין די אויגן, נאָר עפּעס ניט ווי אַמאָל, מיט מער פעסטקייט און געשטעלטקייט...

מען טרינקט טיי אָן צוקער, מען קייט צו אַ שטיקל ברויט, מען פאַרציט זיך מיט אָן אַ שיעור פּאַפּיראָסן, און די לופט איז פול מיט רויך און געשפּרעך.

אַט זעצט זיך אוועק אַ גרופּע חברים אַף דער ווייכער ברייטער סאָפע באַ דער הינטערשטער וואַנט, זעצט זיך אוועק גאַנץ בהרחבה'דיק, און איינער אַ לאָנדאָנער שניידער רופט זיך אָפּ: „נעווער מיינד, דער „בונד" האָט זיך ארויפגעארבעט, קיין עי, הרע. שרייב־מאַשינען, ווייכע סאָפעס; אוים פאר־וואָרפענע שטיבלאָך, ווילנער נאָוואָגאָראָד, דווינסקער דאמבע, וואַרשעווער סמאָטשע, גאָר אַזש אין פעטערבורג פארקראָכן, אפּ'ן רעכטן אויבן אָן. כע, כע, כע, אָט דאָס איז אָפּגעטאָן אַ שפּיצל אביסל ניקאָלאַשקען"...

דער גאַנצער עולם לאַכט, באַ פילע בלישטשען טרערן אין די אויגן.

אונז פאַרדריסט, וואָס מיר האָבן נית בייגעוואוינט די צוועלפטע, ערשטע פרייע קאָנפערענץ פונ'ם „בונד" אין פעטראָ־גראַד. נאָר צוהערנדיק זיך צו די דערציילונגען וועגן דער באַ־גייסטערונג, וואָס ס'האָט געהערשט אַף דער דאָזיקער קאָנפע־רענץ, וואו ס'זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע טוער, די גרינדער און בויער פון דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, האָבן מיר זיך דורכגעדרונגען מיט איר שטימונג; מיר האָבן דעמאָלט אַזוי גוט באַגריפן די געפילן פון פאַריזער חבר, דעם וואַרשעווער ארבע־טער, ווען ער האָט דערזען דאָס שילד פונ'ם „בונד" אַפּ'ן טויער; די גאַנצע קאָנפערענץ האָט געפילט דאָס זעלבע, וואָס ער, און נית געקענט באַהערשן זיך פון פרייד...

אַ בייזער איד איז דאָ, דער געהילף־סעקרעטער פון צענ־טראַל־קאָמיטעט עטקין, איז ער ברוגז, וואָס מען שטערט אַר־בעטן; בגנבה כאַפּט ער אָבער אויך אַ שמועס; ער וויל שוין אונז פאַראיינם איבערצייגן, אַז די באָלשעוויקעס זיינען אַ בייזע אָנשיקעניש; זיי וועלן אַלץ דער'הרג'ענען, מאַכן אַ סוף צו אַלע דעראָבערונגען, און ער באַווייזט מיט אותות און מופתים, אַז לענין איז אַנדערש נית ווי אַ דייטשער שפּיאָן. טאָמער גלויבט מען אים נית, קען דאָס ליבער באַשטעטיקן...

ליבער איז באַ אונז אַלעמען באַגלויבט. ער ווייזט זיך

אָבער זייער זעלטן, און קומט ער שוין יאָ אַמאָל, האַלט ער זיך אָן אַ זייט, אָפּגעזונדערט, נעמט ניט קיין אַנטייל אין די דיס־קוסיעס; ער איז שטאַרק פאַרהאַוועט; זיין פּנים איז נאָך בלאַסער, ווי אַמאָל: זיינע אויגן זיינען אַזעלכע אומעטיקע, אומרואיקע. זיין באַרימטע באָרד איז שוין באַזילבערט און ער האַלט זי אַלץ אין איין גלעטן; דעם „קאָטעליאָק" טראָגט ער נאָך אָבער, דאַכט זיך, אַלץ דעם זעלבן, וואָס מיט אַ יאָר צוועלף צוריק אין וואַרשע.

דער עולם מורמלט אַף ליבער'ן, אַז ער איז איצט ווייט פון'ם „בונד", אינגאַנצן פאַרטאָן אין אַלגעמיינע מלוכה־ענינים, און מען דאַרף האָבן אַ באַזונדער ערע, אַז ער זאָל עמיצן שענ־קען אויפמערקזאַמקייט. אַרויסקריגן פון אים אַ באַמערקונג קומט אָן בקריעת ים סוף, סיידן מען זאָגט אַ גוט וואָרט וועגן די באָלשעוויקעס — דאָס קען ער ניט אַריבערטראָגן; זיינע אומעטיקע אויגן ווערן נאָך אומעטיקער, אומרואיקער און ער באַשטעטיקט דעם געהילף־סעקרעטאַר'ס רייד, אַז לענין איז אַ שפּיאָן, — ס'זיינען אפילו פאַראַן דאָקומענטן דערויף, שוואַרץ אַף ווייס.

גאַנץ אַנדערש האַלט זיך אַבראַמאָוויטש. אים קען מען געפינען אַלע טאָג; ער איז שוין ניט דער אַמאָליקער מלביאל, פאַרעלטערט געוואָרן, זיין באָרד איז אויך באַזילבערט, ער בלאָזט אָבער ניט פון זיך, שטענדיק מיט אַ גוטמוטיקן בליק, האַרציק; ער איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, נאָר ניט פאַרהאַוועט, זייער סיסטעמאַטיש אין אַלץ; הגם ער רעדט ניט פיל, איז ער אָבער אַלעמאָל גרייט אַרויסצוהעלפן אַ חבר מיט אַן עצה, צו טאָן אַ טובה; דערהויפּט, ער איז ניט בייז אַף די באָלשעוויקעס; פאַר־קערט, ער פאַרטיידיקט זיי, לאַכט זיך אויס פון די מעשיות, אַז לענין איז אַ שפּיאָן, דענקט, אַז אין פיל זאַכן זיינען די באָל־שעוויקעס גערעכט...

די סעקרעטערין פון צענטראַל־קאָמיטעט אַננאַ וולאַדימי־ראָוונאַ, וואָס איז נאָך אַלץ אַזוי ענערגיש און לעבעדיק, ווי אין

די אמאָליקע יאָרן, מיט די זעלבע קלוגע אויגן און גרויליכן קאָפּ האָר, איז מיט אבראמאָוויטש׳ן. זי האָט אָבער זעלטן צייט צו מישן זיך אין די דיסקוסיעס: אזוי פיל חברים אָנגעפאָרן; מען דאַרף זיי אלעמען איינאָרדנען, געבן „נאַזנאַטשעניעס" אַף אַרבעט, פאַנאַנדערשיקן איבער׳ן לאַנד. זיצט זי פּאַר איינס בּאַ׳ן שרייב־טיש, פאַרטאָן אין די פאַפּירן און חשבונות און האַלט זיך עצות מיט דעם קליינעם לאַזאַר עפּשטיין.

לאַזאַר טראָגט זיך ארום מיט גרויסע פּלענער וועגן פאַרלאַג און איז פול אַף אַלע מיטינגען, לעקציעס און דיסקוסיעס; אין צענטראַל־קאָמיטעט איז לאַזאַר דאָ פון אין דער פרי ביז אין אָוונט, שטענדיק מיט׳ן גלעזל טיי אין איין האַנט און א צייטונג אין דער צווייטער האַנט: ער רעדט אויך ניט פיל, נאָר דערפאַר האָט ער ליב זיך צוצוהערן וואָס אַנדערע ריידן...

ליטוואַק פעלט אויך קיינמאָל ניט; ער זופּט מיט הנאה דעם טיי מיט נישט, גיט א כאַפּ א קוק אין א צייטונג, און ווען ער שרייבט ניט, איינגענורעט אינגאַנצען אין פאַפּיר, דער־ציילט ער מעשיות און וויצן; ער קריטיקירט אי די מענ־שעוויקעס, אי די באָלשעוויקעס, איז שטאַרק נייגעריג צו וויסן וואָס עס טוט זיך בּאַ יענעם, און לאָזט פילן, אַז ער איז א מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט...

אָט באַווייזט זיך א ווײַלע ראַפּיִם: געקומען פון קיעוו ראַטעווען די אויטאָנאָמיע פון אוקראַינע, האַלט ער אין איין דיסקוטירן און פּאָלעמיזירן; אַלץ איז פּאַר אים א פּאָליטישע טעמע, און ער מאַכט עס פלינק; איז פול מיט קוועק־זילבער און קלינגט נאָכאַנאַנד אין טעלעפאָן.

דאָס איז אַלץ ניי און אינטערעסאַנט, נאָר אביסל לאַנג־ווייליק. ס׳דאַכט זיך, אַז אָט אין האַרץ פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אָפּגעזונדערט וועלטל, א וועלטל, וואָס האַלט זיך נאָך בּאַ אירע אַלטע טראַדיציעס און לעבט מער מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ווי מיט דער ברוויזיקער געגנוואַרט.

א פריש ווינטל טראָגט אמאָל אַריין זאַסלאַווסקי — האָ־

מונקולוס — באַגראַוו; ער קומט פון דער ברייטער זשורנאַליסטי־שער וועלט. ער קומט מיט זיין שאַרפזין, מיט זיין בייסיקער וויצי־קייט ניט בלויז וועגן דעם, וואָס איז געווען, נאָר וועגן דעם וואָס ס'איז. דער האַס צו די באָלשעוויקעס מאַכט אים אָבער באַגרעניצט און איינזייטיק, און ס'הויבן זיך אָן די זעלבע געשפּרעכן, די זעלבע ויכוחים...

אַמאָל דערהערט מען אַן אָפּקלאַנג פון דער פּראָווינץ. דאָס איז אַלץ אַן אָפּקלאַנג פון אַן אָפּגעזונדערט וועלטל.

ס'איז פאַראיבער די באַגייסטערונג, ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער האָניק־חודש. וואָס ווייטער?

זיצנדיק דאָ אויף דער ווייכער, ברייטער סאָפע בא דער הינטערשטער וואַנט, שטעלן זיך די דאָזיגע פראַגן אייניקע חברים, וואָס זיינען שוין באָלשעוויסטיש געשטימט. זיי באַ־קומען אָבער ניט אויף דער דאָזיקער פראַגע קיין ענטפער. דער צענטראַל־קאָמיטעט פונ'ם „בונד" קען דעם ענטפער געוויס ניט געבן, ווייל שטעלן בלויז אַזאַ פראַגע איז פאַררעכנט פאַר אַן אפיקורסות; דאָס שטימט ניט מיט'ן „בונד'ס" טראַדיציעס. אפילו דער „אינטערנאַציאָנאַליסט" אַבראַמאָוויטש מאַכט זיך ארויס פון אַן ענטפער...

גייען מיר טאָג איין, טאָג אויס אין צענטראַל־קאָמיטעט פונ'ם „בונד", זיינען שטאַלץ און גליקלאַך, וואָס דער קאָמיטעט זיצט איצט אַזש אין פּיטער, ניט ווייט פון נעווסקי פּראָספּעקט. מיר וואַרטן אויף „אָטסטראָטשקעס" פון פּריזיוו, אויף „נאַזנאַטשע־ניעס", און וואָס מער עס טרעט אריין די וואָכעדיקייט פון דער רעוואָלוציע, אַלץ שנעלער נעמט זיך אויסוועבן דער ראָמאַנטיזם פון די ערשטע טעג...

ספקות הויבן אָן מאַטערן די נשמה, און די דאָזיקע ספקות שוועבן, דאַכט זיך, איבער דער גרויסער אָפּענער דירה פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פונ'ם „בונד". ביסלאַכווייז הערן אויף די שטענדיקע געשפּרעך און דיסקוסיעס; מען גייט אַהין פון איינ־זאַמקייט וועגן, ווייל מען פילט, אַז דער באָדן גליטשט זיך

ארויס פון אונטער די פיס; טרינקט מען אלץ טיי און מ'גיט זיך אפ אף דער ווייכער און ברייטער סאפע א חשבון הנפש...

ניין, נישט דאס. ניטא דער אמאליקער „בונד". אויך זיין צענטראל־קאמיטעט איז ניט וואס אמאל. פון זיינע גרויסע צימערן אף ניקאלאיעווער גאס וועיט אראפ אן אומהיימלאכקייט, א פרעמדקייט; יעדער איז שוין איינגעשלאסן אין זיך, אלץ ווערט פארמעל, עס נעמט שמעקן מיט „קאנצעליאר־שטשינע"...

אפילו די „ליאמעס", די אלטע בונדישע „ליאמעס", האבן שוין ניט די צוציאונגס־קראפט; מען זינגט ווי אמאל חסיד'ישע לידלאך, מען כאפט א האפקע, נאר מען איז עפעס אזוי ווייט איינער פון צווייטן, אפגעפרעמדט, און עס בענקט זיך, בענקט זיך נאכ'ן אלטן „בונד"...

(סוף פון צווייטן טייל)

אינ'ם לאַנד פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע.

דריטער טייל

.1

אין א כאָאָס.

ס׳ווילט זיך אריינכאַפּן דאָס, וואָס מ׳האָט דורכגעלאָזט, — אַלץ זען, אַלץ הערן, אַלץ דערגרונטעווען, באַגרייפן דעם זין פון די געשעענישן, דערפילן זייער נשמה. לויפט מען פון פאַרזאַמלונג אויף פאַרזאַמלונג, פון דיסקוסיע צו דיסקוסיע, פון פּאַראַד צו פּאַראַד, שלינגט מען די צייטונגען פון שורה ביז שורה. מ׳פאַרגעסט אפילו צו טראַכטן וועגן א שטיקל תכלית, וועגן איינאָרדענען זיך, וועגן הונגער, וואָס האַלט אָן שטענדיק א נאָיעניש אין הארצן. מ׳לעבט ווי אין א הינער־פלעט, פאַרהאַוועט און פאַר׳שיכור׳ט. מ׳טראָגט זיך מיט׳ן שטראָם מיט א קאָפּ־שווינדלערישן אימפעט. אזוי פליען טעג נאָך טעג, פול מיט רעגונג און הינרייסונג, ביז וואַנען דער הינערפלעט פאַרשווינדט פון זיך אליין, און ס׳וואַקסט פלוצלונג אויס א כאָאָס ארום...

וואו איז דער ציל, וואָס ברייננגט דער מאָרגן ? דאָס ווייסט קיינער נים. ס׳באַקומט זיך דער איינדרוק, אז דאָס גאַנצע נייע לעבן, וואָס האָט אזוי געצויגן צו זיך, באַשטייט בלויז פון רייד און רייד, אָן איינאיינציקער טאַט, אָן וועלכער ס׳איז ממשות׳דיקער ארבעט. מענטשן האָבן פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער זיך; די געשעענישן האָבן זיי צוטומלט, זוכן זיי א באַפרידיגונג אין ווערטער־שלאַכטן, און וואָס מ׳שרייט העכער וואָס מער מ׳קאָכט זיך, אַלץ גרעסער ווערט דער כאָאָס...

אומעטום דאָס זעלבע : אין די פּאַרטיי־קרייזן, אין די סאָוועט־אנשטאַלטן, אין די מלוכה־קאַנצעלאַריעס. צייט איז ביליק.

דאַרף מען אַ קליניקייט, קומט אוים צו פאַרברענגען שעה נאָך שעה'ן, איידער מ'דערשלאָגט זיך אַ ריי. דערנאָך ווערט מען אַנגעלאָדן מיט פּאַפּירלאַך, אומנויטיקע, וואָס קענען סוף כל סוף דינען פאַר אַ באַשטימטן צוועק... אין איין אָרט שוויצט מען אויף די פּאַפּירלאַך, און אין אַ צווייטן אָרט וויל מען אפילו אויף זיין ניט אַ קוק טאָן. קיין טענות העלפן ניט, — אַזאַ איז די אָרדנונג, אַ פּאַפּירענע אָרדנונג, אַן אָרדנונג פון רייד און ווער־טער. ניט אומזיסט וואַקסט אַלץ די אַנטוישונג, איז דער טאָן ביי אַלעמען אַ פּעסימיסטישער. ביי אייניקע דערגייט צו טראַ־גישקייט. אַ באַשלוס איז קיין באַשלוס ניט, אַן אַנטשיידונג איז קיין אַנטשיידונג ניט. אַלץ הייגגט אין דער לופטן...

אָט אַזוי לעבט מען אינ'ם שטייגנדיקן מיש־מאַש. די רעגונג און מיטרייסונג האָבן זיך אויסגעוועבט. ס'טרעטן אריין פיינ־לאַכע טעג, פיינלאַכע און לאַנגווייליקע.

אין צענטראַל־קאָמיטעט פונ'ם „בונד" האָט מען פאַר מיר פאַרשיידענע פּלענער: אָט ווערט באַשלאָסן צו שיקן מיך אין מינסק אַרבעטן אין טעגלאַכן „וועקער"; געפינט מען, אַז ס'איז בעסער איך זאָל פאָרן קיין קיעוו פאַרוואַלטן מיט דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג", וואָס דאַרף אָנהויבן אַרויסגיין טעג־לאַך. דערנאָך ווערט גאָר באַשטימט, איך זאָל פאַרבלייבן אין פּעטראָגראַד אַרבעטן אין „אַרבעטער שטימע" אָדער אין „גאָלאָס בונדאַ". ווייזט זיך אין מיטן דערינען אַרויס, אַז אַלע פּלענער האָבן קיין ווערט ניט, כל זמן איך וועל ניט אָפּ'פּטר'ן דעם „פּרי־זיוו". וועגן אַן „אָטסראָטשקע" קען אָבער דער צענטראַל־קאָ־מיטעט פונ'ם „בונד" פּ ר י נ צ י פּ י ע ל זיך ניט משתדל זיין. ליבער און אַנדערע פירער פונ'ם „בונד", וואָס שטייען נאָענט צו דער רעגירונג, זיינען קעגן אַזעלכע השתדלות'ן: ס'איז דאָך דער חוב פון יעדן רעוואָלוציאָנער אריינצוטרעטן אין דער אַרמיי און העלפן דערשלאָגן דייטשלאַנד, כדי צו דערפירן די מלחמה ביז „אַ זיגרייכן סוף"... יעדע השתדלות וועגן אַן „אָטסראָטשקע"

קען דעריבער קאָמפּראָמיטירן דעם „בונד", אַרויסרופן אַ חשד אויף זיין רעוואָלוציאָנערער כשר'קייט...

חברים זיינען אויפגערעגט, גייען אַרום פאַרצווייפלט. האָט זיך געלוינט צו לויפן אַהער, כדי זיך לאָזן פאַרוואַנדלען אין קאַנאָנענפייש? פאָדערן עס טאַקע די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע?... פון אָנהויב שעמט מען זיך צו ריידן וועגן דעם אָפן. דערנאָך פאַרוואַרפט מען די בושה. מ'הויבט אָן צו זוכן מיטלען, פּראָטעקציע, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון מיליטער־דינסט. גראָד די פאַרקאָכטע „אָבאָראָנצעס", וואָס היצן זיך אַזוי וועגן דעם „הייליקן חוב צו פאַרטיידיקן דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָטערלאַנד", זיינען אין דעם פּרט באַזונדערס דערפינדעריש. די מערסטע פון זיי אָרדענען זיך איין אויף רעגירונגס־שטעלעס, וואו זיי זיינען זיכער מיט „אסטראָטשקעס"; זיי קריגן דעמאָלט אַ מעגלאַכקייט צו פאַרטיידיקן מיט התלהבות פּאַטריאָטיזם...

מ'גיט מיר אויך אומאָפיציעל אָן עצה צו באַקומען אַ שטעלע ערגעץ אין אַ מיניסטעריום. שטעלעס זיינען דאָ גענוג; די מלוכה־קאַנצעליאַריעס שלינגען איין אָן אַ שיעור מענטשן. דורכ'ן צענטראַל קאָמיטעט פונ'ם „בונד" קריג איך אַ רעקאָמענדאַציע צו פּראָפעסאָר זאַגאָרסקי, וואָס איז איינער פון די פאַרוואַלטער פון אַרבעטס־מיניסטעריום. די אַרבעט דאָרטן וועט מיר געבן גענוג צייט צו פאַרנעמען זיך אויך מיט פּאַרטיי־ענינים.

פון מלחמה־פראָנט קומען דערווייל אָן טרויעריקע ידיעות: קערענסקי'ס אָנגריף אין גאַליציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שרעקלאַכער קאַטאַסטראָפע. די רוסישע אַרמיי איז צעקלאַפּט. זי לויפט אין אומאָרדנונג און מאַכט אויפ'ן וועג פּאָגראָמען אויף אידן. דער פּאָגראָם אין גאַליצישן שטעטל קאַלוש פאַלט ניט אַראָפּ מיט זיין ברוטאַלקייט קעגן די שחיטות אף אידן ביי דער צאַרישער אָרדנונג. אַזוי איז אויך מיט'ן פּאָגראָם אין טאַרנאָפּאָל. ס'ווערט פאַר יעדן קלאָר, אַז עס הויבט זיך אָן אַנאַרכיע, אַז די קאָנטר־רעוואָלוציע נעמט זאַמלען אירע כחות. דאָס גיט אַ נייעם אויסרייד די פּאַטריאָטן אויפצוהויבן אַ גוואַלד, אַז יעדער

רעוואָלוציאָנער, וואָס זוכט זיך ארויסדרייען פון מיליטער־דינסט, איז אַ פאַרצטער פון דער רעוואָלוציע. באַזונדערס קלינגען אַזעלכע רעדעס אין סאָוועט.

אין גאָס דערהערן זיך צווישן די קופּקעס מענטשן, איבער־הויפּט צווישן די ארומבלאָנקענדיקע סאָלדאַטן, ניט גאָר קיין לויבנסווערטע ווערטער אויף קערענסקי׳ס חשבון. מ׳רופט אים אָן, ארומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, „שטרייכנער העלד“.

אין די „ידיעות פון ארבעטער־ און סאָלדאַטן־סאָוועט“ איז אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון אַ אידישן סאָלדאַט אונטער׳ן נאָמען „שאַנר“. דאָרטן ווערן דערציילט די איינצלהייטן וועגן דעם פּאָגראָם אין קאַלוש. די אָנגע׳שיכור׳טע סאָלדאַטן און קאָזאַקן פון דער אָפּטרעטנדיקער רוסישער „רעוואָלוציאָנערער“ ארמיי האָבן גערויבעוועט, געשלאָגן, געמאָרדעט פון קליין ביז גרויס. אידישע פרויען און מיידלאך האָט מען געשענדט. פיל פרויען האָבן בעסער אויסגעקליבן דעם טויט איידער צו ווערן געשענדט. די אויסוואורפן האָבן ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן קליינע מיידעלאך פון דרייצן יאָר און עלטערע פרויען. מ׳האָט געשענדט פרויען פאַר די אויגן פון זייערע מענער און מיידלאך פאַר די אויגן פון זייערע מוטערס. דער שרייבער פון בריוו האָט גע־רעדט מיט איניקע געשענדטע פרויען. ער האָט געזען אַ אידישע פרוי מיט אַן אויסגעדרייטער האַנט און אַ פרוי מיט אָפּגעהאַקטע פינגער. ער פאַרענדיקט זיין שוידערלאַכע באַשרייבונג מיט די ווערטער: „מיר, אידישע סאָלדאַטן, גייען באַוואוסטזיניק פאַר־גיסן אונזער בלוט און אוועקגעבן אונזער לעבן פאַר דעם פרייען רוסלאַנד. האָבן מיר דאָס פולע רעכט צו פאָדערן פון דעם פרייען רוסלאַנד, אַז אַזעלכע גוואַלדטאַטן קעגן דער אידישער באַפעל־קערונג אויפ׳ן פראָנט זאָלן מער ניט פאָרקומען. און מיט וואָס זיינען מיר זיכער, אַז די פּאָגראָמען זאָלן פון פראָנט זיך ניט אריבערטראָגן אין פרייען רוסלאַנד?“

אויף „קרעסטאָווסקי אָסטראָוו“, וואו כ׳האָב זיך באַזעצט מיט מיין פאַמיליע, קומט מיר אויס אויף מאָרגן, ווי דער בריוו

פון אידישן סאָלדאַט איז נעווען אָפּגעדרוקט, צו דערפילן די נייע שטימונג.

ס'איז נאָך באַגינען. דאָס קליינע אינזל־שטעטל, וואָס באָדט זיך אין גרינס און בלאָסער זוניקייט, איז שוין אָבער וואַך. בא דער איינציקער קאָאָפּעראַטיווער קראָם ציט זיך אַן „אָטשע־רעד" אָף עטלאַכע גאַסן. ווער איז דאָ ניטאָ? אַלטע לייט, אפילו קליינע קינדער. עפּעס האַרמאָנירט ניט דער פריילאַבער זומערדיקער אויסזען פון די ליכטיקע הייזלאָך און שיינע ווילעם מיט די אָנגעכמורעטע אויסגעצערטע פּנים'ער פון די לאַנגע רייען אָפּגעלאָזטע מענטשן. מען זעט גלייך, אַז דאָ שטייט דער דלות און וואַרט צו קריגן אַ ביסל שפּייז. פון וואַנען האָט זיך דער דלות גענומען אַהער, אין דעם דאָזיקן אינזל־שטעטל, וואָס דינט פאַר אַן אָפּרו־פּלאַץ פון אָפּגעגעסענע טשינאָווניקעס, פון וואָס פאַר אַ לעבער איז ער ארויסגעקראָכן?

הוזשעט אין „אָטשערעד", ווי אין אַ בינשטאָק. קוים מיט מאַטערניש זוך איך אָפּ מיין פרוי, וואָס שטייט דאָ שוין פון פיר אזייגער בייטאָג, כדי צו באַקומען אַ פּאָר אייער און אַ פלעשל מילך פאַר'ן אויסגעהונגערט קינד. כ'פאַרבייט זי. ערשט איצ־טער דערזע איך דייטלאָך, וואָס פאַר אַ שטעמפּל דאָס נייע לעבן אין רוסלאַנד האָט ארויפגעלייגט אָף איר. מיט אַ טיפן טרויער איז באַצוויגן איר קיילעכדיק שיין געזיכט; פון די אויגן שיינט ארוים פאַרצווייפלונג. מיר דאַכט זיך, אַז עס שטייען בא איר טרערן. אַזאַ ענדערונג פאַר אַזאַ קורצער צייט. בלאַס, אויס־געצערט, אָט פּונקט ווי די איבעריקע אָרום. איז אַזאַ ענדערונג פאַרגעקומען אויך מיט מיר?

שטיי איך אין „אָטשערעד" און טראַכט. וועגן וואָס? אָט אין מיין זונעלע נעכטן געקומען צו לויפן און איז צו מיר צוגע־שטאַנען, איך זאָל אים דערקלערן וואָס איז דאָס פאַר אַ זידל־וואָרט „זשידיאָנאָק". די גאַנצע צייט האָבן זיך די קינדער אין הויף, וואו מיר וואוינען, געשפּילט מיט אים זייער גוט; נעכטן האָבן זיי זיך אָבער אָפּגעזאָגט אריינצונעמען אים אין זייער

קאָמפּאַניע, ווייל מיט א „זשידיאָנאָק" ווילן זיי ניט האָבן וואָס צו טאָן. ס'איז געווען א רחמנות צו קוקן אַפ'ן קינד. ניטאָ די פאַרב אין די בעקעלאַך. די באַוועגונגען זיינע זיינען אַזעלכע אַפּאַטישע. כמעט א שאָטן פון דעם, וואָס איז געווען. די העלע קרייזעלאַך האָר מאַכן דאָס מאַטע פּנים'ל מאַרטירעריש. דאָס שמייכל איז א קראַנקהאַפטס. און אַזוי זשעדנע איז דאָס קינד. קלייבט אויף יעדן ברעקל, וואָס פאַרבלייבט אַפילו פון א שטיקל שוואַרץ פאַרטריקנט ברויט.

ס'טראַכט זיך וועגן דעם אַלעם, און אַזוי נאָענט ווערן די אַרומיקע. אַלע זיינען זיי מאַרטירער: האָבן געגאַרט נאָך באַפרייאונג, ניט ווייניק געליטן פאַר דער געגאַרטער באַפרייאונג, און וואָס האָבן זיי דערפון?

ס'דערהערט זיך א גראָבער קול:

— אָט האָסטו דיר פרייהייט, ווער געשוואָלן פון הונגער און שטיי דאָ א מעת לעת א גאַנצן, ווי א בעטלער. נישקשה, קערענסקי שטייט ניט אין „אָטשערעד". אַנדערש ווי צו וואַוינען אין ווינטער־פּאַלאַץ פּאַסט אים ניט.

— א שטרויענער העלד! — רופט זיך אָפּ נאָך א גראָבער קול, ענלאַך אַפ'ן ערשטן, — קען קנאַקן מיט דער צונג. ער רופט עס גיין שלאָגן זיך מיט די דייטשוקעס. צוליב דעם האָט מען אַראָפּגעזעצט ניקאָלאַשקען?

— אַז די זשידעס האָבן אַלץ פאַרכאַפּט אין זייערע הענט. קען זיין גוט? — זאָגט אַרויס א פּרויענשטים.

— האָט מען זיי באַצאָלט דערפאַר און מען וועט נאָך באַצאָלן. אויף מיר, ציוווילע, וועלן זיך אָפּרעכענען, — גרילצט דער ערשטער גראָבער קול.

די ווערטער ווערן אַריבערגעטראָגן איבער דער גאַנצער ריי. מיט אַמאָל מישט זיך עמיצער אַריין:

— די באָלשעוויקעס וועלן מאַכן א סוף. לענין איז ניט קיין שטרויענער העלד.

— און וואָס איז לענין? ער איז מיט די זשידעס פאַראייניס.

שטאמט אליין פון זשידעס. גענעראַל קאָרנילאָוו, אָט וועך ס'טויג זיך אוים, — בייזערט זיך ווידער דער ערשטער גראָבער קול.

פון די אָנגעכמורעטע אויסגעצערטע פּנים'ער רעדט אַראָפּ ווי אַ צושטימונג. כ'קוק זיך אַרום. דערזע אַ קיילאַכדיקן קאַצאַפּ; דאָס אָפּגעלאָזטע פּעטס הייגגט אַראָפּ אַרום דער מאָרדע און אַף די הענט, ווי פּענכערס; דער קאָליר פון הויט איז ווי פון איבערגעזייערט טייג. עמיצער באַמערקט שטיל: געוועזן דאָ פריער אַ גאָראָדאָוואָי.

דער עולם באַציט זיך צו אים מיט מיטגעפיל. דער מיליציאָנער, וואָס היט דאָ די אָרדנונג אָנשטאָט אַ פריערדיקן גאָראָדאָוואָי, הערט זיך צו צו דער אָפּענער שווארצמאה'דיקער אַגיטאַציע און מאַכט זיך ניט וויסנדיק.

ווען דער קאַצאַפּ נעמט ווידער דרש'ענען, קען איך זיך שוין ניט איינהאַלטן און גיב אַ זאָג גאַנץ הויך: שווייג, כוליגאַן. ניט אַמאָליקע צייטן.

דער קאַצאַפּ קוקט מיך אָן מיט אַ פאַרקרימט שמייכל; דאָס אָפּגעלאָזטע פּעטס זיינס נעמט זיך טרייסלען, און ער רוקט זיך אַרוים אומבאַמערקט. איך דערהער אויף מיין חשבון: אין אַלץ מישן זיי זיך, די פאַרפלוכטע זשידעס. אַ וואָרט קען מען שוין ניט אויסריידן.

כ'צי די אויפמערקזאַמקייט פון מיליציאָנער, פאַרוואָס ער לאָזט אַזאַ אָפענע כוליגאַנישע אַגיטאַציע; ער ענטפערט מיר אָבער גאָר ניט.

אַ יונגער סאָלדאַט, מיט אַ פּנים פון אַ שווינדזיכטיקן, וואָס שטייט מיט אַ צעריסענעם קאָשיק און האַלט אַ מיידעלע באַ דער האַנט, ווענדט זיך צו מיר:

— שלעכט, חבר, דאָס פאָלק איז נאָך פינסטער. ס'איז אים ביטער, עם הונגערט, הערט זיך עס צו צו אַלע פאַסקודנע רייד. — אין זיין הייזעריקלאַכער שטים קלינגט אַזאַ מין אינטימקייט — אָט שטיי איך דאָ שוין זעקס שעה. דאָס ווייב אַוועק זוכן אַר-

בעט, מיך איבערגעלאָזט מיט'ן קינד. וואָס קען איך, א קריפּל, טאָן? די צייטווייליקע רעגירונג האָט צוגעזאָגט אמעריקע צו העלפן, און ס'הויבט זיך ניט אָן. האָב קעשענעס מיט פּאַפּיר־לאַך, און כאָטש צי אויס די פּיס.

איך פרעג ביים סאָלדאַט וואו ער וואוינט. ס'ווייזט זיך ארויס, אין צווייטן הויף פון מיר. האָט געדינט פאַר דער מלחמה בא א רייכן סוחר. דער סוחר האָט זיך ארויסגעקליבן אויף קאַוו־קאַז, היט ער זיין ווילע. נאָך דאָס אויך גוט, איז דאָ כאָטש א דירה, א שטעלכל אין הויף, און די ווילע פּוסטעוועט. אהין, האָט דער סוחר פאַרזאָגט, אפילו ניט ארייַנצוקוקן. דאָס שטעלכל איז גענוג.

דער סאָלדאַט דערזעט בא מיר א נומער „ידיעות פון ארבע־טער־ און פּויערים־סאָוועט". ער בעט איך זאָל אים געבן דורכ־לייענען.

עס פילט זיך עפּעס אזא מידקייט אין גאַנצן קערפּער. דער זייגער איז שוין באַלד אכט, און צו מיין ריי איז נאָך גאַנץ ווייט.

כ'דערמאָן זיך, אז דאָס קינד האָט זיך שוין געמוזט אויפ־כאַפּן, און אין שטוב איז מער גאָר נישטאָ אויסער א שטיקל פאַרטריקנט בולקע. גראָד איז אויך די נאַפט פאַר דער ברען־מאַשינקע אויסגעגאַנגען, כדי אָנצוואַוואַרימען אביסל וואַסער. צוועלף דער זייגער דאַרף איך זיין ביי פּראָפעסאָר זאַגאַרסקי'ן אין ארבעטס־מיניסטעריום. כ'באַשליס אָבער ניט אוועקצוגיין פון דאַנען ביז איך וועל ניט קריגן א פּאָר אייער און א פלעשל מילך.

כ'וואַרף א קוק אפ'ן יונגן שווינדזיכטיקן סאָלדאַט; דאָס מיידעלע זיצט אפ'ן טראָטואַר א פאַר'חלש'טע און גריזשעט א סקאַרינקע. ער איז פאַרטיפט אין לייענען. מיך פאַראינטערע־סירט וואָס ער לייענט. איך באַמערק, אז ער לייענט דעם בריוו פון אידישן סאָלדאַט. ער הויבט אויף אויף מיך די אויגן, וואָס זיינען מיט אמאָל געוואָרן אזוי גרויס, ווי זיי וואָלטן וועלן ארויס־

שפּרינגען. ער דערלאַנגט מיר צוריק די צייטונג און ברומט ארוים:

— שוטים. זיי גייען באוואוסטזיניק פאַרגיסן זייער בלוט פאַר דעם פרייען רוסלאַנד. פריי פאַר וועמען, פאַר אונז, פאַר'ן פאָלק? הויבט זיך ניט אָן. איז אָט נאָט אייך אַ פּאָגראָם אין קאַלוש, אין טאַרנאָפּאָל. דאָס פאָלק איז פינסטער. מ'האָט עס פריער גענאַרט און מען נאַרט עס איצטער, איז וואָס קען מען בעסערס דערוואַרטן? די רעזולטאַטן פון אומזיניקן אָנגריף, פון אויפגעבלאָזענער ליבע צום פאָטערלאַנד.

כ'פאַרשטיי פון סאָלדאַט'ס רייד, אַז ער איז באוואוסטזיינס און באָלשעוויסטיש געשטימט. כ'פרעג אים:

— וועט ביי לענינען זיין בעסער?

ווי ער וואָלט זיך דערפרייט פון מיין פראַגע, ענטפערט ער:

— איר צווייפלט? געוויס. די באָלשעוויקעס נאַרן ניט. זיי זאָגן דעם אמת. נישקשה, אַז זיי וועלן אריינכעמען די מאַכט, וועט מען שוין ניט הערן אַזעלכע דרשות, ווי דאָ פון געוועזענע גאָראָדאָוואָיעס.

דער זעלבער עולם, וואָס האָט פריער געגעבן, דאַכט זיך, זיין צושטימונג צו דער כוליגאַנישער אַגיטאַציע, הערט זיך צו אָנגעשטריינגט. צענדליקער שטימען מישן זיך צוזאַמען, ווי אַ האָ־האָטשעריי פון גענז.

דער מיליציאָנער פּרוּווט זיך מאַכן אָרדנונג. ער סטראַשעט שוין דעם שווינדזיכטיקן סאָלדאַט מיט ארעסט, ווי אַ באָלשעוויסטישן אַגיטאַטאָר. אימעציער שרייט אויס צום מיליציאָנער: עי, נייער אָרדנונג־היטער, פאַר וואָס האָסטו פאַרשוויגן דעם גאָראָדאָוואָי? האָסטו אַזאַ באַפעל פון קערענסקי'ן — כוליגאַנעס צו שאַנעווען און די, וואָס זאָגן דעם אמת, וואָס נעמען זיך אָן פאַר'ן פאָלק, צו האַלטן אין צוים?

אַ צעניפּגעדריקטע שוואַרצע פּויסט דערשיינט אין דער לופטן און דער מיליציאָנער טראָגט זיך אָפּ. אין „אַטשערעד" ווערט שטיל. עפּעס טוליען זיך איינע צו די אַנדערע די הונגע־

ריקע שורות; זיי זעען אוים ווי א לאנגער פאס וואלקן אף א ריינעם הימל.

עס ברענט שוין די זון. פון די ארומיקע ריחות, פון דער דופטיקער פרישקייט נעמט זיך דרייען דער קאפ. די פראגע: וואס וועט זיין? עגבערט אן אויפהער; זי איז, דאכט זיך, אויס־געקריצט אף יעדן פנים, אפילו פון דער יונגער מיידל אין דער קאאפעראטיווער קראם.

אט קריג איך נאך שעה'ן לאנגער וואַרטעניש מיין פארציע. די יונגע מיידל, וואס גיט עס ארוים, איז מיד און פארשלאפן; זי קוקט נים קיינעם אין די אויגן. מעכאניש ארבעטן אירע הענט. אירע פארשמאכטע ליפן זיינען צענויפגעפרעסט. איינע פון טויזנטער. דאך איז מען איר מקנא, האט מען צו איר טענות, אקוראט, ווי אן איר ווענדט זיך צו קריגן א קאפעטשקע שפייז מער, נים דארפן ווארטן אזוי לאנג. אפ'ן געשטעל בא איר ליגט א נומער פון גארקי'ס צייטונג „נאוואיא זשיזן".

ניטא קיין צייט צו פארפירן א געשפרעך. אף מיין ארט ווארטן צענדליקער. שטופט מען מיך טאקע ארוים פון קראם. איך בין צופרידן: האב גאנצע צוויי אייער און א פלעשל מילך. דאס דארף קלעקן אף דריי טעג. און נאפט, מיט וואס אנצוואַ־רימען א ביסל וואסער? זיי מוחל און שטעל זיך אין א נייעם „אטשערעד" ערגעץ אף דער צענטער גאס.

דערווייל איז שוין דער זייגער צוועלף, און ס'איז שוין שפעט צו גיין אין שטאט אריין.

אפ'ן הויף, וואו איך וואוין, זיצט אונטער אן אויסגעדארטן בוים מיין זונעלע; ער קוקט פול מיט קנאה אף א כאפטע קינדער, וואס שפילן זיך אין צווייטן עק אין פערדלאך.

די שכנים ארום באגריסן זיך שוין נים מיט מיר אזוי פריינט־לאך, ווי פריער. זיי דרייען אפ די קעפ, ווען זיי דערזעען מיר. ערשט איצטער באמערק איך, אז אייניקע פון זיי האלטן ברייט פאנאנדערגעוויקלט די אנטיסעמיטישע צייטונג „נאוואיע ווערמיא".

די באַלעבאָסטע פון אונזער דירה, א פּאָלקאָווניק׳ס אַן אַלמנה, וואָס קריגט פּענסיע פון דער ציוויליטוויילער רעגירונג, בורטשעט היינט מער ווי אַלע מאָל. כ׳בעט בא איר לייען א ביסל נאָפט, כדי אָנצואווארימען דאָס מילך, ענטפערט זי מיר גראָב, אַז זי האָט ניט, הגם כ׳ווייס, אַז נעכטן האָט זי באַקומען גאַנצע צען פונט. זי הייסט מיר ווארטן, ביז וואַנען מיין פרוי וועט ברייננגען נאַפט פון „אָטשערעד“.

דאָס קינד וואַרפט זיך ארויף אַף דאָס רויע ניט גאַנץ ריינע מילך, ווי אַף דער געשמאַקסטער נאַשעריי. איך קען ניט צוזעהן מיט וואָס א זשעדנעקייט עס זופּט פון פלעשל. קוקנדיק אַף אים, הויבט אָן צו שטיקן אין האַלז. וואָס פון אים איז געוואָרן? עס טוליעט זיך נעבעכדיק צו מיר און רעדט קוים ארויס: פּאַפּאָטשקע, ס׳איז מיר אומעטיק.

אויך אַט דאָס קליינע באַשעפעניש ווייסט שוין וואָס אומעט איז...

.2

אין ארבעטס־מיניסטעריום.

כ׳שלעפ זיך אוועק באנינען א דריטן מאל צופוס א מהלך פון היפשע עטלאכע וויאָרסט, כדי צו טרעפן פראָפעסאָר זאַ־גארסקי.

אן אויסגעמאַטערטער דערגרייך איך מיטאָג־צייט דעם מיר־מעלנעם פאלאץ, וואו דאָס ארבעטס־מיניסטעריום געפינט זיך. מיר קומט אוים אין דער ריזיקער געביידע דורכצושפּרייזן א לאנגן לאבירינט צימערן, קאָרידאָרן, זאלן.

א מאָדנע זאך: צו וועלכן טיש איך גיי ניט צו, ווייסט מען ניט וואו פּראָפעסאָר זאגארסקי׳ס קאבינעט איז. מען שיקט מיך פון איין עס אין צווייטן, און איך קען זיך קיין טאָלק ניט דערשלאָגן.

אלע צימערן און זאלן זיינען פול מיט אנגעשטעלטע. עס קלאפן שרייב־מאשינקעס, ס׳סקריפען פעדערס. יעדער אנגע־שטעלטער איז אזוי פארטיפט אין זיין ארבעט, אז ער הערט ניט וואָס מען רעדט צו אים. מען קען מיינען, אז ווער ווייסט וואָס דאָ ווערט אויפגעטאָן.

ווי א צוגאָב צו די קלאפנדיקע שרייב־מאשינקעס און סקרי־פענדיקע פעדערס זיינען די גלעזער בלאסע טיי, וואָס שטייען בא יעדן אנגעשטעלטן. די באדינער האָבן איין באשעפטיקונג צו שלעפן פאראיינס טאצן מיט גלעזער טיי. איינער אן אלטיטש־קער, מיט באקענבערד, ווי ביי קייזער פראנץ יאָזעף, אנגעטאָן אין א ליוורעי, ראט מיר צו ווענדן זיך אין אינפאָרמאציע־ביוראָ, — דאָרטן וועט מען מיר אנווייזן גענוי וואו זאגאָרסקי׳ס

קאַבינעט איז. ער וויצלט זיך גוטמוטיק, דער אַלטיטשקער: אונזער עולם איז צו פאַרנומען מיט באַקן פּאַפּירלאַך און טרינקען טיי, אַז איר זאָלט זיך דערשלאָגן אַ טאָלק. איינער ווייסט ניט פון צווייטן. אין זיינע ווערטער הערט זיך אַ טיפע איראָניע; מ'פילט, אַז ער איז ניט שטאַרק באַגייסטערט פאַר דער נייער אָרדנונג.

איך פאָלג דעם אַלטיטשקן. דאָס אינפאָרמאַציע־ביוראָ איז ניט ביים אריינגאַנג, ווי ס'וואָלט געדאַרפט זיין פאַר דער באַ־קוועמלאַכקייט פון די באַזוכער, נאָר ערגעץ פאַרוואָרפן; מען דאַרף זיך שלעפּן איבער אַן אַ שיעור קאָרידאָרן און מען קען זיך לייכט פאַרבלאָנדזשען. בלאָנדזשע איך טאַקע.

פון דרויסן מאַכט דער מירמעלנער פּאַלאַץ קיין באַזונדער איינדרוק ניט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּאַלאַצן אין פּעטראָגראַד. אַ גרויסער בנין, אָן קיין שום באַפּוצונגען. בלויז דער פּלאַץ אַרום איז אַ רחבות'דיקער, מיט אַ גרויסן פּאַרק אין הינטער־גרונט. דער צופאָר אויף אַ ברייטן בולוואַר. דאָס אַלץ דער־מאָנט גיכער דעם אויסזען פון אַן עפנטלאַכן אַנשטאַלט, וואָס האָט זיך מיט גדלות פאַנאַנדערגעצלייגט אין צענטער פון שטאָט. ניטאָ דאָ קיין אינטימקייט, קיין אָפּגעזונדערטקייט.

דער איינדרוק פון אינעווייניק איז דערפאַר אַן אַנדערער. ס'וועיט פון אַלץ מיט אַלטערטימלאַכקייט, מיט אַן אייגנאַרטיקער שווערגעמיטיקער אַטמאָספערע. מאַסיווע טונקעלע מעבל. די צימערן, זאַלן, קאָרידאָרן אומגעהויער גרויס, מיט אַ סך ווענע־ציאַנער פענסטער, דאָך שאָטנדיק. ס'דאַכט זיך, אַז דאָ האָבן מענטשן קיין מאָל ניט געלאַכט, נאָר האָבן זיך אַרומגיבלאָנקעט אָנגעכמורעטע און ניט געקענט געפינען זיך קיין אָרט. דער איצטיקער טומל אימפּאָנירט עפּעס ניט צו דעם סטיל פון דער גאַנצער אַרכיטעקטור; דער טומל האָט זיך אריינגעריסן אַהער ווי מיט גוואַלט און קלינגט אָפּ מיט אַן עכאָ, ווי אין אַ געדיכטן וואַלד, וואָס זיין רו איז פּלוצלונג צעשטערט געוואָרן פון אומבאַ־קאַנטע קולות און טריט.

איך דערבלאָנדזשע.

אין אינפאָרמאַציע־ביוראָ, וואָס פאַרנעמט אַ ריזיקן זאַל, איז פּוסט. בלויז אַ לאַנגער טיש שטייט אינמיטן באַדעקט מיט אַ גרינעם געוואַנט; אויף אים אַ סך טעלעפאָנען. אויף איין וואַנט הייננגט קערענסקי'ס אַ גרויס בילד. באַם אַריינגאַנג ציט זיך אַ לאַנגער באַנק פאַר באַזוכער. צווישן באַנק און טיש אַן אָפּצאַמונג. מיר קומט אויס היפּש צו וואַרטן. פון מידקייט ווער איך אַנדרעמלט. מיט אַמאָל הער איך ניט קיין גאַנץ העפלאַכע פּרויען־שטים: חבר, דאָ איז ניט קיין אָרט צו שלאָפן. וואָס דאַרפט איר?

איך דערזע פאַר זיך אַ לאַנגע פּרויענגעשטאַלט מיט אַן אויסגעצויגן געזיכט, וואָס איז ענלאַך אויף'ן לאַנגן טיש. דער קאָליר פון געזיכט איז, דאַכט זיך, אויך גרין. דאָס שלאָגט זיך, פּילייכט, אָפּ פון געוואַנט.

אויף מיין פראַגע, צי פּראָפעסאָר זאַגאָרסקי איז דאָ און וואו איז זיין קאַבינעט, ענטפערט מיר די פּרויענגעשטאַלט גאָר ניט: זי גייט ארויס אין אַ צווייטן צימער, פאַרזאַמט זיך דאָרטן עטלאַכע מינוט. ווען זי קומט צוריק, נעמט זי קלינגען אין טעלעפאָן. לאַנג קלינגט זי, און דערנאָך דערקלערט זי מיר, אַז פּראָפעסאָר זאַגאָרסקי איז ניטאָ, ער וועט ערשט זיין אין אַ שעה צוויי אַרום. זיין קאַבינעט איז ניט ווייט פון דאַנען.

וואָס טוט מען גאַנצע צוויי שעה צייט? גיי איך אַרום פון איין קאָרידאָר אין צווייטן. באַ דעם אַריינגאַנג אין פּאַרק שטויס איך זיך אָן אין אַ גרופּע אַרבעטער. מיך פאַראינטערעסירט, וואָס זיי טוען דאָ. איך דערוויס זיך. אַז באַ זיי אין מעבל־פאַבריק האָט דער באַלעבאָס דערקלערט אַ לאַקאַוט, ווייל זיי פאָדערן אַ העכערונג פון שכירות. ס'האָט זיך, געוואוינלאַך, אַריינגעמישט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. נאָר דער באַלעבאָס וויל פון קיין זאַך ניט הערן. זיינען זיי געקומען אין אַרבעטס־מיניסטעריום זוכן שוץ.

— מיינט איר — דערציילט אַן עלטערער אַרבעטער, כמעט

אַ באָרוויסער, מיט אַ פאַרוואַקסן פּנים — אַז אונזער באַלעבאָס איז אַבי ווער, האָט איר אַ טעות; ער איז אַ טרייער קאַדעט, — מיליוקאָוו'ס אַ פריינט. טענה'ט ער, אַז ער שפּייט אָפּ'ן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין; די אַרבעטער קענען אים ניט זאָגן קיין דעה. דער יחסן בײַ דער רעגירונג איז ער.

ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז די גרופּע אַרבעטער וואַרט דאָ שוין פון אין דער פרי אָן. אַלע זײַנען זיי פאַמיליענלייט. די נויט האָט בײַ זיי דערגרייכט די העכסטע שטופּע. דורכ'ן איצטיקן לאָקאַוט קומט זיי אויס פּשוט צו וואַרפן זיך אין דער נעווע אַרײַן. דאָס אַרבעטס־מיניסטעריום איז אָבער ניט בכּח צו צווינגען דעם באַלעבאָס צו ווערן ווייכער. קאָנטיק, דער באַלעבאָס האַנדלט דאָ ניט אויף זײַן אייגענער אחריות, נאָר לויט אַ צוזאַמענרייד מיט אַנדערע פאַבריקאַנטן, ווייל יעדן טאָג ווערן דערקלערט לאָקאַוטס אין די פאַבריקן.

— אָט דאָס איז די פרייהייט, וואָס מיר האָבן זיך דערשלאָגן, — קלאָגט זיך דער עלטערער אַרבעטער. — פריער געהונגערט און געפּלאָגט זיך בײַ ניקאָלאַיען און איצטער בײַם סאָציאַליסט קערענסקי. פאַר אונז, אַרבעטער, איז קיין אונטערשייד ניט, אַלץ איין שוואַרציאָר.

פון אַרײַנגאַנג אין פּאַרק בלאָזט אַ קיל ווינטל, וואָס דערפרישט. דער באַדינער, וואָס שטייט בײַם אַרײַנגאַנג, לאָזט אין פּאַרק ניט אַרײַן. מען קען אָבער זען די גרויסע אויסגעפּוצטע אַלייען, וואָס מאַניען צו זיך. עס פינקלט פון דאָרטן מיט גרינער שפּע. נאָר ווער קען דערפון געניסן? אַלץ ניט די, וואָס האָבן פון דאַנען פאַרטריבן די אַמאָליקע הולטאַיעס. זיי מוזן אָפּשטיין שעהנלאַנג אין די קאָרידאָרן פון די קאַנצעלאַריעס און וואַרטן ביז וואַנען מען זאָל אײַנוויליקן זיי אויסצוהערן.

איך רייד זיך פונאַנדער מיט אַנדערע אַרבעטער פון דער גרופּע, און איך פיל אין זייערע ווערטער די טיפסטע פאַרצווייפלונג. די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. פון די אַלע צוגעזאָגטע אַרבעטער־שוץ־געזעצן האָט זיך דערווייל אויסגעלאָזט

אַ בווּרעם. די אַרבעטסלאָזיקייט איז אומגעהויער. אין די פֿאַב־ריקן, וואו מען אַרבעט, שטייגט די עקספּלואַטאַציע איבער אַלע גרענעצן. די פֿאַבריקאַנטן פֿילן זיך באַזונדערס תּקיף. ס'איז געקומען זייער צייט. די עקספּלואַטאַציע ווערט איינגעוויקלט אין כּלומרשט רעוואָלוציאָנערע כּוונות. די אַרבעטער דאַרפֿן אויס־קוועטשן פֿון זיך אַלע זאַפֿטן, כּדי צו פֿאַרענדיקן זיגרייך די מלחמה און דערמיט ראַטעווען די רעוואָלוציע. זעלטן ווען אַן אַרבעטער געווינט. די איינציקע האָפֿנונג זיינען די באָלשע־וויקעס: זיי, די באָלשעוויקעס, וועלן מאַכן אַ סוף צו אָט דער פֿאַפּירענער אָרדנונג, צו קערענסקי'ס רעוואָלוציאָנערע פֿראַזן.

דער עלטערער אַרבעטער צוקאָכט זיך אַזוי, אַז ער נעמט שרייען הויך: מיר וועלן זיך שוין מיט זיי אָפּרעכענען פֿאַר אַלץ, אויך פֿאַר איצטיקער אָפּנאַרעריי. עס מוז נעמען אַ סוף.

ווי איך שטיי אַזוי, כאַפּט מיר אימעצער אָן פֿאַר די פּליי־צעס. איך קער זיך אָפּ און דערזע פֿאַר זיך מיין אַלטן פֿריינט וואָסקאָוו פֿון ניו יאָרק. אַזאַ באַגעגעניש גאָר ניט דערוואַרט.

וואָסקאָוו קוקט מיר אָן מיט זיינע גוטמוטיקע ענערגישע אויגן. זיין לייענלאַך־ברוינלאַכער, יונגטלאַכער פּנים איז עפּעס פֿאַרהאַרטעוועט. ער פֿרעגט זיך נאָך אָפּ מיין פֿאַמיליע, וואָס איך טו און ניט אַ זאָג אַרויס:

— כ'לעבן, שוין צייט אָוועקצוגיין פֿון די פֿאַרדאַמטע מענ־שעוויקעס.

מיר געפֿעלט ניט דער טאָן. כ'מאַך וואָסקאָוו'ן אַ פֿאַר־וואורף:

— פֿון ווען אָן זייט איר דאָס געוואָרן אויס מענשעוויק? שוין אַזוי גיך זיך איבערגעקוליעט?

— ניין, פֿריינט מיינער — ענטפֿערט וואָסקאָוו מיט ווײַ־טיק — זיך ניט איבערגעקוליעט. ווען איר זאָלט זיין צווישן די אַרבעטער, פֿאַרברייינגען אָפּט אייער צייט אָף די זיצונגען פֿון סאָוועט, וואָלט איר אַנדערש גערעדט. איר האָט גאָר קיין אַנונג ניט, ווי די רעוואָלוציע ווערט פֿאַראַטן פֿון די מענשעוויקעס און

עסערן אַף טריט און שריט. ס'כאַפּט אָן אַ שווידער. דיָעם צע־נויפרוף פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג שטופּט מען אַלץ אָפּ. די אַלע הבטחות דורכצופירן אָן אַכט שעה'דיקן ארבעטס־טאָג זיינען אויפ'ן פּאַפּיר. פון מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה וויל מען ניט וויסן. דערפאַר וואַרפט מען אין די טורמעס טראָצקי'ן, לונאַטשאַרסקי'ן, זוכט מען ווי מיט ליכט לענינען, כדי אים צו פאַרשפּאַרן. פאַר וואָס? ווייל זיי זעען פאַראויס, אַז אויב די רעוואָלוציע וועט ניט טויטן די מלחמה, וועט די מלחמה טויטן די רעוואָלוציע, אַז דער איינציקער אויסוועג איז איבערצוגעבן די מאַכט צו די סאָוועטן.

ס'פאַרבינדט זיך דאָ שטייענדיק צווישן אונז אַ גאַנצער הייסער ויכוח. כ'באַמי זיך צו צעשלאָגן אַלע וואַסקאָוו'ס ארגו־מענטן. איך דערוויייז, אַז דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס טוען און ריידן, איז אייגנטלאך דער גרעסטער פאַראַט צו דער רעוואָלוציע, אַז זיי ארבעטן לטובת דעם דייטשן גענעראַל שטאַב. איך דריק אויס מיין צווייפל, צי די גאַנצע טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס איז ריין פון דייטש געלט.

וואַסקאָוו שפּרינגט אויף, ווי אַן אונטערגעשאָסענער:

— אויך איר זייט פאַר'סמ'ט? שעמט איר זיך ניט איבער־צו'חזר'ן די אַלע לעכערלאַכע און שענדלאַכע מענשעוויסטישע פאַרלוימדונגען?

כ'דערמאָן אים די דאָקומענטן, וואָס זיינען געווען פאַרעפנט־לאַכט וועגן באָלשעוויסטישן יולי־פאַרשטאַנד.

וואַסקאָוו גיט אַ שמייכל:

— דאַרף מען אייך דערציילן, אַז דאָס איז אַן אומזין? די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען פאַבריצירט אין טשכעאידזע'ס קאַבי־נעט. איר וועט זיך אינגיכן דערקונדיקן דערין.

וואַסקאָוו דערציילט מיר, אַז קומענדיק אין רוסלאַנד האָט ער גלייך דערפילט, ווי ווייט אַף די מענשעוויקעס איז ניטאָ וואָס צו האָפן. ער איז אריין מיט זיי אין איינגע פאַרבינדונגען, נאָר האָט זיך גלייך אָפּגעטרייסלט פון זיי, ווען ער האָט דערזען זייער

סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פּאָליטיק. פון וויינע לאַנגע געשפּרעכן מיט צערעטעלי'ן, ווען ער האָט ממש פאַרגעטערט, האָט ער זיך באַזונדערס דערקונדיקט, אַז ס'איז ניט קיין אָרט פאַר אַן אויפריכטיקן רעוואָלוציאָנער צווישן די מענשעוויקעס. צערע־טעלי איז, לויט זיין מיינונג, זייער אַ טראַגישע פיגור. וועט ער זיך האַלטן בא זיין איצטיקער טאַקטיק פון שלום מאַכן מיט דער בורזשואַזיע, וועט ער זיך דערקייקלען ביז אָפענער קאָנטר־רעוואָ־לוציע. ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. ווער ס'וויל ראַטע־ווען די רעוואָלוציע, מוז גיין מיט די באָלשעוויקעס; ווען ניט מוז מען זיך פאַראייניקן מיט מיליוקאָוו'ן קעגן דער רעוואָלוציע. וועגן טשעכעאידזע'ן איז אָפּגערעדט, דאָס איז אַ באָביצע, אַ מענטש אָן קיין שום כאַראַקטער. ער שלעפּט זיך נאָך נאָך צערעטעלי'ן.

כ'דערוויס זיך, אַז דערווייל איז נאָך וואָסקאָוו ניט אינגאַנצן מיט די באָלשעוויקעס, ער שטייט מיט טראָצקי'ס גרופּע אין צענטער, אַזוי איז אויך וואָלאָדאַרסקי.

דערמאָנענדיק וואָלאָדאַרסקי'ן, זאָגט וואָסקאָוו:

— גראָד האָבן מיר נעכטן מיט וואָלאָדאַרסקי'ן גערעדט וועגן אייך און טערמאַנען. איר ווייסט, וואָלאָדאַרסקי וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל. צו זיין ענערגיע און ארבעטסזאַמקייט איז קיין גרענעץ ניטאָ. מיר האָבן אים אין אַמעריקע אַבסאָלוט ניט געקענט; דאָס איז גאָר אַן אַנדער מענטש.

וואָסקאָוו פאַרענדיקט:

— ווילט איר פילן, אַז איר לעבט, אַז איר זייט ניט אומ־זיסט געקומען קיין רוסלאַנד, נאָר ווילט טאַקע דינען דער רעוואָ־לוציע, איז ניטאָ קיין אַנדער אָרט פאַר אייך, ווי בלויז אין די באָלשעוויסטישע רייען. מיר פירן איצט אונטערהאַנדלונגען אריינצוטרעטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דאָס איז מער ניט אַ פאָרמאַליטעט, ווייל פּאַקטיש ארבעטן מיר צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס האַנט אין האַנט. נישקשה, איר וועט

קומען צום זעלבן באוואוסטזיין. מיר וועלן נאָך ווייזן, וואָס מיר קענען.

כ'דערציייל וואסקאָוו'ן וואָס איך טו דאָ. ער שמייכלט: זוכט מסתמא אן „אָטסטראַטשקע". זאָל אייך דער אלאָך העלפן. וואַרטן וועט אביסל קערענסקי ביז וואנען איך וועל גיין פאַרגיסן מיין בלוט פאַר די פאַרבינדעטע. זעט איר, אין דער אַרמיי וועל איך אָבער גיין, כדי אויפצורייסן קערענסקי'ס בלאָף.

— דאָס הייסט — באַמערק איך — פּאַנאַנדערלייגן די אַרמיי, דעמאָראַליזירן. אַ פיינע אַרבעט. איז דאָס ניט אין די אינטערעסן פון דייטשן גענעראַל שטאַב?

וואַסקאָוו נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט:

— פריינט מיינער, מיר ריידן אַף צוויי באַזונדערע שפּראַכן. ניט איך קען אייך פאַרשטיין, ניט איר מיך. וועט דאָס לעבן ווייזן, אַף וועמעס זייט איז דער אמת.

איך ווער נייגעריק צו וויסן, וואָס וואַסקאָוו טוט דאָ. ער דרייט זיך אָבער אַרום פון אַן ענטפער. איך שטוים זיך אָן, אַז ער האָט דאָ אַ קאָנספּיראַטיווע זעאונג מיט אימעצן. ער צעקושט זיך מיט מיר היים, אַרויסריידנדיק:

— געדיינקט מיינע ווערטער, אָדער מיט די באָלשעוויקעס, אָדער מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציע, קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ.

ער ווערט פאַרשוואונדן אין לאַנגן קאָרידאָר.

די באַגעגעניש רודערט מיך אויף. עס טראַכט זיך: אפשר איז ער גערעכט? עס ווילט זיך ניט צולאָזן דעם געדאַנק. די פראַגע: וואָס וועט זיין? עגבערט אָבער אַלץ טיפער און טיפער. אין איין מינוט וואַקסט אויס פאַר די אויגן דער גאַנצער כאַאָס, וואָס מ'זעט פאַר זיך אומעטום, און מען דערפילט זיך אַזוי כּאַכטלאָז.

אָט בין איך שוין ביי זאַגאָרסקי'ן אין קאַבינעט. די פענס־טער גייען אַרויס אין פּאַרק. אומעטום זיינען אָנגעוואָרפן ביכער און ציימונגען. זאַגאָרסקי איז נאָך אַ יונגערמאַן מיט אַ גע־

וואינלאכן פנים, וואס לאזט ניט איבער קיין שום איינדרוק; מען באגעגנט אזעלכע פנים'ער אזוי אפט. אונזער שמועס איז א גאנץ קורצער. זאגארסקי דארף האבן אזא מענטשן ווי איך, וואס איז באקאנט מיט דער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג. דער געהאלט איז אבער זייער א קליינער און וואס אנבאלאנגט אן „אסטראטשקע", איז אויך די זאך ניט קיין לייכטע. ער האט שוין אף זיין געוויסן צופיל „אסטראטשקעס", און די רעגירונג קוקט אף דעם זייער קרום. דערביי געפינט ער, אז עס איז בכלל אן עולה, א געזונטער, אינטעליגענטער מענטש זאל זיך ארומ־דרייען פון פריזיוו. די באלשעוויקעס טוען אלץ, וואס זיי קענען, פאנאנדערצולייגן די ארמיי, מוז מען האבן מענטשן, וואס זאלן געננוווירקן. זאגארסקי הויבט מיר אן צו אנטוויקלען די גאנצע טעאריע וועגן דער נויטיקייט פון פאטריאטיזם צום רעוואלוציא־נערן פאטערלאנד, וועגן די אויפגאבן פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע אין דעם איצטיקן גרויסן היסטארישן מאמענט.

אזוי ווי די שטימונג ביי מיר איז ניט קיין גאנץ געהויבענע, גיב איך זאגארסקי'ן אנצוהערעניש, אז איך נויטיק זיך ניט אין דער אגיטאציע פון „דיען", וואו ער איז איינער פון די הויפט מיטארבעטער. ער ענטפערט מיר קורץ, אז ער וועט מיר אפ'ן אדרעס פון צענטראל קאמיטעט פון „בונד" אנשרייבן צי ער האט פאר מיר ארבעט.

פון זיין טאן פיל איך, אז קיין ענטפער וועל איך פון אים קיין מאל ניט קריגן, און דעם אמת זאגנדיק קימערט מיר דאס ווייניק. וואס עס וועט זיין, וועט זיין.

אין קארידאר טרעף איך נאך אלץווארטנדיק די גרופע ארבעטער פון דער מעבל־פאבריק.

פון ווייטן הער איך, ווי דער עלטערער ארבעטער בורטשעט עפעס מיט כעס, און דער באדינער, וואס שטייט באם ארייננגאנג פון פארק, הייסט אים זיין רואיק, ניט טומלען.

אף דער גאס פילט זיך שוין דאס אנקומען פון אוונט. ביז וואנען איך וועל דערגרייכן אהיים וועט שוין זיין שפעט באנאכט.

ערשט איצט דערמאָן איך זיך, אז פון אין דער פרי אָן האָב איך נאָך אויסער א גלאָז טיי מיט א שטיקל שוואַרץ ברויט אין מויל ניט געהאט.

די פיס דינען כמעט ניט. שלעפ איך זיך מיט די לעצטע כחות איבער די אויסגעשטאָרבענע פעטראָגראַדער גאַסן, און אזא קוועלנדיקער אומעט פרעסט דאָס האַרץ...

נאָך א טאָג אוועקגעשטופט אין גאָר נישט. וויפל טעג אזעלכע דערוואַרטן נאָך?

.3

אַף אַ וועטשערע באַ אַ מלחמה־מיליאָנער.

דער געהילף־סעקרעטער פון צענטראַל קאָמיטעט פונ׳ם „בונד" עטקין ראַמט מיר אריין אין אויער אַ סוד, אַז אויב איך וויל זיך באַפרייען פון „פּריזיוו", זאָל איך פאָרן קיין באָברויסק. אַ סך טוער האָט מען שוין דאָרטן באַפרייט. די טעג איז אַהין אַוועקגעפאָרן ד. ליפּעץ (מאַקס גאָלדפאַרב). נאַטירלאַך, קען דאָ דער צענטראַל־קאָמיטעט אָפיציעל גאָר ניט טאָן. ווען אימעצער פון די טוער קומט אָבער קיין באָברויסק ניט פאַר דירעקטער פּאַרטייאַרבעט, פאַרשטייען שוין די אָרטיקע חברים דעם מיין.

דער סוד איז, אייגנטלאַך, פאַר מיר קיין סוד ניט. ווען ליפּעץ איז געוועזן מיט אַ פּאָר טעג צוריק אין מאָסקווע, האָט ער מיר דערציילט וועגן זיין פּלאַן און מיר צוגעזאָגט גלייך צו געבן וויסן פון באָברויסק, צי עס לוינט זיך אַהין פאָרן.

זיצנדיק אַף דער באַרימטער סאָפע אין דער דירה פון „בונד", האָט ליפּעץ מיר און ליטוואַק׳ן איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון דער פּראָווינץ, וואָס ער האָט דורכגערייזט. די לאַגע פון די אידן אין אַ סך שטעט איז אַ גאַנץ גוטע; ס׳פילט זיך ניט קיין נויט; מ׳מאַכט געשעפטן, מ׳ספּעקולירט אויף וואָס די וועלט שטייט. די אידן האָבן מיט אַמאָל אָפּגעאָטעמט פריי און בענטשן זיך מיט קערענסקי׳ן. אַן אומצופרידנהייט הערשט צווישן די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן טאַקע באַקומען פּאָליטישע פרייהייט, זייער לאַגע ווערט אָבער אַלץ ערגער. אַלע האָבן זיך אריינגעלאָזט אין ספּעקולאַציע, פאַרמאַכט מעי בעסער די ווערקשטאַטן,

און די ארבעטער ווערן ארויסגעווארפן אין גאס. בכלל איז די צאל אידישע ארבעטער אין געוועזענעם תחום זייער קליין. א סך זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה, זיך צעלאפן אין די גרויסע צענטרען, און א גרויסער טייל האט זיך ארייגעלאזט אין מסחר.

דער „בונד" האט אומעטום א ווירקונג, נאר זיין באדייטונג אין דער רעוואלוציע איז געפאלן. אין די עטלאכע שטעט, וואו ס׳זיינען דא פאבריקן מיט ארבעטער, הויפטזעכלאך, מיט ניט אידישע, וואקסן אלץ די סימפאטיעס צו די באלשעוויקעס.

באזונדערס זיינען געווארן רייך די אידן פון די ערטער, וואס ליגן ביים פראנט. דער יונגער עלעמענט אידישע ארבעטער איז גאר אן אנדערער, ווי דער פריערדיקער דור. ער האט ניט אין זיך קיין רעוואלוציאנערע טראדיציעס, ווייזט ארויס א קנאפן אינטערעס צו דער אידישער קולטור ; די ארבעט צווישן אים איז דעריבער גאנץ שווער. ערשט נאך דער רעוואלוציע האט זיך אנגעהויבן א געוויסער אויפוואכונג־פראצעס, האט זיך גענומען מערקן א געוויסע אויפלעבונג אויך אפ׳ן אידישן קולטורעלן געביט. דער מאנגל אין אינטעליגענטע כוחות איז אבער גוואלדיק גרויס, פאקטיש טוען די בונדישע ארגאניזאציעס זייער ווייניק. אין די קלובן טרינקט מען טיי און מען שפילט אין דאמקעס. מען לייענט כמעט ניט. מיט א לעקציע אינטערעסירן זיך די מער עלטערע עלעמענטן. דער יונגער דור וויל זיך פארוויילן.

ליטוואק ראט ליפעצ׳ן צו באפארבן א ביסעל זיינע קארעספאנדענצן אין ניו יארקער „פארווערטס" וועגן זיינע איינדרוקן פון אידישן לעבן אין דער פראווינץ. מען דארף זיך מער אפשטעלן אויף דער באדייטונג פונ׳ם „בונד", אויסטיילן אים. ליפעץ דערקלערט, אז ער טוט אזוי. דאך זיינען זיינע דערפארונגען גאר ניט קיין דערפרייענדיקע. פון זיין טאן זעט מען, אז ער איז ניט באגייסטערט פון זיין קומען קיין רוסלאנד, בפרט נאך, אז דא האט זיך נאך אונטערגערוקט דער „פריזיוו" און ער וועט מוזן גיין אויף מלחמה.

ליטוואַק איז אויך ניט באַגייסטערט פון אייגענעם אומקערן זיך. וואָס אַנבאַלאַנגט גיין אין דער אַרמיי, איז ער ניט אַזוי עמר פינדלאַך, ווי ליבער און אַנדערע פירער פון׳ם „בונד". ער איז טאַקע אַן „אַבאַראָנעץ", דאָך ליגט ער מער האָפנונג אויף ציממערוואַלד, איידער אויף דער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ, וואָס דאַרף צענויפגערופן ווערן אין סטאָקהאָלם. פון שיידעמאַנ׳ען, טאָמאַ׳ן און זייער חברה קען מען גאָר ניט דערוואַרטן. ליטוואַק גיט אַן עצה, אַז אין פאַל מען וועט אונז אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן, זאָלן מיר זיך אליין אויסקליידן און ניט נעמען די קאַזיאָנע זאַכן. אויב שוין יאָ א מיליטער־יוניפאָרם, זאָל עס זיין אימפּאָזאַנט.

ליטוואַקס עצה פאַרוואונדערט אונז אפילו, נאָר קיין קשיות פרעגן מיר ניט: מסתמא האָט ער זיך שוין אויך שטאַרק אָנגעשטעקט מיט׳ן פּאַטריאָטישן גייסט, הגם ער האַלט נאָך אַלץ פון צימערוואַלד.

ווי מיר זיצן אַזוי און ריידן, הער איך אימעצער פרעגט אף מיר. פאַר מיר שטייט א הויכער יונגערמאַן מיט קרומלאַכע אויגן, אין א היטל פון א רעגירונגס־אינזשיניר נאָך ביים צארישן רעזשים. איך דערקען אים וועסט ניט. נאָר דערנאָך כאַפּ איך זיך, אַז דאָס איז מיין יוגנט־פריינד חיים פרידמאַן. צוזאַמען האָבן מיר זיך אויסגעהאָדעוועט, זיינען געגאַנגען צוזאַמען אין חדר, האָבן געלעבט א צייט צוזאַמען אין וואַרשע, וואו זיין פאָטער איז געווען דער רעדאַקטאָר און ארויסגעבער פון דער טעגלאַכער העברייאישער צייטונג „הצופה". שוין איבער צוועלף יאָר, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען. ס׳איז אַן אַנגענעמע באַגעגעניש. מיט אַמאָל גיבן א שטראָם אַזוי פיל עראינערונגען פון דער קינדהייט, פון דער עקסטערנישער צייט, ווען מ׳האָט געבויט פאַרשיידענע לופטשלעסער, זיך הינגעריסן מיט׳ן ציוניזם, זיך געגרייט צו עקזאַמענס און געטרוימט וועגן א סטודענטן־יוניפאָרם.

אַזוי ווייט איז שוין יענע צייט. שוין נאָר פאַרגעסן אַן איר, שוין פאַרגעסן אַן דער עקזיסטענץ פון פיל דעמאָלטיקע חברים; מיט אַמאָל האָט אַלץ אויפגעלעבט ווי אף דער דלאָניע.

פרידמאַן האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין אָנקומען קיין רוס־לאַנד פון די צייטונגען: ער איז ניט געווען זיכער, צי איך בין דאָס. ער איז דעריבער באַזונדערס צופרידן, וואָס ער האָט קיין טעות ניט געהאַט.

ס׳ווילט זיך ערגעץ אָפּזונדערן און דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן אַלץ, וואָס מען האָט פאַר אַזוי פיל יאָרן דורכגע־מאַכט, ווידער באַקענען זיך און באַנייען די אַלטע פריינדשאַפט. איך גיב פריער פון אַלץ אַ טאַפּ חיים׳ס פּאָליטישן דופק. ער איז נאָך אַלץ אַ פאַרברענטער ציוניסט און העברייאיסט. דאָס קילט מיך אביסל אָפּ צו אים. ער דערציילט מיר, אַז אַזוי איז גע־בליבן אויך זיין ברודער העשל, מיט וועמען איך בין אַמאָל גע־ווען באַזונדערס נאָענט באַפריינדעט, ווייל אונז האָבן פון גינד־וויַז אָן פאַראייניקט ליטעראַרישע נויגונגען. כדי ניט איבערצו־פירן די גוטע שטימונג, וואָס די פּלוצלינגע באַגעגעניש האָט באַ־שאַפן, מייד איך אויס צו ריידן מיט חיים׳ן וועגן פּאָליטיק.

חיים דערציילט מיר, אַז דאָ ניט ווייט אויף גאַראַכאָווער גאַס וואוינט מיין אַמאָליקער פריינט בערל לייזעראָוויטש, מיט וועמען איך האָב זיך צוזאַמען אין וואַרשע געגרייט אַריינצוטרעטן אין קאָמערץ־שול. לייזעראָוויטש׳ס געשטאַלט שווימט פאַר מיר אַרויס, ווי דורך אַ חלום. עפּעס דערמאָנט זיך מיר, אַז אין יאָר 1905, ווען איך בין שוין געווען אַקטיוו אין „בונד", האָב איך אים איין מאָל צופעליק באַגעגנט אין וואַרשע פאַרבייגייענדיק די „אַרבע־טער־בירזשע". איך האָב אים ניט דערקענט, אַזוי פעט איז ער געוואָרן. ער האָט בלויז באַוויזן מיר צו דערציילן, קוקנדיק אויף אַלע זייטן מיט שרעק, אַז ער האָט שוין אַ פרוי מיט אַ קינד, האָט אוועקגעוואָרפן אַלע אַמאָליקע נאַרישקייטן און מאַכט געלט. פון דעמאָלט אָן האָב איך אים אויסגעמידן צו באַגעגנען, הגם ער האָט שטאַרק געבעטן איך זאָל אים באַזוכן. וואָס האָב איך גע־מיינזאַמס מיט אים? כ׳באַהאַלט ניט פאַר חיים׳ן מיין דעמאָל־דיקן איינדרוק. איך בין זיך פאַר אים מודה, אַז איך האָב גע־פּלאַנעוועט אויסנוצן דעמאָלט לייזעראָוויטש׳עס דירה פאַר קאָנ־

ספּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע צוועקן, נאָר פון לייזעראָוויטש'עס האַלטונג האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס וועט ניט גיין; פאַר איין וואָרט „רעוואָלוציע" פלעגט ער א פאַרציטערטער ווערן.

חיים שמייכלט: מאָלע, וואָס אַמאָל איז געווען. אַלטע פריינדשאַפט איז דאָך עפּעס ווערט. אין זיין טאָן, אין זיין נאָך־איוועך פרייד, וואָס ער האָט זיך מיט מיר געטראָפן, דערפיל איך, אַז ער האָט זיך וויניק געענדערט פאַר דעם לאַנגען פעריאָד. די זעלבע גוטמוטיקייט און אָפנהאַרציקייט, וואָס אַמאָל. ער האָט מיר ניט קיין סך וואָס צו דערציילן. זיין לעבן איז געגאַנגען גלאַט, ער האָט געענדיקט אוניווערזיטעט, איז א באַרג־אינ־זשיניר. איז געבליבן ניט פאַרהייראַט און איז א שומח בחלקו. געפעלט האָט אים גאָרנישט אויך ביים אַלטן רעזשים. קעגן דער רעוואָלוציע האָט ער אויך גאָרנישט. פון קערענסקי'ן האַלט ער אַן עולם ומלואה. דאָך איז די איינציקע לייזונג פון דער אידן־פראַגע אין פּאַלעסטינע און דעם „בונד" האָט ער פיינט, הגם ער אַנערקענט זיין כח. א טובה טאָן א פריינט איז ער אָבער גרייט שטענדיק. חיים קען בשום אופן ניט באַגרייפן, ווי אַזוי פּאָליטישע אָנשויאונגען קענען אַלטע פריינט צושיידן, מאַכן פריצמד איינער צום צווייטן.

אויף מיין פראַגע: וואָס טוט איצטער לייזעראָוויטש, ענט־פערט מיר חיים:

— הלואי זיין שאָדן אף אונז אַלעמען געזאָגט געוואָרן. רייך ווי קורח. האָט ניט צוגעלייגט די באָבעס ירושה צו דער מלחמה און פאַסט ניט קיין תעניתים אויך פון דער רעוואָלוציע.

פון די ווייטערדיקע רייד דערוויס איך זיך, אַז לייזעראָוויטש איז איינער פון די גרעסטע ספּעקולאַנטישע העכטן אין פּעטראָ־גראַד, פון די נייע אויפגעקומענע מלחמה־מיליאָנערן.

מיר איז אינטערעסאַנט צו באַקאָנען זיך מיט אָט דיזע איינגאַרטיקן שיכט אידן, זען ווי זיי לעבן און מיט וואָס זיי לעבן.

דער הויף, וואו לייזעראָוויטש וואוינט, פּאַסט ניט פאַר א מיליאָנער. א שמאָלע פּאַסטקע, אָפגעלאָזט און שמוציק. דער

אריינגאנג איז טאקע דורכ'ן הויף, אויף שמאָלע טרעפּ, אז מען קען האלז און נאקן ברעכן. חיים זעט, אז איך וואונדער זיך, גיט ער מיר א זאָג: עס איז אומעגלאך צו קריגן אין פּעטראָגראד א דירה, מען מוז זיצן וואו מען איז געזעסן פריער. נישקשה, לייזעראָוויטש איז אימשטאנד אָפּצודינגען א פּאלאַץ, זוכט ער טאקע און קען בשום אופן ניט געפינען.

אינעווייניק מאכט די דירה דעם איינדרוק פון א רייכער פריצישער אכסניה אין א קליין שטעטל. א גרויסער טיש אין הויפּט־צימער איז באדעקט מיט א קאָסטבארן פּערסישן טישטאך. ס'איז אָנגעשטעלט א סך מעבל, אלץ אנטיקן, נאָר פול מיט געשמאקלאָזיקייט. עס פילט זיך אין אלץ דער גוסט פון איינעם, וואָס האָט זיך ארויפגעארבעט און פּאָזירט מיט זיין רייכקייט. אפ'ן גרויסן בופעט, וואָס פארנעמט כמעט א גאנצע וואנט, איז אָנגעשטעלט מכל טוב — טייערע פרוכטן, געבעקס, קאָנפעטן — אלץ „נא פּאָקאַז“, גאָר ניט ווי אין א הונגער־צייט.

ווען מיר גייען אריין, רעדט לייזעראָוויטש דורכ'ן טעלעפאָן. איך זעץ זיך אַוועק אין א ווינקל; לייזעראָוויטש שרייט אריין אין טרייבל: צען וואגאָנען שוועבלאך פון שוועציע, פינף וואגאָן קאווע דורך קיטאי. געווים, קויפט. און וואָס נאָך? ער דערזעט חיים'ן, רייסט ער זיך אָפּ: נו, וואָס, האָסט געזען דעם העלד? כא וואָלסטע אים ברייגנגען אהער. חיים כיכיקעט. לייזעראָוויטש שרייט אין טעלעפאָן־טרייבל: וואליאיטע, ס'איז שוין איין מאָל א מסחר. מען קען מאכן א פיינע אַפּייטיקע. מיטאמאָל דערזעט ער מיך. איך באווייז נאָך ניט ארומצוקוקן זיך, ווי ער פאלט מיר אפ'ן האלז מיט אַן אויסגעשריי: אָט איז ער, דער העלד!

אין גאס וואָלט איך לייזעראָוויטש'ן ניט דערקענט. א פעטער קיילעכדיקער איד מיט א וואקסנדיק בייכל, א פּאָר גראָבע געלבלאכע וואָנצעס, א צופלאָסן גיצזיכט. אָנגעטאָן איז ער פראנטיש: אין א שווארצן סורדוט, מיט בריליאנטענע רינגען אף די הענט און א שווערער גאָלדענער קייט אפ'ן בוזים. פון

זיין גאַנצער פיגור וועט מיט זאַטער זעלבסטצופרידנהייט. די ערשטע זאַך איז ער מיך מכבד מיט אַן אמת'ן האַוואַנאַ־ציגאַר, שפּילנדיק זיך דערביי מיט'ן גאָלדענעם פּאַרטסיגאַר. בלויז אין זיין געלעכטער דערפיל איך זיין אמאָליקע נאַאיוויקייט. עס גייען אַוועק היפּשע עטלאַכע מינוט, און דער געשפּרעך קלעפּט זיך ניט. מען ווייסט ניט פון וואָס אָנצוהייבן.

פון דער פאַרלעגנהייט פירט אונז אַרויס לייזעראָוויטשעס פרוי, וואָס גייט אַריין פון אַ צווייטן צימער. דאָס איז אַ הויכע ברונעטע אידענע, מיט אַן ענערגיש געזיכט. מ'זעט אַף איר, אַז זי האָט זיך האַלט צוצוזען. אָנגעטאָן איז זי אַפּילו איינפאַך, נאָר רייך; פאַרשטייט זיך, אַז קיין בריליאַנטן פעלן ניט אַף איר; זיי בלישטשען אַראָפּ פון די אויערן און פון די פינגער. איר טראָט איז אַ שטאָלצער און זיכערער, פון אַן אמת'ער אשת חיל.

גלייך ווערט דער טיש געגרייט כיד המלך. ס'זיינען דאָ אויך אַ פּאָר פלעשער שאַמפּאַניער. אַפּילו אַן אַמעריקאַנער באַנקעט פון „אָלרייטניקעס" מעג פּעטשערעס הייצן בא אַזאַ וועטשערע. דער באַלעבאָס אַליין דערפילט זיך זייער אויפגע־לעגט. ער נעמט דערציילן די ניסים פון זיין געשעפטס־פייאי־קייט: אין כינע, אין יאַפּאַן, אין שוועדן, אין נאָרוועגיען האָט ער אוצרות מיט גוטס, אַלץ אַזעלכע פּראָדוקטן, וואָס זיינען צו גאָלד גלייך, ווי סאַכאַרין, שוועבעלאַך, קאַווע, געזאָלין, אויל און נאָך און נאָך, אַז ער געדיינקט שוין אַליין ניט. הונדערטער סוחרים, אידן און קריסטן, זיינען אָפּהייניגיק פון אים. ער האָט אויך גרויסע פּאָדריאַדן פאַר דער רעגירונג, פאַר דער אַרמיי, און מען לעקט שוין אָפּ איינמאָל אַ ביינדל. אַזוי פאַרפאָלגט מען געוויינלאַך ספּעקולאַנטן, נאָר ניט די גרויסע העכט, זיי טשעפּעט מען ניט. טאָמער האַלט שמאָל, שמירט מען אונטער און ס'גייט ווייטער אַ גאַנג.

לייזעראָוויטש שלעפּט אַרויס פון קעשענע צוויי גאָלדענע פּאַרטסיגאַרן מיט זעלטן־שיינע גראַווירן. דאָס איז אויך אַ

מתנה פאַר אַ פּאָר הויכע באַאַמטע פון טאַמאָזשנע: זאָלט איר דאָס פאַרדינען אַלע יאָר — ווינקט ער צו מיר און חיימ׳ן — וואָס אָט די מתנה וועט מיר אַריינטראָגן.

די באַלעבאָסטע מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז ער זאָל זיך אויפהערן אַזוי צו באַרימען. מ׳זעט אָבער, אַז דאָס איז פון איר זייט בלויז אַן אָנשטעל. אין מיטן דערינען קלינגט דער טעלעפאָן. לייזעראָוויטש לויפט אונטער מיט אימפּעט. — דאָס איז מסתמא וועגן דער פּאַרטיע לעדער — גיט ער אַ זאָג צו דער ווייב. דורכ׳ן טרייבל שרייט ער אַריין: וויפל? קלאַפּט אָפּ!

— נו, — דערלאַנגט מיר לייזעראָוויטש אַ פּאַטש איבער׳ן פּלייצע — דו פאַרנעמסט זיך מיט רעוואָלוציע, מיט אַרבעטער שמאַרבעטער, סאָציאַליזם ווילסטו איינפירן, און אָט ווי די זעסט, כהרף עין, געמאַכט, ברוך השם, פערציק טויזנט קאַרבן; בייטאָג אָפּגעקויפט אַ פּאַרטיע לעדער, אפילו אין די אויגן דאָס ניט אָנגעזען, און איצטער דאָס שוין פאַרקויפט. יענער האָט עס אויך ניט אָנגעזען. אָט אַזוי פון האַנט צו האַנט מאַכט מען טויזנטער.

אין פאַרלויף פון דער ווע̄טשערע שטעלט זיך אַרויס, אַז די הויזן טראָגט די ווייב, ניט לייזעראָוויטש. אָן איר גיט ער זיך ניט אַ ריר. אַ מיניסטערשע קאָפּ האָט זי — קוועלט אָן לייזעראָוויטש — האָט געמעגט זיין אין דער נייער רעגירונג. אַי, אַ קאָפּ. ווען ניט זי, וואָס ווייסטו, איך וואָלט זיך איצטער מיט אַ טאָרבע געדאַרפט אַרומשלעפּן. מיט אַ פינף הונדערט קאַרבאָנצעס אָנגעהויבן, און איצטער קען איך זיך דערלויבן אפילו מאָראָזאָוו׳ס אָן „אָסאָבניאַק“ אָפּקויפן, ווען עס זאָל זיך נאָר אַזאַ מאַכן, פאַר אַ דירה פאַר זיך. שפּילט זיך מיט מיר? מיין קליינער חברה־מאַן, וואָס איז איצטער מיט אַ גואוויצרנאַנטקע אָף דאַטשע, וועט שוין אויסוואַקסן אַ מיליאָנער, מעגסט זיין זיכער. ער האָט דער מאַמע׳ס איינגעשפּאַרטקייט און מיין דריי־קאָפּ.

די ציניש אָפנקייט לייזעראָוויטשעס, ווי אַזוי ער לעבט אָן

זײַנע מיליאָנען, דורך װאָס פֿאַר אַ שװינדלען און ספּעקולאַציעס, שאַקירט שטאַרק. אין אַ פֿײַנער קאָמפּאַניע בין איך אַרײַנגע־פֿאַלן — טראַכט איך. עס װערט מיר אָבער אַלץ אינטערע־סאַנטער, װאָס מער דער באַלעבאָס גײט אַרײַן אין אַזאַרט. די באַלעבאָסטע לײגט מיר אַלץ צו אױף׳ן טעלער, אַז איך האָב שױן קײן כּח ניט אַזױ פֿיל צו עסן. װאָלט איך זיך ניט שעמען, װאָלט איך אַ היבש ביסל אַרײַנגעלײגט אין קעשענע, כּדי צו באַזאָרגן אױף אַ פּאָר טעג מיט שפּײַז מײַן פֿאַמיליע. דעם אמת זאָגנדיק, גײט מיר די גאַנצע סעודה ניט אָן, װען איך דערמאָן זיך, אַז אין דער הײם קוקט אױס מײַן קינד אױף אַ פּיצל װײַסע בולקע, װי אױף דעם בעסטן מאכל. איך מוז אָבער האַלטן פּאַסאָן.

לײזעראָװיטש פֿרעגט, צי האָב איך עפּעס געבראַכט דאָלאַרן מיט זיך. אַלס גוטער פֿרײַנט קען ער מיר טאָן אַ טובה און קריגן פֿאַר זײ צװײ מאָל אַזױ פֿיל, װי ערגעץ אַנדערש װאו. װען ער דערװיסט זיך, אַז מײַן גאַנצן קאַפּיטאַל האַלט איך אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿונ׳ם „בונד", הירזשעט ער זיך פֿאַנאַנדער:

— אָט אַ יאָלד, אָן אָרט געפֿונען, מיט פֿינף הונדערט דאָ־לאַר קען מען דאָך איצט אין רוסלאַנד אַ װעלט איבערקערן. ער הױבט מיך אָן מדריך צו זײַן:

— װי אַ גוטער פֿרײַנט ראָט איך דיר אָװעקצואװאַרפֿן די אַלע נאַרישקײטן מיט די שרײַבערײַען און רעװאָלוציעס. דאַרפֿסט מיט מיר בלױז גײן אין דער קאָװיאַרניע, גאָר נישט טאָן, טרינקען קאַװע, זיך צוהערן, און דו האָסט דײַנע פֿינף טױזנט רובל אַ װאָך, אײנס־צװײ; דעמאָלט װעט דיר מיט דײַן פֿאַמיליע ניט פֿעלן פֿון פֿױגל־מילך, פּרעס, לעב אַ טאָג און האָב אַלץ אין דער אדמה.

חיים מישט זיך אַרײַן: שכנאַ׳ן װעסטו שױן ניט איבער־מאַכן.

— נו, און דיר? — גיט אַ פֿרעג לײזעראָװיטש — דײַן אינ־זשענערסטװע איז קײן צעבראָכענער פֿױם ניט װערט. אָט האָב איך שױן מער װי פֿופֿצן יאָר קײן ביכל אין האַנט ניט געהאַלטן,

לייען אַפילו ניט קיין גאַזעט, און גאָט צו דאַנקען, בין אַ מענטש צו מענטשן גלייך. פעלט מיר ניט קיין כבוד. וואו עפּעס אַ צדקה־עניין, בין איך דאָ מיט מיין שיינער נדבה, אַפילו ראַבינער מאַזע פון מאָסקווע האַלט פון מיר אַ וועלט. נו, צו וואָס איז דאָס שטודירן, צו וואָס טויג אידעאַליזם, זיך מקריב זיין פאַר'ן כלל? יעדער מוז זאָרגן פאַר זיך, דאָס גאַר, און ווער ס'האָט די מטבע, דער האָט די דעה. אַ קבצן, מעג ער זיין דער געבילדעטסטער מענטש, איז קיין אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט.

לייזעראָוויטשעס אַזאַרט רייסט אַלע ווײַלע איבער דער טעלעפאָן. דער ענטפער דורכ'ן טרייבל איז איינער: קלאַפּט אָפּ!, וואָס באַדייט, ווי איך דערוויס זיך, אָפּ'ן ספּעקולאַטאָרישן לשון, שליסט אָן אָפּמאַך!

ווען איך וויל זיך שוין אויפהויבן אַוועקצוגיין אַהיים, לאָזן זיך אַריין אַ פאָר קיילעכדיקע אידן, אַ אינגערער און אַן עלטערער, מיט געשאָרענע בערדלאַך און גלאַנציקע פולע הענט, אָנגעפּיקעוועט מיט רינגען. לייזעראָוויטש אַנטשולדיקט זיך און רופט זיי אַריין אין אַן אַנדער צימער. פון דאָרטן הערט זיך אַ שושקעריי. די באַלעבאָסטע פאַרמאַכט די טיר און הויבט אונז אָן צו פאַרנעמען מיט אַ געשפּרעך וועגן טעאַטער, וועגן אָפּערע, וועלנדיק ווייזן, אַז זי איז ניט אַבי ווער. באַרים — קלאָגט זי זיך, — איז אַזוי פאַרדרייט, אַז ער האָט אַפילו קיין צייט ניט אַריינצוקוקן אין אַ גאַזעט, איך לאָז אָבער ניט דורך קיין איין גוטע זאַך אין טעאַטער, לייען אַלע טאָג „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און כאַפּ אַ קוק אויך אין אַ בוך. זי ווערט קאָקעטיש, וואָס עס גייט גאַר ניט צו איר זאַט־עקשנות'דיק געזיכט.

לייזעראָוויטש מיט די צוויי קיילעכדיקע אידן גייט אַרויס פון צווייטן חדר נאָך מער אויפגעלייגט: מסתמא, אָפּגעטאָן נאָך אַ גוט געשעפטל.

דער עלטערער איד וויל אַלץ באַ מיר דערגיין, ווי האַלט עס מיט די באָלשעוויקעס. כ'זע, אַז עס גייט אים ממש אין לעבן. האָב איך אַ באַזונדערע הנאה אים אָנצוסטראַשען, אַז ווי עס

ווייזט אויס, וועט קערענסקי מוזן גיין און לײגן וועט פאַרנעמען זיין אָרט.

אַלע הערן זיך צו פאַרגאַפט, אויך לייזעראָוויטש. חיים פרידמאַן שמייכלט, ווייל ער ווייסט פון דעם פריערדיקן געשפּרעך מיט מיר, אז איך סימפּאַטיזיר ווייניק מיט די באָלשעוויקעס. ער גיט נאָך צו אויל אָפ'ן פייער. ווי ער האָט געהערט, גרייטן די באָלשעוויקעס צו א נייעם אויפשטאַנד, און אויב זיי וועלן זיגן, וועלן זיי אַלץ קאָנפיסקירן בא די רייכע, אפילו קיין פעדימל ניט איבערלאָזן.

אין דער מינוט האָב איך נחת פון חיימ'ן. דאָך האָט אים די סביבה ניט אַזוי פאַרדאָרבן, אז ער זאָל ניט פילן די גאַנצע מיאוסקייט פון דער ספּעקולאַציע, וואָס גייט אָן אָפ'ן חשבון פון פאָלק. אין פאַרלויף פון דער וועטשערע האָב איך באַמערקט, אז אים האָט אויך שאָקירט לייזעראָוויטשעס ציניש אָפנקייט.

די שטימונג ווערט בא לייזעראָוויטש'ן געפאַלענער נאָך די מעשיות, וואָס מיר דערציילן וועגן דער וואַקסנדיקער ווירקונג און מאַכט פון די באָלשעוויקעס. לייזעראָוויטש זאָגט צו מיר ארויס מיט זיכערקייט: איך פאַרשטיי, אז דו ביסט ניט קיין באָלשעוויק.

— פון וואַנען פאַרשטייסטו דאָס? — פרעגט חיים.

— אין גאַס רעדט מען, אז דער „בונד" איז א שונא פון די באָלשעוויקעס, — ענטפערט לייזעראָוויטש.

— ווען די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע וועלן פאָדערן, וועט דער „בונד" ווערן אויס שונא פון די באָלשעוויקעס, — רייסט זיך בא מיר ארויס, הגם איך גלויב אַליין ניט מיינע ווערטער.

א נאַאיווער שמייכל צעשפּרייט זיך איבער לייזעראָוויטשעס גראָבע וואָנצן, ער באַמערקט: גיי גיי, דאָס רייצסטו זיך מיט אונז, נאָך אַלעמען האָבן מיר אויך די באָלשעוויקעס אין דער אדמה. אויך בא זיי וועל איך מאַכן געלט, וועסט זען.

די פנימ'ער פון די קיילאַכדיקע אידן ווערן פרייליכער:

וואָס-זשע, אידן גייען ניט פארלאָרן; מ'האָט בא ניקאָלאַיען געהאַט פרנסה, איצטער האָט מען בא קערענסקי'ן, וועט דער רבונו של עולם ניט פארלאָזן אויך בא לענינ'ען. „פראוואָזשי-טעלסטוואָ" וועלן דאָך די באָלשעוויקעס נעווים ניט אָפּשאַפן, וועט מען זיך שוין געבן אן עצה. סיי־וויסיי, אויב אפילו לענין זאָל זיגן, וועט ער זיך לאַנג ניט האַלטן.

— הלואי פון אייער מויל אין גאָט'ס אויערן! — זאָגט חיים.

לייזעראָוויטש באַמיט זיך צו פארדרייען דעם געשפּרעך אף אן אנדער טעמע. ווען איך האָלט שוין באַם אוועקגיין, זאָגט ער צו מיר: טאַמער דאַרפסטו עפּעס, טאָ קום צו מיר, שעם זיך ניט, אַ גמילות־חסד אַלע מאָל, קען דיר קריגן פּראָ-דוקטן. ער גיט אַ וואונק צו דער ווייב און יענע טראָגט מיר אונטער אַ היפּש פּעקל. איך ווער עפּעס ווי צעטומלט. בשעת מעשה דערמאָן איך זיך, אַז איך קען דערמיט פּשוט מחיה נפש זיין מיין זונעלע. נאָר אינסטינקטיוו שטויס איך אָפּ דאָס פּעקל, זאָג זיך אָפּ עס צו נעמען.

לייזעראָוויטש מיט דער ווייב פילן זיך באַליידיקט. ביידע ריידן מיט אַמאָל אַרויס מיט פאַרוואורף: נישקשה, גאַנץ כשר פארדינטע. איך בין אָבער איינגעשפּאַרט און לייזעראָוויטש באַ-גלייט מיך מיט די ווערטער: אַ יאָלד בלייבט אַ יאָלד. אין זיין טאָן הערט זיך ווייטיק. — דאָך קלאַפּט נאָך אין אים אַ מענטשלאָך אָדערל. ער בעט מיך באַזוכן אים אָפט, ברייננען אויך די פאַמיליע. מיר וועלן זיין די אָנגעלייגטסטע געסט, קענען אפילו בא זיי וואוינען, פּלאַץ וועט זיך שוין געפי-נען.

די פרישע לופט אין גאַס ווירקט אויסניכטערנדיק. שטיל. פּעטראָגראַד איז פאַרטיפט אין אַ דראָענדיקן שלאָף. חיים באַגלייט מיך. מיר ריידן ווייניק. חיים פארשטייט, אַז דער באַזוך בא לייזעראָוויטש'ן האָט געמאַכט אף מיר זייער אַ שווערן איינדרוק. ער פאַרענטפערט זיך: אזא איז ער, האָט

אַ שוואַכקייט צו אַלטע פריינט, וועד זיי זאָלן ניט זיין. וויפיל מאָל האָט אים שוין לייזעראָוויטש געזוכט אַריינצושלעפּן אין ספּעקולאַנטישן לעבן. נאָר דאָס ניט. ער איז אפילו ניט קיין רעוואָלוציאָנער, קיינמאָל ניט געווען. די ספּעקולאַנטן זיי־נען אָבער א מכה פאַר׳ן אידישן פאָלק. אַזוי קוקט ער דער־רויף, ווי אַ ציוניסט. ליידער, איז ער אויך ווי אַ ציוניסט ניט אַקטיוו, ווען ניט וואָלט ער די ספּעקולאַנטן אַליין באַקעמפט אפ׳ן שטאַרקסטן אופן.

כ׳פיל זיך צו מיד און צעבראָכן, כדי אַריינצוגיין מיט חיים׳ען אין אַ געשפּרעך....

4

אַ גרוס פון אַמעריקע

דער פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון׳ם „בונד" האָט נאָך לאַנגע הכנות איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג פאַר ליטוואַק׳ן און מיר וועגן דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע.

די ערשטע עפנטלאַכע אַרויסטרעטונג אין פרייען רוסלאַנד. אַפ׳ן הארצן איז טאַקע ניט זייער פרייליך. נאָר וועמען האָט זיך דאָס ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק גע׳חלומ׳ט, אַז מען זאָל זוכה זיין אַרויסצוטרעטן פריי אין פּעטראָגראַד, נאָך אַף אַ אידישער סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג? דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז מען זאָל זיך דערפילן אויפגעלייגט.

אַפ׳ן וועג צו דער פאַזאַמלונג טרעף איך עטלאַכע אַמעריקאַנישע חברים, אידישע אַרבעטער, שוין אָנגעטאָן אין מיליטער־קליידער. זיי דערקאָנען מיך און דערפרייען זיך. אין דער קאַזאַרמע, דערציילן זיי, איז גאַנץ אינטערעסאַנט. ניטאָ דער אַמאָליקער פאַרגרעבטער רוסישער סאָלדאַט. ס׳איז מערקווירדיק, ווי ס׳האָט זיך געענדערט די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פאַר אַזאַ קורצער צייט. צו די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס טרעטן אַריין אין דער אַרמיי, איז די באַציאונג מצד די סאָלדאַטן די בעסטע. מ׳האַלט די פּאָליטישע עמיגראַנטן פאַר גרויסע אויטאָריטעטן אין הלכות פּאָליטיק, הגם גאַנץ אָפט מעגן זיי זיך לערנען בא די פּשוטע אומוויסנדיקע סאָלדאַטן, ווי אָפּצושאַצן די לאַגע. די חברים שטרייכן אויך אונטער, אַז דער יולי־אויפשטאַנד האָט נעגעבן דער גלייכגילטיקער נייטראַלער סאָלדאַטן-

מאסע א גרויסן שטופ פאראויס. יעדע קאזארמע איז איצטער א פאליטישער קלוב.

איינער א חבר, וואס קומט פון פילאדעלפיע, ניט איבער, אז בא אים אין קאזארמע איז א פאר מאל ארויסגעטראטן וואלאדארסקי. יעדן מאל האט וואלאדארסקי אויפגעשטורעמט די מאסע. ס'ארא פלאמיקער רעדנער ער איז. דרינגט ממש אריין אין דער פאלקס-נשמה. פון וואנען האט זיך עס בא אים גענומען? אט ווי ער וואלט אליין געווען איינער פון דער מאסע.

דער דאזיקער פילאדעלפיער חבר איז שטארק באלשעוויסטיש געשטימט. די איבערלעבונגען אין די יולי־טעג אין דער קאזארמע וועט ער קיינמאל ניט פארגעסן. צוליב זיי אליין איז כדאי געווען צו קומען פון אמעריקע און אריינגיין אין דער ארמיי. ווען מ'האט געזען די שטימונג פון די סאלדאטן, ווי אזוי זיי האבן זיך געריסן אין גאס אריין, כדי אויסצודריקן זייער ווילן, האט מען געמוזט דערפילן דעם גוואלדיקן מאראלישן כח פון די באלשעוויקעס. ס'איז זיכער, אז ווען ניט די קאזאקן וואלט דער יולי־אויפשטאנד ניט דערשטיקט געווארן. מען רעדט אין דער קאזארמע, אז אויך בא די קאזאקן נעמען זיך עפענען די אויגן; אין ערשטן קאזאקן־פאלק, וואס האט געשפילט די הויפט־ראל אין דערשטיקן דעם יולי־אויפשטאנד, זאלן אפילו זיך האבן ארגאניזירט באדייטנדיקע באלשעוויסטישע גרופן.

די איבעריקע חברים זיינען ניט אזוי באלשעוויסטיש געשטימט ווי דער פילאדעלפיער חבר. פאר קיין „אבאראנצעס“ האלטן זיי זיך אלנפאלס ניט. אין קאזארמע, שטרייכן זיי אלע אונטער, ווערט מען אויס „אבאראנצעס“. אזא לופט איז דארטן. דעם יוני־אנגריף אפ'ן גאליצישן פראנט דערמאנט מען מיט ציינקריצעניש. ס'איז באמערקבאר, אז פון נאכ'ן יוני־אנגריף האט גענומען פאלן קערענסקי'ס פאפולערקייט. דאס איז דער

בעסטער באַווייז, ווי ווייט די סאָלדאַטן־מאַסע וויל ניט ווייטער פאָרזעצן די מלחמה.

חוץ דעם פילאַדעלפיער חבר איז קיינער פון זיי ניט באַגייסטערט פון צוריקקער קיין רוסלאַנד; זיי האָבן ניט געדיינקט, אַז זיי זאָלן גלייך אַריינפאַלן אין קאַזאַרמע. ווי מען וויל ניט מלחמה האַלטן, וועט מען דאָך מוזן. מען וועט ווערן געצוואונגען דערצו, פונקט ווי באַם צאַר; איז ניטאָ דער מינדסטער באַגער אַוועקצולייגן דעם קאָפּ אַפ'ן שלאַכטפעלד. פאַר די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע? אומזין. דאָס איז מער ניט, ווי אַ געפליגלטע פראַזע.

מיר פאַררייִדן זיך אַזוי, אַז מיר פאַרשפּעטיקן אַף דער פאַרזאַמלונג. כ'דאַרף זיין דער ערשטער רעדנער, וואָרט דער עולם.

דער היפּשער זאַל איז פול; מ'שטייט אפילו אין קאָרידאָר.

ס'זיינען געקומען אַלע אַלטע טוער, וואָס געפינען זיך אין פּעטראָגראַד. אַ סך אַרבעטער און סאָלדאַטן. אויך זייטיקע מענטשן, עטלאַכע אידישע ליטעראַטן.

וויפיל באַקאַנטע פּנים'ער. מ'האָט געמיינט, אַז אייניקע זיינען שוין אַוועק פון דער באַוועגונג אָדער געפינען זיך מער ניט צווישן די לעבעדיקע, — אומגעקומען אין סיביר, אַף קאַטאָרגע. ערשט די אַלטע גוואַרדיע פונ'ם „בונד“ איז נאָך פאַראַן, פול מיט יוגנט, מיט פרישקייט. ווי גוט וואָלט געווען, ווען דאָ זאָלן זיין די אַלטע בונדיסטן פון אַמעריקע, וואָס האָבן זיך מיט קלאַפּנדיקע הערצער, מיט אויפגעשיינטע געזיכטער פאַרזאַמלט אין ניו יאָרק צו פייערן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע. זיי פעלן אין דער אַלטער גוואַרדיע, וואָס האָט אַזאַ גרויסן חלק אין דעם אַלעם, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר די אויגן. פון זיי, די פאַרוואָגלטע, דערוויטערטע, בייִנקענדיקע, אַ גרוס אָפּגעבן צו די אַמאָליקע מיטקעמפער אין דער נייער באַפרייטער היים, וואָס גליט מיט אַזעלכע וואונדערבאַרע געשעענישן און נאָך

מער וואונדערבארע האפנונגען. אט שורה נאך שורה גרויע קעפ, טיף־צעקנייטשטע שטערנס, אלץ פון קאמף, — פארנעמען די ערשטע ריי. זיי זיינען די הויפט־מחותנים, די בעל־שמחה׳ס אליין. נאך דעם גייען רייען מיט נייע געזיכטער, אומבאקאנטע, פון די, וואס האבן פארנומען די רעוואלוציאנערע פאסטנס אין די שפעטערדיקע יארן. נאך ווייטער — גאר יונגע, ערשט ניט לאנג צוגעשטאנען צום „בונד"....

דריי דורות קעמפער, נאר אלע איין משפחה, א צונויפ־געהעפטע, א צונויפגעשמידטע. ס׳איז איינגעהאלטן די גאנצ־קייט פונ׳ם „בונד".

צווישן די חבר׳טעם זיינען דא ווייניק אלטע טוערינס, בלויז געציילטע. די איבריקע אלץ אינגערע. דאס ווארפט זיך שטארק אין די אויגן. וואו זיינען די אלטע טוערינס, וואס איז מיט זיי געווארן?....

שוין געוואוינט ארויסצוטרעטן פאר א סך גרעסערע מאסן. נאר איצט פילט זיך, ווי מען שטייט פאר אן עקזאמען.

אט זע איך פאר זיך חברים, פון וועמען מ׳האט אזוי פיל געלערנט, וואס זיינען געווען די וועגווייזער, די מדריכים. ווי באציען זיי זיך צו זייערע תלמידים, וואס האבן יארנלאנג גע־לעבט אין אן אנדער סביבה?

ליטוואק און איך דערציילן וועגן די קאמפן פון די אי־דישע ארבעטער אין אמעריקע, וועגן זייערע יוניאנס, וועגן זיי־ערע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס, וועגן זייער פרעסע, וועגן מעכטיקן „ארבעטער־רינג", וועגן די גרויסע סטרייקס פון די לעצטע יארן, וועגן דער ראל פון די בונדיסטן אין דער אידי־שער ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע. מיר שטעלן זיך אפ אף די גוטע און שלעכטע זייטן, אף די מעלות און חסרונות, ברייינגען ארוים דעם אייגנארטיקן כאראקטער פון קלאסנקאמף אין אמעריקע. איך שטעל זיך אפ מער אף די גוטע זייטן, אף די מעלות. ליטוואק — אף די שלעכטע זייטן, אף די חסרונות; ער איז, ווי געוואוינלאך, וויציק, נאר ניטא אין אים די גאליקייט

ווי אף דעם אפשייד־מיטינג אין ניו יארק, וואו ער האט ניט געפונען קיין איין גוט ווארט פאר דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג אין אמעריקע און אפגעטרייסלט פון זיך איר שטויב.

געוויס, די געלקייט איז גרויס, די שונדישקייט ניט אריבערצוטראגן. אף טריט און שריט פרינציפּלאזיקייט, הפקרות. נאר די אידישע ארבעטער־מאסע אין אמעריקע ווערט אלץ זעענדיקער, באוואוסטזיניקער, ווערט דורכגעדרונגען מיט א נייעם גייסט, ווערן קלענער די חסרונות, פארשווינדן אלץ מער און מער די שלעכטע זייטן. אט אין דער אפרייניקונג פון דער פארפעסטעטער אטמאספערע אין דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג פון אמעריקע האבן געשפּילט און שפּילן די גרעסטע ראָל די בונדיסטן. פון אנהויב האט מען זיי איגנארירט, באטראכט זיי פאר זייער שטרעבונג אריבערצוטראגן אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג פון אמעריקע די אידייאישע ריינקייט און ערנסטקייט פונ'ם „בונד" פאר „גרינהארנס", פאר מלמדים און בטלנים. דערנאך, ווען ס'איז געוואקסן זייער איינפלוס אין די ארבעטער־ארגאניזאציעס, אף דער מאסע, האט מען זיי גענומען באקעמפן; זיי האבן אבער זיך דורכגעשלאגן א וועג, געמאכט אן אמת'ע איבערקערעניש אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג פון אמעריקע און זיינען געווארן דער דעמאנירנדיקער גייסטיקער כוח. אט אזוי האט דער „בונד" אויסגעפילט זיין היסטארישע שליחות ניט בלויז אף דער זייט, נאר אויך אף יענער זייט ים; נאך מער וועט זיך לאזן פילן זיין ווירקונג איצטער נאך דעם זיג פון דער רעוואלוציע, ווען רוסלאנד איז פריי. ערשט איצט וועט זיך איינשטעלן דער אמת'ער קאנטאקט צווישן די אידישע ארבעטער פון דער רוסלענדישער רעפּובליק און דער אמעריקאנישער. ליטוואק און איך גיבן אויך א קורצן איבערבליק וועגן דעם צושטאנד פון דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקע, וועגן אירע ארויסגעוואקסענע טאלאנטן און וועגן דער ווירקונג, וואס די אידישע ארבעטער־באוועגונג האט אף דער ליטעראטור.

דער עולם הערט אויס דעם גרוס פון אמעריקע מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. פון די פראגן, וואס ס'שטעלן אפילו די עלטערע טוער, זעט מען, ווי אויבערפלעכלאך ס'איז די באקאנט־שאפט מיט דער אידישער ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע; מען באציט זיך צו דער דאזיקער באוועגונג מיט גרינגשעצונג, ווייל פאר דער פארקערפערונג אירער נעמט מען אן דעם „פאר־ווערטס". דאס, וואס איך און ליטוואק דערציילן, איז פאר פיל א נייס, אן אנטדעקונג פון א נייער אמעריקע.

מיך האלט מען פאר דעם מער אמעריקאניזירטן: בין שוין געוועזן, אזוי צו זאגן, איינגעפונדעוועט אין קאלומבוסעס מדינה, האב געמאכט זיך דארטן א היים, באטראכט זיך פאר א תושב; איז פארשטענדלאך, אז עס רעדט אין מיר ארויס א געוויסער פאט־ריאטיזם און איך זע אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג פון אמעריקע מער ליכט, ווי שאטן. אנדערש איז מיט ליטוואק'ן. ער איז בכלל באקאנט מיט זיין נייגונג צו זען אין אלץ מער שאטן, ווי ליכט. אין אמעריקע איז ער בלויז געווען א גאסט־ראליאר; אין קיין פאטריאטיזם בנוגע צו אמעריקע קען מען אים ניט חושד זיין; ער האט עס קלאר באוויזן מיט זיין הייינטיקער רעדע. איז אויב ער שטרייכט אונטער, אז דער „פארווערטס" איז דאס קרומע שפיגל פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג אין אמעריקע, דעמאלט זיינען מיר גערעכט מיט אונזערע פאר־וואורפן פאר די אויבערפלאכלאכע, אפילו באנאלע באגריפן וועגן דעם קלאסנקאמף אין אמעריקע.

חוץ פראגן זיינען קיין דעבאטן ניטא, און די פראגן באציען זיך ניט אזוי צו דעם עצם פון אונזערע פארטראגן, נאר כדי זיך צו דערוויסן וואס מער איינצלהייטן וועגן דעם אדער יענעם אמאליקן טוער פונ'ם „בונד"; — וואס ער מאכט, טוט, אפילו צי ער האט שוין חתונה געהאט און האט קינדער. עס פאר־שטארקט זיך נאך דער איינדרוק, אז די פארשטעלונג וועגן דער באוועגונג איז ווי וועגן אן איינגער פאמיליע, מיט איינגע פא־מיליע־אינטערעסן, אז מען גיט נאך אלץ צו א גרעסערע בא־

דייטונג דעם איינצלנעם איידער דער מאַסע, אַז מען האָט זיך
ניט דערהויבן צו אַ ברייטן קוק אויף זאַכן.

ארויסגייענדיק פון זאַל, טרעף איך אַן אייניקע אַלטע חברים,
וואָס איך האָב נאָך ניט באַוויזן צו זען נאָך מיין צוריקקומען.
עס זיינען צווישן זיי פאַראַן מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונ־
גען, „אבאַראָנצעס", אינטערנאַציאָנאַליסטן, אפילו זייער נאָענטע
צום באָלשעוויזם. אַלע ריידן זיי מיט שטאָלץ וועגן דעם, וואָס
אין „בונד", בא די גרעסטע חלוקי־דעות איז קיינמאָל ניט גע־
קומען צו פראַקציע־רייסעניש, נאָר עס האָט געהערשט איינהי־
קייט. דערמיט צייכנט זיך ניט אויס קיין איין סאָציאַליסטישע
פאַרטיי ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אין אַנדערע לענדער. דאָס
איז, וואָס מען רופט „בונדישער פאַטריאָטיזם".

כ'בין אויך שטאָלץ מיט דעם דאָזיקן פאַטריאָטיזם. נאָר
איך שטעל די חברים אַ פראַגע:

— צי ברייננט ניט דער פאַטריאָטיזם אין דער צייט פון
אַ רעוואָלוציע, ווען דאָס לעבן איז אַזוי שטורמיש, פול מיט
איבערראַשונגען, צו פאַרגליווערטקייט? ס'מוז פאַסירן איינס
פון די ביידע: אויב דער פאַטריאָטיזם נעמט די אויבערהאַנט,
ווערט אידעאַליזירט, ווי אַ טוגנט, דעמאָלט מוז מען לעבן מיט
דער ביינקשאַפט נאָך דער שיינער ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענ־
הייט. ווייל מען אָבער פילן דעם היינט, זיך אריינוואַרפן אין
שטראָם פון די געשעענישן, קען דער פאַטריאָטיזם ניט איינצאַ־
מען דעם דראַנג צום נייעם. וואָס טויג דער פאַטריאָטיזם, ווען
מען איז אָפּגעריסן פון דער שטורמישערווירקלאַכקייט און מען
לעבט אין אַ באַזונדער אָפּגעגרענעצט וועלטל? ס'איז אַ פאַר־
שליסן זיך אין דער אייגענער שאָלעכץ...

אייניקע חברים, גראַד די, וואָס זיינען מער גענויגט צום
באָלשעוויזם, זיינען אויך מיט דער זעלבער מיינונג. מיר וועלן
נאָך זען, — ריידן זיי, — צי דער „בונד" וועט פאַרבלייבן דאָס,
וואָס ער איז געווען און וואָס ער איז, אויב ער וועט זיך פרואוון
שטעלן קעגן דעם נאַטירלאַכן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. די רע־

וואָלוציע וועט דעמאָלט אריבערגיין איבער'ן „בונד", אפשר אים איינגאנצן אָפּווישן פון פנים פון דער ערד, און די אידישע ארבעטער וועלן עס ניט באַדויערן, ווייל ניט די רעוואָלוציע דאַרף זיך צופּאסן צום „בונד", נאָר דער „בונד" צו דער רעוואָלוציע.

— אויב אַזוי — פרעג איך די דאָזיקע חברים — וואָס האַלט אייך צוזאמען מיט די „אבאראָנצעס"? דערויף גיבן זיי ניט קיין ענטפער. מען דאַרף אָבער דעם ענטפער בא זיי ניט זוכן, ער איז פאַרטיק: ווידער בונדישער פּאַטריאָטיזם.

מיט'ן שכל פארשטיי איך, אַז די רעוואָלוציע פאָדערט אַ ברייטערן, גרעסערן שוואונג. נאָר מיט'ן געפיל בין איך דער זעלבער בונדישער פּאַטריאָט, וואָס מיט צוועלף יאָר צוריק. אפילו אמעריקע האָט מיך אין דעם פּרט ניט געענדערט.

די חברים באַגלייטן מיך אהיים. מיר שפּאַצירן איבער די גאסן און אָנשטאָט צו ריידן וועגן היינט, ווערן מיר אַלץ מער מיטגעריסן מיט'ן נעכטן. אָט אַזוי יעדן מאָל. כמעט טאָג איין, טאָג אויס.

כ'הויב אָן מקנא צו זיין דעם פילאַדעלפיער חבר, וואָס שעפּט באַגייסטערונג אין דער קאַזאַרמע, דעם חבר וואסקאָוו, וואָס לינט אין די פאַבריקן. אָט וואו עס ווערט געשאַפן ניי לעבן — צווישן די גרויע שינעלן, צווישן די פּראָדוציר־מאַשינען. דאָרטן קען מען פילן דעם אָטעם פון דער רעוואָלוציע

און וואָס איז מיט אונז? בלאָנדזשען ארום איבער די פּעטראָגראַדער גאסן, ווי פרעמדע, ניט געקוקט אפ'ן פרייד אין הארצן, וואָס אַ טרוים איז פאַרווירקלאַכט געוואָרן.

ס'איז אַ פרייד, אויסגעמישט מיט צער. אַ באַהעפטיקונג פון צוויי געגנזאצן. אויך אַ פּראָדוקט פון דער רעוואָלוציע....

מען דאַרף עס איבערשיקן, ווי אַ גרוס צו די חברים אין אמעריקע....

5

אחדות ישראל

צווישן די אידישע פּאַרטייען גרייט מען זיך צום אַלרוס־לענדישן אידישן צוזאַמענפאָר. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר דאַרף עס פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער און די פאָרמען פון דער צו־קונפטיקער אידישער אויטאָנאָמיע; גייט אָן א דינגעניש פאַר זיין טאָגאָרדנונג.

פון די חברים־בונדיסטן, וואָס נעמען אַנטייל אין דער קאָ־מיסיע פאַר אויסאַרבעטן די טאָגאָרדנונג פון אידישן צוזאַמענ־פאָר, ווייס איך שוין, אַז דער קאַמף איז א שווערער. די ציוניסטן ווילן אַנדערש ניט, אַז פּאַלעסטינע זאָל אויסגעטיילט ווערן אין א באַזונדערן פונקט, — דאָס מיינט פּאַקטיש פאַרוואַנדלען דעם צוזאַמענפאָר אין א ציוניסטישן קאָנגרעס. די „פּועלי־ציון" זיי־נען, נאַטירלאַך, פאַר דער פאָדערונג פון די ציוניסטן. די „פאַר־איינינקטע" סאָציאַליסטן האַלטן זיך נייטראַל. די געוועזענע „דערגרייכער", וואָס האָבן זיך משנה שם געווען אַף „פאָלקס־גרופּע", אַרט אויך ניט, אַז פּאַלעסטינע זאָלן זיין א באַזונדער פּונקט. די קלעריקאַלן לויגנט זיך ניט איינרייסן מיט די ציו־ניסטן. דער איינציקער, וואָס איז איינגעשפּאַרט, איז דער „בונד". ער איז אולטימאַטיוו, סטראַשעט ניט באַטייליקן זיך אינ'ם אידישן צוזאַמענפאָר, אויב די ציוניסטן וועלן אויספירן.

גלייכצייטיק איז דער „בונד" קעגן אַרויפשטעלן די פראַגע וועגן פאַרזיכערן די רעכט פון אידן אין אַנדערע לענדער: מיט דעם קאַמף פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די בירגער פאַרנעמט זיך די דעמאָקראַטיע פון יעדן לאַנד באַזונדער און די אינטער־

נאציאָנאַלע דעמאָקראַטיע אינגאַנצן. קיין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק קען דערביי ניט זיין פאר די אידן פון דער גאַנצער וועלט. דאָ האָט שוין דער „בונד" קענן זיך ניט בלויז די ציוניסטן, נאָר אַלע איבריקע פּאַרטייען און גרופּן. די קלעריקאַלן ווילן האָבן דעם פּונקט וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון אידן אין אנדערע לענדער צוליב דער אַלוועלטלאַכקייט פון דער אידישער רעליגיע.; די „פּועלי־ציון" — צוליב קאָלאָניזאַציע און עמיגראַציע אין ארץ ישראל; די „פּאַראייניקטע" — צוליב אומה כללית; די „דערגרייכער" — צוליב אַן אַלוועלטלאַכן פּאַראיין פאר אידישער וויסנשאַפט אָדער א מין צדקה־חברה, ווי דער „אַליאַנס איזראַעליט" (כל ישראל חברים).

הגם דער „בונד" שטעלט מיט זיך פאָר א מינדערהייט צווישן אַלע איבריקע אידישע פאָלקס־שיכטן, וויל מען אים דאָך שטאַרק האָבן פאר א שותף. דער צוזאַמענפאָר דאַרף דאָך זיין דער אויסדרוק פון אידישער איינקייט, מוז מען האָבן צום רומל די אידישע אַרבעטער. צוליב דעם זוכט מען ווירקן, אַז דער „בונד" זאָל ניט זיין איינגעשפּאַרט, נאָר גיין אין שפּאַן. מען גיט דעם „בונד" קאָמפּלימענטן, ווי דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער אידישער אַרבעטער־פּאַרטיי; מען אַפּעלירט צו זיינע אידישע סענטימענטן, צו זיין ניכטערקייט, אַז אין אַזאַ וויכטיקן היסטאָרישן מאָמענט פאַר'ן אידישן פאָלק טאָר מען ניט זיין צו גראַדליניק און סעקטאַנטיש; מען קען מיינען, אַז דער „בונד" איז דער ילד שעשועים פון אַלע אידן, אַפילו פון רבנים.

די לאַגע פון'ם „בונד" איז א גאַנץ דעליקאַטע: די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז דאָך דער טרוים פון'ם „בונד" יאָרנלאַנג. איז ווי קען ער ניט באַטייליקן זיך, צוליב די שאָוויניסטישע פאָדערונגען פון די ציוניסטן און פון די אַנדערע פּאַרטייען, אין דעם אידישן צוזאַמענפאָר, וואָס דאַרף פאַרווירקלאַכן די אויטאָנאָמיע ? אין דער זעלבער צייט איז קלאָר, אַז אַף דעם אידישן צוזאַמענפאָר, דערוויילט פון אַלע פאָלקס־

שיכטן, וועט די בונדישע נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע ניט קריגן קיין מערהייט; מען וועט דעריבער זיין געצוואונגען איינצוגיין אף קאמפראמיסן מיט דער אידישער בורזשואזיע און פארבוינן די קלאסנליניע. בא אזעלכע פארהעלטענישן קען דער שאדן פאר דעם קלאסנקאמף פון די אידישע ארבעטער זיין גרעסער פון די נוצן. א שווערער נסיון, — ניט אויסצושפייען, ניט אראפצושלינגען. גיט אויף דער „בונד" זיין נאציאנאלע פאליטיק, וואס צוליב איר פארנעמט ער א זעלבסטשטענדיקע פאזיציע, ווי פון א באזונדערער פארטיי, אין דער אלגעמיינער סאציאלדעמאקראטיע, האט ער ניט קיין עקזיסטענץ־בארעכטיקונג מיט זיין אפגעזונדערטקייט.

מען רעדט ניט צווישן זיך וועגן דעם; מען פילט אבער צווישן די חברים, אז ווען די אידישע אויטאנאמיע דערנעענטער זיך שוין צו פארווירקלאכונג, פארקריכט מען אין א פאר־בישופטן קרייז....

מיר קומט אוים בייצואוואוינען א זיצונג פון דער קאמיסיע פאר אויסארבעטן די טאגארדנונג פונ'ם אידישן צוזאמענפאר.

ס'זיינען פארטראטן אלע אידישע פארטייען, פון די רעכטסטע ביז די לינקסטע. מען זיצט בא איין טיש, מען טרינקט טיי און מען אמפערט זיך. פון אויבנאויף אן אמת'ע אידיליע פון אידישער אחדות. ש. אנ—סקי באמיט זיך צו שפילן די ראל פון א שלום־מאכער; ער איז צוקער־זים אי צו די ציוניסטן און קלעריקאלן, אי צום „בונד". ווען מען הערט זיך צו צו זייגע כל־ישראל'דיקע ארגומענטן, גלויבט זיך עפעס ניט, אז ער איז דאס דער פארפאסער פון אזעלכע רעוואלוציאנערע לידער, ווי די „שבועה" און „צום בונד". פון זיין אנגעמען זיך פאר פא־לעסטינע, פאר דער אידישער רעליגיע, פאר דער אידישער טרא־דיציע ווערט פארשטענדלאך, פאר וואס אנ—סקי פאדערט, אז מען זאל ארויסווארפן פונ'ם ליד „צום „בונד" דעם פערז:

משיח און אידנטום —ביידע געשטאָרבן,
אָן אנדער משיח קומט אָן:
דער אידישער אַרבעטער, גביר'ישער קרבן,
הויבט אויף שוין פון פרייהייט די פאָן.

אַנ—סקי טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן צו פאַראייניקן אַלע אידישע עסערן אין איין פּאַרטיי, צו שאַפן אַ מין עסערישן „בונד". נאָר דער בעל־תשובה סטאַרטשעט אַזש אַרויס פון אים. אין זיינע רייד פילט זיך אַ חרטה אַף „חטאת נעורים". ער גיט צו די אייגענע ווערטער אַ באַזונדער געוויכט און האָט פון זיי אַליין הנאה. די אַרומיקע שיינקען אַנ—סקי'ס אַרגו־מענטן ווייניק אויפמערקזאַמקייט. עס באַמערקט זיך ניט קיין אַכטונג צו אים. אין אָנגערויכערטן צימער, אין די היציקע דע־באַטן מאַכט אַנ—סקי דעם איינדרוק פון אַ קאָמיש־טראַגישער פיגור. ער איז דורכאויס פּאָזע: עס ציט אים צו די ציוניסטן און קלעריקאַלן, דאָך דאַרף מען אָנהאַלטן אויך דעם פּאַסאָן פון אַ סאָציאַליסט, באַקומט זיך אַ מיש־מאַש, אַ צעקראָכעניש. אַנ—סקי גופא פילט עס אָבער ניט; עס דאַכט זיך, אַז ניט בלויז פּראָנטעוועט ער מיט זיינע מיליטערישע קליידער, נאָר אויך מיט זיין פאַר'חלומ'ט פּנים, איינגעפאַסט אין אַ פּינקט־לאַך־פאַרקעמטער קוטשמע גרויע האָר און אין אַ צוגעפּוצט פראַנצויזיש בערדל.

די חברים־בונדיסטן קוקן אַף אַנ—סקי'ן, ווי ער קוועלט אָן פון זיך אַליין, און שמייכלען. — קאָנטיק, זיי ווייסן שוין גוט זיינע איינגנשאַפטן. נאָר אסור, אויב עס איז דאָ וואָס מקנא צו זיין די חברים. אַריינגעפאַלן אין אַ פיינער קאָמפּאַניע. מען זעט, אַז יעדער חבר שפּירט די פאַלשקייט פון דער לאַגע. פאַר אַן אויסגעהאַלטענעם סאָציאַליסט איז דאָ ניטאָ וואָס צו טאָן. מיט די פאַרטרעטער פון דער אידישער בורזשואַזיע איז אוממ־מעגלאַך צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. דאָך גייט מען ניט אַוועק: ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטו־

רעלער אויטאָנאָמיע איז מער גרייט צו פאַר'מטושטש'ן דעם קלאַסנקאַמף, טאָמער וועט מען פאַרט עפּעס אויסדרינגען....

די זיצונג ענדיקט זיך מיט'ן באַשלוס צו רופן נאָך אַ זי־צונג, ווייל די ציוניסטן ווילן ניט וויסן פון קיין שום פשרה.

צוריקגייענדיק פון דער זיצונג זיינען די חברים אויפגע־רעגט. מען קאַכט זיך זייער הילכיק איבער די פוסטע פּעט־ראָגראַדער גאַסן וועגן דער שטעלונג פון די ציוניסטן און זייערע סאָציאַליסטישע נאָכשלעפּער. ווען אַ חבר דריקט אָבער אויס אַ מיינונג, אַז דער „בונד" האָט ניט וואָס צו טאָן אין דער קאַ־מעדיע פונ'ם אידישן צוזאַמענפאָר, לאַכט מען די דאָזיקע מיי־נונג אויס. מען דערקלערט, אַז אַזוי דיינקען קען אַ מענטש אָן אַ פּאָליטישן חוש, ווייל דער „בונד" מוז אומעטום לאָזן הערן זיין שטים, בפרט ווען אין קאָן שטייט דער עצם פון דער בונדישער פּראָגראַם — די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

אַזוי ווי קיין טראַמווייען זיינען ניטאָ און עס קומט אויס לאַנג צו גיין, אַנטוויקלט זיך אין גאַס אַ הייסע דיסקוסיע וועגן דער דורכפירונג פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. די אַלגעמיינע ליניען זיינען אָנגעמערקט, די קאָמפּעטענץ איז באַ־שטימט, דאָך האָט קיין איינער ניט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג, ווי אַזוי די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע וועט זיך אויס־גיסן אין דער פּראַקטיק. מען מאַכט השערות וועגן אירע פאַר־מען. מען פאַרגעסט אָבער דערביי איין זאַך: די דורכפירונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע איז ניט אָפּהייננגיק פון די אי־דישע אַרבעטער, נאָר פון די איבריקע שיכטן, וואָס צווישן זיי האָבן די העגעמאָניע די ציוניסטן און קלעריקאַלן. צוליב דעם וועט די אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, אויב זי וועט פאַרווירק־לאַכט ווערן, ניט באַנוגענען זיך בלויז מיט קולטורעלע ענינים, נאָר ווערן אַ מלוכה אין אַ מלוכה, מיט עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע פונקציעס, ווייל אַזאַ ברייטע פּראָגראַם שטעלן אַרויס אַלע בירגערלאַכע אידישע פּאַרטייען. דאָס באַדייט, אַז ס'וועט זיך פאַנאַנדערפאַלן, ווי אַ קאָרטנשטיבל, די גאַנצע געביידע, וואָס

דער „בונד“ האָט אויפגעבויט, כדי אויסצושליסן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע פון דער אַלגעמיינער מלוכה־פאַרוואַלטונג צוליב דער אויסקריסטאַליזירונג פון קלאַסנקאַמף.

די מיליציאָנערן, וואָס מיר באַגעגענען אַפ'ן וועג, קימערט ניט אונזער קאָכן זיך. זיי זיינען שוין געוואוינט צו היציקע דעבאַטן באַנאַכט אַף די גאַסן. וואָס איז דאָס גאַנצע גייע לעבן אין רוסלאַנד, אויב ניט אַן אומאויפהערלאַכע דיסקוסיע?

נייען אוועק שעה'ן און שעה'ן אין דורכלופטערן אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל די שטעלונג צום אידישן צוזאַמענפאָר און זיינע מעגלאַכע רעזולטאַטן. מען טוט עס פּריוואַט און אַף עפנטלאַכע אַרויסטרעטונגען. אין די אַלע ויכוחים איבער דער טעמע דערפילט מען אַלץ מער די ווידערשפּרוכן פון דער בונדישער פּאָליטיק. הגם מען זוכט צו פאַרדעקן די דאָזיקע ווידערשפּרוכן, שווימען זיי אָבער אַרויף פון זיך אַליין. די קליינע צאָל לינקגעשטימטע חברים, וואָס נויגן זיך שוין צום באָלשעוויזם, ווייזט אָן, אַז כל-זמן די רעוואָלוציע וועט ניט איבערגעבן די מאַכט צום אַרבעטער־קלאַס, נאָר זיך האַלטן אַף דער שותפות פון אַלע קלאַסן, איז די גאַנצע נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי. ווען אַפילו די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע זאָל פאַרווירקלאַכט ווערן, וועלן די אידישע אַרבעטער פון איר גאָר ניט געווינען; פאַרקערט, זי וועט נאָך פאַרטונקלען דאָס קלאַסנבאַוואוסטזיין פון די אידישע אַרבעטער, ווייל דורך איר וועט בא זיי געשאַפן ווערן אַן אילוזיע פון נאַציאָנאַלער אחדות. די דאָזיקע אָנווייזונג געפינט אָבער ניט קיין אָנהייננער; מען פאַרשטייט זי ווי אַ באָלשעוויסטישע פאַרבלענדעניש, וואָס איז אין פולן געגנזאַץ צו דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע.

ענדלאַך ריידן זיך אַלע פּאַרטייען צוזאַמען און ס'ווערט צונויפגערופן אין פּעטראָגראַד אַ אידישע קאָנפערענץ, וואו עס זאָל אויסגעאַרבעט ווערן דער מאָדוס פון וואַלן צום אַלרוסלענדישן אידישן צוזאַמענפאָר. ס'איז דערגרייכט געוואָרן אַן

אויסגלייך: דער „בונד" גייט איין אוועקצושטעלן די פראגע וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון די אידן אין אנדערע לענדער, נאר בתנאי, אז פאלעסטינע ווערט ניט אויסגעטיילט, ווי א באזונדערער פונקט; פאלעסטינע ווערט בלויז איינגעשלאסן, און דאס ניט אפ'ן ערשטן ארט, צווישן אזוינע לענדער, ווי פוילן און רומעניע, וואו די פולע אידישע גלייכבארעכטיקונג, בירגערלאכע און נאציאנאלע, דארף פארזיכערט ווערן. דאס איז דער קאמפראמיס צווישן „בונד", די ציוניסטן און די איבריקע פארטייען.

איך קום צו גיין אין זאל, ווען די קאנפערענץ איז שוין געעפנט. אין קארידאר איז טומלדיק. די גאנצע „פני" זיינען דא פארזאמלט. צווישן זיי ש. אנ—סקי מיט זיין פאזע פון געוויכזיקייט און א. ווייטער מיט זיין שלאנקער פיגור. רוסיש, אידיש און העברייאיש זיינען אויסגעמישט. ס'פעלן ניט קיין אויסגעפוצטע גווידערדיקע דאמען, בארעקט מיט בריליאנטן, קיין פראקיקע ספעקולאנטן מיט קיילעכדיקע בייכלאך. ווי פארבלאנדזשעטע זעען אוים צווישן זיי די עטלאכע אידישע ארבעטער. סאציאליסטן, ציוניסטן און ארטאדאקסן בילדן געמיינזאמע רעדלאך. מען היצט זיך אביסל, נאר ניט געפערלאך. דאך אחדות ישראל. ס'שטעלט זיך ארוים, אז די ערשטע זיצונג איז איבערגעריסן געווארן, ווייל די ציוניסטן האבן חרטה געהאט אפ'ן אויסגלייך מיט'ן „בונד" — זיי באשטייען דאך, אז פאלעסטינע זאל זיין א באזונדער פונקט. צוליב דעם איז די בונדישע פראקציע אוועק אף א בעראטונג און מען ווארט אף איר באשלוס.

איך באגעגן דא מיין אלטן פריינט משה טייטש, מיט וועמען איך האב זיך יארלאנג ניט געזען. ס'איז אן אנגענעמע באגעגעניש. ווי פארעלטערט ער איז געווארן. עס גיבן מיטאמאל א שטראם אזוי פיל עראינערונגען פון דער צייט, ווען אין אונז ביידן האט נאך געברויזט די יוגנט. ס'ווילט זיך אפזונדערן, נאר ניטא וואו. אומעטום ויכוחים; אייניקע זיינען

אומצופרידן פון דעם „בונד"'ס איינגעשפארטקייט. אנדערע ווידער טאדלען די ציוניסטן פאר ברעכן דעם אָפּמאַך. איינער פון די הויפּט־טאדלער איז ש. ראָזנפעלד. אים האלט אונטער משה כץ, וואָס איז געקומען פון קיעוו ווי א דעלעגאט פון די „פאראייניקטע".ביידע, פון פארשיידענע שטאנדפונקטן, זיינען ניט איינגאנצן מסכים מיט דער שטעלונג פונ'ם „בונד", נאָר זיי געפינען, אז קוים זיינען די ציוניסטן איינגעגאנגען אף א קאָמפּראָמיס, דארפן זיי האלטן דעם אָפּמאַך.

ש. ראָזנפעלד פּינקלט כיטרע מיט זיין איין אויג אף די נוידערדיקע דאמען און בייכלדיקע ספעקולאנטן, ווי איינער זאָגט: נו, ווי געפעלן אייך עפּעס אונזערע פּעטראָגראדער „פּני". וועגדראָוו, א דארער, באוועגלאכער, מיט וועמען כ'ין באקאנט מיר, האָט פאר די „פני" קיין גוט וואָרט ניט; ער ווייסט דעם יחוס פון פיל פון זיי, און ער וויצלט זיך, אז אויב זיי וועלן דאָס זיין די מאכער פון דער אידישער אויטאָנאָמיע, וועט שוין זיין אָך און וויי צו אַט־דער דערגרייכונג פון דער רעוואָלוציע.

דער צענטער פון אלעמענס אויפמערקזאמקייט זיינען די צוויי אידישע שתדלנים, די אדוואָקאטן ווינאווער, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו א סענאטאָר, און שלאָסבערג, וועגן וועמען מען רעדט, אז ער האָפט צו ווערן א סענאטאָר. זיי זיינען ארומגערינגלט פון די דאמען און ספעקולאנטן. קאָנטיק, די לעצטע האלטן פאר א באזונדער כבוד צו געפינען זיך אין אזא הויכגעשטעלטער געזעלשאפט ; אי ווינאווער, אי שלאָסבערג האלטן זיך גדלות'דיק: פון זייער יעדער באוועגונג וועיט אראָפּ א גרינגשעצונג צו די ארומיקע, ווי זיי וואָלטן געטאָן א טובה, וואָס זיי שטייען נאָר דאָ. ווינאווער'ס רונדע געזיכט מיט דער רונדער בלאָנדער באָרד דריקט אויס קלוגשאפט; פון זיינע אויגן קוקט ארויס א פארטראכטקייט. עס פילט זיך אין אים דער אינערלאכער אריסטאָקראט, וואָס זוכט צו זיין דעמאָקראַ־טיש. שלאָסבערג'ס באבערדלטע געזיכט מיט די שטרייגגע בא־

ברילטע אויגן דריקט אָבער אויס אָנגעבלאָזנקייט, געמאַכטע אַריס־טאָקראַטישקייט. ער קייט איבער זיין חכמה, אַז דער אידישער צו־זאַמענפאָר האָט ניט פאַר פאַר זיך קיין אַנדער אויפגאַבע, ווי בלויז צו שאַפן אַן אַלוועלטלאַכן אידישן פאַרבאַנד, ווייל מיט'ן סוף פון דער אידישער רעכטלאָזיקייט וועלן אַזעלכע אידן, ווי ער און ווינאַווער, ניט האָבן וועגן וואָס צו שמועסן מיט אַזעלכע אידן, ווי יעקב שיף פון אַמעריקע און לאָרד ראָטשילד. מען שטויסט זיך אָן, אַז אָט־די חכמה וועגן צונויפריידן זיך מיט יעקב שיפ'ן און לאָרד ראָטשילד וועט זיין דער טשוואָק פון שלאָסבערג'ס פּראָגראַם־רעדע אַף דער קאָנפערענץ.

צום רעדל אַרום ווינאַווער'ן און שלאָסבערג'ן רוקט זיך צו דער פאַרטרעטער פון דער פריש־געבאַקענער „פאָלקס־פאַרטיי" לאַצקי־באַרטאָלדי, דער אַמאָליקער פירער און טעאָרעטיקער פון די „עסעס". זיין ברייטלאַך געזיכט מיט די פאַרטראַכטע אויגן איז אויפגערעגט. ער טענה'ט מיט האַרץ: איך בין ניט קיין ציוניסט, איצטער אָבער, ווען די מלחמה באַשטימט דעם גורל פון אומות, איז פאַלעסטינע די וויכטיקסטע פּראָבלעם פאַר'ן פאָלק ישראל. ער פאַרטייטשט זיין געדאַנק מיט א מאמר חז"ל און רויטלט זיך דערביי פאַרשעמט. אים גיט געכעכט דער רב גנעלמאַן מיט דער געלער לאַנגער באָרד און אין זיידענער יאַר־מולקע. דער דאָזיקער רב פילט זיך ווי א בן יחיד. כדי צו ווייזן זיין וועלטלאַכקייט און אינטעליגענץ רעדט ער מיט ווינאַ־ווער'ן און שלאָסבערג'ן דוקא רוסיש, דורכוואַרפנדיק זיין שפּראַך מיט אויסלענדישע ווערטער און מיט ציטאַטן פון טאָלסטאָי'ען, דאָסטאָיעווסקי'ן, שפּינאָזאַ'ן, אַפילו פון מאַרקס'ן; ער האַלט, דער רב, אַז מען מוז אַריינשטעלן ארץ ישראל צוליב דער אמונה, צוליב דעם משיח־געדאַנק און דער עיקר... ווייל מען דאַרף דאָך אַביסל אָפציען אידן פון די שטעט און מאַכן זיי פאַר ערד־אַרבעטער; אַזוי ווי אידן ווילן אין דאַרף ניט גיין, מוז מען זיי צוציען מיט ארץ־ישראל־ערד, מיט אַלטע נעמען. אין באַנדריקעווע וועט מען ניט גיין. אין עין־גנים וועט מען

אפשר נייז... ארץ־ישראל איז אביסל זאַלץ מיט פעפער....

מיין יוגנט־פריינט חיים פרידמאַן, וואָס פילט זיך געהויבן פון דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש אין אידישן לעבן, ווי ער באַצייכנט די אידישע קאָנפערענץ, ציט מיין אויפמערק־זאַמקייט צו דעם רב געלמאַן. דאָס איז, לויט זיין מיינונג, אַ זעלטענער טיפּ, אַ גרויסער למדן און דערביי העכסט גע־בילדעט אין וועלטלאַכע ענינים. ער, פרידמאַן, איז ווי אַ ציוניסט שטאָלץ מיט אַזעלכע רבנים; אַף זיי קען מען זיך פאַר־לאָזן מדריך צו זיין דאָס פאָלק. מיין שמייכל טוט פרידמאַנ׳ען וויי און כדי זיך אָפּצורעכענען מיט מיר, נעמט ער זידלען דעם „בונד", וואָס איז אַן אָנשיקעניש פאַר׳ן אידישן פאָלק. איך פאַרליר שיער ניט דאָס געדולד, נאָר צום גליק רופט מען מיך אַוועק צו דער באַראַטונג פון דער בונדישער פראַקציע.

איך קום צו גיין אין אָנהויב פון אַבראַמאָוויטש׳עס רעדע. זי איז שטאַרק, לאָגיש מיט אירע ספיקות, צי דער „בונד" דאַרף זיך באַטייליקן אין דער באַוועגונג פאַר׳ן אידישן צוזאַמענפאָר. באַ דער געגעבענער לאַגע, ווען דער שלום־בית מיט דער בור־זשואַזיע באַהערשט די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, זעט ער, אַבראַמאָוויטש, ניט איין, וואָס די באַטייליקונג פונ׳ם „בונד" אין אידישן צוזאַמענפאָר קען געבן דעם קלאַסנקאַמף פון די אידישע אַרבעטער. די נגווינער פונ׳ם צוזאַמענפאָר וועלן אַרויס די ציוניסטן. דעם צוזאַמענפאָר דאַרפן די ציוניסטן האָבן פאַר אַ דעמאָנסטראַציע, אַז מיט זיי גייט דאָס גאַנצע רוסלענדישע אידנטום. דאָס וועט פאַרשטאַרקן זייערע פּאָזיציעס באַ דעם אַנטאַנט־אימפּעריאַליזם, וועמען זיי דינען טריי, כדי צו קריגן אַ מאַנדאַט אַף פּאַלעסטינע. אין דער אמת׳ן איז דער אַל־רוסלענדישער אידישער צוזאַמענפאָר פאַר די ציוניסטן בלויז אַ פאָרשפּיל צום אַלוועלטלאַכן אידישן קאָנגרעס, וואָס זיי פּלאַ־נעווען צו רופן, כדי צו שאַפן כלומרשט אַ נאַציאָנאַלע אידישע פּערזאָן, וועמען די אַנטאַנט זאָל קענען איבערגעבן דעם מאַנדאַט אַף פּאַלעסטינע. נאָך אַ זאַך: דער אידישער צוזאַמענפאָר

איז נויטיק די ציוניסטן און קלעריקאַלן, כדי צו ראַטעווען די אָפּגעלעבטע אַלטע אידישע קהלה דורך עטוואָס רעפאָרמירן זי אין איינקלאַנג מיט'ן פּאָליטישן מאָמענט. דאַרף דער „בונד", טענה'ט אבראַמאָוויטש, זיך לאָזן כאַפּן אַף דער ווענדקע פון די ציוניסטן? ניין! דאָס וואָלט באַדייט פאַרראַטן און פאַרטונקלען דעם קלאַסנקאַמף.

די אַנטיילנעמער פון דער באַראַטונג זיינען פּרינציפּיעל מסכים מיט אבראַמאָוויטש'ן. דאָך געפינען זיי, אַז דער „בונד" טאָר זיך ניט איזאָלירן, נאָר מוז זיך באַטייליקן אין דער באַוועגונג פאַר'ן אידישן צוזאַמענפאָר און אין צוזאַמענפאָר גופא, ווייל זיי זעען דערין איין אַ מיטל פון קאַמף פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע. פאַרשטייט זיך, אַז דער „בונד" דאַרף אַפּ'ן אַנטשיידנסטן אופן באַקעמפן יעדן פּרואוו אַרויסצורוקן, אויסער ריין קולטורעלע ענינים, וועלכע ס'איז אַנדערע פּאָליטישע און אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט האָט קיין זין ניט צו פאַרלאָזן די פאַרקאָנפערענץ צוליב דער פראַגע וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די אידן פון אַנדערע לענדער. מען וואָלט דעם „בונד" ניט פאַרשטאַנען; מען וואָלט געזאָגט, אַז דער „בונד" איז אַוועק, ווייל ער וויל ניט זאָרגן פאַר די רעכט פון אידן אין אַנדערע לענדער. דער „בונד" וואָלט געדאַרפט אַוועק ניט בלויז ווען פּאַלעסטינע זאָל אויסגעטיילט ווערן אין אַ באַזונדער פּונקט, נאָר ווען זי זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אַפילו אַפּ'ן ערשטן אָרט צווישן די לענדער, וואו די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג דאַרף דערבערט ווערן, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ ריין ציוניסטישע פאָרמול. לויט דער נייער רעדאַקציע קען דער פּונקט וועגן די אידן פון אַנדערע לענדער אויסגעטייטשט ווערן אין דעם זין פון פּראָטעסט, און ניט נאָר אין דעם זין פון אַלוועלטלאַכער אָרגאַניזאַציע. איז דער פּונקט אָנגענומבאַר פאַר'ן „בונד". אַבראַמאָוויטש באַשטייט ניט שטאַרק אַף זיין פּאָזיציע.

עס בלייבט פּרואוון אונטערהאַנדלען צום לעצטן מאָל מיט

די ציוניסטן, פיליכט וועלן זיי פּאַרט האַלטן דעם דערגרייכטן אָפּמאַך, ווען זיי זיינען געבליבן אליין, ווייל די איבריקע פּאַר־טייען זיינען איינגעגאַנגען אפ׳ן קאָמפּראָמיס. די שטאָפּעטן קערן זיך אום מיט דער גוטער בשורה, אַז די ציוניסטן גיבן זיך אונטער.

אין די קולוארן איז פריילאך: די איינוקייט פון אידישן פאָלק איז געראַטעוועט. ביי לאַצקי־בערטאָלדי שטייען טרערן אין די אויגן פון שמחה; ער וואַרפט זיך שיער ניט קושן מיט׳ן פירער פון די ציוניסטן יצחק גרינבוים, וואָס איז אויך אין אַ געהויבענער שטימונג.

מיט גרינבוים׳ען זיינען מיר אַלטע באַקאַנטע, געזעסן אַמאָל צוזאַמען אין וואַרשע אין טורמע און האָבן זיך דאָרטן באַפריינדט. כ׳זע שוין ניט פאַר זיך יענעם צאַרטן יונגנמאַן, מיט די ראַפינירטע מאַנירן, דעם גוטמוטיקן, סענטימענטאַלן. פאַר מיר שטייט אַ באַיאָרנטער מענטש, פון וועמעס פיגור עס וועיען זעלבסטצופרידנקייט און פאַררימנקייט. כ׳גיי אונטער צו גרינבוים׳ען; ער דערקאָנט מיך גלייך, נאָר קוקט פון אויבן אַראָפּ. פאַרבליבן אַלץ אַ בונדיסט? — וואַרפט ער צו אַ פראַזע און פרעגט זיך נאָך אַף געמיינזאַמע פריינט אין אַמעריקע. פון העפלאַכקייט ווענן לאַדט ער מיך איין צו זיך. איך באַדאַנק אים העפלאַך און זעגן זיך אָפּ מיט אים, כדי זיך מער ניט צו באַ־געגענען. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר, נאָך אַלעמען, איי־נער צום צווייטן?

דערוויילע האָט שוין דער עולם באַוויזן אָנפּאַקן דעם זאַל. מען שטייט קאָפּ אַף קאָפּ. איינס־צוויי, גוי אין איילעניש, ווערט באַשלאָסן, אַז די וואַלן צום אידישן צוזאַמענפאָר זאָלן זיין אמת־דעמאָקראַטישע — אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע, און דער צוזאַמענפאָר זאָל פאַרקומען ניט שפּעטער ווי אין אָקטאָבער. די ציוניסטן האָבן גאָר נישט קעגן דעם מאָ־דוס פון די וואַלן, ווייל זיי זיינען זיכער, אַז ער וועט זיי געבן אַ מערהייט; די איבריקע פּאַרטייען, דערין אויך דער „בונד“,

זיינען ניט שטאַרק באַגייסטערט, נאָר ווי פּאַסט אַרויסצוטרעטן קעגן דעמאָקראַטיע? אָן שטאַרקע דינגענישן ווערט אויך אויס־געקליבן אַ קאָמיטעט פון פאַרטרעטער פון אַלע פּאַרטייען, כדי דורכצופירן די צוגרייטונג־קאַמפּאַניע פאַר'ן צוזאַמענפאָר.

ס'הויבן זיך אָן די שלום־רעדעס. זיי גיסן זיך פייערלאַך, בוימלדיק, פול מיט מליצה וועגן דער נייער תקופה, וואָס טרעט אריין פאַר דער גאַנצקייט און אייניקייט פונ'ם אידישן פאָלק. מען גלעט דעם „בונד". גרינבוים צוזינגט זיך אַף מאַמע־לשון אין שבחים צו די וואונדערבאַרע העלדנטאַטן פון די אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רו־סישער רעוואָלוציע. אין אַן ענלאַכן טאָן רעדן, אין רוסיש, ווי־נאַווער און שלאָסבערג. דער לעצטער פאַרפעלט ניט צו אַנט־וויקלען זיין טעאָריע וועגן דער וויכטיקייט פאַר אַזעלכע אידן, ווי ער, צו האָבן וועגן וואָס צו שמועסן מיט יעקב שיף און לאָרד ראָטשילד. דער רב געלמאַן לייגט אַוועק אַ וועלטלאַכע רעדע אין אַ פליסיקן, זאַפטיקן אידיש, אַרויסצייכנענדיק אַ באַלעזנקייט אויך אין סאָציאַליסטישע ליטעראַטור; ער באַמיט זיך על פּי מאַרקסיזם צו דערווייזן, אַז רעליגיע איז ניט קעגן רעוואָלוציע, נאָר פאַר רעוואָלוציע, באַזונדערס די אידישע רעליגיע; דעריבער אַפּעלירט ער צום „בונד", ווען ער מאַכט שטאַרקע קאָמפּלי־מענטן, ניט צו באַקעמפן דאָס אַרייננעמען רעליגיע אין דער קאָמפּעטענץ פון דער אידישער אויטאָנאָמיע. די ציוניסטן באַ־גלייטן דעם רב געלמאַן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. לאַצקי־בערטאָלדי איז דער איינציקער, וואָס רעדט לשון קודש. הגם טרערן שטיקן אים פון באַגייסטערונג, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט דערלעבט אַזאַ גרויסן היסטאָרישן מאָמענט, פילט מען, אַז זיין דרשה, וואָס איז אויסגעמישט מיט פסוקים פון תנ"ך, מיט שטיקער גמרא און „זוהר", איז אַ צוגעגרייטע פון פריער. זי רופט ניט אַרויס מיט'ן גאַנצן פּאַטאָס קיין אַפּלאָדיסמענטן, נאָר גיכער אַן איראָנישן שמייכל אַפילו באַ די ציוניסטן. מען וויצלט זיך, אַז לאַצקי־בערטאָלדי קען שוין פאַרנעמען דעם אָרט

פון דעם באַרימטן קעלעמער מגיד. סקאַרבאָווע דערעס וועגן אידישן גייסט און אידישער אחדות האַלטן אויך די פאַרטרע־טער פון די „פועלי ציון" און פון די „פאַראייניקטע".

דער איינדרוק פון דעם ים מליצה און פלפול איז, אַז מען געפינט זיך אַף אַ געוואוינלאַכער אידישער אסיפה, ווייט און פרעמד פון רעוואָלוציאָנערן שטורם, ניט באַווירקט פון דער געזעלשאַפטלאַכער אויפטרייסלונג. אמאָל האָט מען זיך געקאָכט וועגן טאַקסע, היינט קאָכט מען זיך וועגן אויטאָנאָמיע. דער פאַרנעם איז דער זעלבער, די השגות זיינען די זעלבע.

אַ דיסאָנאַנס אין דער אַלגעמיינער שטימונג טראָגט אריין מיט זיין רעדע דער פאַרטרעטער פונ'ם „בונד", משה ראַ־פעס. זיינע ווערטער זענען ניכטער, פּאָליטיש קלאָר, אָן פראַזן און מליצה. טאַקטיש, נאָר אַגרעסיוו, ווייזט ראַפעס אָן, אַז אַלע רייד וועגן דער אידישער אייניקייט האָבן קיין ממשות ניט. דער „בונד", ווי אַ פּראָלעטאַרישע קלאַסנאָרגאַניזאַציע, וועט שטיין אויך ווייטער אַף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן און ער מאַכט זיך ניט קיין שום אילוזיעס וועגן די באַשטרעבונגען פון די ציוניסטן און פון די אַנדערע אידישע בורזשואַזע שיכטן. דער קאָמפּראָמיס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן, האָט נאָך ווייט די פראַגע וועגן דער אידי־שער אויטאָנאָמיע ניט געלייזט. פון צוויי צרות איז דער קאָמ־פּראָמיס די קלענערע, נאָר דאָך אַ צרה. דער „בונד" איז איינ־געגאַנגען אַפ'ן אויסגלייך, הגם ער האַלט אים פאַר אַ בייז, כדי מעגלאַך צו מאַכן דעם אידישן צוזאַמענפאָר. דער „בונד" דיינקט אָבער גאָר ניט פאַרטושן זיין פּאָזיציע; אויב ער האָט זיך ניט געלאָזט כאַפּן אַף דער ווענדקע אין די צאַרישע צייטן, וועט מען אים געוויס ניט כאַפּן אַף דער ווענדקע איצטער, ווען פון דער צאַרישער אָרדנונג איז קיין שריד ופליט ניט פאַרבליבן; דער „בונד" וועט זען, אַז די צוקונפטיקע אידישע אויטאָנאָמיע זאָל פאַר קיין פאַל ניט פאַרטונקלען דעם קלאַסנקאַמף אין אידישן לעבן, נאָר פאַרשאַרפן אים, אויסקריסטאַליזירן. די רעוואָלוציע האָט גע־

עפּנט פאַר דעם די ברייטסטע מעגלאַכקייטן; זי דערנעענטערט דעם זיג פון סאָציאַליזם, וואָס איז איינציק אַליין פּייאיק צו לייזן אַלע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרד־נונג, במילא אויך די אידישע פראַגע, ווי בכלל די נאַציאָנאַלע פראַגע. די איינהייט, וועגן וואָס מען האָט דאָ גערעדט, דאָס איז אַן איינהייטלאַך פעלד פאַר׳ן קלאַסנקאַמף אַפ׳ן געביט פון דער אידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אין קלאַסנקאַמף וועט גע־שאַפן ווערן די אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג; אין קלאַסנקאַמף וועט געבויט ווערן די נייע אידישע קולטור.

די כל־ישראל׳ניקעס שמעקט ניט ראַפּעס׳עס רעדע, וואָס האָט אַזוי אָן צערעמאָניעס צעשטערט די אויפגעבלאָזענע אידעי־ליע פון אידישער איינקייט. גיי, בוי מיט׳ן „בונד“ די אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג — היצט זיך ווידער מער פון אַלעמען לאַצקי־בערטאָלדי, מיט דער אונטערשטיצונג פונ׳ם רב געלמאַן.

ווען מען גייט זיך פאַנאַנדער פון דער קאָנפערענץ, ליגט שוין פּעטראָגראַד פאַרזונקען אין שלאָף. גראָד איז די נאַכט אַזאַ ווייסע, ווי דער טונקעלער טאָג וואָלט גאָר ניט פאַרשוואונדן. אַף אייניקע גאַסן שטייען באַ די ווענט פון הייזער, ווי פאַרגלי־ווערט, גרויע פיגורן. דאָס זיינען שוין אויפגעשטעלט „אַטשע־רעדן“ נאָך שפּייז. דערקלייבן זיך אהיים צופוס אַף „קרעס־טאָווסקי אָסטראָוו“ דאַרף נעמען היבשע עטלאַכע שעה, גיי איך מיט חבר לאַזאר עפשטיין צו אים נעכטיקן. לאַזאַר׳ם קליינע פיגור איז עפּעס מער, ווי שטענדיק, איינגעקאָרטשעט.ביידע זיינען מיר גאָר ניט יום־טוב׳דיק געשטימט. מיר וואַרפן זיך דורך מיט איינציקע פראַזן.

אַף נעווסקי פּראָספּעקט פאַרקויפט מען שוין צייטונגען. אַן אָפּגעריסענער אינגל, איינגעדאַרט, בלייך, ווי די ווייסקייט פון

נאכט, דערלאנגט אונז „רעטש“ און „איזוועסטיא“. ס'איז אָפּגע־דרוקט דער גאַנצער באַשולדיקונג־מאַטעריאַל קעגן די באָלשעווי־קעס. ס'איז די גוט־באַקאַנטע באָבע־מעשה, צעשמירט, באַפּעפּערט מיט סענסאַציעס, מיט כלומרשט נייע „מוראַ'דיקע“ אויפדעקונ־גען, אז דער באָלשעוויסטישער יולי־אויפשטאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט'ן אויפטראַג פון דייטשן גענעראַל־שטאַב, כדי צו העלפן ווילהעלמ'ען פאַרווירקלאכן זיינע מיליטערישע אויפגאַבן. צווישן די אונטערגעשריבענע אונטער דעם באַשולדיקונגס־מאַטע־ריאַל געפינט זיך אויך דער געריכט־אויספאָרשער אַלעקסאַנדראָוו. אין פעטראָגראַד איז באַוואוסט, אַז דער זעלבער אַלעקסאַנדראָוו איז געווען אַ געריכט־אויספאָרשער באַם צארישן רעזשים קעגן רעוואָלוציאָנערן, און איצט האָט עס אים די צייטווייליקע רע־גירונג איבערגעגעבן צו פאַרהיטן די רעפּובליק קעגן די באָל־שעוויקעס.

הגם מיר ביידע, איך און לאַזאר, זיינען זייער און זייער ווייט פון סימפּאַטיע צום באָלשעוויזם, פילן מיר אָבער, ווי לע־בערלאך זעט אוים אַנטקעגן דעם אָנוואוקס פון די געשעענישן די שפּיל אין אידישער אויטאָנאָמיע און אחדות ישראל. מיר טיילן זיך מיט די איינדרוקן פונ'ם פאַרגאַנגענעם טאָג, און לאַ־זאַר זאָגט אַרוים קורץ: פלאַפּלעריי! ..

איז ער ניט גערעכט ? זאָל מען זיך אַ פרעג טאָן באַ די פאַרגליווערטע פיגורן אין די „אָטשערעדן“ פאַר שפּייז, באַ די אַרוממאַרשירנדיקע אָנגעכמורעטע מיליטער־פּאַטרולן, ביי די גאַסנמיידלאך, וואָס באַגעגענען אונז מיט שפּאָט און בעטן עט־לאַכע קאָפּיקעס. זעט נאָר ס'אַרא הויכער דראַנג מיט אַ קליין פּלעקעלע, און ווי אויסגעפּוצט; וואוהין אַזוי שפּעט, בורזשוי־עלאך? — וויפיל האָט און איראָניע ליגט אין אָט־דער באַמער־קונג. קריכט אויך אָט די אַלע פאַרגליווערטע, פאַרכמורעטע,

אויסגעמוטשעטע אין קאָפּ אריין נאַציאָנאַלע אייניקייט, מיט וואָס מען פארהילכט די לופט טאָג איין, טאָג אויס, כדי כלומרשט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע? וואָס האָט זיי די רעוואָלוציע גע־געבן?

די ווייסע נאַכט איז שטיל, נאָר באַאומרואיקנדיק. אָט דער־הערט זיך אַ שאָס, נאָך אים אַ צווייטער. אַ געוואוינלאַכע דער־שיסונג. צוליב וואָס שיסט מען און וואוהין שיסט מען?

אַבי נאַציאָנאַלע אייניקייט.

לאַזאר און איך זעצן פאָר שווייגנדיק דעם וועג....

6

א טאָג פון גליקן

לויט א רעקאָמענדאציע פון דעם מענשעוויסטישן פירער פי־אָדאָר דאַן ווערט מיר געמאכט א נדחא צו שטעלן זיך צום „פריזיוו" מיט דריי וואָכן שפּעטער, כדי איך זאָל האָבן געגוג צייט איינצוואָרדענען מיין פאמיליע. ס'קומט מיר אויס דריי טעג נאָכאנאנד ארומצולויפן איבער די קאנצעלאריעס פונ'ם מי־ניסטעריום פאר מיליטערישע ענינים איידער איך קריג ארויס דאָס געווינשטע פּאפּירל. מען שיקט מיך ארום פון איין אָפּ־טיילונג אין דער צווייטער, — פּונקט אזא פארשלעפעניש, ווי אין ארבעט־מיניסטעריום. אז מען דארף אונטערשמירן פאלט מיר ניט איין. אפ'ן שכל פּירט מיך ארויף א יונגער אָפיציר, וואָס באמערקט מיך ארומבלאָנדזשענדיק איבער'ן קאָרידאָר. ער פרעגט בא מיר וואָס איך דארף דאָ. איך גיס פאר אים אויס מיין פארביטערט הארץ. ער גיט א שמייכל און זאָגט: איר ווייסט נאָך ניט, חבר, אונזערע פּאראָנדקעס, זיי זיינען די זעלבע, ווי אין די אמאָליקע יאָרן. פאר א פינפערל וועט מען אייך אלץ מאכן.

ס'שטעלט זיך ארויס, אז דער אָפיציר איז איינער פון די סעקרעטאָרן פון דער אלגעמיינער קאנצעלאריע פון מיניס־טעריום פאר מיליטערישע ענינים. דער אָפיציר איז זייער העפ־לאך און בארעדעוודיק. ער האָט געוועגדט אָף מיר אויפמערק־זאמקייט, ווייל לויט מיין אויסזען האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אז איך בין א פּאָליטישער עמיגראנט. אליין איז ער א לינקס־גע־

שטימטער סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער. די מענשעוויקעס האָט ער ניט שטאַרק ליב. ער איז אָבער אויך ניט באַגייסטערט פאַר די באָלשעוויקעס. בכלל קוקט ער פעסימיסטיש אַף דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע און דיינקט אויך, אַז איך האָב זיך ניט געהאַט וואָס צו איילן פון אַמעריקע. ער דערציילט מיר, אַז דער פּאַרוואַלטער פון דער אַלגעמיינער קאַנצעלאַריע איז אַ גראַף טאָלסטאָי, זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, הגם אַ קאַדעט, וואָס איז גערן צו טאָן אַ טובה אַ פּאָליטישן עמיגראַנט. לייד־דער, איז ער איצט ניטאָ, עס איז שוין שפּעט. מען וועט מוזן זיך געפינען אַן עצה אָן אים.

דער אָפיציר הייסט מיר אויפוואַרטן אין קאָרידאָר. אין אַ מינוט צוואַנציק קומט ער צוריק און פירט מיך אַריין אין אַ קליינעם טונקעלן חדר. בא אַ טיש, אָנגעוואָרפן מיט פּאַפּ־קעס דאָקומענטן, זיצט אַ פּאַרוואַקסענער מענטשל, אָנגעטאָן אין אָפגעלאָזענע מיליטערישע קליידער; זיינע לאַנגע וואָנצעס הייג־גען אַראָפּ, ווי צעפּלאָך. דער אָפיציר דערקלערט אים מיין ענין. ווען ער פאַרענדיקט, זאָגט ער מיר, אַז דער חבר, מיי־נענדיק דעם פּאַרוואַקסענעם מענטשל, קען מיר באַהילפיק זיין. ער זעגנט זיך מיט מיר און גייט אַרויס.

בלייבנדיק אויג אַף אויג, שעמט זיך ניט דער פּאַרוואַק־סענער מענטשל צו פרעגן, וויפיל בין איך גרייט צו באַצאָלן פאַר דער טובה. אויך איך וויל נאָך דאָס פּאַפּירל היינט, דאַרף דאָס קאָסטן צען רובל. נאָר פאַר אַ פּאָליטישן עמיגראַנט איז ער גרייט אַראָפּצולאָזן אַ פינפערל, ניט ווייניקער. ווען איך ווי־ליק איין, בעט ער מיך אויפוואַרטן. מיר קומט אויס ניט לאַנג צו וואַרטן. דער פּאַרוואַקסענער מענטשל ברייננגט מיר גיך די „אַטטעראַטשקע“ און דריקט שטאַרק מיין האַנט, ווען איך דערלאַנג אים דאָס פינפערל. ער ראָט מיר צו נעמען אַן איזוואָזטשיק, ווייל איך נאָך דערוויייזן דורכצומאַכן די נויטיקע פאָרמאַלקייטן, כדי צו באַשטעטיקן ענדגילטיק די „אַטטעראַטש־קע“, אין דער מיליטער-פּאַרוואַלטונג אַף גאָראָכאָווער גאַס. דאָרטן

זאָל איך פרעגן אַף דעם קאַנצעלאַריסט יאַטשמענקאַ, וועט ער פאַר אַ צענערל דערליידיקן מיין ענין איינס און צוויי.

דער פאַרוואַקסענער מענטשל פרעגט בא מיר, צי איך וועל זיך שטעלן צום „פריזיוו" אין פעטראָגראַד גופא: לויט זיין מיינונג איז דאָס ניט ראַטזאַם. ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז קיין סאָלדאַט צו זיין האָב איך קיין חשק ניט, און אין פעטראָגראַד איז מען גראַד שטריינג צו פאָליטישע עמיגראַנטן: סאַווינקאָוו, דער געהילף־מיניסטער פאַר מיליטערישע ענינים, האָט אַרויסגעגעבן אַ געהיימע פאַראָרדנונג, אַז מען זאָל וואָס מער פאָליטישע עמיגראַנטן שיקן אין דער אַרמיי. אַף וויפיל מען קאָן זיך פאַרלאָזן אַף דער דאָזיקער אינפאָרמאַציע, ווייס איך ניט. איך באַדאַנק אָבער דעם פאַרוואַקסענעם מענטשל פאַר זיין עצה מיט נאָך אַ רובל, און ער דריקט מיר הכנעה'דיק בייּ דע הענט מיט די ווערטער: שטענדיק גרייט צו דינען.

איך קום אין מיליטער־פאַרוואַלטונג אַף גאָראָכאָווער גאַס מיט אַ האַלבער שעה פאַר'ן פאַרמאַכן זיך פון דער קאַנצעלאַריע. איך פרעג זיך נאָך אַף יאַטשמענקאָ'ן. אַנטקעגן גייט מיר אַרויס אַ ברייט־פלייציקער סאָלדאַט מיט אַ געשטופלטן געגאָלטן פנים. ער ווייסט שוין ווער איך בין, ווייל דער פאַרוואַקסענער מענטשל פון מיניסטעריום פאַר מיליטערישע ענינים האָט אים טעלעפאָנירט. ער ווייזט מיר אָן, אַז איך דאַרף זיך פריער ווענדן צום פאָלקאָווניק, בא וועמען איך בין שוין געוועזן, ווען איך האָב געדאַרפט קריגן אַ באַשטעטיקונג אַף מיין ערשטער „אָסטראָטשקע". דער פאָלקאָווניק איז שיכור'לאַך, ווי דעמאָלט. אַפּאַטיש שטעלט ער מיר אייניקע פראַגן, ווען איך דערלאַנג אים די „אָסטראָטשקע", איז מיך מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס. איך זאָג אים, אַז צום „פריזיוו" וועל איך זיך שטעלן אין באַברויסק. ער פאַרשרייבט דאָס, און הייסט מיר קומען מאָרגן פרי נאָך דעם נויטיקן דאָקומענט. מיט אַמאָל באַווייזט זיך יאַטשמענקאָ און זאָגט דעם פאָלקאָווניק, אַז אַזוי ווי ער האָט צייט, קען ער דעם דאָקומענט גלייך צוגרייטן, ווייל ווי ער פאַרשטייט, וואוין איך ווייט, איז צו וואָס

זאָל מען מיר לאָזן זיך שלעפּן מאָרגן נאָך אַמאָל? דער פּאָל־קאָווניק גיט באַדייטפול אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: ברודער, מיר פאַרשטייען זיך.

איך גיי אַריין מיט יאַטשמענקאָ'ן אין אַ צווייטן צימער און ער דערקלערט מיר, אַז דער עסק דאַרף מיר קאָסטן ניט ווייניקער ווי אַ צענערל, ווייל אַ העלפט דערפון דאַרף ער אָפּגעבן דעם פּאָלקאָווניק. ער קלאָגט זיך: שווערע צייטן, דער געהאַלט איז קליין, מוז מען האָבן אַ זייטיק פּאַרדינסטל, מען קען זיך ניט העלפן. אַזוי פירט עס קערענסקי די מלוכה. נו, און בא די באָלשעוויקעס וועט זיין בעסער? — פרעג איך. יאַטשמענקאָ קוקט אַף מיר מיט זיינע מוטנע אויגן, וואָס דריקן אויס הילפלאָזיקייט, און מורמלט אַרויס: אפשר, ערגער קען שוין ניט זיין. ער דערציילט מיר, אַז ער איז אַן אוקראַאינער, פון פּאָלטאַווער גובערניע. אין דער היים איז אַלץ דאָ. לאָזט מען אים אָבער ניט אָפּ. זיין טאַן איז אַן אויפריכטיקער. ער איז פאַר דער רעוואָלוציע מיט'ן גאַנצן האַרצן, הגם ער באַלאַנגט ניט צו קיין שום פּאַרטיי.

אַזוי ווי אין קאַנצעלאַריע איז שוין קיינער ניטאָ, רעדט זיך יאַטשמענקאָ מיט מיר ברייטלאַך פאַנאַנדער. מען פילט, אַז עפּעס ווייטיקט אים, נאָר ער קען זיין ווייטיק ניט קלאָר אויסדריקן. ווען איך גיב אים אַף אַ דעליקאַטן אופן אָנצוהערעניש, אַז ס'איז ניט שיין פאַר אַ מענטשן, וואָס איז פאַר דער רעוואָלוציע צו נעמען „לאַפּקע", פאַרענטפערט ער זיך, אַז אַלע טוען עס, גרעסערע שישקעס פון אים, איז פאַר וואָס זאָל ער זיין בעסער? אָט איז דער פּאָלקאָווניק, שוין אַ געבילדעטער, האַלט זיך פאַר אַ סאָציאַליסט, און אַ בעסטיע אַזאַ, נעמט פון אַלע אַ חלק. ניין, די רעוואָלוציע האָט אין דעם פּרט קיין זאַך ניט געענדערט, ס'איז געבליבן באַם אַלטן. ס'איז ניט קיין פאַרברעך צו האָבן אַ זייטיק פּאַרדינסטל, ווען דאָס געהאַלט קלעקט ניט אפילו אַף טרוקן ברויט. מען איז געצוואונגען דערצו. וואָלטן

די מיניסטארן מיט קערענסקי'ן בראש ניט אזוי פיל געפלאפלט, נאר טאקע געזארגט פאר'ן פאלק, וואלט אנדערש געווען.

יאטשמענקא אנטוויקלט זיינע געדאנקען שווער, מיט אנ־שטריינגונג, מען שפירט, אז ער האט א סך מער צו זאגן, נאר סען ניט געפינען די פאסיקע ווערטער: זיין צונג פלאנטערט זיך, זיין איינציקער טרוים איז אומקערן זיך אהיים אפ'ן אייגן שטיקל ערד, קלייבט ער א קאפיקע צו א קאפיקע, כדי זיך איינצואורד־נען אם בעסטן, ווען זיין טרוים וועט פארווירקלאכט ווערן. ער איז שוין אויסגעוועזן אף אלע פראנטן, נאר ארוים א גאנצער. אין מאסקווע איז ער פון דער רעוואלוציע אן, איז געשיקט גע־ווארן אין א דעלעגאציע פון זיין פאלק ארום דווינסק צום סא־וועט און ס'איז אים געלונגען דא צו פארבלייבן דורך א פרא־טעקציע.

מיט א סאפעריי פירט יאטשמענקא דאס פעדער איבער'ן פאפיר, צאצקעט די אותיות, צו צייגן ס'ארא שיינעם כתב ער האט. ווען ער ווערט פארטיק, דערלאנגט ער מיר ניט דעם דאָ־קומענט, כל־זמן איך גיב אים ניט דאס צענערל. ער ווינשט מיר צופרידן א גליקלאכע רייזע און באגלייט מיך ביז'ן טויער.

די זון באקט. א שטויב שטייט אף די גאסן אזש דער־שטיקט צו ווערן. קיינער באשפריצט ניט און רייניקט ניט די גאסן. אלץ איז איבערגעלאזט אף הפקר. אבי מען רעדט אן אויפהער וועגן ארדנונג.

ס'קומט מיר אוים פארבייגיין פעטערבורג־ווארשאווער וואק־זאל. ארום א מאסע מיליטער. אומעטום מענגעס מענטשן. אין די אויגן ווארפן זיך די גרויסע אפישן אף די ווענט פון דעם נייעם רעגירונג־באשטאנד, מיט צערעטעלי'ס אונטערשריפט, ווי פון אינערן־מיניסטער. שטארקע ווערטער, אז אומברחמנות'דיק וועט דערשטיקט ווערן יעדער פארראט צו דער רעוואלוציע סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס. די רעוואלוציאנערע מאכט איז אף דער וואך. מיט'ן צוטרוי און מיט דער הילף פון באפרייטן פאלק

וועט איר געלינגען צו פארניכטן די שונאים פון דער רעוואלוציע און באזארגן די באפעלקערונג מיט אלעם נויטיקן.

מען לייענט די אפישן און מען באציט זיך שפאטיש צו די שטארקע ווערטער. צווישן די פארזאמלטע הערט זיך: אף שיינע רייד זיינען זיי בריות.

איך פאראינטערעסיר זיך, צוליב וואס איז דאס אזוי פיל מיליטער און ציווילע מענטשן. מען דערקלערט מיר, אז דאס דערוואַרט מען קערענסקי'ן, וואס דארף אנקומען פון מאהילעוו פון „סטאווקע" (הויפט־מיליטערישע קווארטיר). צווישן מיליטער ווייען א סך רויטע פאנען. די מענגעס מענטשן זיינען פשוט נייגעריקע; די מערסטע פון זיי זיינען פרויען און קינדער, עלטערע מענער. יונגווארג כמעט גאר נים. ס'ארא נעבעכדיק אויסזען די מענגעס האבן. אפגעריסענע, ווי בעטלער, מיט אויסגעמוטשעטע פנים'ער. אין וואקזאל לאזט מען נים אריין.

אט דערהערט זיך: ער גייט!... דאס מיליטער שטעלט זיך אין ריי. הינטער זיי די ציווילע צושויער. ס'בילדעט זיך א לאנגער דורכגאנג. פון די טרעפ לאזט זיך אראפ א גרופע פון א צען אפיצירן, אזעלכע אויסגעבאליעטע, אויסגעפראנטעווטע, און פאראויס מארשירט קערענסקי אליין, מיט אן אויסגעשטעלטער ברוסט, אין א האלב־מיליטערישן האקי־קאסטיום, ווי מען זעט אים אף די פאטאגראפיעס: אין איין האנט האלט ער דאס היטל צונויפגעדרייט און מיט דער צווייטער סאלוטירט ער שמייכלענדיק. די סאלדאטן הויבן אויף די ביקסן און שרייען אוים: לעבן זאל דער פירער פון דער רעוואלוציע! אן ארקעסטער שפילט אויף די „מארסעליעזע". קערענסקי מיט זיין סוויטע גייען פאמעלאך, ווי זיי וואלטן וועלן, אז מען זאל זיי קענען בעסער אנקוקן. זיי נויגן זיך אין אלע זייטן. שטייענדיק אין מיטן פון לאנגן ארויסגאנג האב איך די געלעגנהייט צו באטראכטן קערענסקי'ן: זיין געזיכט איז בלאס, ווי נאך א שווערער קראנקהייט; זיינע אויגן קוקן פארווירט, מיט אן אומרואיק פייערל. אן עלטערע פרוי, פון אן אריסטאקראטיש אויסזען,

מיט גרויע האָר, צלמ'ט זיך: גאָט צו דאַנקען, זיי זיינען געקו־מען געזונט. מיט „זיי" מיינט זי דאָס מן הסתם קערענסקי'ן אַליין. אַף איר קוקנדיק צלמ'ען זיך אַנדערע צווישן די ציווילע. ווען קערענסקי מיט דער סוויטע צוזעצן זיך אַף די אויטאָמאָבילן, הילכט אָפּ אַרום אַ „הוראַ", און דאָס מיליטער גייט זיך פאַנאַנדער אין אַ מאַרש.

איך מיש זיך אוים צווישן עולם. קיין באַגייסטערונג באַמערק איך ניט בא קיינעם. אין איין רעדל גייט אָן אַן אַגי־טאַציע פאַר די באָלשעוויקעס. דער ראש המדברים איז אַ סאָל־דאַט מיט איין האַנט. ער טענה'ט צו זיינע צוהערער: נו, וואָס האָט אייך די רעוואָלוציע געגעבן? גאָר נישט מיט גאָר ניט. איר האָט פריער געהונגערט און הונגערט איצט. אָט אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיין בא דער מאַכט, וועלן זיי מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, צונעמען בא די בורזשויען און פריצים אַלץ און צעטיילן עס צווישן פאָלק. דעמאָלט וועט איר ניט דאַרפן זיך אַרומשלייען איבער די גאַסן מיט פוסטע מאַגנס, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אָן אַרבעט. דער ראש המדברים באַמערקט מיך און ווענדט זיך צו מיר: אָט איר זייט דאָך אַ געבילדעטער, פון אויסלאַנד געווים געקומען, דאָס זעט מען אָן אייערע קליידער. זאָגט, בין איך ניט גערעכט? דאָס רעדל באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. עמיץ רעדט אַרוים: עט, אַ בורזשוי, בא אים וועסטו דערגיין דעם אמת. זיי זיינען אין אַלץ שולדיק, זיי, די בורזשוען... אַ פייערל פון האַס צינדט זיך אָן אין פיל אויגן.

איך טראָג זיך באַצייטנס אָפּ.

פון דאַנען איז ניט ווייט די דירה פון צענטראַל־קאָמיטעט פונ'ם „בונד", כאַפּ איך זיך אַריין אַהין אַביסל אָפּרוען. איך דער־צייל די חברים פון מיינע דערפאַרונגען פאַר'ן טאָג. איך דריק אוים מיין פאַרוואונדערונג אַף דער שרעקלאַכער אומאָרנונג אין די קאַנצעלאַריעס, אַף דער סיסטעם פון „לאַפּקע"־געלט, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט. די חברים באַציען זיך אָבער צו דעם גלייכגיל־

טיק, פאר זיי איז עס קיין נייס ניט. יעדער פון זיי האט צו דערציילן א פאק מיט מעשיות וועגן זיינע דערפארונגען אין דעם פרט. אזוי ווי צו טאן איז ניטא וואס, גייט אוועק א סדרה אנעקדאטן וועגן דעם כאאס אין די רעגירונג־אנשטאלטן.

דערציילט א חבר, וואס איז געקומען פון ענגלאנד, אז בא אים האט מען צוגענומען אפ'ן גרענעץ א שרייב-מאשינקע מיט דער הבטחה, אז מען וועט עס אים אומקערן אין אויסערן-מיניס־טעריום. גייט ער שוין ארום דריי וואכן און האט זיך צו קיין זאך ניט דערשלאגן, הגם ער איז אנגעלאדן מיט פאראָרדנונגען פון דער „קאנטראזוועדקע", פון „סאוועט", אז מען זאל אים די שרייב־מאשינקע אומקערן. ענדלאך האט זיך שוין די מא־שינקע אפגעפונען, ער האט זי אליין געזען. איינער א טשי־נאווניק האט זיך אונטערגענומען פאר פינף רובל אים אומצו־קערן די מאשינקע. דער טשינאווניק האט די פינף רובל באקו־מען; אף מארגן האט ער דערקלערט, אז עס דארף קאסטן נאך א פינפערל. אויך דאס איז אים באוויליקט געווארן; האט ער אבער אף איבערמארגן חרטה געקראגן און וויל נאך א צענערל. דא האט שוין באם חבר געפלאצט דאס געדולד. ער איז אוועק אין „קאנטרראזוועדקע" מיט א קלאגע, האט אים א שרייבערל דערקלערט, אז כדי די קלאגע צו לאזן אין גאנג, מוז מען אונ־טערשמירן מיט א פינפערל.

ווי איך זע האט מיר נאך מיט מיין פאנטאן־פעדער אפגע־גליקט, און א באזונדער גליק האט מיך געכאפט היינטיקן טאג, ווען איך האב באוויזן זיך צו ספראווען פאר אזוי ביליק אי אין מיניסטעריום פאר מיליטערישע ענינים, אי אין מיליטער־פאר־וואלטונג, דערצו האב איך נאך געהאט די ערע בייצוזיין א ברוך־הבא פאר קערענסקי'ן אליין.

— און איר קלאגט זיך נאך! — מאכט מיר פארוואורף דער חבר פון ענגלאנד.

מען לאכט, נאר ס'איז א לאכן מיט יאשטשערקעס....

7

אַף אַן אָפּשייד-„ליאַמע“

ווירגילי איז אַפּ'ן זיבעטן הימל: מ'האָט אים באַוויליקט אַריינצוטרעטן פּרייוויליק אין דער אַרמיי. אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף ער אַוועקפאָרן אין סטאַראַיאַ רוססאַ, וואו ער וועט זיך אָנשליסן אָן אַ פּאָלק און אַוועקגיין אַפּ'ן שלאַכטפעלד פאַרזיכערן די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע, באַשיצן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע.

ווירגילי'ס פּאַטריאָטיזם ווערט אַ טעמע פאַר וויצן אַפילו צווישן די פאַרברענטע בונדישע „אבאראנצעס“. מער ווי אים קען ניט איינפאַלן אַזוינס. קאָנענדיק נאָענט ווירגילי'ן מיט זיינע משונה'דיקייטן, חידוש איך זיך ניט אַף זיין שריט. דאָס איז אַ מענטש פון עקסטרעמען: אַזוי ווי ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיט אַמאָל זאָל זיך דערוועקן אין אים דער הייסער חסיד און ער זאָל ווערן באַ זיין גאַנצן סאָציאַליזם רעליגיעז, אַזוי קען פּאַסירן, אַז ער זאָל פּלוצלונג ווערן פון אַ פּאַטריאָט אַ באָלשעוויק. אין דעם פּרט האָט ער זיך ווייניק געענדערט. אונטער דער סאָלידקייט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן פאַר די פיל יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, ברויזט אַלץ אין אים די אַמאָליקע עקסצענטרישקייט. געוועזן אַן אָריגינאַל און פאַרבליבן אַזאַ.

דער שאַרפזיניקער זאַסלאַווסקי רייצט זיך מיט ווירגילי'ן, אַז ער טויג אַף כּפּרות ווי אַ מלחמה-מענטש: אַ קורצזיכטיקער, וועט ער זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען ווי צו האַלטן אַ ביקס

אין האַנט און שיסן אין ציל. ווען די רוסישע אַרמיי זאָל האָבן אַ סך אַזעלכע קעמפער, וואָלט ווילהעלם שוין לאַנג געווען אין מאָסקווע. ס'איז פאַראַן אַ האָפנונג, אַז אין סטאַראיא רוסאַ זאָל מען ווירגילי'ן אויסבראַקירן, אויב ניט וועט דער „בונד" דאַרפן אַנגעבן אַ פּעטיציע, אַז מען זאָל ווירגילי'ן משלח זיין צוריק, ווייל ער קען נאָך מאַכן אַ שלעכטן שם אין דער אַרמיי די אידישע אַרבעטער.

ווירגילי'ן אַרט ניט, וואָס מען מאַכט חוזק פון אים. האָט ער עפּעס זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַן אידייע פיקס, וועט ער אַפילו ברעכן האַלז און נאַקן און דורכפירן דאָס זייניקע. וויפיל די חברים האָבן מיט אים ניט גע'טענה'ט, אַז זיין אַריינטרעטן פרייוויליק אין דער אַרמיי איז אין גרונט גענומען אַן אומזין, איז כאָטש רייד צו דער וואַנט. ניין, ער מוז אַזוי האַנדלען ווי אַ אידישער רעוואָלוציאָנער, כדי דערמיט צייגן אַ ביישפּיל די אידישע אַרבעטער, וואָס זיינען ניט געווען פּאַטריאָטיש און שאַצן ניט אָפּ די געוואַלדיקע באַדייטונג פאַר דער רעוואָלוציע פון אַ זיג איבער'ן דייטשן מיליטאַריזם.

אָף מיר און די איבעריקע חברים, אַריבערגעקומענע פון אויסלאַנד, וואָס האָבן ניט קיין חשק צו לאָזן זיך פאַרוואַנדלען אין קאַנאָנענפלייש, קוקט ווירגילי בייז. ווען איך דערצייל אים צוליב וואָס איך גרייט זיך צו פאָרן קיין באַברויסק, ווערט ער גוואַלדיק אויפגערעגט; ער וויל מיט מיר ניט ריידן. דאָס איז אַ פאַראַט צו דער רעוואָלוציע! — צוקאָכט ער זיך און זאָגט, אַז ער וועט מאַכן אַ סקאַנדאַל אין צענטראַל-קאָמיטעט פון'ם „בונד", וואָס אַזאַ זאַך ווערט דערלאָזט. אַרגומענטירן מיר ווירגילי'ן איז איבריק. קיין שום לאָגיק אַפּעלירט צו אים ניט. די חברים שמייכלען, צוקוקנדיק זיך צו זיין אויפגעבראַכטקייט. מען ווייסט, אַז דער כעס וועט באַ אים גיך אָפּגיין, און ער וועט ווידער זיין אַ האַרציקער חבר, וואָס מען מוז אַכטן און ליבן, ניט געקוקט אָף אַלע זיינע שגעונות.

לכבוד ווירגיליס אוועקגיין אין דער ארמיי ווערט אייג-
געאָרדנט א „ליאמע".

ס'קלייבט זיך צונויף א גרופע אַלטע אָנגעזעענע בונדישע טוער. די מערסטע האָבן אין דער צייט פון דער רעאקציע זיך דערווייטערט פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג; זיי- נען געוואָרן תקיפע לייט, מיט א שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, האָבן, ווי מען זאָגט אין אמעריקע, „זיך ארויפגעארבעט". אייי- ניקע האָבן זיך ווארים איינגעאָרדנט אין די מיליטעריש-אינ- דוסטריעלע קאָמיטעטן, אין זעמסטווע, אנדערע אין שטאָטישן שפייז-קאָמיטעט אָדער גאָר בא פריוואטע געשעפטן. איינער פון זיי איז חבר ניקאָלאַי, בא וועמען אין דירה די „ליאמע" קומט פאָר. א גאַנץ פיינע דירה, הלואי אף אַלע קבצנים גע- זאָגט געוואָרן. פון די אָנגעשטעלטע טישן מיט עסנווארג און געטראַנקען איז ניט צו זען, אז מען הונגערט אין פעטראָגראַד. באַלד כמעט ווי אף דער סעודה בא מיין אמאָליקן פריינט לייי- זעראָוויטש, דעם איצטיקן מלחמה-מיליאָנער. ניקאָלאַי'ס פרוי איז אף זומער-וואוינונג, און מען דארף זיך משער זיין, אז זי האָט מער באַקוועמלאַכקייטן, ווי ס'האָט אף איר זומער-וואוי- נונג די פרוי פון חבר דראַבקין, דעם פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי פון „בונד".

איך קוק אף די מערסטע פאַרזאַמלטע חברים, וואָס מיט אייניקע פון זיי איז אויסגעקומען צו ארבעטן צוזאַמען אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע: ס'ארא מין אונטערשייד פון דעמאָלט ביז היינט; זיי זיינען, דאכט זיך, ניט עלטער געוואָרן; איך באמערק בא קיינעם ניט קיין גרויע האָר, נאָר א רואיקייט, א זעלבסטצופרידנקייט, אפילו א זאַטקייט ליגט אויסגעגאָסן אף די פנימער. פון דעם ערשטן געשפרעך ווייזט זיך ארויס, אז איצטער איז אויך בא זיי די רעוואָלוציע א ביי- זאַך, א מין גירסא דינקותא. ס'איז מער ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, דארף מען שוין זיך ניט באהאַלטן, קען מען דערקאָנען חברים. עס וועיעט א פרעמדקייט. איך פאַרשטיי ליטוואַק'ן,

פאַרוואָס ער רעדט מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט וועגן די געוועזענע, וואָס האָבן זיך איצטער גענומען צושאַרן צו דער רעוואָלוציע, הגם ערשט ניט לאַנג האָבן זיי געווייכט פון אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט רעוואָלוציע, ווי אַ שד פון ווייװויך. אפילו אייניקע, וואָס האָבן מער אָדער ווייניקער אָנגעהאַלטן אין דער צייט פון דער רעאַקציע די אַלטע רעוואָלוציאָנערע פאַרבינדונגען, נאָר זיינען אַוועק אין פּערזענלאַך לעבן, קען מען ניט דערקאָנען.

אָט זיינען צוויי: דער אַמאָליקער באַוואוסטער עזרא און דער בריסקער ביילין. אויב עזרא האָט נאָך אַמאָל אין די יאָרן, ווען ער איז געוועזן אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער, געהאַט פראַנטישע אייגנשאַפטן און זיך געהאַלטן גאוה׳דיק מיט די טוער פון אַ נידריקערן ראַנג, איז ער איצט גאָר פאַררים. ער לאָזט אַף זיך אַ שפּרינקעלע ניט פאַלן, איז אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע און באַטראַכט זיך פאַר אַ גרויסן אויטאָריטעט, גיט צו פילן, אַז מיט זיינע מיינונגען מוז מען זיך רעכענען. ער לאָזט זיך אָבער דאָך דערקאָנען, ווייזט אַרוים אַ געוויסן אינטערעס צו אַן אַלטן חבר. אַנדערש איז מיט ביילינ׳ען; קיין גרויסע ראָל אין דער באַוועגונג האָט ער קיינמאָל ניט געשפּילט, איז געוועזן אַ מיטלמעסיקער טוער, ישיבה־בחור׳יש אין זיין גאַנג און זיינע מאַנירן. היינט הייסט ער לעאָניד פּעטראָוויטש און האָט אָנגעלאָזן אַף זיך אַזאַ אַריסטאָקראַטישקייט, וואָס ליגט הויפּטזאַכלאַך אין זיין באָרד, אַז איך דערקאָן אים ניט. פאַר דער צייט, וואָס איך בין אין פּעטראָגראַד, טרעף איך זיך מיט אים אָפט, און ער מאַכט זיך, ווי ער ווייסט ניט, ווער איך בין, הגם מיר זיינען אַמאָל געוועזן נאָענט, געזעסן צוזאַמען אין וואַרשעווער פעסטונג. איצט כטוב המלך ביין אַנטדעקט זיך ביילין פאַר מיר און כאַפּט זיך אפילו קושן....

פון די אינגערע איינגעלאַדענע חברים, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט פאַר די לעצטע יאָרן, שאַפּט אויך ניט קיין היימלאַכע אַטמאָספערע וולאַדימיר קאַנטראָוויטש; ער איז איינער

פון די אַנגעזעענע מיטאַרבעטער אין דער בלומרשט אומאָפּ־הייגגיקער רעכטער סאָציאַליסטישער רוסישער צייטונג „דיען“. מען זאָגט אַף אים, אַז ער איז אַ פּויאַיקער זשורנאַליסט, מיט אַ שאַרפער פען, זאַסלאַווסקי'ס אַ האַדעוואַניק. ווי ווייט איז ער אָבער פון זאַסלאַווסקי'ס פּשוט'קייט, באַשיידנקייט, האַרציקייט. זאַסלאַווסקי, איינער פון די גלענצנדיקסטע רוסישע זשורנאַ־ליסטן און פעליעטאָניסטן, בלאָזט ניט פון זיך. אַף קיין איין טאָג, ווען ער האָט דערגרייכט די גרעסטע באַרימטקייט אין דער רוסישער זשורנאַליסטישער וועלט, האָט זאַסלאַווסקי ניט פאַרלאָזן די באַוועגונג. שטענדיק און אַלע מאָל אַ טרייער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע; אפילו איצטער, ווען ער איז אין סאַמע רעכטן פליגל פונ'ם „בונד“ און פון די מענשעוויקעס, צווייפלט קיינער ניט אין זיין אויפריכטיקייט און אומאייגננוצי־קייט. אַלע ווייסן, אַז אַף זאַסלאַווסקי'ן האַלט זיך דער „דיען“. דאָך, ווען מען הערט זיך צו צו קאַנטראַוויטש'עס רייד, ווען מען קוקט זיך צו צו זיין האַלטונג, דאַכט זיך, אַז אַלע דאַרפן בא אים פּעטשערעם הייצן סיי אין הלכות זשורנאַליסטישער פּויאיקייט, סיי אין הלכות פּאָליטישער קלוגשאַפט. ער פּאַסט זיך עפּעס אַריין אין דער קאַמפּאַניע פון די געוועזענע, מיט זיין זעלבסטצופרידנקייט און זעלבסטזיכערקייט.

דער געשפּרעך שפּרינגט פון איין טעמע צו דער צווייטער. מען דערמאָנט די אַמאָליקע אומלעגאַלע יאָרן, מען דיסקוטירט די אויסזיכטן פון דער רעוואָלוציע. אַלע שילטן די באָלשעווי־קעס אין בייזן אַריין. ניטאָ קיין איינער, וואָס זאָל האָבן אַ גוט וואָרט פאַר זיי. קאַנטראָוויטש וויל אפילו מאַכן צו נישט טראָצקי'ן ווי אַ זשורנאַליסט, לעניג'ען, ווי אַ מאַרקסיסטישן דיינקער. דאָס קען שוין אויך ווירגיל ניט אַריבערטראָגן. אונטער דער ווירקונג פון אויסגעטרונקענעם ווערט ער בייסיק, שאַרף און עס רייסן זיך בא אים אַרויס עטלאַכע שפּילקעס אַף קערענסקי'ס חשבון. וואָס טראָצקי און לענין פאַרמאָגן אין

נאַגל, זאָגט ער, האָבן דאָס ניט קערענסקי, אַקסענטיעוו און טשערנאָוו אין קאָפּ.

— נו, און צערעטעלי? — גיט אַ פרעגט עזרא.

— אָט דאָס איז — רופט אויס פריילאַך ווירגילי — אַ יאַט מיט ביינער, פאַרשטייט אַן עסק. נאָר וואָס העלפט עס, אַז ער איז אַליין צווישן אַ חברה פראַנזנישיסער, ווי קערענסקי און קאָמפּאַניע? הלואי וואָלטן לענין און טראָצקי ניט גע־ווען אַזוי פאַרריקט, וואָלטן זיי עס נעבילדעט מיט צערעטעלי'ן שוין איינמאָל אַ דריילינג. מען שטויסט זיך אָן פון איי־ניקע באַמערקונגען, אַז פון די בונדישע שטאַטסלייט, ווי לי־בער און אבראַמאָוויטש, איז ווירגיל ניט שטאַרק אַנטציקט....

אויסהערנדיק ווירגילי'ס פאַרטיידיקונג פאַר לענינ'ען און טראָצקי'ן, גיב איך אַ זאָג:

— אָט אַזוי רעדט עס אַ פּאַטריאָט, וואָס גייט פרייוויי־ליק אין דער אַרמיי שלאָגן זיך פאַר'ן רעוואָלוציאָנערן פאָטער־לאַנד?

ווירגילי פילט זיך געטראָפן אין זיינע בעסטע געפילן. ער נעמט אַנטוויקלען די טעאָריע, פאַרוואָס ס'איז דער חוב פון יעדן רעוואָלוציאָנער גיין אין דער אַרמיי. דער דייטשער מילי־טאַריזם מוז צעשמעטערט ווערן. די אַנטאַנט מוז זיגן. עס וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעך פון דער ציטוויליסער רעגירונג, ווען זי זאָל ניט פאַרזעצן די מלחמה. די רעוואָ־לוציאָנערע דעמאָקראַטיע איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין זיג פון דער אַנטאַנט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס דער לעצטער יוני־אָנגריף פון דער רוסישער אַרמיי אַפ'ן גאַליציש פראָנט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע; די רוסישע אַרמיי וועט ווייזן וואָס זי קען, אויב נאָר ס'וועלן זיך אין איר אַריינ־ניסן פרישע רעוואָלוציאָנערע כוחות, וואָס זיינען גרייט באַ־וואוסטזיניק מקריב צו זיין זייער לעבן פאַר'ן באַפרייטן לאַנד.

די טעאָריע איז ניט קיין נייע, מען לייענט זי טאָג־טעגלאַך אין די קאַדעטישע, מענשעוויסטישע און עסערישע צייטונגען.

הגם אַלע דריי ריכטונגען גייען אַרויס פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן, דערריידן זיי זיך צו איין זאַך; אפילו דער אונטערשייד אין שטאַנדפּונקט ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגעווישט. אָט ברויכן שוין פּלעכאַנאָוו אין זיין „יעדינסטוואָ“ און מיליוקאָוו אין „רעטש“ כמעט איינע און די זעלביקע אַרגומענטן פאַר דער „גרויס־מלוכה'שקייט“ פון רוסלאַנד, וואָס זאָל זיך אויס־שפּרייטן אַזש איבער די דאַרדאַנעלן. ווירגילי חזרט איבער די טעאָריע מיט אַזאַ ברען, ווי ער וואָלט זי נאָר־וואָס אַנטדעקט.

קאַנטאָראָוויטש נעמט אַרויס די קאָרעקטור פון זיינעם אַן אַרטיקל, וואָס דאַרף אַריינגיין אין „דיען“. — דאָס איז וועגן דעם פאַרעפנטלאַכטן באַשולדיקונג־מאַטעריאַל קעגן די באָלשעוויקעס. ער לייענט פאַר מיט פּאַטאָס דעם אַרטיקל, וואָס איז אַ מין פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, פאַרוואָס די באָלשעוויקעס, מיט לענינ'ען און טראָצקי'ן בראָש, זיינען אַגענטן פון דייטשן גענעראַל־שטאַב און די ערגסטע שונאים פון דער רעוואָלוציע. ווירגילי האַקט אים איבער מיט אַנטריסטונג:

— עי, וולאַדימיר אַבראַמאָוויטש, שוין צו אייפעריק. איר דאַרפט זיך שעמען איבערצו'חזר'ן דעם שטות. וואָס־וואָס, לע־נין און טראָצקי זיינען משוגעים, ווילדע פאַנאַטיקער, נאָר ניין, בשום אופן ניט, איר הערט, קיין אַגענטן פון דייטשן גענעראַל־שטאַב. אַזאַ פּסיכאָלאָגיע, רחמנא לצלן, פּאַסט פאַר פּוריש־קעוויטש'ן.

— נו, און זייער פּאַקטישע גרייטקייט — גיט אַ בורטשע קאַנטאָראָוויטש — צו שליסן אַ סעפּעראַטן שלום מיט דייטש־לאַנד, הגם זיי זאָגן דאָס ניט אָפן? וואָס איז דאָס, אויב ניט אַ שטיק פּראָוואָקאַציע?

— אויב זיי זאָגן דאָס ניט אָפן — בייסט זיך ווירגיל — טאָ פון וואַנען ווייסט איר עס?

— וואָס הייסט פון וואַנען? האָט איר געלייענט דעם באַ־שולדיקונגס־אַקט? — פרעגט קאַנטאָראָוויטש.

ניקאָלאַי מישט זיך אַריין:

— קען רוסלאַנד פאַרזעצן די מלחמה? די אַנטאַנט וויל ניט וויסן פון פאַרענדיקן די מלחמה, קען זיך באַשאַפן אַ לאַגע, אַז דורך אַ סעפּעראַטן שלום מיט דייטשלאַנד זאָל מען די אַנ־טאַנט צווינגען צו ווערן נאָכגיביקער. די מעגלאַכקייט פון אַזאַ לאַגע האַלטן דאָך פאַר ניט אויסגעשלאָסן אויך די אינטערנאַ־ציאָנאַליסטן, מיט מאַרטאָוו'ן און אַבראַמאָוויטש'ן. דערמאָנט זיך אַבראַמאָוויטש'עס „ניט־געהאַלטענע רעדע“ אין „אַרבעטער־שטימע“.

— נו, איז ווי ווייט פון מאַרטאָוו'ן און אַבראַמאָוויטש'ן ביז די באָלשעוויקעס? זיינען זיי דען אויך ניט געפאָרן דורך דייטשלאַנד אין אַ פּלאָמבירטן וואַגאָן? — באַשטייט קאָנטראָ־וויטש.

—אַלץ געהערט, אַלץ געהערט, ליבינקער! — גייט אַרויס פון געדולד ווירגילי, און נעמט זינגען אַ חסידישן ניגון, שטורכנ־דיק מיר אין זייט: נו, לעבעדיקער, מיט התלהבות!

די איבריקע כאַפּן אונטער, און קאָנטראָוויטש פילט זיך ווי באַליידיקט.

ס'קומט צו גיין ראַפּעס. מען באַגעגנט אים מיט אַן אויס־געשריי: לעבן זאָל דער פאַרטרעטער פון דער „סאַמאָסטיינער“ אוקראַינע.

ראַפּעס ווערט פאַרווירט. זיינע געדיכטע ברעמען קאַרטשען זיך צונויף פון אַ דורכדרינגלאַכן שמייכל.

ניקאָלאַי פרעגט, וויפיל זעאונגען האָט שוין היינטיקן טאָג ראַפּעס געהאַט און וויפיל מאָל האָט ער שוין געקלונגען אין טע־לעפאָן. טאָמער האָט ער נאָך ניט דורכגעפירט זיין גאַנצע פּראָגראַם, איז פאַראַן אין הויז אַ טעלעפאָן.

ראַפּעס דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף טאַקע אָנקלינגען וויני־טשענקאָ'ן, מיט וועמען ער איז געקומען צו פאָרן פון קיעוו צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער צייטווייליקער רעגירונג וועגן דער אַנערקענונג פון דער „צענטראַלער ראַדע“.

מען שפּאַסט: ראַפּעס האָט שוין געדאַרפט האָבן אַ טע־לעפאָן אין קעשענע.

פאַר מיר איז ראַפּעס אַ נייע פּערזאָן. קוים וואָס איך גע־דיינק אים פון אמאָל. פון מיינע באַגעגענישן מיט אים פאַר די לעצטע עטלאַכע טעג אין פעטראָגראַד האָב איך אַרויסגע־טראָגן וועגן אים דעם איינדרוק, ווי פון זייער אַן ענערגישן מענטשן, וואָס רוט ניט, טראָגט זיך אַלץ אַרום מיט גרויסע פּלענער און פילט זיך אין פּאָליטיק, ווי אַ פיש אין וואַסער.

מיט ראַפּעס'עס אָנקומען ווערט עפּעס היימלאַכער. ער דערציילט, ווי עס גייען אָן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער ציטוויילישער רעגירונג וועגן דער אָנערקענונג פון דער „צענטראַ-לער ראַדע". לויט זיין מיינונג, איז די טאַקטיק פון „בונד" מיט'ן איינשטעלן זיך פאַר דער אויטאָנאָמיע פון אוקראַינע אַ ריכטיקע. דער וועג, וואָס אַף אים גייט די ציטווייליקע רע־גירונג, איז אַ גליטשיקער, ניט דער וועג פון אמת'ער דעמאָ־קראַטיע. דער „בונד" נאַרט זיך ניט אָפּ וועגן קליינבירגער-לאַכן כאַראַקטער פון דער גאַנצער אוקראַינישער באַוועגונג, האַלט ניט, אַז די סאָציאַליסטישע אוקראַינישע פּאַרטייען זיינען טאַקע אמת סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. עס וואָלט אָבער גע־ווען ניט מאַרקסיסטיש ניט צו שטיצן די באַוועגונג פון או-קראַינע פאַר אויטאָנאָמיע. צערעטעלי פאַרשטייט עס. דעריבער איז ער איינגעגאַנגען אַף אַן אויסגלייך מיט דער „צענטראַלער ראַדע", אָנערקענענדיק פאַר אוקראַינע טעריטאָריעלע אויטאָנאָ-מיע. די קאַדעטן האָבן אָבער צוליב דער אוקראַינישער פראַגע געבראַכט צו אַ מיניסטאָרן־קריזיס, און די רעגירונג וויל ניט וויסן פון קיין שום אויסגלייך, נאָר גרייט צו אַ חוזק'דיקע „אינ־סטרוקציע", וואָס מאַכט צונישט די אוקראַינישע אויטאָנאָמיע. ליידער, האָבן זיך אפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דערשראָקן פאַר'ן דרוק פון די קאַדעטן און זיך איינגעבעטן, אַז די קאַדעטן זאָלן צוריק אַריינטרעטן אין דער רעגירונג. צעדעטעלי באַגרייפט, אַז ס'איז פאַלש, נאָר ער טוט גאָר ניט, ווייל די קאָאַליציע פאַר־

בלענדט אים אויך. ראפעס דיינקט, אז פון די אונטערהאנד־לונגען מיט דער רעגירונג וועט קיין זאך ניט ארויסקומען, און די פארטיפונג פון קאמף מיט דער „צענטראלער ראדע“ דראט מיט א געפאר פאר דער רעוואלוציע.

קאנטראראוויטש, וועלנדיק ווייזן זיין פאליטישע קלוגשאפט, פארטיידיקט די שטעלונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג צום סכסוך מיט דער „צענטראלער ראדע“. ער דיינקט, אז די גאנצע מעשה מיט דער אוקראינישער אויטאנאמיע איז גאר ניט ווערט. פשוט, א פאר אוקראינישע אינטעליגענטן ווילן האבן א מלוכה פאר זיך, דרייען זיי א ספאדיק. צוליב די אמביציעס פון די פאר אוקראינישע אינטעליגענטן קען מען ניט מקריב זיין די אינטערעסן פון דער גאנצער רוסישער מלוכה, וואס מוז בלייבן אומצעטיילבאר און צוריקקריגן נאך דער רעוואלוציע דאס, וואס זי האט פארלארן אין דער מלחמה. אויב מען זאל נאכגעבן די אוקראינישע נאציאנאליסטן, דארף מען אויך נאכגעבן די נא־ציאנאליסטן פון עסטלאנד, ליטע, פינלאנד, קאווקאז, וואס האבן נאך ארגאניזירט דעמאנסטראציעס אין מערץ אין פעטראגראד צו־זאמען מיט די אוקראינער, פאדערנדיק אויטאנאמיע. דאס הייסט צעברעקלען די רוסלענדישע גרוים־מלוכה'שקייט, פאנאנ־דערבלאזן קינצלאך די נאציאנאלע אנטאגאניזמען. ניין, די רעוואלוציע קען ניט שיינקען קיין איין קאדעטישן מיניסטער פאר אלע אויטאנאמיעס צוזאמענגענומען.

ראפעס ווערט אויפגערעגט. ער גייט אריין אין זיין סטי־כיע פון א פאליטיקער און לאכט אויס קאנטראראוויטש'ן; ער ווייזט אן, אז קאנטראראוויטש פארשטייט ניט די עלעמענטארסטע אמת'ן פון דעם גאנג און די פאדערונגען פון דער רעוואלוציע. גראד מיט איר איינגעשפארטקייט, כדי איינ־צוהאלטן באם רודער פון מאכט די קאדעטן, בלאזט די צייט־ווייליקע רעגירונג פאנאנדער די נאציאנאלע אנטאגאניזמען, ווען זי וויל זיך ניט רעכענען מיט די אייגנטימלאכע באדערפענישן פון די פארשיידענע פעלקער. די באוועגונג אף אוקראינע, און אזא

מוז אויך זיין אין פינלאנד, עסטלאנד, ליטע און קאווקאז, אין א מאסן-באוועגונג און ניט פון א הייפעלע אינטעליגענטן, וואס ווילן מאכן שבת פאר זיך.

עזרא דיינקט, אז ראפעס מאכט א טעות. דער קאנפליקט מיט דער „צענטראלער ראדע" איז געווען בלויז א פארמעלער אויסרייד פאר די קאדעטן ארויסצוטרעטן פון דער רעגירונג. די אמת'ע סיבה איז אן אנדערע: די קאדעטן האבן שוין פאר־אויסגעזען די קאטאסטראפע אפ'ן פראנט, האבן זיי געוואלט מיט זייער אוועקגיין ארויפווארפן די פאראנטווארטלאכקייט פאר דער קאטאסטראפע אף די סאציאליסטישע מיניסטארן.

די לופט ווערט גאנץ היים. מיר איז דער ויכוח באזונדערס אינטערעסאנט, ווייל איך דערוויס זיך פון אים ווענן געשעענישן, וואס איך האב שוין פארשפעטיקט.

ווען די געמיטער ווערן אביסל בארואיקט, שילדערט פאר אונז ראפעס אייניקע כאראקטעריסטישע עפיזאדן פון די גע־שעענישן אף אוקראינע. ער שטעלט זיך אפ אף די אלגעמיין־אידישע צוזאמענפארן אין מאי חודש אין קיעוו און יעקאטע־רינאסלאוו, באזונדערס אפ'ן צוזאמענפאר אין קיעוו. ס'ארא מין קלעריקאלער חושך עס האט דארט געהערשט, ממש א שרעק. ס'איז נענוג דורכצוליייענען זאסלאווסקי'ס פראכטפולע בראשור „פארשוועכטע רייניקייטן", כדי זיך צו מאכן א באגריף ווענן דעם קאמף, וואס דער „בונד" האט געהאט אויסצושטיין אף דעם אידישן צוזאמענפאר אין קיעוו. עס זיינען געווען מאמענטן העכסט שפאנענדיקע. צוויי וועלטן זייגען געשטאנען איינע קעגן דער צווייטער אין א געראנגל, דאכט זיך, אף לעבן און טויט. די נאר־וואס אפגעהאלטענע אידישע פארקאנפערענץ אין פעט־ראגראד איז א שפילכל קעגן יענע צוזאמענפארן. פאקטיש הא־בען געזיגט די קלעריקאלן. אין דער אמת'ן האט אבער געזיגט דער פרעסטיזש פון „בונד", וואס האט באוויזן דער אידישער בור־זשואזיע, אז ער איז זייער א שווערער נוס צו צוקנאקן.

ווירגילי ראמט מיר איין א סוד, וואס אלע הערן, אז רא־

פעם רעדט מיט אזא באגייסטערונג וועגן אידישן צוזאמענפאר אין קיעוו, ווייל פון דעמאלט אן האט זיך אויפגעהויבן זיין פאפולערקייט פון א געשיקטן פאליטישן פירער, פון דעם קאפ פונ'ם „בונד“ אף אוקראינע.

ראפעס קארטשעט צונויף זיינע געדיכטע ברעמען און קוקט מיט א שמייכל אף ווירגילי'ן. ווירגילי שמייכלט אויך: — ווי איר האט ניט געהערט, מאיסעי גריגאראוויטש, אזוי זאל אייך ניט שאדן. זעצט פאר!

מען איז פאראינטערעסירט צו וויסן, וואס שטעלן מיט זיך פאר די אוקראינישע פירער. ראפעס האט וועגן זיי ניט קיין געהויבענע מיינונג: גאנץ באגרענעצטע מענטשעלאך, מיט קליינע פאליטישע השגות. דער פייאיקסטער צווישן זיי איז ווינישענקא. ער איז גאנץ קלוג, דורכגעטריבן, נאר קיין שטערן פון הימל כאפט ער ניט; דאך מער פאעט, ווי פאליטיקער. א מענטש מיט ארגאניזאטארישע פייאיקייטן איז, דאכט זיך, פעטלורע, נאר דערווייל ווייזט ער זיך וויניק ארויס. אפשר מיט דער צייט וועלן אויסוואקסן קרעפטן. איין זאך איז זיכער, אז סאציאליסטן זיינען די אוקראינישע טוער זייער שלעכטע. זיי זיינען שמאלע נאציאנאליסטן מיט אן אנגעבאפטער סאציאליסטישער פראזעאלאגיע.

ביסלאכווייז ווערט דער עולם מיד. דער איינציקער, וואס רוט ניט, איז ווירגילי. דרעמלט אימעצער איין, שנעלט ער אין נאז, זינגט אריין אין אויער. עס העלפט אבער ניט: דער נעשפרעך שעפט זיך אוים פון זיך אליין. נאך אלעמען קייט מען איבער איינס און דאס זעלביקע. וואו נעמט מען א נייע פריש ווארט?

ווען איך כאפ זיך אויף אף א גרויסן ווייכן פאטעל, איז שוין גרויסער טאג. די זון שפארט פון אלע זייטן, גיסט אן די גרויסע צימערן מיט בלענדנדיק ליכט. אפ'ן טיש זידט דער סאמאוואר. ס'מאניעט דאס אפגעקאכטע פעטע מילך מיט די ווייסע זעמל. גאר אפ'ן אלטע פאטריארכאלישן שטייגער. דער

בעל־שמחה אליין, ווירגילי, איז עפעס פארטראכט, אין אן אור־מעטיקער שטימונג. איז דאס דער קאצניאמער נאך דער באנאב־טיקער „ליאמע", אדער א רעזולטאט פון שווערע געדאנקען וועגן זיין „פאטריאטישער" טאט?

כ'קוק אף דעם ליבן חבר, וואס פארמאגט אין זיך אזוי פיל לעבן, אזוי פיל אריגינעלקייט. עס וואקסט אוים א פראגע: וואוהין גייט ער? וואס טרייבט אים צו לאזן זיך באוואוסט־זיניק פארוואנדלען אין קאנאנענפלייש? ווער ווייסט א צווייטנס נשמה? איך ווינש מיט'ן גאנצן הארצן, אז מען זאל אים אויסבראקירן. אפשר דרינגט ארוים דער וואונש דערפון, ווייל איך וויל זיך אליין פארענטפערן, בארואיקן דעם געוויסן, וואס איך זוך זיך ארויסצודרייען פון מיליטער־דינסט?

באם טיי־טרינקען מאך איך א שמועס וועגן דעם מיט ראַ־פעס'ן. ער באציט זיך אויך איראניש צו ווירגילי'ס טאט, זעט ניט איין אין איר קיין שום נויטווענדיקייט און לאגיק, טאקע ארויסגייענדיק פון די אינטערעסן פון דער רעוואלוציע, הגם ער איז אליין א הייסער „אבאראנעץ". צי איז מיין באשלוס א ריכטיקער? געווים. די פארטיי־ארבעט נויטיקט זיך אין אזעלכע, ווי איך, מער ווי די ארמיי. ער טיילט ניט אין דעם פרט די מיינונג פון ליבער'ן, וואס דיינקט, אז יעדער רעוואלוציאנער מוז גיין אף דער מלחמה. נאך אלעמען, ווי די מלחמה זאל זיך ניט ענדיקן, אפילו מיט א זיג פאר דער אנטאנט, אין וואס ער צווייפלט ניט, איז נאך א פראגע, צי די וועלט וועט ווערן זיכער פאר דעמאקראטיע און צי דער ארבעטער־קלאס וועט עפעס געווינען דערפון. ליידער האט ער, ראפעס, קיין צייט ניט מער צו פארשפרייטן זיך וועגן דעם. ער האט א וויכטיקע זעאונג. איך ווייז נאך ניט ארומקוקן זיך, ערשט ער קלינגט שוין אין טעלעפאן. ער זעגנט זיך מיט אונז אפ אין גרוים איילעניש און פארשווינדט.

אט אים איז מקנא צו זיין — באמערקט ווירגילי — שטענ־דיק פארנומען, פארשמייעט, גריבלט זיך ניט אין זיך, האט ניט קיין צייט פאר דעם. ווירגילי לייגט מיר ארויף א האנט אויף אן אקסל און נעמט אונטערברומען איינעם פון זיינע באליבטע חסידישע ניגונים....

8

אין פעטראָגראַדער שטאָט-דומע

כ׳דאַרף איבערגעבן אבראמאָוויטש׳ן אַן אַרטיקל פאַר דער „אַרבעטער-שטימע" וועגן די נייע ווינטן אין דער אויסלענדי־שער פּאָליטיק פון דער ציימווייליקער רעגירונג. אַבראַמאָוויטש מאַכט מיט מיר אָפּ, איך זאָל זיך מיט אים באַגעגענען אין אָוונט אין דער שטאָט־דומע, וואו ס׳דאַרף פאָרקומען אַ וויכטיקע, און ווי מען דערוואַרט, שטורמישע זיצונג.

אין דער שטאָט־דומע האָבן די סאָציאַליסטן די מערהייט. צוליב דעם סאַבאָטאַזש פון די קאַדעטן ווערט אָבער פּאַקטיש גאָרניט געטאָן פאַר דער שטאָט־ווירטשאַפט. די שפּייז־פראַגע ווערט אַלץ שאַרפער. די באַפעלקערונג הונגערט. מען רעדט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום זאָל פּעטראָגראַד בלייבן אָן באַלויכ־טונג. די ווינציקע צאָל טראַמווייען, וואָס זיינען אַזוי איבער־געפּאַקט, אַז ס׳איז אַ סכנה אויף זיי צו פאָרן, האַלט נאָך באַ פאַרקירצט ווערן אויף אַ דריטל. אַנשטאָט אָבער אָנצונעמען ענערגישע מיטלען צו פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע, גייען אַוועק זיצונגען נאָך זיצונגען פון דער שטאָט־דומע אין ווערטער־שלאַכטן. דער סאָוועט שרייט און ליאַרמט, אַז דאָס איז ניט דערלאָזבאַר. אין „איזוועסטיא" ווערן די קאַדעטישע ראַטמענער שטאַרק אַטאַ־קירט פאַר זייער סאַבאָטאַזש, נאָר קיין זאַך העלפט ניט: די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג.

ווען איך קום אין דומע איז שוין די זיצונג אין פולן גאַנג. אויף די הויכע טרעפּ באַם הויפּט־אַריינגאַנג אויף נעווסקי

פּראָספּעקט שטייען קופּקעס מענטשן, איבערהויפּט סאָלדאַטן, אַז זיי פֿאַרצאַמען דעם וועג. מען דאַרף זיך כּמעט מיט גוואַלד דורכשטופּן. די געביידע איז אַ גרויע, אָטעמט מיט אַלטער־טימלאַכקייט. ווען מען שטייט אויף די טרעפּ, זעט מען פֿאַר זיך אַ שטיק פּעטראָגראַד מיט די פּאַלאַצן, מיט די דיינקמעלער, מיט די קאַנאַלן, און ס'דוכט זיך, אַז אַלץ באָדט זיך אין דעם אָפּ־גלאַנץ פֿון דער נעווע און פֿון די בלישטשענדיקע קלויסטער־קופּאָלן. וואוהין דאָס אויג פֿאַלט נאָר, זעט מען נאָך אַלץ דעם צוויי־קעפּיקן אָדלער, דעם סימבאָל פֿון דער אַלטער אָרדנונג.

אַ סאָלדאַט, באַמערקנדיק, ווי איך באַטראַכט די אַרומיקע פּאַנאָראַמע, רופֿט זיך אָפּ: ניט קיין היגער, מסתמא. ער גיט מיר אייניקע דערקלערונגען, וואָס פֿאַר אַ פּאַלאַץ איז דער אָדער יענער, ווי הייסן די קלויסטערס מיט די בלישטשענדיקע קו־פּאָלן. ער זאָגט מיר, אַז אויף דער זיצונג איז ניטאָ וואָס זיך צו איילן; מען שאַרפֿט די צינגער, ניט מער, און דאָס פֿאָלק קראַפּירט. דאָך גייט ער מיט מיר אַריין אין דער גרויסער פֿאָיע, וואָס איז טונקל באַלויכטן פֿון אַ פּאָר קאַרגע עלעקטרישע לעמפּ־לאַך. ס'פּילט זיך דאָ אַ רחבות. אויף די ווענט בילדער פֿון פֿאַרשיידענע שטאָט־גאָלאָוואַס, אַלץ בכבוד'יקע לייט, באַהאַנגענע מיט צאַרישע מעדאַלן און אָרדנס — זעלטן ווער אָן אַ טיטל פֿון פֿירשט, גראַף, באַראָן; ווער קען געדיינקען זייערע נעמען? פּוסט איז בלויז די גאָלדענע ראַם אויף דער גאַנצער לייַנג פֿון דער פֿאָדערשטער וואַנט, וואו ס'איז געווען דאָס בילד פֿון צאַר ניקאָלאַי.

די פֿאָיע איז פֿול מיט עולם. קאָנטיק, די הייַנטיקע זיצונג האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטערעס. לעבן אַ לאַנגן טיש רינגלט אַרום אַ רעדל אַ מיטל־יאָריקן מאַן מיט שיטערלאַכער גרויקייט אין די האָר, אָנגעטאָן זייער נעט, אין אַ בלוילאַכן אַנצוג, אין אַ הויכן ווייס־פֿינקלדיקן קראַגן מיט אַ שוואַרצן האַלזטוך. זיין כאַראַקטעריסטישער פּנים פֿון אַ געלערנטן ציט צו אויפֿמערקזאַמקייט. הגם איך האָב אים קיינמאָל ניט גע־

זען, דערקאָן איך, לויט די פאַרשפּרייטע פאָטאָגראַפיעס, אַז דאָס איז מיליוקאָוו. ער האַלט זיך מיט'ן רעדל איינפאַך, ווי אַ גלייבער מיט גלייכע, און זעצט שאַרף אויס קעגן דעם, וואָס מען וויל אַרויפצווינגען אויף דער שטאָט-דומע אַ דעקלאַראַציע קעגן דער דערקלערונג פון אויסערן-מיניסטער טערעשטשענקאָ, אַז רוסלאַנד וועט בלייבן טריי צו דער אַנטאַנט און אירע צילן אין דער מלחמה. די שטאָט-דומע, טענה'ט מיליוקאָוו מיט אַ פּראָפעסאָרישן טאָן, האָט זיך ניט וואָס צו מישן אין דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. זאָל זי זיך בעסער פאַרנעמען מיט אירע ווירטשאַפטלאַכע פונקציעס.

—אייערע קאָלעגן — באַמערקט אים אַ אידישער יונגערמאַן מיט אַ בלאַס אינטעליגענט געזיכט — לאָזן דאָך ניט דער דומע פאַרנעמען זיך מיט ווירטשאַפטלאַכע פונקציעס.

דער יונגערמאַן איז אַ מענשעוויסטער ראַטמאַן. זעענדיק, אַז די אַרומיקע גיבן אים גערעכט, ווערט ער אַלץ דרייסטער, און ער רעכנט אויס אַ צעטל חטאים אויף די קאַדעטן אין סאַבאָטאַזש. זיינע ווערטער שניידן, ווי מיט מעסער'ס, הגם ער איז זייער פאָרזיכטיק אין אויסדרוקן.

מיליוקאָוו באַנוגנט זיך מיט אַ פּאָר סאַרקאַסטישע באַמערקונגען. נאָר דער עולם ווערט דערפון ניט נתפעל. מען פאַלט פאַר אים ניט אַראָפּ. דער סאָלדאַט, וואָס איך האָב באַגעגנט אויף די טרעפּ, זאָגט אַרויס גאַנץ הויך, ווען מיליוקאָוו גייט אַוועק אין זיצונג-זאַל: טאַקע אַ גרויסער מענטש, נאָר אַ הינטישער זון.

פון זיצונג-זאַל דערהערן זיך אַ שטאַרקע קלינגערייַ פון אַ גלעקל און אַ געמורמל פון אַ סך שטימען.

איך גיין אַריין אין זאַל. אַלע פּלעצער זיינען פאַרנומען. איך מאַטשע זיך ווי ס'איז איין שטייענדיק באַם אַריינגאַנג.

דער זאַל איז גרויס און הויך, נאָר געמיטלאַך, מיט אַ גוטער אַקוסטיק. יעדע וואָרט קלינגט אויף דייטלאַך.

אויף דער פּלאַטפאָרם שטייט אַן אויפגערעגטער דער שטאָט-

גאלאווא, דער אלטער עסער שריידער, מיט דער גרויער בארד, אין א ווייסן זומערדיקן אנצוג, און האלט אין איין קלינגען. נעבן דעם רעדנער־שטענדער שטייט רואיק א הויכער מאן, מיט שארפע קין־באקן, אנגעטאן ווי אן ארבעטער, און שמייכלט. א סך הענט רייסן זיך צו אים, צווישן זיי אויך די האנט פון א דיקלאכער דאמע. מיליוקאוו שטייט אין א באפעלערישער פאזע. דער טומל איז גרויס. פון די, וואס קאכן זיך און פארדערן צו לאזן דעם הויכן מאן פארזעצן זיין רעדע, איז אויך אבראמא־וויטש.

דער הויכער מאן איז א באלשעוויסטישער ראטמאן; זיין נאמען איז, דאכט זיך, קאבאזעוו. איך דערוויס זיך, אז ער האט זייער שארף אטאקירט די קאדעטן, אנרופנדיק זיי „שונאים פון פאלק“, פארדערן די קאדעטישע ראטמענער, צווישן זיי אויך די דיקע דאמע, אז ער זאל זיך אנטשולדיקן און צוריקציען זיינע ווערטער, ווען ניט זאל מען אים אויסשליסן, ווי א שטראף, פון דער זיצונג.

ווען ס'געלינגט שריידער'ן נאך גרויס מי איינצושטילן דעם טומל, דערקלערט דער באלשעוויסטישער ראטמאן, ווענדנדיק זיך צו די קאדעטישע ביינק:

— איר צווינגט מיך צוריקציען מיינע ווערטער. גוט, איך טו דאס. דערמיט וועט אבער דער שאנדפלעק פון אייערע מעשים ניט אפגעמעקט ווערן.

עס ווערט ווידער א טומל. שריידער קלינגט פון דאסניי. פון די סאציאליסטישע רייען פאדערט מען ארויסצופירן די דיק־לאכע דאמע, וואס האלט זיך גאר ניט, ווי עס פאסט אין אזא דעמאקראטישער פאלקס־פארטרעטונג, ווי די שטאט־דומע. עס ווירקט. שריידער זאגט עפעס שטיל דעם רעדנער. דער רעדנער גיט א מאך אומצופרידן מיט דער האנט און דונערט ארויס, ווענדנדיק זיך צו די קאדעטן:

— אייער אבסטרוקציע וועט ניט העלפן, סיידן איר וועט

טאָן מיט מיר, וואָס מיט די חברים טראָצקי, לונאַטשאַרסקי און אַנדערע.

פון די סאָציאַליסטישע רייען דערהערן זיך שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

דער רעדנער זעצט פאָר:

בירגער מיליוקאָוו, איר ווי אַ פּראָפעסאָר און שטאַטמאַן האָט אַנטוויקלט אַ טעאָריע, אַז די שטאָט־דומע האָט זיך ניט וואָס צו מישן אין דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. וויל איך אייך פרעגן: ווי לאַנג איז דאָס געווען, אַז איר האָט געוואָלט אָנצווינגען אַף דער שטאָט־דומע אַ דעקלאַראַציע פאַר אייער באַרימטער נאָטע צו די פאַרבינדעטע, וואָס האָט אייך געקאָסט אייער מיניסטער־פּאָרטפעל? דעמאָלט האָט זיך די שטאָט־דומע געמעגט מישן אין דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, איצטער ניט? דאָס לאַנד ווייסט, וואָס פאַר אַ בריה איר זייט אַף שאַפּן טעאָריעס, ווי ס׳לוינט פאַר דעם קלאַס פון בירזשעוויקעס, וואָס איר פאַרטרעט. ס׳געדיינקט זיך נאָך די צייט, ווען איר האָט די רויטע פאָן מיט פאַראַכטונג אָנגערופן „רויטע שמאַטע“. עס איז נאָך גאָר פריש אין זכרון אייער באַרימטער לאָזונג: „בעסער אַ מפּלה איידער אַ רעוואָלוציע“. איצטער האָט אייך דער זיגרייכער אויפשטאַנד פון פאָלק געמאַכט פאַר אויס אָפּאָזיציע פון זיין אימפּעראַטאָרישער מאַיעסטעט ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו, נאָר פאַר אַן אָנהייגנער פון רעוואָלוציע. מען דערקאָנט אָבער דעם וואָלף אויך אין אַ שעפּסענער פעל. אין נאָמען פון פאָלק, פון די מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס, אַף וועמען איר ווילט ווידער אַרויפצווינגען דעם צאַרישן טראָן, די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, אין נאָמען פון די, וואָס האָבן מיט זייער בלוט, מיט זייערע לעבנס געמאַכט אַ סוף צום צאַריזם, וואָרן איך אייך, אַז אויב איר וועט פּרוּווּן צו טראַמפּלען מיט די פיס די אויסגעקעמפטע פרייהייטן, וועט איר פליען אהין, וואוהין די ראָמאַנאָווס זיינען געפלויגן.

די דיקע דאַמע קוויטשעט אויס היסטעריש: דייטשער אַגענט!

דער רעדנער ענטפערט דערויף מיט פאַראַכטונג. קאַלט, ניט גערייצט זיך, נעמט ער שילדערן אַ בילד, ווי די רעוואָלוציע נייט בארג אראָפּ, ווי די קאָנטער־רעוואָלוציע מאָביליזירט אירע קרעפטן; אפ'ן פראָנט איז צוריק איינגעפירט טויט־שטראָף; די טורמעס זיינען פול מיט ארבעטער און סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוואַגט צו פאָדערן די דורכפירונג פון די אויסגעקעמפטע פריי־הייטן, דעם שנעלן צונויפרוף פון דער גרינדנוגס־פאַרזאַמלונג.

— וואָס איז מיט'ן יולי־אויפשטאַנד? — דערהערט זיך שוין פון די סאָציאַליסטישע רייען.

דער רעדנער ענטפערט, ווענדנדיק זיך אהין, פון וואַנען דער צווישנרוף קומט:

—איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אונזער פּאַרטיי, די באָלשע־וויסטישע פאַרטיי, איז געווען קעגן דעם אויפשטאַנד, זי האָט געוואָרנט די ארבעטער און סאָלדאַטן, אַז די ארויסטרעטונג איז נאָך פריצייטיק, זי האָט אָנגעווענדט אַלע מעגלאַכקייטן ניט צו דערלאָזן דעם אויפשטאַנד. ווען דער אויפשטאַנד איז אָבער אויסגעבראָכן סטיכיש קעגן אונזער ווילן, איז געווען אונזער חוב צו נעמען אים אין די הענט אריין און צוגעבן אים אַן אָרגאַניזירטן פרידלאַכן כאַראַקטער.

דער רעדנער קריטיקירט שאַרף די מענשעוויקעס און עס־ערן פאַר זייער פשרות־פּאָליטיק, פאַר זייער נאָכגיביקייט צו דער בורזשואַזיע, פאַר זייער פאַרברעכערישער באַציאונג צו דער שענדלאַכער העצע קעגן די באָלשעוויקעס, פאַר די אומגעהערטע רעפּרעסיעס קעגן די באָלשעוויקעס, פאַר דעם פּאָגראָם אָף דער רעדאַקציע פון „פּראַווּדאַ", פאַר דעם מאָרד פונ'ם ארבעטער וואָינאָוו, וואָס האָט פארקויפט „ליסטאָק פּראַווּדי". ער גיט אָנצוהערעניש, אַז די דאָקומענטן וועגן לעניג'ען, ווי וועגן וויל־העלמ'ס אַן אַגענט, האָט דער שפּיאָן פּראָפּאָרשטשיק יערמאָ־לענקאָ אפשר פאַבריצירט אין טאַווּרישן פּאַלאַץ גופא.

בא די ווערטער ברעכט אוים א שטורם. דא איז שוין א פאראייניקטער פראנט צווישן די קאדעטישע, מענשעווים־טישע און עסערישע ראטמענער. אימעצער ליארמט צום רעדנער:
— העי, אפשר וועט איר זיך דעררייזן, אז בא טשכעאידזע'ן אין קאבינעט?....

דער רעדנער שרייט אוים: אלץ איז מעגלאך!....

אונטער אלגעמיינע געשרייען מוז דער באלשעוויסטישער ראטמאן דאך אראפגיין פון דער טריבונע, ניט פארענדיקנדיק זיין רעדע.

דאס ווארט באקומט אבראמאוויטש. ער דיינקט, אז דער פריערדיקער רעדנער איז געווען ניט טאקטיש און האט אראפ־געפירט די פארהאנדלונגען פון דער הייגטיקער זיצונג פון ריכ־טיקן וועג. אין דעם רעדנער'ס ווערטער איז אבער דא א סך אמת און ער, אבראמאוויטש, פארשטייט טיילווייז זיין געמיט. געווים, דארף זיך די שטאט־דומע פארנעמען מיט ווירטשאפט־לאכע פונקציעס, דערויף דארף מען ניט זיין קיין פראפעסאר און אזא גרויסער שטאטסמאן, ווי מיליוקאוו, כדי דאס צו פאר־שטיין. ווער איז אבער שולדיק אין דעם, וואס די דומע פאר־נאכלעסיקט אזוי פאברעכעריש אירע פונקציעס, אז די שטאטישע ווירטשאפט איז איינגאנצן באנקראט, אויב ניט מיליוקאוו'ס פאר־טיי און די, וואס גייען מיט איר? ניט בלויז די ווירטשאפט פון פעטראגראד, נאר פונ'ם גאנצן לאנד. דאס זיינען די פרוכט פון דעם קאדעטישן סאבאטאזש אין אלרוסלענדישן מאסשטאב. די רעוואלוציע שטייט פאר אן אפגרונט. די קאנטער־רעוואלוציע האט אזוי פרעך אויפגעהויבן דעם קאפ, אז פון זייעדע נארעס קריכן ווידער ארוים די פורישקעוויטשעס, די שולגינס; די שווארצע פערטע גאסודארסטווענע דומע איז ניט אויפגעלייזט, נאר האלט אונטער איר קנאפל די ציטווייליקע רעגירונג און צווינגט צו טאנצן לויט איר פייפל אפילו די סאציאליסטישע מיניסטארן. אט אין אזא געפערלאכן מאמענט מוז די שטאט־

דומע פון פעטראָגראַד, ווי פון צענטער פון לאַנד, זאָגן איר וואָרט.

קיין קאָנקרעטע פּראָגראַם, וואָס צו טאָן ליגט אבראמאָוויטש ניט פאָר. ער איז אי מיט די באָלשעוויקעס, אי קעגן זיי. פאַלט אָף זיי אָן און פאַרטיידיקט זיי.

פון באָלשעוויסטישן סעקטאָר הערט זיך אָן איינגעהאַלטענער געלעכטער.

ס'טרעטן ארויס אנדערע רעדנער פון די מענשעוויקעס און עסערן; נאָר בא קיינעם פון זיי איז ניטאָ קיין פּאַטאָס. די ארגומענטן זיינען, ווי איינגע'חזר'טע. ס'דערעסט. דערצו איז גאַנץ היים.

כ'גיי ארויס אין פאיע. דאָרטן איז רוישיק. אין זיילן רויך שטייען קופּקעס און דיסקוטירן. ס'איז א מיש־מאַש פון שטימען, פון טעמעס, אָן א סדר, אָן א צענטראַלן פּאַדים. סאָלדאַטן גייען ארום פון איין קופּקע צו דער צווייטער, שטעלן צו אַן אויער און רוקן זיך אָפּ אנטוישטע.

כ'טרעף באַקאַנטע חברים. איינער זאָגט ארויס אין שפּאַס, אַז אין גרונט גענומען איז די שטאָט־דומע אַן איבריקע זאַך, ווייל זי פאַרנעמט זיך מיט אַלגעמיינע רייד, ווי דער שטאָטישער סאָוועט. חוץ דעם, זיינען גאָר היפּש ראַטמענער אויך פאַרטראָטן אין סאָוועט. דער אונטערשייד איז מער ניט, וואָס אין סאָוועט זיינען ניטאָ קיין קאַדעטן. דאַרף מען די קאַדעטן משלח זיין און צונויפגיסן די שטאָט-דומע מיט'ן סאָוועט, וועט מען פאַרשפּאָרן צו גיין אָף איבריקע זיצונגען און איבער'חזר'ן די זעלביקע רעדעס.

א שפּאַס, א שפּאַס, נאָר אזוי איז די לאַגע. פילט טאַקע די שטאָט-באַפעלקערונג אַלץ מער די רעזולטאַטן דערפון. עס ווערט ביסל קשה: צי קען די איבערוועגנדיקע מערהייט סאָציאַליסטישע ראַטמענער ניט גובר זיין דעם סאַבאָטאַזש פון דער פאַרהעלטניסמעסיק קליינער גרופּע קאַדעטן? ווען מען באַקאַנט זיך נעענטער מיט די פאַרהעלטנישן, ווערט אָבער קלאָר,

אַז די סאָציאַליסטישע מערהיים איז הילפלאָז, ווייל זי באַזיצט ניט קיין אַגרעסיווקייט און ציטערט אַלץ ניט צו צעשטערן די „נאַציאָנאַלע אייניקייט" פון דער רעוואָלוציע. דער היפּנאָז פון קאָאַליציע, פון אַ שותּפות'דיקער הערשאַפט פון אַלע קלאַסן אַף יעדן געביט פון מלוכה'שן און מוניציפּאַלן לעבן איז, רחמנא לצלן, אַ קראַנקהייט געוואָרן בא די מענשעוויקעס און עסערן. אָן קאָאַליציע רירט מען זיך ניט פון אָרט... קאָאַליציע איבער אַלץ...

חבר נאַכימסאָן־ספּעקטאַטאָר, וואָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, דערקלערט אונז דאָ, שטייענדיק אין פאַיע, דעם שאָדן, וואָס דער היפּנאָז פון קאָאַליציע ברייענגט. ער איז צופרידן וואָס אין „בונד" גופא, איז מען, אויסער ליבער'ן און דער קליינער צאָל פון זיין גלייכן, ניט פאַרהיפּנאָזירט פון קאָאַליציע. דאָס איז כאָטש אַ שטיקל טרייסט....

כ'באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט ,וואָס אַבראַמאָוויטש גייט אַרוים פון זיצונג־זאַל, און גיב אים איבער דעם אַרטיקל פאַר דער „אַרבעטער־שטימע".

מיך אינטערעסירט ניט, מיט וואָס וועט זיך ענדיקן די ווערטער־שלאַכט הינטער דער גרויסער מאַסיווער טיר; גיכער פון אַלץ מיט אַ פאַרזעצונג פאַר נאָך טעג, וואָכן, חדשים....

איך גיי אַרוים אַף נעווסקי פּראָספּעקט.

עס דאַכט זיך מיר, ווי איך בין אַריינגעפאַלן אַף בראָדוויי אין ניו יאָרק, בא „טיימס־סקווער", ווען מען גייט אַרוים פון די טעאַטערס. פול אויסגעפּוצטע הערן און דאַמען. די רעסטאָראַנען זיינען געפּאַקט; עס הילכן פון זיי אָפּ אין דרויסן די קלאַנגען פון מוזיק און שאַנסאָנעטן־געזאַנג. די ווייסע נאַכט, אויסגעמישט מיט דער עלעקטרישער באַלויכטונג, באַשאַפט די אילוזיע פון דער זעלביקער ליכטיקייט ווי אַף בראָדוויי. נישקשה, דער בורזשואַזיע פעלט גאָר ניט אויך אין אויסגעהונגערט צורואינירט לאַנד. פאַר דער בורזשואַזיע קלעקט אַף אַלץ. ס'אַרא מין קאָנטראַסט ס'זיינען צווישן אָט־דעם בלענדנדיקן לוקסוס די

אָפּגעריסענע פּאָלקס-מענטשן, וואָס באַדעקן די טראָטואַרן מיט'ן שאָלאַכץ פון „סעמעטשקעס“, מסתמא צוליב הונגער....

אָט גיי איך פאַרביי וויבאָרגער בריק בא דער נעווע. דאָ טראָגט זיך שטאָלץ אויף אַ שלאַנקן צעהיצטן פערד פעטער דער גרויסער; ער האַלט טריאומפאַליש אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט צו דער גרויסאַרטיקער געביידע פון אַדמיראַליטעט, ווי ער וואָלט אָנגעוויזן אויפ'ן פענסטער, וואָס ער האָט דורכגעבראָכן קיין אייראָפּע. דער ריזיקער דיינקמאַל שפּיגלט זיך אינ'ם ליכט, און זיין שאָטן פאַלט ווייט אַרום; אונטן בא זיין פעדעסטאַל זיצן בעטלער, מערסטע מלחמה־אינוואַלידן, און שטעלן אויף די פאַרבייגייער מיט אַ וויינענדיקער שטים, צלמ'ענדיק זיך: העלפט, ליבינקע, העלפט!... כ'באַמערק, אַז די דורכשפּאַצירנדיקע אויס־געפּוצטע הערן און דאַמען קוקן זיך אפילו ניט אום אויף די בעטלער. נאָר טאָמער גייט פאַרביי אַן אַרבעטער אָדער סאָל־דאַט, שלעפּט ער פון קעשענע צעקנייטשטע געלט־פּאַפּירלאַך און דערלאַנגט עס די אומגליקלאַכע מיט מיטגעפיל.

וואָס האָט זיך געענדערט? אפשר דאָס, וואָס די בעטלער שטערט קיינער ניט צו זיצן אונטן בא פעטער דעם גרויסנ'ס דיינקמאַל?

דער קאָפּ דרייט זיך. אַ מידקייט נאָיעט אין גאַנצן קער־פּער. כאָטש שפּאַר זיך אויך אָן אַן דיינקמאַל. האָט אַ איד דערוואַרט אַמאָל אַזאַ פּריווילעגיע?

מען שפּאַנט אָבער איין די פיס און מען גייט ווייטער. ביז באַגינען וועט מען דערקריכן אַהיים און נאָך קענען פאַרכאַפּן אַן „אָטשערעד“ נאָך אַ האַלבן פונט ברויט....

9

א רעוואָלוציאָנער — אַ למדן־וואָניק

איך באַגעגען צופעליק אַפּ'ן גאַס מיין שוועסטער־קינד יאָסיף סאָלאָמאָנאָוויטש אַנטאָקאָלסקי; דאָס איז אַן אַלטער סאָציאַלדעמאָקראַט, אַ העכסט־געבילדעטער מענטש, מיט אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. ער שטעלט זיך אָפּ, אַז ער וואוינט ניט ווייט פון אונז. אַן אַנגענעמער סיורפּריז.

כ'האָב אַלעמאָל געהאַט ווען אַנטאָקאָלסקי'ן די פאָרשטעלונג ווי וועגן אַ הייליקן. ווען איך בין נאָך געווען אַ אינגל, איז זיין נאָמען געווען פאַר מיר אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל. בשעת ער איז, ווי אַ סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, פאַרשיקט געוואָרן אַף פינף יאָר קיין סיביר, האָט מען אין אונזער משפחה ניט געטאָרט וועגן אים הויך ריידן. דאָס האָט אַרויסגערופן באַ מיר אַ באַזונדערע נייגעריקייט צו אים. די געשיכטע פון פאַרשיקן אים קיין סיביר „פאַר ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קייזער", ווי מען פלעגט זיך שושקען מיט פורכט צווישן זיך, האָט שטאַרק גערייצט מיין פאַנטאַזיע. ווען איך האָב פאַרלאָזן מיין שטעטל און בין אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע שטודירן, פלעגן די עלטערן אין יעדן בריוו מיר דערמאָנען: זע, מאַך זיך ניט און אונז אומגליקלאַך און גיי ניט אין יאָסל'ס דרכים. דאָס זעלביקע פלעגט אייג'טענה'ן מיט מיר מיין שוועסטער אין וואַרשע.

ווען אַנטאָקאָלסקי איז געקומען צוריק פון סיביר, האָב איך שוין געהאַט אָנגעהויבן צו גיין אין זיינע דרכים. מיינע ערשטע

באַגעגענישן מיט אים האָבן אינגאַנצן באַשטימט מיין לעבנס־וועג. זיין גרויסע ערודיציע, זיין האַרציקייט האָבן מיך גע־פאַנגען. פאַרברייינגען מיט אים אַן אָוונט צוזאַמען איז געווען דער גרעסטער גייסטיקער פאַרגעניגן. אַ קענער פון שפּראַכן, באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, מיט זשורנאַליסטישע פיי־איקייטן, אַ טיפער מאַרקסיסט, אַ גלענצנדיקער מאַטעמאַטיקער, וואָלט ער געקענט שפּילן אַ גרויסע ראָל. נאָר צוליב זיין באַ־שיידנהייט, צוליב זיין שטילן כאַראַקטער האָט ער זיך ניט גע־שטופּט אויבנאָן. דערצו האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעלייגט זיין פּערזענלאַך פאַמיליע־לעבן, אַז ער איז געווען באַלאָדן מיט זאָרג פאַר עקזיסטענץ. דאָס האָט נאָכמער געווירקט, אַז ער זאָל פאַרבלייבן אין שאָטן. מיט יעדן חוש פון זיין נשמה האָט ער אָבער געלעבט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און זיין אידעאַליזם איז געווען צו באַוואונדערן. ס'איז אין אים באמת געווען עפּעס הייליקס. זיין באַציאונג צו אַלץ האָט געאָטעמט מיט אַ זעלטענער מאָראַלישער ריינקייט, אַזוי אין זיין ליבע, אַזוי אין זיין האַס. אַ רעוואָלוציאָנער — אַ למד'וואָווניק.

די, וואָס האָבן אַנטאָקאָלסקי'ן געקאָנט פון וויטן, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „טשודאַק", פאַר אַ שלימזל, פאַר איי־נעם, וואָס קען אַ קאַץ אַן עק ניט פאַרבינדן. אין די נאָענטע קרייזן האָט מען אים אָבער גוואַלדיק געאַכט און מ'האָט באַדוי־ערט, וואָס אַזאַ גלענצנדיקער מענטש פאַרנעמט ניט אין דער באַוועגונג דעם אָרט, וואָס אים קומט. אין אַמאָליקע יאָרן, אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע, האָט אַנטאָקאָלסקי בשום אופן ניט געוואָלט זיין קיין פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוצי־אָנער, לעבן אַף דעם חשבון פון דער באַוועגונג. פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט פּריוואַטע לעקציעס אין מאַטעמאַטיק און שפּראַכן און זיין יעדע פרייע מינוט אָפּגעגעבן צו שטודירן מיט אַרבע־טער מאַרקסיזם. איצטער, נאָכ'ן פאַלן פון צאַריזם, האָט ער גע־האַט אַלע שאַנסן, אַ דאַנק זיין נאָענטסטער פריינטשאַפט מיט די אָנגעזעענסטע רעוואָלוציאָנערע טוער, צו מאַכן זיך אַ גרויסע

קאריערע, ווי א געלערטער; האָט ער אָבער בעסער אָנגענומען דעם באשיידענעם אמט פון א סטאטיסטיקער אין דער אייזנבאַן־פאַרוואַלטונג.

בא אונזער איצטיקער באגעגעניש האָב איך זיך געוואונדערט, וואָס אנטאָקאָלסקי איז ווידער פאַרבליבן אין שאָטן. ווען מיר האָבן זיך פאנאנדערגערעדט איז פאר מיר קלאָר געוואָרן, אַז ווי אַן אַלטן איבערצייגטן באָלשעוויק זיינען אים ניט שטאַרק צום הארצן די עקזיסטירנדיקע פּראָגנדקעס און ער וויל אַף זיך ניט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלאכקייט. איך האָב אַזא שטעלונג אויסגעטייטשט ווי סאָבאָטאַזש; ער האָט מיר אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט ריכטיק: ס'איז אים פּשוט דערווידער די גאַנצע שפּיל אין דעמאָקראַטיע. ווי קען מען נעמען אַף זיך פאַראַנטוואָרטלאכקייט פאר א רעזשים, וואָס העצט קעגן לעניג'ען, ווי קעגן ווילהעלמ'ס אַן אַגענט, וואָס וואַרפט אין די טורמעס טראָצקי'ן און לונאַטשאַרסקי'ן, וואָס זעצט פאָר די שענדלאכע מלחמה, וואָס נאַרט די פאָלקס־מאַסן אַף יעדן טריט און שריט ? דער רואיקער, איינגעהאַלטענער אַנ־טאָקאָלסקי האָט גערעדט אויפגערעגט, מיט פייער, מיט וויי־טיק. ווי א מענשעוויק, האָב איך ניט געקענט מסכים זיין מיט אים און אים גאַנץ שאַרף דערווידערט; נאָר זיין האַרציקייט און אויפריכטיקייט האָבן דאָך געמאַכט אַף מיר אַן איינדרוק.

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב אנטאָקאָלסקי'ן ניט געזען, האָט די עלטער ארויפגעלייגט אַף אים א שטאַרקן שטעמפּל. ער איז געוואָרן אינגאַנצן גרוי. די גרויקייט האָט אָבער נאָך מער אויסגעטיילט דעם יונגטלאכן פייער אין זיינע גוטע פאַר מרה־שחורה'טע אויגן, געמאַכט זיין שמייכל צאַרטער, ווייכער, זיין שטים זאַפטער.

מיין זונעלע קלעפּט זיך גלייך צו צו אנטאָקאָלסקי'ן.

אנטאָקאָלסקי'ס יעדער באַזוך טראָגט אריין ליכטיקייט. ווען ער שפּילט זיך מיט מיין זונעלע, דערציילט אים מעשה'לאך, דאַכט זיך, אַז ער איז אליין א קינד, אזוי דרינגט ער אריין אין

דעם קינד'ס נשמה און גיסט זיך צונויף מיט זיין פסיכאָלאָגיע; מ'זעט באַשיינפּערלאך, אז ס'גייט אין אים פארלאָרן א פייאיקער פּעדאַגאָג. ס'ווערט א באַדערפעניש בא מיר און מיין פאַמיליע צו טרעפן זיך מיט אַנטאָקאָלסקי'ן אַלע טאָג, און ווען עס פּאַסירט, אז ער קען ניט קומען צו אונז אָדער מיר קענען ניט קומען צו אים, בייַנקט מיין זונעלע.

ניט געקוקט אַף דער שווערער צייט, איז אַנטאָקאָלסקי שטענדיק אויפגעלייגט, האָפערדיק, אפילו ווען ער און זיין פאַמיליע ליידן די גרעסטע נויט. הגם ער איז אַן אַלטער תושב אין פּעטראָגראַד, וואוינט ער אין אַן ענגער דירה מיט זיין פרוי און צוויי קינדער. דער דלות פייפט אין אַלע ווינקלען. נאָר ער קלאָגט זיך קיינמאָל ניט, נעמט אַן אַלץ פאר גוט, איז פול מיט גלויבן אין בעסערע טעג. דאָס ווינציקע, וואָס ער האָט, איז ער גרייט צו טיילן זיך מיט אַנדערע. שיקן אַמאָל צו זיינע פרוי'ס קרובים פון באָברויסק וויים בולקע אָדער אַנדערע זאכן, וואָס זיינען א יקר המציאות אין פּעטראָגראַד, ווערן זיי גלייך צעטיילט צווישן די נאָענטע פריינט. מיט וואָס פאר א שמחה, נאָך א שווערן טאָג ארבעט, שלעפּנדיק זיך וויאָרסט־לאַנג צופוס אהיים, ברענגט ער פאר מיין זונעלע עפּעס א גוטע זאַך. עס איז ממש רירנדיק.

ווען ס'ווערט קראַנק חבר קובילאַנסקי, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַגעגנט אַפ'ן וועג פון סטאָקהאָלם, גיט אים אַנטאָקאָלסקי אַף דעם בעסטן צימער, באַנוגנדיק זיך פאר זיך מיט דער פאַמיליע מיט איין צימער און א פינסטערער קיך. קובילאַנסקי איז זיינער אַן אַלטער פריינט, גייט אַנטאָקאָלסקי ארום ארום אים, ווי א טרייע באַרימהארציקע שוועסטער, און ס'איז קיין גרעניץ ניטאָ צו זיין גליִק, ווען קובילאַנסקי בעסערט זיך.

אַנטאָקאָלסקי פארשטייט אונזער פּעסימיזם וועגן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע, אונזער אַנטוישונג נאָך דעם אַלעם, וואָס ס'קומט אונז אוים איבערצולעבן. ער פילט אונז מיט, נאָר

ער איז בײַ דער מיינונג, אַז די שטימונג אונזערע נעמט זיך פון אונזער מענשעוויזם. בײַ די איצטיקע פאַרהעלטנישן מוז די רעוואָלוציע גיין בּאַרג אַראָפּ. אַנדערש קען עס ניט זיין. דערצו האָט דערפירט די פּשרה־פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס און עסערן; די דאָזיקע קליינבירגערלאַכע סאָציאַליסטן ווילן פאַראייניקן פייער מיט וואַסער, איינהאַלטן בײַ דער מאַכט אי די בורזשואַזיע, אי די האָרעפּאַשנע מאַסן, באַקומט זיך אָט וואָס: די בורזשואַזיע האָט טאַקע די מאַכט און די האָרעפּאַשנע מאַסן ליגן אונטער איר קנאַפּל.

וואָס איז געוואָרן— רעדט אַנטאָקאָלסקי — פון די סאָוועטן מיט זייער קאָנטראָלירנדיקער ראָל? אַ צוגאָב פּאַקטיש צו דער שוואַרצער פערטער גאָסודאַרסטווענער דומע. ניט בלויז רעכנט זיך ניט די ציטווייליקע רעגירונג מיט די סאָוועטן, נאָר אַפילו קערענסקי, כּדי זיך איינצוקויפן אין חן בײַ דער בורזשואַזיע, האַלט די סאָוועטן פאַר אַן אָנשיקעניש און רעדט וועגן זייער פאַרניכטונג. די סאָוועטן האָבן פאַרלאָרן יעדע זעלבסטשטענדיקייט, נאָר שלעפּן זיך אין עק פון דער בורזשואַזיע. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז קערענסקי, וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער עסערישער פּאַרטיי פאַר ברעכן איירע באַשלוסן, ווערט אין אַלץ געשטיצט פון די זעלבע עסערן ווי דער הויפּט פון אַ רעגירונג, וואָס גייט אַלץ דייטלאַכער אויפ'ן וועג פון קאָנטער־רעוואָלוציע. אַזוי אויך די מענשעוויקעס. נאָך מער, די זעלבע עסערן און מענשעוויקעס האָבן זייערע אייגענע מיניסטאָרן אין דער רעגירונג.

— וואָס איז געוואָרן — טענה'ט אַריין אַנטאָקאָלסקי — פון דעם באַרימטן רוף פון סאָוועט „צו די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט” צו פאַרענדיקן גלייך די מלחמה און שליסן אַ דעמאָקראַטישן שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, אויף דעם גרונט פון דער פולסטער זעלבסטבאַשטימונג פאַר יעדן פאָלק? וואָס? מען האָט דעם דאָזיקן רוף באַגראָבן אין די אַרכיוון. אָנשטאָט צו אַרבעטן פאַר מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, האָט

מען געאַרבעט פאַר קערענסקי'ס אַוואַנטיורע פון אומזיניקן אָנגריף אַפ'ן גאַליצישן פראָנט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אידישע פּאָגראָמען. איצטער שווערט דער סאָוועט טרייהייט און איבערגעבנהייט צו די אַנטאַנט־אימפּעריאַליסטן און צו זייער רויבערישע מלחמה־ציִלן. צערעטעלי שטימט פאַר איינפירן טויט־שטראָף אין דער אַרמיי. קערענסקי קושט זיך מיט'ן גענעראַל אַלעקסעיעוו, וואָס האָט ערשט אין מערץ געדראָט מיט פעלד־געריכט די „רעוואָלוציאָנערע באַנדעס", וואָס זיינען געפאָרן פון פּעטראָגראַד; קערענסקי ווייזט אַרויס אַזאַ פּאָטערלאַכקייט צום אַרעסטירטן צאַר. טשעכעאידזע, דאַן, ליבער, גאָץ גיבן זייער בדכה אַף דער קרייץ־צוג קעגן די באָלשעוויקעס.

וואָס קומט אַרויס פון דער שטאַרקער מאַכט, אדרבא, זאָג, — פאָדערט אַנטאָקאָלסקי פון מיר — אָט וואָס: קיין זאַך רירט זיך ניט פון טויטנפּונקט; קיין איין רעפאָרמע איז ניט דורכגעפירט; קיין רעפּובליק איז ניט פּראָקלאַמירט; די ערד איז נאָך אַלץ בא די פּריצים, דעם צונויפרוף פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג שטופּט מען אָפּ אַלץ אַף ווייטער און ווייטער; די אַרבעטער האָבן אפילו ניט קיין טיילווייזן קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע; ניטאָ קיין וואונק אַפ'ן געזעץ פון אַן אַכט־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג, אַף אַנדערע אַרבעטער־שוץ־געזעצן. אַלץ איז רואינירט. די אַרבעטסלאָזיקייט נעמט אָן די דראָ־ענדיקסטע פאָרמען. די פאַבריקאַנטן דערקלערן לאַקאַוט נאָך לאַקאַוט. דער גאַנצער רעגירונגס־אַפּאַראַט סקריפּעט. אָן שוחד איז ניט פון אָרט אין דער קלענסטער מלוכה־קאַנצעלאַריע. די מאָנאַרכיסטן אָרגאַניזירן זיך אָפן, האָבן באַנייט און פאַרפעס־טיקט זייער פּרעסע, בשעת מען פאַרמאַכט די באָלשעוויסטישע פּרעסע און מען פּאָגראָמירט זי. לייענסטו אַמאָל פּורישקע־וויטש'עס „נאַראָדני טריבון"? לייען, וועסט קלייבן נחת.

— געוויס — נעמט מיך אָן אַנטאָקאָלסקי פאַר א האַנט — איז זיך ניטאָ וואָס צו פילן יום־טוב'דיס פון אַזאַ לאַגע, ווען מען איז געפלויגן אַזש פון אַמעריקע צו געניסן די פרוכט פון

דער נייער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע און מען האָט דער־זען פאַר זיך אַן אָפּגרונט, פון וואַנען מען פּילט זיך הילפּ־לאָז אַרויסצוקריכן.

איך זאָג צו אַנטאָקאָלסקי'ן:

— גוט, דאָס איז שוין אַלץ קיין נייס ניט. וואו איז אָבער דער אויסוועג?

אַנטאָקאָלסקי ווערט בייסיק און אומגעדולדיק, וואָס איז עפּעס גאָרניט ענלאַך צו אים, צו זיין טאָלעראַנץ:

— ווען מען איז אַזוי איינגעגלויבט אין דער קלוגשאַפט פון מענשעוויזם, איז דער אויסוועג, מיין טייערער, איינער: אין רעסטאַווראַציע, אין בריינגען אָפּ'ן טראָן, אויב ניט מיכאיל ראָ־מאַנאָוו'ן, איז זיין פעטערל ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. ס'געפעלט דיר ניט, האַ? דאָס מוז אָבער זיין דער רעזולטאַט פון צע־רעטעלי'ס שטאַטמאַנשאַפט, מיט זיין הייליקער קאָאַליציע.

,— נו, וואָס אַנדערש? — פרעג איך.

— אַנטאָקאָלסקי לאַכט זיך הילכיק פאַנאַנדער מיט זיין קלאָרן געלעכטער, אַז ער שטעקט אָן מיין זונעלע.

— וואָס לאַכסטו, אָנקל, פון פאַ? — פרעגט דאָס קינד. אַנטאָקאָלסקי נעמט אים אַף די קני, גלעט אים איבער קעפּל, און רעדט:

— יאָ, פון פּאַפּאַ'ן לאַך איך.

דאָס קינד פאַרשטעלט אים מיט רוגזה דאָס מויל: דו ביסט היינט אַ שלעכטער, אָנקל, רעדסט רק, רעדסט אַזוי מאָדנע. כ'וויל ניט, זאָלסט לאַכן פון פּאַ.

ס'דערהערט זיך אַ גערויש אין דער לופטן. מיר גיבן אַ קוק דורך דער ווערענדע. אַזוי ווי ווייסע פיש שווימען דריי עראָפּלאַנען אונטער'ן בלויען הימל, מאַכנדיק קונצן.

— אַף דעם קלעקט, — ווייזט אָן אַנטאָקאָלסקי — דאָ ניט ווייט איז זייער דעפּאָ. ניט לאַנג צוריק איז אַהין געקומען קע־רענסקי אַף אַ פּאַראַד פון דעם פרויען־באַטאַליאָן. עס האָבן זיך געטאָן מעשים. די מיליטעריש־געקליידטע אַריסטאָקראַטישע

„סאַנינשע“ מיידלאַך און ווייבלאַך זוכן צוליב איבערזעטיקייט שטאַרקע איבערלעבונגען אין ברודער־מאָרד; האָבן זיי געדירט מיט זייער פּאַטריאָטיזם דעם סאָציאַליסטישן פּרעמיער ביז טרע־רען. זיי האָבן אים געגעבן אַ שבועה טריי צו דינען דעם פאָטער־לאַנד און ניט ארויסלאָזן די וואָפן פון די הענט, ביז די מלחמה וועט זיך ניט פאַרענדיקן מיט אַ זיגרייכן סוף פאַר די פאַרבינדע־טע. דער פּרעמיער האָט אָנגעוויזן אַף די ארומפליענדיקע עראָ־פּלאַנען לכבוד'ן פּאַראַד, אַז אין זיי ליגט די צוקונפט פון באַפריי־טען רוסלאַנד. ווען מיר האָבן אַ גרויסן לופט־פלאָט, וועט רוס־לאַנד'ס זיכערקייט זיין געשיצט. די רעוואָלוציע עפנט די פולסטע מעגלאַכקייט צו שאַפן אזא פלאָט. באַגריסט קע־רענסקי די פּאַראַדנע עראָפּלאַנען מיט זייערע בראַווע פליער, ווי אַ סימבאָל פון דער שטאַרקייט און גרויס־מלוכה'שקייט פון באַפרייטן פאָטערלאַנד; די פּאַטריאָטישע אַדיסטאָקראַטישע פּוסט־און־פּאַסניצעס אין די טאָלדאַטישע קליידער ווערן היי־זעריק שרייענדיק „הורא“, און אונזער פּרעמיער איז גליקלאַך. מער האָט ניט וועגן וואָס צו זאָרגן די אַזוי־גערופענע רעוואָלו־ציאָנערע רעגירונג, אַקוראַט ווי אַלע פּראָבלעמען וואָלטן שוין געלייזט געוואָרן, און בלויז עראָפּלאַנען פעלן. די מלוכה־קאַסע איז שוין אויסגעטריקנט; דאָך אַף פירן די אומזיניקע מלחמה גע־פינט מען נאָך געלד, מעג דאָס פאָלק אויסגיין פון הונגער, מעגן די סאָלדאַטן זיך וואַלגען הויל־נאַקעטע, צוגעסענע פון לייז און עפּידעמיעס. ווייסט, ווי די סאָלדאַטן רופן די טראַנשייען? קברים. טרעפלאַך צוגעטראַכט. יאַ, די מלחמה באַגראָבט די רעוואָלוציע.

אַנטאָקאָלסקי גייט אריין אַלץ מער אין אַזאַרט:

— קען דען זיין אַ גרעסער פאַרברעך ווי אָנגווענדן טויט־שטראָף צו אונזערע סאָלדאַטן, וואָס „ברידערן“ זיך מיט די סאָל־דאַטן פון פיינדלאַכן לאַגער? ווי זאָגט בוכארין: צווישן בלוט און שמוץ, אין וואָס ס'פאַרכלינעט זיך די פאַר'חיה'טע מענטש־הייט, איז די „ברידערונג“ אַ העלער און ליכטיקער פּונקט.

פאַקטיש האָט די „ברידערונג“ אָפּגעשטעלט די קריג־אָפּעראַציעס אַף איין פראָנט. די „ברידערונג“ האָט זיך גענומען אַריבער־וואַרפן אויך אַף אַנדערע פראָנטן. ס'האָט געדראָט, אַז די מלחמה זאָל דערשטיקט ווערן דורך די אָנשטרייַנגונגען פון די מאַסן גופא. די מאַסן זייַנען שוין מיד געוואָרן צו פאַרגיסן בלוט, ווייל מען צווינגט זיי דערצו מיט אַ בייטש. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער שלום וועט אויפגעשטעלט ווערן דורך די מאַסן אַליין איבער די קעפּ פון די רעגירונגען. דערפאַר האָט זיך דאָס אַזוי דערשראָקן די מענטשנפרעסערישע בורזשואַזיע, און מען האָט מחיה־מתים געווען טויט־שטראָף, ווי אַ שם־המפורש פאַר דער רעטונג פון דער רעוואָלוציע.

אַנטאָקאָלסקי איז אויפגערעגט. ער ווענדט אַפילו ניט קיין אויפמערקזאַמקייט אַפ'ן קינד, וואָס קוקט אַף אים מיט פאַר־וואונדערטע אויגעלאַך. ווען דאָס קינד וויל צו אים צוגיין, שטופּט ער אים פאַרזיכטיק אָפּ און זעצט פאָר:

— וואָס אַנדערש? אָט דו האָסט געדאַרפט זיין אַפ'ן פּאַראַד פון פּרויען־באַטאַליאָן און הערן וואָס דער נייגעריקער עולם האָט גערעדט. דו האָסט געדאַרפט קומען אַף די גרויסע זאַוואָדן, וואָס אַרבעטן נאָך צו האַלבן וואָכן אָדער ווייניקער. דו האָסט געדאַרפט זיין אין די ראַיאָן־סאָוועטן, ראַיאָן־דומעס, אַף אַ פּאָר מיטינגען אין „צירק מאָדערן“, אין צירק „טשינזעלי“, אָט אומעטום, וואו מען קען זיך באַגעגענען מיט'ן פּשוטן פאָלק, מיט די אַרבעטער, מיט דער סאָלדאַטן־מאַסע. דאָרטן וועסטו זיך דערוויסן וואו דער אויסוועג איז. וואַרף אַראָפּ פון זיך, טייערער, דיינע אַמעריקאַנישע קליידער, דיין ווייסן קראַגן, טו זיך אָן, ווי אַן אַרבעטער, אָדער ווי אַ סאָלדאַט, אַז מען זאָל דיך האַלטן פאַר אַן אייגענעם, וועסטו דערהערן דיבורים. איך, אַז עס ווערט מיר קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה, מאַך אַזאַ שפּאַציר צווישן פאָלק און איך קער זיך אום אַ געזונטער. באַם האַרעפּאַשנעם פאָלק עפענען זיך אַלץ מער און מער די אויגן, עס זעט אַלץ מער און מער איין, אַז עס איז ניטאָ פאַר אים

קיין אַנדער רעטונג, ווי בלויז ווערן אַליין דער באַלעבאָס פון לע־
בען און איבערגעבן די מאַכט צו די סאָוועטן. גיי זיך דורך דורכ'ן
פאָלק, וועסטו זען, ווי ווייט לענינ'ס לאָזונגען זיינען אריינ־
געדרונגען צווישן אים, ווייל די דאָזיקע לאָזונגען דרינגען ארויס
פון לעבן פון די מאַסן גופא, קאָנצענטרירן אין זיך די ווייט־גייענ־
דיקסטע אויסזיכטן פון דער רעוואָלוציע. דו הערסט, דו הערסט
— קלינגט אַנטאָקאָלסקי'ס שטים — די אמת'ע רעוואָלוציע רוקט
זיך אָן, זי ווערט אַלץ רייפער און רייפער אין באַוואוסטזיין פון
די מאַסן און קיין זאַך וועט ניט העלפן דער בורזשואַזיע און
אירע סאָציאַליסטישע אונטערשטופּער צו פאַרמיידן זי. מען
דאַרף זיין בלינד ניט צו זען דעם אָנקומענדיקן שטורם, וואָס
וועט אָפּרייניקן די לופט; מען דאַרף זיין טויב ניט אויפצור־
נעמען דאָס קראַכן אונטער דער ערד. ..

פון אַנטאָקאָלסקי'ס ווייטערדיקע רייד שטוים איך זיך אָן,
ווייל אין דעם פּרט האַלט ער זיך זייער קאָנספּיראַטיוו, אַז ער
שטייט אין איינגע פאַרבינדונגען מיט די אָנפירנדיקע באַל־
שעוויסטישע קרייזן. ווי איך באַמי זיך ניט ארויסצוקריגן פון
אים וועלכע ס'איז אינפאָרמאַציע וועגן די קאָנקרעטע פּלענער
פון די באָלשעוויקעס, געלינגט עס מיר ניט. דער ענטפער איז
איינער: לייען זייער ליטעראַטור. ער באַזאָרגט מיך טאַקע
מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור, נאָר זי אַפּעלירט ניט צו מיר;
הגם ס'זיינען אין איר דאָ זייער פיל אמת'ן, וואָס איז שווער
ניט צו מודה זיין, קוקן אָבער אויס די אויספירונגען פון די
באָלשעוויקעס אַזעלכע פאַנטאַסטישע, ניט באַגרינדעטע.

כ'באַמערק אַנטאָקאָלסקי'ן, אַז ווען אפילו די באָלשעווי־
קעס זאָל געלינגען צו פאַרכאַפּן די מאַכט, וועט זיך דאָס ענ־
דיקן מיט אַ שוידערלאַכער קאַטאַסטראָפע; זיי וועלן זיך לאַנג
ניט האַלטן; די אַנאַרכיע וועט אַלץ צורואינירן, און עס וועט
פירן ווידער צו אַ מאָנאַרכיע; לענין וועט ווערן דער קברן פון
דער רעוואָלוציע, דער שולדיקער פון אַלע ווייטערדיקע אומ־
גליקן אַף רוסלאַנד אונטער דער נאַהייקע פון אַ נייעם צאַר.

— אויסגעדראָשענע מעשיות — לאַכט זיך ווידער פאַנאַנ־דער אַנטאָקאָלסקי הילכיק און קלאָר. — געווים וועט בירגער־קריג זיין אומפאַרמיידלאַך, גרוױזאַמער בירגער־קריג. עס וועט הערשן אַנאַרכיע. ניט בלויז די באָלשעוויקעס ליגן זיך ניט אַף דעם חשבון קיין פויגעלאַך אין בוזים, נאָר אַפילו די מאַסן, אין וועמען עס וואַקסט דער בונט פון אומצופרידנקייט. עס וועלן קומען שווערע יאָרן, בלוטיקע יאָרן. נאָר סוף כל סוף וועט די אַרבעטער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד זיגן. ווי זאָגט לענין: דאָס פייער, וואָס די רוסלענדישע האָרעפּאַשנע מאַסן וועלן אָנצינדן, וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ וועלט־פלאַם, וואָס וועט פאַרניכטן דעם פאַרהאַסטן קאַפּיטאַליזם און איינ־שטעלן דאָס קעניגרייך פון אַרבעט.

— גליקלאַך איז דער, וואָס גלייבט. פון אייער מויל אין גאָט'ס אויערן — דריקט איך אויס מיין סקעפּטישקייט. אַנטאָ־קאָלסקי באַליידיקט זיך ניט. ער איז שוין געוואוינט צו אַזעלכע אַרגומענטן פון מענשעוויקעס. אַז מ'שפּאַרט צו די מענשעוויקעס צו דער וואַנט, באַמערקט אַנטאָקאָלסקי, האָבן זיי ניט וואָס צו ענט־פערן, ווי בלויז מיט ביליקע ווערטלאַך.

מיר גייען זיך פאַנאַנדער אָנגעבלאָזן, ווי אינדיקעס, און מיין זונעלע פילט זיך זייער געקריינקט. ווען מען לייגט אים שלאָפן, מאָנט ער אַלץ: וועט מאָרגן אָנקל יאָסיף קומען? די מוטער באַרואיקט אים, און דער קליינער חברה־מאַן מורמלט שטיל, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן: איז אָנקל יאָסיף אַ באָלשעוויק? ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ פריילאַכער, און די באָלשעוויקעס זיינען אַזעלכע שלעכטע, בייזע. פון וואַנען ווייסט עס דאָס קינד? די קינדער אין הויףריידן. הערסט, פּאַ — נעמט מיך דאָס קינד אַרום: — זיי זאָגן, אַז דו ביסט אויך אַ באָלשעוויק, ווייל אַלע זשידעס זיינען באָלשעוויקעס. מיר זיינען דאָך ניט קיין זשידעס, נאָר אידן ניט אמת, פּאַ? דאָס קינד פאַר־טראַכט זיך, זיינע אויגעלאַך ווערן אָנגעפילט מיט טרערן, עפּעס דריקט זיין הערצל; צום סוף וויינט ער זיך פאַנאַנדער: צו וואָס

זיינען מיר אַוועקגעפאָרן פון אַמעריקע? ער טרייסלט זיך קאָנ־וואולסיוו פון געוויין, און שלאָפט איין אַזוי אומרואיק, וואָרפנ־דיק זיך אויף זיין בעלעגערל, ווי פון היץ.

זיך אַליין נעמט ניט דער שלאָף. מען איז וואַך צו יעדן שאָרך און מען קוקט פון בעט אַרויס מיט אָפענע אויגן; די ווייסע נאַכט פויזעט אַרום אַזאַ דראָענדיקע, פול מיט צעצוויגענע קלאַנגען. אפשר דאַכט זיך, נאָר אין הויף קריכט אימעצער אַ געהיימניספולער, מען הערט דייטלאַך זיין טראָט; דורכ'ן פענסטער זעט מען אָבער קיינעם ניט....

פון דעם צווייטן צימער דערטראָגט זיך אַ שושקעריי. דאָס זיינען אונזערע שכנים: אַ יונגער אַרבעטער מיט זיין יונגער פרוי. האַלטן זיך מאָדנע, איינגאַנצן פון ווייטן, ווי וועלנדיק אויסמיידן צו באַגעגענען זיך מיט אונז. ער איז זעלטן דאָ אין דער היים. קומט ער, שושקעט מען זיך אָפּ אַ גאַנצע נאַכט, אָפט ברייננגט ער צו זיך אַ חבר אָדער צוויי.

עפּעס ווערט קלאָר: צי זיינען זיי ניט די טיפּן פון פאָלק, וואָס וועגן זיי רעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג אַנטאָ־קאָלסקי?

עס עקבערט אָן אויפהער די פראַגע: וואָס וועט זיין מאָרגן, איבערמאָרגן? און ס'טוט אַזוי ווי פאַר'ן קינד, וואָס ווערט שוין עלטער פאַר דער צייט און פילט שוין די משא פון אומזיניקן לעבן....

10

אַן אוצר

כ'האָב שוין אַ בילעט צו פאָרן קיין באָברויסק. קריגן דעם בילעט איז מיר אָנגעקומען לייכט, האָב ניט געדאַרפט אָפּ־שטיין אין „אָטשערעד" אַפּ'ן וואָקזאַל אַ טאָג צייט, ווי ס'פירט זיך געוויינטלאַך. געזאָרגט האָט פאַר דעם אַנטאָקאָלסקי. נאָר איז קיין פּעטראָגראַד געקומען זיין שוואָגער ליפּשיץ פון באָב־רויסק, אַ איד אַ סוחר, וואָס האָט פאַרבינדונגען אַף די אייזנ־באַנען, איז דורך זיין פּראָטעקציע האָב איך דאָס דעם בילעט באַקומען אַזוי לייכט. כ'האָב אַפילו ניט געדאַרפט נאָך דעם גיין, נאָר אַנטאָקאָלסקי האָט מיר אים געבראַכט אַהיים. גע־קאָסט האָט די טובה אַן איבעריק דרייערל, מיט וואָס מ'האָט מפצה געווען דעם קאַסירער אַפּ'ן וואָקזאַל; דאָס איז אַ גוואַל־דיקע מציאה....

ליפּשיץ איז אָנפּאַרטרויט צוליב וואָס איך פאָר קיין באָב־רויסק. ער דיינקט, אַז מיין מיסיע וועט מיר געלינגען, אויב איך קען זיך לאָזן קאָסטן אַ פאָר הונדערט רובל. אָן דעם איז שווער. ער קען מיר טאָן אַ טובה. פון זיינע רייד פאַרשטיי איך, אַז ער וואָלט גאָרנישט געהאַט קעגן, ווען ער זאָל אויך פון דעם עסק פאַרדינען. איך דערקלער אים, אַז אין באָברויסק וועלן מיר זען, ווייל איך האָב אַנדערע אויסזיכטן. ליפּשיץ דערפילט זיך עפּעס אומבאַקוועם און פאַרענטפערט זיך, אַז ער פאַרנעמט זיך ניט מיט אַזעלכע געשעפטן. ווי אַנטאָקאָלסקי'ס אַ שוועס־

טערקינד האָט ער מיר אָבער געוואָלט העלפן און אויב איך קאָן זיך באגיין אָן זיין הילף, איז ער אודאי און אודאי צופרידן, קיין רעה וועט ער מיר געוויס ניט טאָן. ער דערציילט מיר, אז אויך זיין עלטערער זון, וואָס העלפט אים אין געשעפט, דאַרף זיך שטעלן צום „פּריזיוו", און זיין באַפרייאונג דאַרף קאָסטן אַ פיינע אַפּויטיקע. ליפשיץ טאַפּט בא מיר דעם דופק, פיי־לייכט, קען איך אים גאָר מיט מיינע פאַרבינדונגען טאָן אַ טובה, בפרט נאָך, אז זיין עלטערער זון איז אַ בונדיסט, אַ גאַנצער מאַכער צווישן די„חברים". ווי איך שטוים זיך אָן, איז ליפשיץ ניט צופרידן פון עלטערן זונ'ס בונדיזם, נאָר גאָר־ניט, וואָס קען מען זיך העלפן? אַנדערע צייטן. שטאַלץ איז ער דערפאַר מיט'ן מיטעלן זון, וואָס האָט זיך דערדינט נאָך דער רעוואָלוציע צו ווערן אַ יונקער. אַ איד אַ יונקער און אין סאַמע פּעטראָגראַד — האָט מען אַמאָל גאָר געקענט טרוימען וועגן דעם? דערפאַר אַליין מוז יעדער איד זיין צופרידן מיט דער רעוואָלוציע, בפרט נאָך, אז די געשעפטן גייען, ברוך השם, אויך ניט שלעכט. מען קען פראַנק און פריי זיין אין פּעטראָגראַד, אין מאָסקווע, ברייגגען סחורה און איינהאַנדלען סחורה. זאָל נאָר אַזוי אָנהאַלטן, וועלן זיך די אידן גאָר ניט האָבן וואָס צו קלאָגן.

ליפשיץ וויל אַנדערש ניט, איך זאָל זיך באַקאָנען מיט זיין זון דעם יונקער. דערביי גיסט ער שוין אויס פאַר מיר זיין האַרץ אויף אַנטאָקאָלסקי'ן גופא. אַזאַ געבילדעטער מענטש, אַזאַ אָרנטלאַכער, מיט אַזאַ באַקאַנטשאַפט, און פּלאָגט זיך אַזוי. מילא, באַם צאַר איז פאַרשטענדלאַך, אז מ'האָט פון אַנטאָקאָל־סקי'ן קיין נחת ניט געקענט האָבן; ער האָט מיט זיינע סאָציאַליס־טישע „שטוקעס" אומגליקלאַך געמאַכט זיך און די פאַמיליע. איצ־טער אָבער איז דאָך זיין וועלט, ער וואָלט דאָך געקענט זיין אַ מי־ניסטער, אַ קלייניקייט, מיט אַזאַ קאָפּ, איז ער גאָר צו אַלדי שווואַרץ יאָר אַ באָלשעוויק. ס'איז ניט אויסצוהאַלטן פון אים, מיט זיינע משוגעת'ן. ממש פּלאי פלאים ווי די שוועגערין האַלט

עס אויס, מען דאַרף דאָך זיין שטאַרקער פון אייזן. אפשר, קען איך ווירקן, אַז אַנטאָקאָלסקי זאָל זיך אַרויסשלאָגן אַלע נאַרישקייטן פון קאָפּ און שוין קומען איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו א תכלית. ביז וואַנען איז דער שיעור?

ליפשיץ באַמערקט מיין שמייכל, נאָר באַליידיקט זיך ניט. גיט מיר בלויז אַ בים: מסתמא, אויך פון יאָסיפ'ס חדר. וואָס דען? מען אַנטלויפט פון אַזאַ פריי און גאָלדן לאַנד, ווי אַמעריקע; צוליב וואָס? מילא, מיר זיצן דאָ, איז פאַרפאַלן. ביז אַלץ וועט זיך איינשטעלן, ווער ווייסט, וויפיל עס וועט נעמען. אָט דערציילט מען, אַז אין פראַנקרייך האָט עס נאָך דער רעוואָלוציע גענומען גאַנצע אַכציק יאָר ביז עס האָט זיך איינגעשטעלט. איז וואָס האָט פאַר אַ זין צו לויפן פון אַמעריקע? אָט זיין זון דער יונקער איז אַ „מאָלאָדיעץ", סאָציאַליזם קימערט אים, ווי אַ פאַר־אַ־יאָריקער שניי, ער וועט זיך אָבער מאַכן אַ קאַריערע. נישקשה, ער איז גענוג קלוג און פראַקטיש אין פייער ניט צו קריכן, ניט גיין אַפ'ן פראָנט, נאָר בלייבן אין „טיל" (אין הינטערלאַנד). ער האָט שוין דערפאַר די נויטיקע פּראָטעקציע און ס'וועט זיין כשורה, אויב די באָלשעוויקעס וועלן ניט אַלץ אומברייינגען

מיך פאַראינטערעסירט ליפשיץ'ס פּסיכאָלאָגיע. ער איז אַ שטיקל משכיל, לייענט אַ בלאַט־צייטונג, האַלט גוואַלדיק פון ווינאַווער'ן. פון דער רעוואָלוציע איז ער צופרידן, באַזונדערס צוליב די אידן. פון די ציוניסטן איז ער ניט אַנטציקט. ער וואָלט אין ארץ־ישראל ניט געפאָרן. וואָס וועט ער דאָרטן טאָן? אַקערן די ערד? ניט פאַר אחינו בני ישראל. זיי זיינען אַ פאָלק פון מסחר, און מסחר האָט מען אין רוסלאַנד אַלע מאָל געקענט טאָן, ווער ס'איז נאָר קיין שלימזל ניט געווען, אפילו באַ ניקאָלאַיען, בפרט איצטער עפנט זיך דאָך גאָר אַ וועלט: ניטאָ מער דער „קראָמע יעווריעוו", דאַרף יעדער סאָציאַליסט אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ אַלע חלומות און קומען צום שכל. עס זיינען דאָ אַזוי פיל גוטע רעגירונגס־שטעלעס,

אויב מען איז ניט פייאיק צו מסחר. איז צו וואָס אידעאַליזם שמאַידעאַליזם? ס'איז ניט ווערט קיין צעבראָכענער פּיים. פּראַקטיש מוז מען זיין. פון אַ יונקער קען מען ווערן אַן אָפּי־ציר, פון אַן אָפּיציר אַ פּאָלקאָווניק, פון אַ פּאָלקאָווניק אַ גענע־ראַל, און אַלץ ניט אפּ'ן פראָנט, נאָר אין „טיל". ס'אידישע קעפּל קען זיך שוין אַן עצה געבן. דערצו איז דאָך נאָך געבליבן דער אַלטער כּלל: וועסט אונטערשמירן, וועסטו פאָרן. שמירט מען, און גאָט צו דאַנקען, מען פאָרט; נאָך ווי? גאַנץ ברייט, גאָר ניט צו פאַרזינדיקן....

אין אָוונט קום איך צו גיין מיט אַנטאָקאָלסקי'ן צו ליפּ־שיצ'ן אַף זיין סטאַנציע, כּדי אָפּצווּנעמען באַ אים אייניקע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס ער האָט פאַר אונז איינגעקויפט.

ס'איז אַ גרויסע דירה. די באַלעבאַטים זיינען אַף אַ זור־מער־וואוינונג. דער גראַמער עס־צימער איז פאַרוואָרפן מיט סחורה, וואָס ליפּשיץ האָט איינגעהאַנדלט. אַלץ איז דאָ פאַראַן, — פון די טייערסטע ווייגען ביז די בעסטע דעליקאַטעסן. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז באַ גאַנצן הונגער קען מען אין פּעטראָ־גראַד פאַר גוט געלט באַקומען פון פויגלמילך. פאַר די פּאָר פונט וואורשט, צוקער, זעמלדיקע „סוכאַרעס", פאַר די עטלאַ־כע קרענץ צוקערדיקע בויגל, פאַר'ן צענדליק שאַכטלאַך קאָנ־דעסירט מילך, פאַר'ן פּעקל קאַקאַאָ און וויסאָצקי'ס טיי בין איך ליפּשיצ'ן גוואַלדיק דאַנקבאַר. עס פרייט מיך, אַז אָוועקפאָרנדיק קיין באָברויסק, קען איך איבערלאָזן אַזאַ אוצר פאַר מיין פרוי און קינד, איבערהויפּט פאַר'ן לעצטן, וואָס ווערט אַלץ מער אויסגעשמאַכט צוליב מאַנגל אין שפּייז.

באַם לאַנגען טיש זיצן עטלאַכע אידן, פּעטראָגראַדער סוחרים, מיט וועמען ליפּשיץ מאַכט עס געשעפטן. זייער אָרט דיינקען, זייערע אַרגומענטן וועגן דער רעוואָלוציע און די מענ־לאַכקייטן, וואָס זי עפנט פאַר די אידן, זיינען די זעלבע, וואָס ליפּשיצ'עס. אַלע זיינען זיי צופרידן; זיי פילן ניט, וואָס כאָר אַ קריזיס דאָס לאַנד לעבט איבער, וויל זייערע געשעפטן

זיינען ניט ערגער געוואָרן, נאָר בעסער. דאָס געלט איז טאַקע ביליקער, מען מאַכט אָבער אַזוי פיל, אַז ניט בלויז קלעקט אַף אַלץ, נאָר מ'האָט אויך גענוג אין די ביינק. הלואי ווייטער. פון קערענסקי'ן האַלטן זיי אַלע אַן עולם ומלאה, אַן אמת'ער אוהב ישראל, און אַ גוואַלדיקער קאָפּ-מענטש, דערצו האָט ער אַ מויל, אַז פּערל שיטן זיך ממש פון אים.

ווען די אידן דערוויסן זיך, אַז איך בין געקומען פון אַמעריקע, קוועטשן זיי מיט די פּלייצעס און ווילן דערגיין, צו האָב איך געבראַכט מיט זיך דאָלאַרן. מען לייגט מיר אָפּילו פאָר צו מאַכן שותפות. איינער האָט איינצוקויפן אַ פּאַרטיע סאַכאַרין, וואָס מען קען דערפון נתעשר ווערן; אַ צווייטער שלאָגט מיר פאָר אַ וואַגאָן לעדער, וואָס מען קען גאָר דערפון אָנגעשאָטן ווערן מיט גאָלד.

איך פרעג באַ די אידן צי זיי קאָנען לייזעראָוויטש'ן. וואָס הייסט לייזעראָוויטש'ן ניט קענען? עס קאָכט מיט אים פּעט-ראָגראַד. אָט דאָס איז אַ מיידים. ווער ווייסט, וויפיל מי-ליאָנען ער איז ווערט? ער האָט זיך אריינגעמאַכט אין דער אינטענדאַנטסטווע און שאַרט גאָלד ווי מיט לאָפּעטעס. די אידן רעדן פון לייזעראָוויטש'ן מיט אַכטונג און מיט קנאה, און ווען מען דערוויסט זיך, אַז ער איז מיינער אַ יונגט-פריינט, ווער איך חעכער אין זייערע אויגן. יעדער בעט, איך זאָל פאַר אים פאַרוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַר לייזעראָוויטש'ן, און ליפשיץ באַ-שמייט דערויף, אַז איך זאָל מיט אים פערזענלאָך אַריבערגיין צו לייזעראָוויטש'ן; ער וועט מיר דערפאַר אָפּטאָן אַ טובה און איך וועל שוין ניט האָבן קיין מאַנגל אין פּראָדוקטן פאַר אַ פּרייז, וואָס קאָסט אים אַליין. ליפשיץ ווייזט מיר אַ חשבון, אַז אויך איצטער האָט ער אָן מיר ניט פאַרדינט אַ קאָפּיקע צוליב אַנטאָקאָלסקי'ס זכות. הייסט, אַז דער זכות וועט נאָך זיין אַ צווייאיקער, איז דאָך שוין אדרבא ואדרבא.

מיך מיט אַנטאָקאָלסקי'ן אַמוזירט זייער שטאַרק די דאָ-זיקע באַגעגעניש. אַנטאָקאָלסקי קוקט זיך מיט מיר איבער אָפּ'ן

וואונק, ווי איינער זאָגט: נו, ווער איז גערעכט, איך צי דו, אז אַלץ טויג אַף כפּרות?

ליפשיץ ווייזט אָן אַף אַ גרויסן שיינעם קופערט, באַשלאָגן מיט מאָזאַיקע; דאָס פאַרשליסן און אָפשליסן דעם קופערט ווערן באַגלייט מיט אַ קלאַנג, ווי פון אַ וואַנט־זייגער. דאָס איז אַ יקר המציאות, אַן אַנטיק שבאַנטיקן. מען זאָגט, אַז ער האָט באַלאַנגט צו אַ גרויסן פירשט, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלוציע און איז אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד. ווען מען זאָל קריגן אַף דעם קופערט אַ ריכטיקן בעלן, קען מען פאַר־דינען אַ היפּשע פּאָר רובל. ליפשיץ האָט אים אָבער געקויפט צוליב אַן אַנדער צוועק: איינצופּאַקן אין אים ווײַן. אַף אַזאַ קופערט וועט ניט זײַן קיין חשד, אַז מען פירט אין אים פאַרבאָטענע זאַכן. ווי איז, אַז מען וועט פאָרט וואַרפן אַ חשד? איז אויך ניט געפערלאַך: ס'וועט אויסגיין צו אַ פינף־און־צוואַנציקער.

— אָט ווי איר זעט, — באַמערקט ליפשיץ צו מיר, — מען געפינט זיך שוין אַן עצה. דאָס רעדל דרייט זיך, און די באָלשעוויקעס ווילן אַלץ איבערקערן קאַפּויר. אומזיסט זייער טרחה, אַ וועלט קען מען ניט איבערמאַכן. פאַר אַ רעוואָלוציע, נאָך אַ רעוואָלוציע, עס מוז בלייבן, ווי געווען, אויך אָן ניקאָ־לאַי'ען און „קראָמע יעוורעיעוו“. אַזוי איז דער סדר העולם....

ס'ווערט שפּעט, און קיינער ראַט אונז ניט צו נעמען אַהיים די איינגעקויפטע פּראָדוקטן אַפילו אַף אַן „איזוואָזטשיק“. די מיליציע וועט ניט טשעפּען; איר אָרט בכלל קיין זאַך ניט. די סאָלדאַטן, וואָס שלייען זיך אַרום, קענען אָבער אַוועקרויבן און דערביי אויך גוט אָנברעכן די ביינער. אַזעלכע זאַכן פּאַ־סירן אָפט. דאָס בעסטע, מיר זאָלן קומען נאָך די פּראָדוקטן באַטאָג.

ווען איך קער זיך אום אַהיים איז שוין באַגינען. אַפּ'ן הויף דערהער איך ווי עס קלינגט דער וועק־זייגער, וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך פון אַמעריקע. דאָס הייסט, אַז

מיין פרוי און די שכנים ארום שטייען שוין אויף, כדי צו שטעלן זיך אין „אטשערעד". דער וועק־זייגער איז געווארן א שם־דבר אין הויף. אויב אף אונז קוקן די שכנים קרום, ווי אף „זשי־דעס", זיינען זיי אבער צופרידן, וואס א דאנק אונז קענען זיי באצייטונס אויפשטיין און פארכאפן די ערשטע ערטער אין „אטשערעד". די באלעבאסטע דערציילט אונז, אז אלע איינ־וואוינער ארום וואונדערן זיך, וואס אונזער הויף פעדערט זיך אזוי. זי האט זיי אנטדעקט דעם סוד, אז בא איר וואוינען „אמעריקאנער" מיט א וועק־זייגער, איז מען מקנא אונזער הויף.

מיין פרוי איז שוין טאקע אנגעטאן. איך דערצייל איר וועגן דעם אוצר, וואס איך האב זיך דערטאבערט בא ליפשיצן און זי איז ניט ווייניקער צופרידן ווי איך. דערווייל איז אבער אין שטוב פאר'ן קינד גאר ניטא, אויסער א פאר שטיקלאך צו־קער, אביסל מאנע־גרויפן און א האלב גלאז מילך. די גרויפן זאל איך אויפקאכן אף דער נאפט־מאשינקע, ווען דאס קינד וועט זיך אויפכאפן, הגם מיין פרוי האפט, אז ביז צו יענער צייט וועט זי שוין זיין צוריק פון „אטשערעד"; זי וועט זיך בא־גוצן מיט דער געלעגנהייט, וואס איך בלייב אין דער היים, כדי אריבערכאפן זיך אין שטאט און פאר איינס שוין ברייננגען צופירן דעם אוצר.

דער פרימארגן איז אזא שיינער, פרישער. דורך די אפענע פענסטער און דורך דער אפענער ווערענדע גיסט זיך די דופט פון פאנאנדערגעבליטע בוימער, פון אפגעקאסעט היי, פון טויאיס גראז. אלץ טונקט זיך ארום אין גרינס. די מילדע זונ־שטראלן שטיפן אף די רויטע דאכעלקעס־דעכער פון די ווייסע ווילעס. עס דאכט זיך, אז די גאנצע נאטור ארום איז אויסגע־צוואקט ווי לכבוד יום־טוב. ערשט איצטער דערזע איך, ס'ארא פראכטפול ווינקל „קרעסטאוופסקי אסטראוו" איז, ווי פרידלאך מען וואלט דא געקענט אפרוען, ווי היימיש מען וואלט זיך דא געקענט פילן. אף א ווײלע פארגעסן זיך אלע איבערלעבונגען פון די לעצטע וואכן. גראד שלאפט דאס קינד רואיק, זיינע

בעקעלאך רויטלען זיך פון שלאף פונקט ווי פריער, ווען ער האט נאך ניט געוואוסט דעם טעם פון הונגער. עס טראכט זיך ווענן קיין זאך ניט, און א דרעמל הייבט אן צו קלעפן די אויגן.

ווען איך וואך אויף, איז שוין מיין פרוי צוריק פון „אָטשע־רעד". מער ווי א פלעשל מילך און א פונט ברויט האט זי ניט באקומען. די באַלעבאָסטע איז אויך היינט זייער אויפגעלייגט: עס איז איר אייניקל'ס געבורטסטאָג, האט זי לכבוד דעם אויס־געבאקט א גרויסן בלין פון ווייסמעל און ניט פארגעסן אויך מיין זונעלע אונטערצוטראָגן א שטיקל. ווען דער זונעלע כאפט זיך אויף, איז ער גליקלאך, וואס מיר ביידע, און אויך די מוטער זיינען דאָ. אזא זאך טרעפט זעלטן; געוויינטלאך, איז עמי־צער פון אונז אין „אָטשערעד", און ווען איך בלייב אין שטאָט נעכטיקן, פאסירט, אז ער זאל זיין אליין א פארשמאכטער ביז האלבן טאָג, כל זמן מיין פרוי ספּראוועט זיך בא די שפּייז־קראָמען. היינט איז עפּעס א זעלטענע אויסנאַם, — מען האט זיך אָפּגעפּטר'ט פרי. די בשורה, אז די מוטער פּאָרט אין שטאָט ברייננגען אזוי פיל גוטע זאכן, מאכט דאָס קינד זייער אויפגעלייגט.

באטאָג, ווען איך עסק זיך בא דער נאפט־מאשינקע מיט אָפּקאָכן די קאשע פון מאנע־גרויפּן, באזוכט מיך מ. ציפּין, וואָס איז די טעג אָנגעקומען פון אמעריקע. דאָס צימער איז פול מיט רויך און סאזשע, ווייל אזא טבע האט די נאפט־מאשינקע איינצו'עקש'ענען זיך מיט אמאָל און ניט וועלן ברענען, ווי עס באדארף צו זיין; עס איז ניט אריבערצוטראָגן אירע קאפּריזן. מיין זונעלע ווייסט שוין, אז בא אזא לאגע דארף ער אוועקגיין אין הויף אריין זיך שפּילן און ווארטן געדולדיק אפן אָרימן מאָלצייט.

משמעות, איך בין אליין איינגאנצן באדעקט מיט סאזשע, ווייל ציפּין איראָניזירט: זעט נאָר, ווי די רעוואָלוציע האט אייך פארשווארצט. כ'בין זייער צופרידן מיט זיין באזוך. ציפּין העלפט מיר, ווי עס איז איינשטילן די קאפּריזן פון דער נאפט־

מאשינקע. ער דערציילט וועגן זיין רייזע דורך יאפאן און סיביר, וואס פאר א שוועריקייטן ער און זיין פאמיליע האבן גע־האט דורכצומאכען. ער איז מיר מקנא, וואס מיר זיינען גע־פארן דורך נארוועגן. ער איז אזוי אויסגעמאטערט פון דער רייזע, אז ער האלט זיך קוים אף די פיס. נאך גוט, וואס אים איז געלונגען איינצוארדענען זיין פאמיליע בא קרובים אין קרעמענטשוג; דארטן זיינען ניטא די אמעריקאנישע באקוועמ־לאכקייטן, הונגערן דארף מען אבער נים. מען קען אלץ קריגן לרוב, און גאנץ ביליק. אים וואונדערט, וואס איך האלט די פאמיליע אין פעטראגראד, ווייל דא, ווי ער האט שוין גע־האט צייט צו דערקונדיקן זיך, איז די שפייז־לאגע באמת א קאטאסטראפישע. נאך סיביר און נאך אוקראינע, וואס זיינען אנגעלאדן מיט עסנווארג, איז אוממעגלאך צו גלויבן, אז דא זאל זיין א מאנגל אפילו אין שווארץ ברוים. דאס איז דער בעס־טער סימן, ווי ווייט דער גאנצער רעגירונגס־אפאראט איז קאליע. ציפין האט טאקע פארכאפט מיט זיך פאר מיר א ווייסע חלה, אמת, א פארטריקנטע, נאר ער האט פארשטאנען, אז אפילו דאס וועט זיין פאר מיין זונעלע א דערקוויקונג.

נאך דעם, ווי מיר טיילן זיך מיט אונזערע איינדרוקן פאר דער צייט, וואס מיר האבן זיך ניט געזען, ווען מיר דערמאנען זיך מיט וואס פאר א באגייסטערונג מיר האבן דאס אלץ געווארפן אין אמעריקע און זיינען געפלויגן אהער, דריק איך אוים מיין פאר־וואונדערונג, צוליב וואס ציפין האט זיך אזוי צורואינירט. עס שטעלט זיך אבער ארוים, אז ציפין איז גאנץ אפטימיסטיש גע־שטימט. ער איז טאקע פון רוסלאנד געווען א סך לייכטער אפ־געריסן ווי איך, און זיין פאמיליע האט ניט געהאט קיין שטארקן חשק צו פארן, נאר עס פארדריסט אים נים.

— איר ווייסט דאך — זאגט ציפין — פון מיין אנארכיזם האב איך זיך שוין לאנג אויסגעטשוכעט, נאך זייענדיק אין אמעריקע. איר געדיינקט געוויס, ווי איר האט געזוכט מיך צוציען צו דער סאציאליסטישער באוועגונג, נאר איך האב זיך

געהאַלטן פאַר נאָך ניט גענוג רייף אין מאַרקסיזם. מיין זשור־נאַליסטישע אַרבעט אין אַמעריקע, וואו מ'האָט געמוזט אַרבעטן אין פרעמדע לויטן גייסט צייטונגען, איז אַלע מאָל געווען פאַר מיר אַ לאַסט. אַפילו ווען איך בין אַריבער אין דער טרייד־יוניאָן־פּרעסע האָב איך ניט געקענט פאַרווירקלאַכן מיין טרוים זיך אָפּצוגעבן מיט שרייבן זאַכן, וואָס זיינען מיר צום האַרצן. דיינקט איך, אַז ווי שווער עס זאָל ניט זיין, וועל איך קענען דאָ מער נעפינען גייסטיקע באַפרידיקונג פאַר זיך.

ציפּין פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איך, וואָס דאַרף זיך פילן אין רוסלאַנד היימיש צווישן אַזוי פיל אַלטע חברים און פריינט, בין אַזוי פּעסימיסטיש געשטימט. כ'ווייז אים אָן דערויף, אַז די רעוואָלוציע קייקלט זיך אַלץ באַרג אַראָפּ; דער כאַאָס איז שוידערלאַך. פאַראיינס מען רעדט און מען רעדט, נאָר מען זעט ניט קיין איין טאַט, וואָס זאָל האָבן עפּעס אַ ממשות פאַר ענדערן די לאַגע. באַ אַזאַ מיש־מאַש מוז זיך ענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע, און ווער ווייס, צי אַ ראָמאַנאָוו וועט ניט זיצן ווידער אפ'ן טראָן?

אַזוי ווי די ספּירט־מאַשינקע האָט אָוועקגעוואָרפן אירע קאַפּריזן, מיין זונעלע איז אָנגעקאָרמעט מיט דער מאַנע־קאַשע און מיט אַ שטיקל פון ציפּינ'ס ווייסע חלה, בין איך דעם גאַסט מכבד מיט'ן געזאָדן וואַסער, צוגעפאַרבט מיט טיי פון מערן; מיר פאַרבייסן מיט אַ פּאָר סקאָרינקעס שוואַרץ ברויט, גריזשענ־דיק פאַרזיכטיק און קאַרגן די שטיקלאַך צוקער, און ווערן אַלץ מער מיטגעריסן מיט'ן געשפּרעך.

ציפּין דערקלערט מיר, אַז הגם ער איז ניט קיין באַלשעװיק, האַלט ער אָבער, אַז די באַלשעוויקעס זיינען די איינציקע, וואָס פאַרשטייען די לאַגע און קענען זי ראַטעווען. פּעסימיסטיש איז ניטאָ וואָס צו זיין. ווי זאָגט מען אין אַמעריקע: ס'וועט זיך אויספּרעסן!... וואָס ער, ציפּין, וועט טאָן, ווייסט ער נאָך ניט; ער וועט זיך אָבער מסתמא איינאָרדענען, אויב ניט אין אַ צייטונג, איז אין אַ רעגירונגס־אַנשטאַלט. איך רייד אים איין אַריינצו־

טרעטן ארבעטן אין „בונד". פּרינציפּיעל האָט ציפּין גאָרניט קעגן דעם; פאַר דער צייט פון דער רייזע פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד האָט ער אַ סך געטראַכט, געמאַכט אַ חשבון הנפש מיט זיך אַליין, און ער האַלט זיך שוין פאַר אַ רייפן מאַרקיסט; ער וויל זיך אָבער נאָך אַביסל צוקוקן, אָריענטירן זיך, כדי אָפּ־צומאַכן זיין מיינונג וועגן אָפּגעבן זיך מיט פּאַרטיי־אַרבעט. ער האָט מורא, אַז ער וועט זיך ניט קענען אַריינפּאַסן אין פּאַרטיי־אַרבעט, צוליב דעם, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן געלעבט אין אַן אַנאַרכיסטישער סביבה, וואו מען ווייסט ניט פון דיסציפּלין און פון פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר אַ קאָלעקטיוו.

מיין פרוי דאַרף קומען שפּעט. מאַכן מיר מיט ציפּינ'ען אַ שפּאַציר איבער „קרעסטאָווסקי אָסטראָוו". מיין זונעלע גייט פאָראויס. ער איז היינט אַזוי אויפגעלעבט. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער שפּאַצירט דאָ מיטן „פּאַ". וואָס ווייטער מיר גייען, אַלץ ווערן די לאַנדשאַפטן רחבות'דיקער און פּרעכטיקער. אַרום גלאַנצט די נעווע אַף דער זון, אַרומגערינגלט מיט סעדער און גערטנער, מיט וועלדער און פּאַרקן. די גאַסן זיינען ברייט. אַ פּאָר פון זיי זיינען אינגאַנצן איינגעהילט אין בלומען. איבער אַלץ און אַלעמען הויבן זיך די סילועטן פון בלישצנדיקע קלויס־טער־שפּיצן, צווישן זיי טיילט זיך דייטלאַכער אויס דער קופּאָל פון איסאַקיעווער קלויסטער. פון ווייטן אַף דער זון זען די שפּי־צען אויס ווי אויסגעשטרעקטע סטעאַרין־ליכט. וואו ניט וואו וואַרפן זיך דורך גרויסע שטיקער פעלד, באַשאָטן מיט מענטשן, הויפּטזאַכלאַך מיט סאָלדאַטן, מען זיצט אַפ'ן גראָז האַלב־אויס־געטאָנענע, מען קנאַקט „סעמעטשקעס" און מען רעדט וועגן פּאָליטיק.

....

באַזונדערס געדיכט איז דאָס גרויסע פעלד אַרום דער עראָפּלאַנען־דעפּאָ, וואָס זעט אויס גיכער, מיט'ן גלעזערנעם דאַך, ווי זייער אַ לאַנגע אָראַנזשעריי. דאָס איז דער אָנהויב פון פּעטראָווסקי פּאַרק. דאָ שטייען קופּקעס סאָלדאַטן און מען ליי־ענט צייטונגען. אין אַן אַנדער אָרט טאַנצן סאָלדאַטן מיט מייד־

לאך. עס שפילן קאטערינקעס, הארמאָניקעס. אַף געשטעלן ווערט פאַרקויפט עפּעס אַ מוטנע וואַסער אין פלעשלאַך, וואָס ווערט רעקאָמענדירט ווי לימאָנאַד פון ערשטן סאָרט; אַף טריט און שריט ווייבער מיט קאָשיקעס „סעמעטשקעס". קליינע כמעט נאַקעטע אינגלאַך פאַרהילכן מיט זייער רופן קונים פאַר פּאַפּיראָסן און שוועבעלאַך. די פרייע האַלטונג צווישן מענער און פרויען דערמאָנט דעם ברעג פון דונאַי אין ווין אַ זומער פאַר־נאַכט אָדער דעם ווינער „פּראַטער". ס'וואַרפן זיך אין די אויגן די סאָלדאַטקעס פון פרויען־באַטאַליאָן, וואָס שפּאַצירן אַרום פּראַנטיש. ס'הערן זיך אָפּ'ן חשבון פון די סאָלדאַטקעס גאָר ניט קיין דעליקאַטע באַמערקונגען, באַגלייט פון געלעכטער און זידלערייען.

נעבן עראָפּלאַנען־דעפּאָ קומט פאָר אַן אימפּראָוויזירטער מיטינג. אַן עלטערער סאָלדאַט, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, מאַכט שטאַרק מיט די הענט און רעדט עפּעס מיט האַרץ. עס דערפליען ווערטער „באָלשעוויקעס", „קערענסקי"; דער טומל אַרום איז אָבער אַזוי גרויס, אַז מען קען פון ווייטן גאָר ניט הערן. פון דער אָנגעשטרייענגקייט פון עולם פילט מען, אַז דער רעדנער איז אַ נאָענטער, אַן אייגענער, וועמען מען גלויבט. צייטנווייז רייסן אים איבער אויסגעשרייען, „ריכטיק, ריכטיק", אויסגעמישט מיט אַפּלאָדיסמענטן.

מיר קלייבן זיך אונטערגיין צום מיטינג, וואָס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. מיר ציען צו מיט אונזער אויסזען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ פּאָר סאָלדאַטקעס; די געזיכטער זייערע זיינען אויסגעכאָליעטע, פון פאַרוועלקנדיקער שיינקייט, די בליקן פרעכלאַכע. די אויסגעמושטירטע מיליטערישע האַלטונג גיט זיי צו שלאַנקייט און פּיקאַנטקייט. מיין זונעלע איז אַי־בעראַשט: זע נאָר, פּאַ, פרויען־סאָלדאַטן. דאָס פאַרנעמט אים זייער. די סאָלדאַטקעס גייען אונטער צו אונז אָן צערעמאָניעס און בעטן פּאַפּיראָסן. ווען איך נעם אַרויס מיין פּאַרטסיגאַר, רופט זיך איינע אָפּ: דאָ זייט פּאָרזיכטיק, מ'קען דאָס נאָך

באַ אייך צונעמען. בכלל איז דאָ קיין אָרט ניט פאַר אַנשטענדיקע מענטשן. ציפּין פרעגט באַ זיי: האַלט איר זיך פאַר ניט אַנשטענדיק, וואָס איר זייט דאָ? זיי דערקלערן אונז, אַז זיי זיינען דאָ אויף מאַנעווורעס און טיפער אין פּאַרק איז זייער לאַגער. אויב מיר האָבן צייט און פוילן זיך ניט, וועלן זיי אונז מיט פאַרגעניגן אוועקפירן ווייזן דעם לאַגער. פון זייער איבערקוקן זיך איינע מיט דער צווייטער שטויסט מען זיך אָן, אַז זיי האָבן עפּעס אַנדערש אין זינען... מיין זונעלע דערשרעקט זיך פון זייער בליק, באַהאַלט זיך הינטער מיר און טורקעט מיר, אַז מיר זאָלן אוועקגיין. מיר זיינען דאָך נייגעריק צו וויסן, וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטינג. די סאָלדאַטקעס ענטפערן מיט פאַראַכטונג: אַט, לעניג'ס אַן אַגיטאַטאָר בונטעוועט דאָס פאָלק. מען דאַרף אים דערשיסן, דאָס נאַר. הינט אַזעלכע, דייטשע שפּיאָנען, און דער ערב־רב שלינגט זייערע ווערטער. די פרעכהייט אין די בליקן פון די סאָלדאַטקעס ווערט פאַרביטן מיט אַ פייערל פון אַן אויפגערייצטער חיה.

פון העפלאַכקייט ווענן זאָגן מיר די סאָלדאַטקעס, אַז צוליב'ן קינד קענען מיר ניט גיין צו ווייט. אויב זייער לאַגער וועט דאָ נאָך שטיין לאַנג, וועלן מיר אומבאַדינגט קומען אים אָנקוקן. פאַר אונז, ווי אויסלענדער, איז דאָס באַזונדער אינטערעסאַנט. די סאָלדאַטקעס זאָגן אונז, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען מאָרגן, ווייל עס וועט דאָ זיין די אָנפירערין און גרינדערין פון פרויען־באַטאַליאָן, דעם באַרימטן גענעראַל קוראָפּאַטקינ'ס טאָכטער. — זי קומט ספּעציעל אָף אַ רעוויזיע צוזאַמען מיט סאַווינקאָוו'ן; פאַר'ן אוועקגיין בעטן די סאָלדאַטקעס מיר זאָלן זיי איבערלאָזן עטלאַכע פּאַפּיראָסן. זיי דריקן אונז שטאַרק די הענט: גענדיינקט־זשע, חברים, זייט מאָרגן, איר וועט קיין חרטה ניט האָבן... ווען זיי ווילן זיך זעגענען אויך מיט מיין זונעלע, באַהאַלט ער זיך ווידער הינטער מיר און איך פיל, אַז ער איז אָט גרייט פאַנאַנדערוויינען זיך. אַן אינסטינקט פון אַ קינד....

אַפ'ן וועג צוריק גייען מיר פאַרביי אַ שטיק פּעטראָווסקי

פּאַרק. די ניט קולטיווירטע אַלייע, מיט די ריזיקע פאַרצווייגטע בוימער, מיט'ן הויכן גראָז בא די זייטן, אָטעמט מיט אוראַלט־קייט. פון פעלד באַם עראָפּלאַנען־דעפּאָ דערטראָגט זיך צו אונז דאָס געהילך פון מענטשן, ווי אָן אויפציטערנדיק עכאָ. עס דאַכט זיך, אַז אַלץ ארום שרייט אַרויס: באָלשעוויקעס, קער־ענסקי!....

ציפּין איילט זיך. עס ווערט שוין שפּעטלאַך, וויל ער נאָך כאַפּן דעם טראַמוואַי. מיר באַגלייטן אים, און עפּעס מאָדנע: אונזער געזעגענען זיך איז ניט, ווי מיר זאָלן זיך גאָר אינגיכן זען. אַזוי ווי איך פאָר מאָרגן אַוועק קיין באָברויסק, איז ווער ווייסט, וואָס עס קען זיך מאַכן? ציפּין וויצלט זיך: ווי גוט איז, אַז מען נעמט אָן פאַר עלטער, האָט מען ניט קיין עסק מיט מיליטער־דינסט, ניט מען פאַרלייקענט יאָרן, נאָר מען גיט נאָך צו..

ווען מיר קומען צוריק, איז שוין דאָ מיין פרוי פון שטאָט מיט'ן אוצר. עס טוט איר לייד, וואָס זי האָט ניט געזען ציפּינ'ען, בפרט נאָך, אַז עס איז פאַראַן אַזוי פיל כיבוד. מיין זונעלע איז אַנטציקט פון היינטיקן טאָג. ווען עס קומט נאָך דער אָנקל יאָסיף, מיט זיין עלטערער טאָכטער, דער יונגער לעבעדיקער, שטיר־פערישער גימנאַזיסטקע נינע, איז גאָר צו זיין אַנטציקונג קיין גרענעץ ניטאָ.

ס'איז דאָס ערשט מאָל אין פּעטראָגראַד, וואָס מען עסט וועטשערע אַף היימישן שטייגער, מיט אַ רואיקן באַוואוסטזיין, אַז מאָרגן וועט זיין רעכט ניט אויפצושטיין צום „אָטשערעד".

אַלץ צוליב דעם זכות פון דעם ליבן זאָרגזאַמען אַנטאָ־קאָלסקי'ן....

סוף פון דריטן טייל

אינ׳ם לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע

פערטער טייל

1.

דער ערשטער אַרויספאָר

אין וואגאָן ווערט אַלץ איינגער. ס׳וואקסט די שטיקעניש. נאָך גוט וואָס איך האָב פארכאפּט אַן אָרט אַף אַ באנק בא אַ פענסטער. דאָס הייסט, דעם אָרט האָב איך ניט פארכאפּט, נאָר דער טרעגער, וועמען איך האָב געדונגען. ליפּשיץ׳ס אַן עצה. גענומען טאקע אַ בשותּפות׳דיקן טרעגער, ליפּשיץ פאר זיינע פּעק, איך פאר מיין טשעמאָדאַן. דער טרעגער האָט אזוי געארבעט מיט זיינע עלנבויגנס, אַז ער האָט זיך ממש געבאָדן אין שוויס. דאָך אונז איינגעאָרדנט צום זיצן, און דווקא בא אַ פענסטער. איך האָב אים באצאָלט פאר דער שווערער ארבעט, און ליפּשיץ האָט אים געגעבן אַף טיי. ניט קיין גלייכע שותּפות. מילא, אבי איך זיץ שוין. אַ סאָלדאט רופט זיך ארויס צו ברייגגען געקאָכט וואסער. דעם טשאַיניק וואסער דערלאנגט ער אונז דורכ׳ן פענסטער און אַליין בלייבט ער שטעקן ערגעץ באם טיר. דער צוג גייט אַוועק אַף צוויי שעה שפּעטער פון דער באשטימטער צייט, און ווען ער נעמט זיך רירן, זיינען שוין אפילו די דעכער פול מיט פּאסאזשירן.

אָט ווערט גיט פּעטראָגראַד. עס ציען זיך פלאכע שטיקער ערד, קוים באוואקסן, ווי אויסגעברענט פון דער זון. אַ מאסע פעלדער ניט באזייט. די פארביישווינדדיקע דערפער אזעלכע נעבעכדיקע. פון יעדן ווינקל וועיט מיט אָפּגעלאָזנקייט, מיט חורבן. כ׳דערמאָן זיך, אַז אַמאָל, מיט היפּשע יאָרן צוריק, איז מיר אויך אויסגעקומען צו פאָרן זומער־צייט איבער׳ן זעלביקן וועג. ס׳אַרא לעבעדיקע בונטיקייט ס׳האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די באוואקסענע פעלדער, ווי פריילאך האָבן באגריסט

די דערפער. וואו זיינען אהינגעקומען די גרויסע שטרעקעס וואלד, וואס דער באנצוג האט דורכגעשניטן? איצטער איז אלץ אפן ארום, ווי אף דער דלאניע, זעלטן, זעלטן ווייזט זיך עפעס, וואס איז ענלאך אף א וועלדל. מיינע מיטרייזנדיקע, דורכאוים אידן, דערציילן מיר, אז פאר דער צייט פון דער מלחמה האט מען אויסגעהאקט די מערסטע וועלדער. טאמער זיינען נאך געבליבן אייניקע שטרעקעס וואלד, האבן זיי די פויערים אויסגעהאקט נאך דער רעוואלוציע. די פעלדער זיינען אזוי פארלאזן, ווייל ס'איז ניטא ווער עס זאל פאר זיי זארגן. די יוגנט איז אף די פראנטן, זיינען בלויז געבליבן אלטע לייט און פרויען מיט קינדער, וואס זיינען ניט פייאיק צו פעלד־ארבעט. די אידן דערציילן עס און עס פילט זיך ניט אין זייערע ווערטער קיין באדויערונג, אקוראט ווי די אויסצערונג פון די פעלדער, די פארדארבונג פון די וועלדער גייט זיי ניט אן.

מיך פאראינטערעסירט צו דערוויסן זיך, פון וואנען ציען די אידן זייערע פרנסות, ווען דער פויער איז אזוי פאראָרימט און דער מסחר מיט וואלד און תבואה איז כמעט אינגאנצן אפגעשטארבן. קיין גענויען ענטפער קען איך דערויף ניט באקומען. אט, גאט צו דאנקען, מען לעבט זיך ווי ס'איז דורך. ניט ערגער, ווי פאר דער מלחמה, אין אייניקע פרטים נאך בעסער, אי־בערהויפט אין די ערטער, וואס ליגן הארט באם פראנט. אי־דעלאך פארלירן זיך ניט. קנאפ פאדריאדן פאדערט די מלחמה? באברויסק, דערציילט מיר ליפשיץ, האט געמאכט גוטע געשעפטן, ווייל זי האט אן ערשט־קלאסיקע פעסטונג. פון אנהויב האט מען מורא געהאט, אז מיט'ן רוקן זיך נעענטער פון די דייטשן זאל מען פון באברויסק ניט ארויסטרייבן די אידן, ווי פון א סך אנדערע שטעט, וואס ליגן בא די פראנטן. ס'איז אבער דורך בשורה, און הגם די מורא פאר די דייטשן איז נאך אלץ גרויס, האט אבער די רעוואלוציע געראטעוועט די אידן פון דער געפאר ארויסגעטריבן צו ווערן. דאס, וואס מען קען אן שטערונגען האנדלען מיט פעטראגראד און מאסקווע, איז גאר א ישועה. אין

מינסקער גובערניע איז גראד פאראַן אַ סך פּראָדוקטן, קיין ברויט פעלט ניט. די אידעלאַך האָבן זיך נאָך געקלינגט צו באהאַלטן גרויסע זאַפּאַסן שניט־סחורה, לעדער; צעצוקערט מען עס איצ־טער אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע.

אייניקע פון די מיטרייזנדיקע פארמוטשען מיך ממש מיט זייערע פראַגן וועגן אַמעריקע. דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען ליפשיצ'ען; ער האָט דאָס זיי אַרויסגעגעבן מיין יחוס. כ'באַנוגן זיך מיט קאַרגע ענטפערס, און זיי לאָזן מיך סוף־כל־סוף צורו, ווען עס כאַפּט זיי אָן אַ דרעמל. כ'קוק אַף די אַרומיקע געזיכ־טער, סיי פון די אידן, סיי פון די ניט־אידן, וואָס זיינען אָנגע־פּאַקט אין וואַגאָן, ווי הערינג אין אַ פאַס, און איך באַמערק ניט אַף זיי די אָרימקייט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אַף די פּעט־ראָגראַדער גאַסן. ס'זעט זיך אַף די געזיכטער אפילו אַ געוויסע זאַטקייט. סאָלדאַטן זיינען דאָ ווייניק, און די עטלאַכע, וואָס זיינען פאַראַן, האָבן אַ באַשעפטיקונג — פון יעדער סטאַנציע אַרויפטראָגן פאַר עטלאַכע קאָפּיקעס געקאָכט וואַסער, און ווען מען איז זיי נאָך מכבד מיט אַ שטיקל צוקער אויך, זיינען זיי גאָר צופרידן. אַף זיי פילט זיך שוין גאָר ניט קיין זאַטקייט. אויס־געמוטשעטע, פאַרכמורעטע.

מיינע שכנים אַף די ביינק הערן ניט אויף צו טרינקען מיט הנאה טיי, אפילו דרעמלענדיק; מען זופּט דאָס צוגעפאַרבטע וואַ־סער, מיט אַ שלוקערץ, אַז מען קען הערן אין צווייטן עק וואַגאָן; ס'באַמערקט זיך אַזאַ קלייניקייט: די מערסטע קאַרגן ניט קיין צוקער, מען מאַכט דאָס צוגעפאַרבטע וואַסער אַזוי זיס, מישנדיק עס, אגב, מיט אַ פינגער אָנשטאָט אַ לעפעלע, אַז ס'ווערט פּריקרע. קען מען זיך אַזאַ לוקסוס דערלויבן אין פּעטראָגראַד? פון די צופעליקע שמועסן פון די אידן צווישן זיך דערוויס איך זיך, אַז דער מסחר מיט צוקער איז איינער פון די אָממערכטן פאַר־שפּרייטע; די, וואָס האָבן זאַפּאַסן צוקער, ווערן נתעשר. אין פּעטראָגראַד האָט מען אַפ'ן ספּעקולאַנטן־מאַרק אַרויפגעטריבן דעם פּרייז צו דריי רובל אַ פונט. איין איד, אַ הדרת־פּנים, מיט

א ברייטער צעקעמטער שווארצער באָרד, אָנגעטאָן גאַנץ עלעגאַנט, וויל אַלץ ביי מיר דערגיין, צי איז ניטאָ א מעגלאַכקייט צו ברײַנגען פון אַמעריקע עטלאַכע וואַגאָנען צוקער. ווען עס זאָל זיין די קלענסטע מעגלאַכקייט, וואָלט ער גרייט געווען אָריבערצופֿאָרן אַליין קיין שווערן; ער האָט אין פּעטראָגראַד גרויסע פֿאַרבינדונגען, טאַקע אין די גאָר הויכע פֿענסטער — גיט ער א וואונס מיט נדלות — זיינען פֿאַר אים די טויערן קיין אויסלאַנד אָפֿן.

ס'נעמט צופֿאַלן דער פֿאַרנאַכט; פון פֿענסטער זעט מען אַזוי דייטלאַך, ווי עס ציען זיך די זון־שטראַלן, דאַכט זיך, פּאַוואָליע, ווי ניט וועלנדיק איננאַנצן פֿאַרטרייבן די טאָגיקע ליכטיקייט. אָט ווערט אַלץ בהדרגה איינגעוויקלט אין א טונקלקייט. דער וואַגאָן איז געדיכט פֿאַרשאָטנט; די מענטשן זיינען צונויפגעגאָסן אין איין שווארצן פֿאַרגליווערטן פלעק. בלויז פון יעדער סטאַנציע, וואָס נעמט אַראָפּ פּאַסאַזשירן און ברייַנגט נייע, דרינגט אַריין די וואָקזאַל־באַלויכטונג, ווי א לבנה־שיין. עס ווערט אַן אויפֿרודערונג,, א שפּאַרעניש, און ווען דער באַנצוג לויפֿט ווייטער, זעט מען ווידער בלויז א שווארצן פֿאַרגליווערטן פלעק. הגם די פֿענסטער זיינען אָפֿן, איז אַזוי דושנע פון מענטשנשוויים, אַז ס'נעמט איבלען. אַרויסגיין פון אָרט איז אָבער אוממעגלאַך. קעפּ ליגן אָנגעשפּאַרט אָף קעפּ. די לופֿט איז דורכגעשניטן דורך א שנאָרכעריי און סאָפּעריי. איך ווער אַליין אַנדרעמלט, ווי אונטער א שווערער משא, און ווען איך כאַפּ זיך אויף, באַמערק איך, אַז דער וואַגאָן איז אָפּגעליידיקט געוואָרן אַביסל.

ביים סאַמע טיר אָף א ווינקלדיקער באַנק צאַנקט א ליכטל און עס זיצט אַן איינגעקאָרטשעטע פֿיגור, פֿאַרטיפֿט אין א ציַיטונג. כ'בין צופרידן אַרויסצוגיין אָפּ'ן גאַניק פון וואַגאָן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. עס ליגט אויסגעשפּרייט א וואַרימע אויסגעשטערנטע נאַכט. ס'אַרא מחיה צו קוקן אין איר און שלינגען איר פרישקייט. זי טראָגט זיך, די נאַכט, צוזאַמען מיט'ן באַנצוג, דורך דער מוזיק פון זשאַבעס־קוואַקעריי, פון פֿליגן־זשומעריי, פון גרילן־געַרויש, פֿאַרביי א סך, א סך פֿייער־ווערימלאַך, וואָס

בלישטשען, ווי דימענטן.

נעבן מיר אַפ'ן גאַניק וואַקסט עמיצער אוים. כ'דערקען אין אים אינסטינקטיוו די איינגעקאָרטשעטע פיגור ביים ליכטל. זיין פּנים באַמערק איך ניט, איך זע אָבער, אַז דאָס איז אַ מיליטער־מענטש. ער שווייגט, צוהערנדיק זיך צו דער מוזיק פון דער נאַכט, און רעדט דערנאָך אַרוים, ווי פאַר זיך אַליין: די בעסטע צייט צו ליגן אין די אָקאָפּעס. שטייען מיר ביידע, צוויי אומבאַקאַנטע פרעמדע מענטשן, פאַרטיפט אין דער וואַרימער זומער־נאַכט, יעדער מיט זיינע געדאַנקען און געפילן, און עפּעס אַ נאָענטקייט נעמט זיך וועבן צווישן אונז, אָט־ווי דאָס שטיין דאָ וואָלט אונז באַהעפט. ער איז אַן אָפיציר, אַ געוועזענער סטודענט פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, דינט אין „סטאַווקע“ אין מאָהילעוו. געווען אין פּעטראָגראַד מיט אַ שליחות. זיין שטים איז אַן אַנגענעמע, זאַפטיקע, נאָר ווי דורכגעדרונגען מיט מעלאַנכאָליע. פון זיינע קאַרגע ווערטער פאַרשטיי איך, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט און אַ גאַנץ לינקער, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט געווים, אויב ניט אַ באָלשעוויק.

עס ווערט קילאָך. מיר גייען ביידע אַריין צוריק אין וואַגאָן. דער אָפיציר לאַדט מיך איין זיך זעצן נעבן אים; שלאָפן ווילט זיך ניט, איז ער צופרידן צו כאַפּן אַ שמועס. פון מיינע ווערטער האָט ער אויך אַרויסגענומען, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט.

מיר זיינען שוין אַריבערגעפאָרן גאַטשינע, דעריבער איז דאָס געוואָרן גראַם. מען דאַרף אָבער דערוואַרטן נאָך אַ גרעסערע איינגעניש, ווי פריער, נאָך אָרשע. דער אָפיציר קאָן שוין דעם וועג. מיך וואונדערט, וואָס ער פאָרט ניט אין אַ שטאַב־צוג. ער דערקלערט, אַז היינט האָט ער גראַד פאַרשפּעטיקט אַ שטאַב־צוג און וואַרטן אַף אַן אַנדערן, וואָס גייט ערשט אין דריי טעג אַרום, האָט ער ניט געוואָלט. בכלל האָט ער ליב צו פאָרן בעסער אין פּשוט'ע צוגן, ווייל מען איז אויסגעמישט מיט'ן פאָלק און מען קען דערפון פיל לערנען.

דאָס געזיכט פון אָפיציר איז אַ יונגע, זייער אַן אינטעלי־

גענטע, נאָר שוין מיט טיפע קנייטשן אַפ'ן הויכן שטערן און מיט אַן אומעט אין די שוואַרצע אויגן. אַז ער איז אַ טיפּישער רוס, דאָס שפּירט מען גלייך, לויט זיין סלאַווישן טיפּ און לויט זיין אויסשפּראַך.

מיר ריידן זיך פאַנאַנדער. ער פרעגט ביי מיר, וואָס איז מיין מיינונג וועגן דער מלוכה־באַראַטונג, וואָס דאַרף זיך עפענען אין אַ פּאָר טעג אַרום אין מאָסקווע. כ'זאָג אים, אַז איך לייג אַף איר ווייניק האָפענונג. דאָס, וואָס זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון די געוועזענע דעפּוטאַטן פון די פיר גאָסודאַרסטווענע דומעס, באַשטימט איר ניט גינסטיקן כאַראַקטער. די דעמאָקראַטיע וועט אין איר בלויז זיין אַ צוטשעפּעניש, ניט שפּילן קיין שום ראָל, מען וועט זיך צו איר ניט צוהערן. דער אָפיציר דיינקט, אַז ניט בלויז וועט די מלוכה־באַראַטונג אין מאָסקווע גאָרנישט געבן דער רעוואָלוציע, נאָר זי וועט זיין אַ מאָביליזיר־פּונקט פון דער עכטער קאָנטר־רעוואָלוציע. ער, אַרבעטנדיק אין „סטאַווקע“, איז אין דעם איבערצייגט. אין „סטאַווקע“ איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז דער העכסטער הויפּט־קאָמאַנדיר, גענעראַל קאָרנילאָוו, בויט אַלע זיינע פּלענער אַף דער מאָסקווער באַראַטונג, כדי צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. פאַר קערענסקי'ן און סאַווינקאָוו'ן, וואָס איז קאָרנילאָוו'ס קאָמי־סאַר, זיינען ניט פרעמד קאָרנילאָוו'ס פּלענער, זיינען אין זיי אַליין פאַרמישט, און ווער ווייס, וואָס די מאָסקווער באַראַטונג קען בריינגען מיט זיך? — מעגלאַך, אַ מיליטערישע דיקטאַטור, כדי צו מאַכן אַ סוף צו אַלע רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען און פאַר־פעסטיקן די הערשאַפט פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן און גרויסע פּריצים. וואָס דאָס באַדייט פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן, איז קלאָר. די מענשעוויקעס און עס־ערן ווילן דאָס ניט איינזען; זיי פילן ניט די טויט־געפאַר, וואָס רוקט זיך אָן אַף די סאָוועטן און אַף דער גאַנצער רעוואָלוציע; זיי גייען אַף דער מאָסקווער באַ־ראַטונג, כדי צו לאָזן זיך כאַפּן אַף דער ווענדקע פון דעם מיליאָנער ריאַבושינסקי, וואָס סטראַשעט אָנצוכאַפּן די רעוואָלוציע פאַר'ן

גאָרגל מיט דער „ביינערדיקער האַנט פון הונגער", מיט דער „פאָלקס־אָרימקייט", צו „פאַרניכטן אַלע סאָוועטן און קאָמיטעטן". אַנשטאָט צו באָיקאָטירן די מלוכה־באַראַטונג אין מאָסקווע, צו רופן די מאַסן אַרויסצוטרעטן קעגן דעם דאָזיקן שווינדל, לייגן זיך די מענשעוויקעס און עס־ערן פויגעלאָך אין בוזים, אַז זיי וועט דאָרטן געלינגען צו פאַרזיכערן דעם „קלאַסנשלום".

הגם דער אָפיציר וויל זיך ניט מודה זיין, נאָר ס'איז צו דער־קאָנען, אַז ער איז אַ באָלשעוויק. ביי מיר פּליט דורך אַ גע־דאַנק: איז ניט די שליחות פון דעם דאָזיקן אָפיציר צו אינפאָר־מירן די באָלשעוויקעס וועגן אַלץ, וואָס טוט זיך אין „סטאַווקע"? ער דערציילט מיר, אַז אין „סטאַווקע" שווייבלט און גריבלט מיט די אַלטע צאַרישע גענעראַלן, וואָס קוקן אויס אַף אַ געלעגנהייט צו דערשטיקן די רעוואָלוציע אין טייכן בלוט. די אָרגיעס גייען דאָרטן אָן, ווי ביים צאַרישן רעזשים. די צייטווייליקע רעגירונג מאַכט זיך אָבער דערפון ניט ווייסנדיק. די קאָמיסאַרן פון דער רעגירונג, ווי פילאָנענקאָ, נעמען אַליין אָנטייל אין די אָרגיעס. אויב, זאָגט דער אָפיציר, די סאָוועטן וועלן באַצייטנס זיך ניט כאַפּן און ניט מאַכן אַ סוף צו די פאַרשווערונגען פון העכסטן הויפּט־קאָמאַנדיר, וואָס האָט קערענסקי'ס און סאַווינקאָוו'ס שטי־לע הסכמה, קען זיין צו שפּעט.

דער אָפיציר רעדט וועגן דעם אַלעם מיט אַן אינערלאַכן ווייטיק. דאָס, וואָס ער דערציילט, חוץ אייניקע איינצלהייטן, איז פאַר מיר ניט אינגאַנצן ניי. כ'האָב דאָס שוין געהערט פון אַנטאָקאָלסקי'ן, וואָס איז גוט אינפאָרמירט; מיט קלאַנגען וועגן דער קאָנצענטרירונג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין „סטאַווקע" איז דאָך פול גאַנץ פּעטראָגראַד; מען רעדט וועגן דעם אפילו אין די רעכטע סאָציאַליסטישע קרייזן. איך זאָג דעם אָפיציר, אַז, פּי־לייכט, טרייבן די באָלשעוויקעס בכיון איבער די געפאַר, כדי צו זייען אומצוטרוי צו דער צייטווייליקער רעגירונג צווישן די מאַסן. די ווינקלען פון די ליפּן קרימען זיך ביי דעם אָפיציר אויס. עס

פילט זיך, אַז ער האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות ניט אויסצוזוידלען מיך.

כ'באַמערק גאָרניט, ווי ס'הויבט אָן טאָגן. אַזוי פאַררעדט זיך. די באַגינענדיקע גרויקייט שטופּט זיך לאַנגזאַם. אַלע שלאָפן. בלויז מיר ביידע, איך און דער אָפיציר, זיינען וואַך. אַ מידקייט כאַפּט אַרום. כ'גיי אַוועק אויף מיין אָרט באַם פענסטער. נורע זיך איין, מיט מיין טשעמאָדאַן צוקאָפּנס. דורכ'ן דרימל דאַכט זיך מיר, אַז דער אָפיציר לאָזט ניט אַראָפּ פון מיר זיין בליק, וואָס איז פול מיט פאָרוואורף. כ'עפן די אויגן און ניב אַ קוק אין זיין ווינקל: ערשט ער זיצט אָנגעשפּאַרט אָן באַנק און שלאָפט: די קנייטשן אויף זיין הויכן שטערן טיילן זיך נאָך מער אויס און זיין גאַנץ געזיכט אונטער דער באַגינענדי־קער גרויקייט האָט אַ מאַרטירעריש אויסזען פון איינעם, וואָס האָט איבערגעלעבט עפּעס טראַגישעס. ווי באַקאַנט איז מיר דאָס דאָזיקע אויסזען, מען באַגעגנט אַזעלכע פּנים'ער אַזוי אָפט אויף די פּעטראָגראַדער גאַסן, אין די טראַמווייען, אין עפנטלאַכע פּלעצער.

כ'דערמאָן זיך, אַז פאַר דער צייט, וואָס איך בין אין רוסלאַנד, האָב איך נאָך ניט געהערט קיין פריילאַכן געלעכ־טער, אפילו דעמאָלט, ווען דאָס פאָלק פאַרווײלט זיך, ווי דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק אין פּעטראָוופסקי פּאַרק. אין די טענץ פון די סאָלדאַטן מיט די מיידלאַך, אין זייער שטיפן, ראָמאַנסירן איז עפּעס ניטאָ קיין פרייד. איצט, ווען איך ליג מיט אָפענע אויגן איינגענורעט אין וואַגאָן מיט'ן טשעמאָדאַן צו־קאָפּנס, ווען איך קוק זיך צו, ווי דער טאָג באַזיגט די נאַכט, שיקט אַריין גנב'יש אַ שטראַל פון דער אויפגייענדיקער זון, ווערט פאַר מיר דייטלאַך, אַז די רעוואָלוציע האָט קיין פרייד ניט געשאַפן. אפשר איז פרייד געווען, און איך האָב עס פאַר־שפּעטיקט? אפשר באַמערק איך ניט דאָס פרייד, ווייל ס'איז אין מיר אַליין ניטאָ? נו, וואוהין טראָג איך זיך? פאַרוואָס האָב איך אַזוי מורא צו גיין אפ'ן פראָנט? עס הילכן אָפּ

אין זיך די ווערטער פון אפיציר: די בעסטע צייט צו ליגן אין די אקאפעס. הייסט עס, אז אין די אקאפעס לעבט מען אויך, קלאפט דאס הארץ מיט דערווארטונג און האפנונג. פיליכט איז טאקע דארטן דאס עכטע ארט פאר יעדן רעוואלוציאנער? אט קומען, ארפאווארפן די „ציוויליזאציע", אלע קליינקלעכישן און ספיקות, צונויפגיסן זיך מיט דער מאסע, וואס איז צעעסן פון לייז און עפידעמיעס, און ארויספירן זי, די מאסע, צו ליכט....

ווי אלץ מישט זיך אין קאפ, אן אמת'ער קאשמאר... עס שיינט שוין די זון. די פאסאזשירן האבן אויפגעוואכט. א געשפרעך. מען פרעגט וויפיל דער זייגער. אייניקע נעמען זיך שוין צו פרישטיק. די עלטערע אידן שטעלן זיך דאווענען. מאכן זיך באקוועם מיט זייער טלית און תפילין, ווי אין א בית־המדרש: געוויסנפרייהייט, ניטא וואס מורא צו האבן, ווי אמאל. ליפשיץ איז מיר מכבד מיט אן עפל און א גלעזל וואר־רימס, אינטערעסירט זיך, צי איך האב געשלאפן. מען איז פויל צו ריידן. איך נורע זיך שוין איין זיצנדיק און ווער אנדרעמעלט.

ווען איך כאפ זיך אויף, שטייען מיר אין ארשע. עס איז א טומל, א געדריינגעניש, נאך ערגער, ווי באם ארויספאר פון פעטראגראד. אידן און אידענעס מיט גרויסע זעק, סאל־דאטן מיט קלומיקעס. מען קריכט ניט בלויז דורך די טירן, נאר אויך דורך די פענסטער. עס דערגייט צו גאנץ הויכער זידלעריי. איך מיט ליפשיצ'ן זיצן, ווי איינגעקוועטשט אין א צוואנג. ניט א ריר צו טאן זיך מיט אן אבר. גיבן מיר זיך אביסל א שטופ, שטופט מען אונז צוריק, אז מען דריקט אונז גאר צו צו דער וואנט, ווי מיט א בערוועגע. אט דאס איז — בייזערט זיך ליפשיץ — פריער ניט געווען. שוין א רעזול־טאט פון די נייע פאראנדקעס. אלץ צוליב די „טאווארישטשעס", רק זיי וואנדערן, און מען דארף פאר זיי מאכן א ווארע, עפעס א קלייניקייט, אונזער באשיצער און פארטיידיקער.

אונטער „טאווארישטשעס" ווערן געמיינט די סאלדאטן.

אַ אידישער סאָלדאַט, אַ יונג בחור'ל, אַף אַ קוליע, ווערט אַן אַנגעצונדענער. ער רופֿט זיך אָפּ צו ליפּשיצ'ן:

— וואָס, רב איד, אייך געפֿעלן ניט די „טאָוואַרישטשעס? נו, וואָלט איך אייך ווינשן זיין אַף זייער אָרט. איר פֿאָרט ספּעקולירן, כּדי צו שינדן פֿון פֿאָלק די הויט, און די „טאָוואַרישטשעס" טרייבט מען אַרויס, כּדי אויסקעמפֿן פֿאַר אייך פֿרייהייט, אַז איר זאָלט אָנשטאָפּן די קעשענעס מיט גאָלד. מען קען אייך, רב פּעטער. — דער אידישער סאָלדאַט ווערט אַזוי אויפֿגערעגט, אַז ער טרייסט זיך איינגאַנצן; ער שרייט שוין, ווי צעבליפּעט: אָט בין איך אַן אַ פֿוס, און איך דאַרף שטיין, בשעת איר האָט זיך ברייט פֿאַנאַנדערגעזעצט מיט אייערע טשעמאָדאַנעס.

מען באַרואיקט ווי עס איז דעם אידישן סאָלדאַט, מען מאַכט פֿאַר אים אַן אָרט. עס איז שווער אַף אים צו קוקן. דאָס פּנים איז געל, ווי וואַקס, די אויגן אויסגעלאָשענע. ווען ער גיט אַ הוסט, איז ווי ער וואָלט אויסגעשפּיגן די נשמה. די שטימונג אין וואַגאָן פּרעסט, ווי אַ משא. יעדער דערלאַנגט עפּעס דעם אידישן סאָלדאַט, — דער אַ שטיקל צוקער, יענער אַ שטיקל וואורשט אָדער וויים ברויט. דער סאָלדאַט וויקלט דאָס אַלץ איין אין אַ שמוציקער שמאַטע און קוקט אַף אַלעמען מיט אַ רחמנות'דיק געבעט, ווי ער וואָלט געזאָגט: האָט, איידעלאַך, אַף מיר קיין פּאַראיבל ניט, עס רעדט פֿון מיר אַרויס מיין אומגליקלאַכער מזל. כ'וויל זיך מיט'ן אידישן סאָלדאַט פֿאַנאַנדעררעדן, נאָר איך קען פֿון אים בלויז אַרויסקריגן, אַז ער איז פֿון אַ דאָרף נעבן מינסק, געווען אַ שוסטער, און איצטער קערט ער זיך אום אַהיים, ווי אַן אינוואַליד, צו קיין זאַך איז ער מער ניט פֿייאיק....

דער צוג האָט דאָ נאָך צו שטיין אַ האַלבע שעה. יעדער פּאַסטער פּלאַץ אַרום וואָקזאַל איז פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאַרק. אומעטום געשטעלן מיט אַלערליי געבעקסן, פֿון שוואַרץ ברויט ביז טאָרט און לעקאַך, מיט פּרוכט, מיט אייער, מיט מילך און קעז, עס פֿעלן אפילו ניט קיין געפּרעגלטע הינער. פֿון בור־

פעט פון ערשטן און צווייטן קלאַס, וואָס איז פונקט אַנטקעגן אונזער פענסטער, שלאָגט אַ ריח פון פריש באָרשטש, פון גע־פּרעגלט פלייש. עס נעמט אָן אַ חשק אַרויסצוגיין און אַריינ־כאַפּן אַ מיטאָג אָדער עפּעס איינקויפן, נאָר עס איז אַ מורא צו רירן זיך: ניט בלויז קען מען פאַרלירן דעם אָרט, נאָר מען קען אַמאָל איינגאַנצן ניט דערוויזן אַריינקריכן אין וואַגאָן. ליפשיץ, ווי אַ דערפאַרענער אַרומפאָרער, ראָט מיר בעסער צו פאַרבלייבן זיצן און אָננעמען אַלץ פאַר גוט. אימעצער וויצלט זיך: פאַר אַזאַ אָפּקומעניש וועט מען שוין ניט דאַרפן ליידן קיין חיבוט הקבר.

פון דעם, וואָס קומט פאָר אויף די אייזנבאַנען, ווערט נאָך קלאָרער, ווי ווייט דאָס לאַנד איז צערואינירט; מען האָט זיך אַזוי פיל אין דער פאַנטאַזיע ניט געקענט פאָרשטעלן. וואָס פון טאָג ווערט ערגער. עס איז אָן אונטערשייד אין די שווע־ריקייטן אויף די אייזנבאַנען ניט בלויז אין פאַרגלייך מיט אַ חודש, נאָר אַפילו מיט אַ וואָך צוריק. עס דראָט מיט אַ קראַך. די צאָל צעבראָכענע וואַגאָנען און „קראַנקע" לאָקאָמאָטיוון וואַקסט, ווי שוואוימען נאָך אַ רעגן. דערצו איז דאָ זייער ווייִ־ניק הייץ־מאַטעריאַל. וועגן קוילן איז שוין אָפּגערעדט, עס פעלט האָלץ. די רעגירונג טוט גאָר ניט. דער נייער פאַרקער־מיניס־טער, דער קאַדעט יורעניעוו, זאָגט מען, איז אַ טויגעניכץ, נאָר מילאָוקאָוו'ס אַ שטיוולפּוצער. עס וועט באַלד ניט זיין אויף וואָס איבערצוטראַנספּאָרטירן מיליטער. פאַר די דייטשן, וואָס רוקן זיך אַלץ נאָענטער צו פּעטראָגראַד, שטייען שוין כמעט נעבן ריגע, איז דאָס ווי געוואונשן... אַזוי רעדט צווישן זיך אַ רעדל פּשוטע סאָלדאַטן, ניט ווייט פון אונזער באַנק. זייער שפּראַך איז ניט קיין אינטעליגענטע, נאָר מען פילט, אַז זיי קלייבן זיך פּאָליטיש פאַנאַנדער אין דער לאַגע, ווייסן דעם נאָמען פון יעדן וויכטיקן רעגירונגס־פאָרשטייער. דאָס איז אַ נייס פאַר דעם פּראָסטן רוסישן פאָלקס־מענטש, וואָס צייכנט זיך אַזוי אויס מיט אומוויסנקייט. דער דאָזיקער פּראָגרעס איז שוין

א רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע... כאָטש דערין איז א שטיקל נחמה....

דער אָפיציר איז אין וואַגאָן ניטאָ, האָט מסתמא זיך אי־בערגעזעצט אַף א צוג קיין מאָהילעוו, ווען איך האָב געכאַפּט א דרעמל.

דאָס בילד דורכ'ן פענסטער איז גאָר אַן אַנדער, ווי ארום פעטראָגראַד. די ערד איז ניט פלאַך. א סך וואַלד, פאַרזייטע פעלדער. די דערפער ארומעגרינגלט מיט גרויסע גערטנער, פול מיט אויבס, און מיט סעדער, וואָס ברעכן זיך פון פרוכט. דאָך פילט זיך דאָ אויך אַן אָפּגעלאָזנקייט. קיין יונגוואַרג זעט מען כמעט ניט. מייסטנס מיטליאָריקע פויערים און פויערטעס, מיט קליינע קינדער. דערפאַר מאַסן קאַליקעס. בא יעדער סטאַנציע שורות גאַנצע, וואָס בעטלען. אונטער דער ברענענדיקער זון זעען אוים די בעטלער, האַלב־נאַקעטע, פאַרשמוציקטע, מיט די פאַרזשמורעטע אויגן, ווי בלינדע, וואָס שטייען אַף אַן אָרט, ווייל זיי קענען ניט אָנטאַפּן דעם וועג; א סך מיט אָרדנס אַף די צעריסענע קליידער. אייניקע פון זיי שלאָגן פאַר אַלערליי יאַג־דעס צו פאַרקויפן, אבי ניט צו נעמען סתם א נדבה — נאָך פאַר־היט אין זיך דעם אינערלאַכן שטאָלץ....

די שעה'ן ציען זיך ווי פון פעך. עס ווערט דערעסן צו קוקן דורכ'ן פענסטער: די לאַנדשאַפטן אויך אַלע איינאַרטיקע. ניט בלויז קריכן שוין פון האַלז די געשפּרעכן פון די אידן, וואָס האַלטן אין איין ריידן וועגן מסחר, נאָר אויך די פּאָליטישע ויכוחים פון די סאָלדאַטן; מען חזרט איבער איינע און די זעלביקע זאכן נאָך אמאָל און נאָך אמאָל.

די זון נעמט פאַרגיין. ס'נידערט אראָפּ א וואַרימע אוים־געשטערנטע נאַכט. מיר הויבן זיך אָן דערנענטערן צו באָב־רויסק. אָט ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. אין וואַגאָן איז גראָד גראַם. מען גרייט זיך מיט די פּעקלאַך. עס ווייזן זיך פייערלאַך, פון אָנהויב שיטער, דערנאָך אַלץ געדיכטער; נאָך א לאַנגן שניידנדיקן פייף בלייבן מיר שטיין בא א הילצע־

נער געביידע, וואָס איז באַלויכטן פון צוויי נאַפט־לאַמטערנעס.

דאָס איז דער וואָקזאַל. ביז דער שטאָט איז נאָך עטלאַכע וויאָרסט. דער דעליזשאַנס קוועטשט אריין אזוי פיל פּאַסאַזשירן, וויפיל עס לאָזט זיך. ער קימערט זיך ניט פאַר יענעמ'ס ביינער. ווען מיר פאָרן אריין אין באָברויסק, איז שוין גאַנץ שפּעט. די גאַסן זיינען פינסטער. דער דעליזשאַנס פאָרט ניט, נאָר שפּרינגט איבער דעם צעלעבערטן ברוק, אַז די קישקעס קערן זיך איבער. אין צוויי האָטעלן איז ניטאָ קיין ליידיק פּלאַץ, אַלץ פאַרנומען, איבערהויפּט פון מיליטער־לייט. דער דעלי־זשאַנס פירט שוין אוועק מיך אליין ערגעץ אין עק שטאָט עפּעס אַף אַן אכסניה. נאָך גוט, וואָס איך קריג דאָרטן אַ קאַנורע, צונויפגעקלעפּט פון ברעטער, ווי אַ סוכה.

ווען איך לייג זיך שלאָפן, דערטראָגן זיך צו מיר פון מיטן קאָרידאָר שיכור'ע שטימען, אויסגעמישט מיט אַ פרויען־קוויטש.

אויך מוזיק פון אַן אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט...

2

באַ אַ היסטאָריש הויז

כ׳גיי אַרוים פון אכסניה גאַנץ פרי. דער טאָג איז אַ זוניקער. צום צענטער פון שטאָט איז ווייטלאַך. דריי איך זיך דורך שמאָלע געסלאַך, מיט אַלטע האַלב־חרוב׳ע הילצערנע הייזלאַך, אָן אַ ברוק; וואו ניט וואו פאַרטריקנטע בלאָטעס, צעראָיעטע, באַדעקט מיט אַ גרינלאַך שימל. זעלטן אַ בוימל, הגם עס פעלן ניט קיין קליינע גערטנדלאַך, באַוואַקסן מיט ציבעלעס, קרויט און אוגערקעס. איבער די געסלאַך שפּאַצירן אַרום מאָגערע קי און פערד, וואָס גריזשען געשמאַק די קאָרע פון אָנגעוואָרפענע הורבעס קלעצער. דאָ מוז זיך דאָס אויפהאַלטן דער אידישער דלות. פאַלט אַריין אַ געסל מיט ציכטיקע הייזלאַך, איינגעטונקט אין גרינס, מיט סעדער, זעט מען גלייך אָן די חזירים, וואָס וואַרימען זיך אויף דער זון, אַז דאָ וואוינען קריסטן.

ס׳גיט אַ ווייע מיט דער קינדהייט. פונקט אַזאַ אויסזען האָט דאָך געהאַט דאָס געבורטשטעטל, אויך אין דער ליטע. אָט איז זי, איוויע, מיט איר אידישער אומעטיקייט און „גוי׳אישער" פריילאַכקייט. עס פעלט אפילו ניט דער גרויסער אידישער בית עולם, מיט׳ן הילצערנעם טויער, דער טייך מיט׳ן מיל, וואו מען פלעגט זיך זומער־צייט פליושקען און לערנען זיך שווימען. אָט איז דאָס בערגל הינטער דער שטאָט מיט׳ן אַלטן בוים פון קליינע בארעלאַך, וואָס זייגען הפקר פאַר אַלעמען. פון ווייטן, ווי פונקט אין דער געגנריכטונג צום אידישן בית עולם, ציט זיך

דער „גוי'ישער" מאָהילניק, בלישצען די צלמים פון א פּאָר קלוים־טערם, סטאַרטשעט אַרויס אַ הויכער לייכט־טורעם....

ווי אויסטערליש דאָס אַלץ איז, אַזוי פרעמד און דאָך אַזוי נאָענט. עס דאַכט זיך, אַז מען איז צוריק אין דער לאַנג־פאַר־געסענער היים. אָט ווי גאָרניט וואָלט זיך געענדערט, ווי די וועלט וואָלט זיך ניט געבאָדן אין בלוט, ווי דאָס לאַנד וואָלט ניט דורכגעמאַכט קיין צוויי רעוואָלוציעס. די זעלביקע פאַר־שלומפּערטע אידענעס, די זעלביקע פאַרוואַקסענע אידן, די גוים אין די סערמינקעס און לאַפּטשעס די זעלביקע. מען דערקאָנט אין דיר גלייך אַ מענטשן אַ גרויס־שטאָטישן, ווי פון אַן אַנדער פּלאַנעט, און מען באַגלייט דיך מיט נייגעריקע בליקן. עטלאַכע קינדערלאַך לויפן אפילו נאָך באַרוויסערהייט. די זיטן, מנהגים, אַרט־לעבן פון פאַר צוואַנציק יאָר און נאָך מער.

כ'פאַרטיף זיך אַזוי אין דעם אַרום, ווער דורכגעדרונגען אַזוי מיט די עראינערונגען פון דער קינדהייט, מיט יענער שטימונג, אַז איך באַמערק ניט, ווי איך בין פאַרקראָכן הינטער דער שטאָט, אָנשטאָט צו גיין אין צענטער. אָט ליגט ווי אַף דער דלאָניע אַ שטיק פאַרגאַנגען לעבן, האָט זיך אַנטפּלעקט, איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, כאָטש נעם און וואַרף אַראָפּ פון זיך די קליי־דער, ניב זיך אַ פּליושקע אין טייך גלייך אונטער'ן שטראָם פון די מיל־רעדער און גיי אַוועק קלאַפּטער, הוהוקנדיק פון יוגנט און פרייד...

די שעה'ן לויפן, אַזעלכע פרידלאַכע, ווי די גאַנצע נשמה וואָלט זיך אָנגעזאַפּט מיט שטילקייט און פרידן.

ווען איך קום אין צענטער איז שוין האַלבער טאָג. דאָ אָטעמט אַלץ מיט גרויס־שטאָטישקייט. פיינע ניט הויכע מויערן. גלאַט־ברוקירטע גאַסן מיט הילצערנע טראָטואַרן, פאַנאַרן־סלופּעס, אַ קינעמאַטאָגראַף, רעסטאָראַנען און מאַגאַזינען מיט שויפענסטער. אויך די מענטשן זיינען מאָדערנער געקליידט. באַלד אַפ'ן שטייגער פון אַן אַמעריקאַנער פּראָווינציעל שטעטל. עס פעלן נאָר אויטאָמאָבילן, גזאָלין־סטאַנציעס, שרייענדיקע רעק־

לאַמען. אַזוי די זעלביקע תקיפ׳דיקייט, געמיטלאַכקייט. אומ־עטום נאָך אַלעמען איין וועלט.

דער פאַרטרעטער פונ׳ם „בונד“, ווי מען רופט אים, נאַכקע דער פּאָליצמייסטער, איז גאָר אַוועקגעפאָרן אַף קאַווקאַז זיך היילן. אַזוי גיט מען מיר איבער אין אַ פאָטאָגראַפיע־סטודיע, וואוהין איך האָב אַן אַדרעס; מען ראַט מיר דאָרטן אַוועקגיין אין דער שטאָט־דומע, וואו איך קאָן אַלעמען טרעפן. עס איז ניט ווייט, אינגאַנצן אַ פּאָר קוואַרטאַלן פון דאַנען.

פון דרויסן מאַכט ניט די שטאָט־דומע דעם איינדרוק פון אַ געזעלשאַפטלאַכער געביידע. אַ געוויינלאַך גרויס איין־שטאָקיק הויז, נאָר מיט אַ פּאַראַדנעם אַריינגאַנג. גרויסע חדרים, ליידיקע. כ׳פרעג אַ באַדינער, אַן עלטערן קריסט, אָנגעטאָן נאָך האַלב־פּויעריש, צי איז עמיצער דאָ פונם „בונד“. עס גייט מיר אַרויס אַנטקעגן אַ מיטלוויקסיקער יונגערמאַן מיט אַ מאַט ברייטלאַך געזיכט, מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע וואָנצן. דאָס איז חבר יעקב ראָזענטאַל. איך קאָן אים ניט און ער קאָן מיך ניט, נאָר מיר ווייסן איינער פון צווייטן. ער פאַרשטייט שוין צוליב וואָס איך בין געקומען. ער שפּאַסט: נישקשה, דער „צע־קאַ“ פאַרלאָזט אונז ניט. פריער חבר ליפּעץ, ערשט איר, די טעג דאַרף אויך קומען פון מינסק חבר הימלפאַרב, — דער לאַנדאָנער, — גאַנץ אָנגעלייגטע געסט. ער פירט מיך אַריין אין דער קאַנצעלאַריע פון שטאָט־דומע. דאָרטן איז לעבעדיק. טשינאָווניקעס סקריפּן געשמאַק מיט די פעדערס. הינטער אַן אָפּצאַמונג רייען באַזוכער. עס דרייען זיך דאָ אַרום היימיש, מעשה באַלעבאַטים, אַ סך חברים פון „בונד“, צווישן זיי אויך עטקע מיט איר מאַן וועלוול נאַכקין, מיט וועמען איך האָב אַמאָל געאַרבעט צוזאַמען אין וואַרשע, בין געזעסן אין וואַרשעווער ראַטוש. מען נעמט מיך אויף וואַרים. וועלוועל, וואָס איז איצטער דער הויפּט פון דער שטאָט־מיליציע, איז געבליבן דער זעלביקער לץ. אַ הויכער מיט אַ בראָנזענעם געזיכט, מיט גרויע אויגן, וואָס שטייען ניט אַף אַן אָרט, גיט

ער אָ זאָג: וואָס אַ נייער העכט? כן ירבו!... וועלוול האָט זיך ווייניק געענדערט, נאָר עפּעס זעט ער אויס העכער אין די לאַנגע שטיוול און קורצן רעקל, וואָס איז ניט פאַר זיין מאָס. עטקע האָט זיך אויך כמעט ניט געענדערט, די זעלביקע רויטלאַכע באַקן, די טונקל־בלאָנדע האָר פאַרקאַמט גלאַט, ווי אַמאָל, נאָר אין די בלויע אויגן איז ניטאָ דער אַמאָליקער ברען. מען באַקאַנט מיר מיט'ן שטאָט־גאָלאָווע, אַ רוס, אַ מיליטער־דאָקטאָר, אַ ן עס־ער, נאָך אַ יונגערמאַן, ניט קיין הויכער, מיט אַ בלאַס גע־זיכט, האָט עפּעס אַריסטאָקראַטישעס אין זיין באַנעמונג. ער איז אויך דער פאָרזיצער פון סאָוועט. זיין נאָמען איז דאַמאַגאַראָוו. פון זיין שמייכל, ווי אַזוי ער קוקט זיך דורך מיט די חברים, זעט מען, אַז פאַר אים איז אויך ניט קיין סוד דער צוועק פון מיין קומען.

גלייך טאָקע אין אַ צווייטן ליידיקן צימער האָלטן אָפּ ראָ־זענטאַל און וועלוול מיט מיר אַ באַראַטונג. היינטיקע וואָך האָב איך שוין פאַרשפּעטיקט דעם „פּריזיוו“. גראָד געווען אַ גוטע געלעגנהייט, וויל דער הויפּט־דאָקטאָר איז געווען אַ ן איי־גענער מענטש, אַ איד, וואָס שטייט נאָענט צום „בונד“. ער איז דאָס דער גואל. ס'איז פאַראַן נאָך אַ דאָקטאָר, אַ ן עסער, אויך אַ איד, איז ער אויך גוט. ווען זיי ביידע עקזאַמינירן די „פּרי־זיוווניקעס“, קענען זיי טאָן אַלץ, וואָס זיי ווילן. ליפּעצ'ן האָבן זיי דאָס באַפרייט. דער נאַטשאַלניק פון דער מיליטער־פאַרוואַל־טונג איז געבליבן פון אַלטן רעזשים, נאָר ער איז אַ גוטמוטי־קער גוי, מישט זיך זייער ווייניק, באַמקעט צו צו אַלץ, וואָס די דאָקטוירים זאָגן. די פאָר שיינע אידישע באַלעבאַטים פון שטאָט, וואָס ווערן צוגעצויגן, אַזוי צו זאָגן, ווי ריכטער פון פאָלק, זיי קימערט געוויס ניט, אַז מען גיט אָפּ וואָס ווייניקער אידן פאַר סאָלדאַטן. פאַראַן איין דאָקטאָר, וואָס ווען ער עקזאַ־מינירט, איז ביטער. דאָס איז אַ ן אַלטער פּאָליאַק; האַלט זיך פאַר אַ „פּעפּעסאָוועץ“, נאָר אַ נישקשה'דיקער אַנטיסעמיט, און שניידט ווי קרויט. ווען ער זיצט, קענען שוין די איבריקע

דאָקטוירים גאָר נישט טאָן. אזוי ווי דער „פּריזיוו" קומט פאַר איין מאָל א וואָך, מוז מען זיך דערוויסן, וועלכע דאָקטוירים וועלן זיין קומענדיקע וואָך. אויב איינער פון זיי וועט זיין דער פּאַליאַק, וועט מען מוזן אָפּוואַרטן אף א וואָך שפּעטער. ליפּעצ'ן האָט אָפּגעגאָלטן, ער איז געקומען פּונקט, ווען ביידע אידישע דאָקטוירים האָבן עקזאַמינירט. כ'פרעג, צי עס דאַרף עפּעס קאָסטן געלט. ביידע, אי ראָזענטאַל, אי וועלוול לאַכן: דעם „בונד" קאָסטן אַזעלכע זאַכן קיין קאָפּיקע ניט. חוץ דעם וועל איך דאָך עפּעס בא זיי פארדינען — האַלטן א פּאָר לעקציעס, ארויסטרעטן אף א פּאָר פארזאַמלונגען, וועלן מיר זיין קווית. אַלץ גייט איצטער אפ'ן חשבון פון דער רעגירונג — וויצלט זיך וועלוול — ליפּעצ'ן האָבן מיר נאָך געגעבן צום אָנדיינק א „ברויניננג" משופרא דשופרא, איז אז איר וועט זיך דערדינען, וועט איר אויך זוכה זיין; א „ברויניננג" איז איצטער זייער א נויטיקע זאַך.

עס ווערט אָפּגעמאַכט, אז גלייך נאָכמיטאָג זאָל איך זיך זען מיט'ן דאָקטאָר, וואָס שטייט נאָענט צום „בונד"; וועלוול וועט מיט מיר אריבערגיין, און אַלץ וועט זיין רעכט.

אף מיטאָג בין איך שוין אַן אורח בא עטקען מיט וועלוול'ען. זיי וואוינען אין אַן אָרים הייזל, אף א פארוואָרפן געסל, גאָר ניט ווי עס פּאַסט פאַר דעם הויפּט פון דער שטאָט־מיליציע. די אָרימקייט איז ניט בלויז פון דרויסן, אויך אינוויייניק. מעבל פון משותלח'ם צייטן, צעבראָכענע. אַלץ סקריפּעט — דער טיש, די שטולן. דערפאַר די צוויי בעטן — גאַנצע בערג קישנס. די ריינקייט איז ניט קיין איבעריקע: קאָנטיק, די גאַנצע באַלעבאַ־טישקייט ליגט ניט שטאַרק אין קאָפּ. וועלוול איז שטאָלץ מיט זיין ביקס. א טייערע כלי — באַרימט ער זיך, א— נו, שכנא, יאָרן דערלעבט. רוסלאַנד א פרייע מדינה. דער „בונד" א גאַנצער מאַכער אין דער רעגירונג.

מען דערמאָנט זיך, ווי געוויינלאַך, די אַמאָליקע יאָרן. ביידע, עטקע און וועלוול, טיילן זיך מיט די איינדרוקן פון די

ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, ווען אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַ חלום. זייערע אויגן זיינען פול מיט טרערן פון באַגייסטערונג, ווען זיי ריידן וועגן יענע טעג. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט, איצטער איז שוין אריינגעטראָטן די וואָכעדיקייט, אַ גאַנץ פיינלאַכע וואָכעדיקייט. ביידנס טאָן איז אַ פעסימיסטישער. זיי אינטערעסירן זיך מיט די אַלטע חברים, וואָס זיינען אין אַמעריקע, וואָס יעדער טוט, צי האַלטן זיי נאָך אָן די פאַרבינדונגען מיט דער באַוועגונג.

אַזוי לויפן די מינוטן. עס לעבן אויף אַזוי פיל פאַרגעסענע געשטאַלטן, סצענעס, איבערלעבונגען, אַז ס'ווילט זיך נאָך ריידן, הערן, אָנשעפּן זיך נאָך אי מיט דעם גייסט פון יענע אַלטע צייטן, אי מיט דעם גייסט פון די נייע גרויסע טעג, וואָס זיינען שוין אויך אַ פאַרגאַנגענהייט...

גייענדיק צום דאָקטאָר, פירט מיך וועלוול מיט זייטיקע געסלאַך. כ'בין אַביסל מיד פון וועג און פון די פרישע איינדרוקן. איך פרעג בּאַ וועלוול'ען, צי וואוינט ניט דער דאָקטאָר נאָענט, נאָר ער שמייכלט שעלמיש: קומט, איר וועט האָבן צייט זיך אָפּרוען. ער פירט מיר צו צו אַ הויז אַף אַ שמאָל געסל, וואָס הייסט טאַטיאַנאָווסקע, און זאָגט צו מיר: דאָ וועלן מיר זיך אַביסל אָפּשטעלן. פון נעבעכדיק אויסזען פון הויז, וואָס איז אָפּגעפאַרבט אין אַ משונה'דיקן רויטלאַכן קאָליר, פאַרשטיי איך, אַז דאָ וואוינט ניט דער דאָקטאָר. וועלוול שמייכלט אַלץ שעלמיש: האָט גערולד, רוט זיך אָפּ אַ קאַפּעטשקע אַפ'ן גאַניק. מיר זעט עס אויס מאָדנע: וואָס, הייסט אין מיטן דערינען, אין רעכטן העלן טאָג זיך צוזעצן אַפ'ן גאַניק פון אַ פרעמד הויז? דערצו איז דער גאַניק אַזוי שמוציק, אַז ס'איז אַ שאָד איינצופּאַטשקען מיין ווייסן אַמעריקאַנישן אָנצוג.

— אַמאָל האָט איר קיין ווייסע אַנצוגן ניט געטראָגן און זענט ניט געווען אַזוי עמפּינדלאַך צו ריינקייט. נישקשה, אין וואַרשע אַף סמאָטשע גאַס, אַף די אומלעגאַלע קוואַרטירן איז געווען ניט ריינער, און אין ווילנע אַף נאָווגאָראָד אויך ניט. גע־

דיינקט איר — רעדט וועלוול, אוועקזעצנדיק זיך אַפ'ן גאַניק, — נאָך די „פרייע טעג“ פון יאָר 1905 אין וואַרשע באַ יונה'ן אין קאַוויאַרניע אַף סמאָטשע גאַס, אין פינסטערן אַלקערל, באַדעקט איינגאַנצן מיט שטויב, ווען מיר האָבן צוזאַמען געגרייט די זעלבסטשוץ, ווייל מען האָט דערוואַרט אַ פּאָגראָם? געדיינקט איר, ווי יודל העגטשקעמאַכער האָט באַ אייך אין צימער אַף נאָוואָליפּקי גאַס אַפ'ן פינפטן עטאַזש זיך געשפּילט מיט אַ רעוואָלווער, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן, און ס'האָט דורכגעשאָסן אַ קישן? וואָס איז, אגב, מיט יודלען געוואָרן, ער איז דאָך אין אַמעריקע?

איך דערצייל, אַז יודל באַלאַנגט שוין צו די געוועזענע, איז רייך און האָט ניט קיין שום אינטערעס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואַרפט זיך אָפּ פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיר וואונדערט, וואָס די באַלעבאַטים פון הויז באַציען זיך גלייכגילטיק צו אונזער באַזוך: פּרעמדע מענטשן האָבן גלאַט אַזוי זיך פאַרנומען דעם גאַניק און די באַלעבאַטים שיינקען ניט קיין שום אויפמערקזאַמקייט.

קוקנדיק אַף וועלוול'ען, דערמאָן איך זיך זיינע אַמאָליקע בריות'קייטן, ווי אַזוי ער האָט געקאָמאַנדעוועט צווישן די געזונטע מעכאַנישע שוסטער אין וואַרשע, וואָס זיינען גרייט געווען אַף זיינעם אַ רוף צו גיין אין פייער און וואַסער. איז געבליבן דער זעלבער „באַיעוויק“, קלייבט איצט נחת פון דער ביקס, וואָס ער האַלט באַ זיך אָפן, אַלס הויפּט פון דער שטאָטמיליציע, ווי אַמאָל פון „ברוינינג“, וואָס מ'האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן. ווי גוט איז, וואָס מען האָט דערלעבט די איצטיקע צייט, אַלץ האָט געלוינט!....

ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז וועלוול האָט מיר געמאַכט אַ סיורפּריז. דאָס הויז, וואָס מיר זיצן באַ איר, איז אַ שטיק געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָ איז דורכגעפאַלן די ערשטע געהיימע דרוקעריי פון „בונד“ אין יאָר 1898 מיט דער „אַרבעטער־שטימע“, אומלעגאַלן צענטראַל אָרגאַן פון

„בונד". עס עראינערט זיך, אַז פון די, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין יענעם דורכפאַל, איז געווען ישראל מיכל קאַפּלינסקי, וואָס איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר. געגוי, וואָס מיט קאַפּלינסקי'ן איז, ווייסט וועלוול ניט. ער האָט געהערט, אַז ער האַלט זיך אויף אין סאַראַטאָוו. איצטער וועט שוין קאַפּלינסקי כאַפּן זיין באַלוינונג, זיך ניט אַרויסדרייען. האָב איך גאָר ניט געהערט? יאָ, געהערט: נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען קאַפּלינסקי'ן אַרעסטירט אין סאַראַטאָוו. ליבער איז, דאַכט זיך, געפאָרן צו אים אַף אָן אויספאָרשונג. וועלוול איז גוואַלדיק נייגעריק צו וויסן אַלע איינצלהייטן, נאָר לײדער, קען איך זיין נייגיר ניט באַפרידיקן. ער חידוש'ט זיך, וואָס איך האָב זיך מיט דעם ענין ניט אינטערעסירט. סטייטש, אַזאַ פּיקאַנטע געשיכטע. זיינע אויגן צינדן זיך אָן — ער וואָלט אַליין, מיט דער אייגענער האַנט, קאַפּלינסקי'ן דערשאָסן....

כ'קען זיך שוין פון הויז ניט אָפּרייסן. גיי זי אַרום פון אַלע זייטן. פאַרשטייען די באַלעבאַטים אין וואָס פאַר אַ היסטאָריש אָרט זיי וואוינען? איך גיי אַריין אינווייניק. אַ אײדענע שטייט איבער אַ גרויסער דייזשע און קנעט טייג; זי קוקט זיך כמעט אויף מיר ניט אום, מסתמא שוין געוואוינט צו אַזעלכע געסט. שמוציק, אָנגעוואָרפן. פאַר'דלות'טע חדרים. די זון, וואָס שטראָמט אין זיי, פילט זיך ווי פאַר'יתומ'ט. וויפיל העראָאישעם דערציילט אָבער דאָ יעדער ווינקל. אָט איז די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע פאַר די אויגן, אַ לעבעדיקע, פון פינסטערער באַהעלטעניש אַרוים טריאומפאַליש אַף דער ליכטיקער וועלט. וועט דער וואונדערבאַרער מאַרש ניט איבערגעהאַקט ווערן אין מיטן שפּאַנען?

— פאַרוואָס פאַרוואַנדלט איר ניט — פרעג איך וועלוול'ען — דאָס הויז אין אַ מוזיי? דאָס דאַרף זיין די איניציאַטיוו פון אונזערע חברים אין דער דומע, אין סאָוועט.

— אָט וואַרט — קלאַפּט מיר וועלוול וואוילױנגעריש איבער

דער פלייצע — צום צוואַנציק יאָריקן יובילייַ פונ'ם „בונד" אין סעפטעמבער וועלן מיר דאָס דורכפירן אויף אַ פאָרמעלן אופן.

צוואַנציק יאָר „בונד". ס'אַרא צופאַל, גראַד היינטיקס יאָר, אין דעם יאָר פון דעם זיג פון דער רעוואָלוציע.

כ'לעבן, כדאי געווען אפילו סתם אַזוי די רייזע נאָך באָב־רויסק.

ווען מיר קומען צום דאָקטאָר, איז שוין פאַרנאַכט. דער דאָקטאָר, אַ קרעפטיק טעבויטער, וואָס זעט זיך, קאַנטיק, שטאַרק צו און האָט בכלל הנאה פון דער וועלט, ווייסט שוין, אַז איך בין דאָ.

— איר מעגט זיכער זיין, — זאָגט ער מיר גוטברודעריש — אַז קוים זייט איר אַריינגעפאַלן קיין באָברויסק, וועט איר שוין קיין סאָלדאַט ניט זיין. דאָס פאָטערלאַנד וועט זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן אַזעלכע פאַרטיידיקער, ווי איר.

דער דאָקטאָר עקזאַמינירט מיך, און עס ציינגט זיך אַרויס, אַז איך בין אַ באַזונדער גליקלאַכער מענטש — ס'פעלן מיר פערצן ציינער; לויטן געזעץ טויג אַזאַ ניט פאַר אַ סאָלדאַט. פאַרשטייט זיך, אַז מען וויל, קען מען זיין אַ מחמיר, ווייל אויך אָן ציינער קען מען זיך אויסלערנען די קונסט פון מלחמה, נאָר אַזוי ווי ער, דער דאָקטאָר, איז אַ מקיל, וועט זיין רעכט. עס קען אָבער זיין, אַז מיר וועט אויסקומען צו וואַרטן אַ פאָר וואָכן ביז וואַנען ער וועט זיצן מיט'ן צווייטן דאָקטאָר באַם „פריזיוו"; דער־ווייל איז פאַר די קומענדיקע צוויי מאָל באַשטימט דער „פּשאַ־קרעוו", דער פּאָליאַק, און באַ אים קען מען אַריינפאַלן. דאָס וואַרטעניש איז מיר ניט צום האַרצן, נאָר מען קען זיך ניט העלפן.

— מילא, די רעוואָלוציע איז שוין געמאַכט, — ווייצלט זיך דער דאָקטאָר, — קיין באָלשעוויק זייט איר דאָך געוויס ניט,

אז איר זאָלט זיך גרייטן צו א נייער רעוואָלוציע, מעג דער באָב־רויסקער פּראָלעטאַריאַט פון אייך אויך עפּעס געניסן. מאָרגן דאַרפט איר זיך ניט און טאָמער וועט אייך זיין אביסל לאַנג־ווייליק, זיינען פאַראַן אין באָברויסק געגנוג שיינע מיידלאַך און ווייבלאַך, מיט וועמען צו פלירטעווען. דאָס אייגענע ווייב וועט דערפאַר קיין פּאַראיבל ניט האָבן. א „פּריזיוואָניק" ווערט אַלץ פאַרגעבן... איך, אַלנפאַלס, גיב אייך די פולע דערלויב־ניש....

א פריילאַכער יונג דער דאָקטאָר. לאָזט מיך אזוי גיך ניט אָפּ. ער איז א ראַטמאַן פון דער שטאָט־דומע, אין דער בונ־דישער פראַקציע, דערציילט ער מיר וועגן פאַרשיידענע שטאָט־ענינים, ווי די קאַדעטן סאַבאָטאַזשעווען, פּונקט ווי אומעטום, און מען קען ווייניק אויפטאָן, איבערהויפּט פאַר די אָרימע קוואַרטאַלן. ער וואַרפט די שולד אפ'ן שטאָט־גאָלאָוואַ, וואָס איז א מענטש אָן רוקן־ביין און דערצו א „פאַרפלוכטער", ווי ער דריקט זיך אויס, „אבאָראָנעץ".

— נו, און איר — מאַכט וועלוול פאָרוואורף דעם דאָקטאָר — אפשר האָט איר זיך איבערגע'שמד'ט פאַר אַן אינטערנאַציאָ־נאַליסט, אָדער אפשר גאָר פאַר א באָלשעוויק? א קשיה אַף א מעשה.

— העי, נאַטשאַלניק פון מיליציע — זאָגט גוטמוטיק דער דאָקטאָר — האָט איר שוין עפּעס א סך אויפגעטאָן איינצושטעלן אָרדנונג אין שטאָט? פּאַטריאָטן מיט אמאָל געוואָרן!

ס'הויבט זיך אָן א גאַנץ הייסע דיסקוסיע. וועלוול איז ווייט ניט קיין „אבאָראָנעץ", ער איז שטאַרק אינטערנאַציאָנאַ־ליסטיש געשטימט. נאָר אזוי ווי ער האַלט ניט פון דאָקטאָר'ס סאָציאַליזם, במילא אויך פון זיין בונדיזם, וויל ער אים צושפּאָרן צו דער וואַנט. יענער לאָזט זיך אָבער ניט. בא א קערטל וועט מען זיך איבערבעטן. אז א קערטל האָבןביידע ניט פיינט,

פאַרשטיי איך פון דעם, ווי זיי טאַפּן מיר דעם דופק, צי קען איך זיין אַ פּאַרטניאָר היינט אָוונט טאַקע באַם דאָקטאָר אין הויז, עס וועט אויך זיין יעקב ראָזענטאַל. דאָס איז גאָר ניט קעגן רעוואָלוציע, — פאַרענטפערן זיךביידע, — איבערהויפּט אין אַזאַ שטאָט, ווי אין באָברויסק, וואו דאָס פּאָליטישע לעבן איז ניט ברויזיק און מען מוז מיט עפּעס אויספילן די ליידיקע צייט. ווען איך דערקלער זיי, אַז זייער האָפנונג איז אומזיסט, פילן זיי זיך אַנטוישט: אַ שאָד, ס׳פעלט אַ נייע האַנט...

3

דער אויסגאַנג פון אַ דיסקוסיע

חבר יאָזשע גינזבורג, אַן אַלטער בונדישער טוער, אַ גאַר־בער, באַשטייט דערויף, אַז איך זאָל זיך באַזעצן באַ אים. ער מיט זיין פרוי, בראָכקע, אויך אַ טעטיקע חבר'טע, און קינד וואוינען הינטער דער שטאָט אין אַ באַזונדער שטיבל. דאָס שטיבל, אַן אַלטס, ווי ס'האַלט זיך אַף הינערשע פיסלאַך, איז איינגע־טיילט אין צוויי טיילן; אין פאָדערשטן טייל וואוינען חבר'טע גינזבורג'ס עלטערן מיט נאָך צוויי יונגע טעכטער; דעם הינטערשטן טייל, וואָס באַשטייט פון צוויי צימערן, פאַרנעמט יאָזשע מיט דער פאַמיליע. ווען מען גייט אַריין אין פינסטערן קאָרידאָר, דאַרף מען זיך שטאַרק אָנבויגן, כדי ניט אָנשלאָגן זיך אָן בייך־שטידל.

ביידע, יאָזשע און בראָכקע, זיינען אינטעליגענטע אַרבעטער, זייער האַרציקע און ליבלאַכע מענטשן, און איך דערפיל זיך אין זייער קליינער, נאָר ציכטיקער דירה'לע, ווי אין דער היים. דאָס קינד, די מיידעלע, בינדט זיך צו מיר צו פון ערשטן מאָמענט אָן, און איך ווער ווי אַ מיטגליד פון דער משפחה. דאָס שטיבל גייט גראָד אַרויס אין אַ סעדל און איז אַרומגערינגלט אַרום מיט פעל־דער, אַז ס'באַקומט זיך פאַקטיש אַ „דאַטשע".

יאָזשע גייט אַרום אַ קורצע צייט אָן אַרבעט, נאָר אַזוי ווי מען האָט אָפּגעשפּאָרט עטלאַכע רובל פון פריער, לעבט מען זיך ווי ס'איז דורך. חוץ דעם שטיצן אונטער די עלטערן. דער גאַנצער אינטערעס איז קאָנצענטרירט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איבער־

הויפּט שיינקט מען אַ סך אויפמערקזאַמקייט דעם קלוב פונם „בונד“. יאָזשע, וואָס איז אַ מייסטער אויף אַלץ, גיט אָפּ גאַנצע טעג אויף איינאָרדענען דעם קלוב פונם „בונד“ וואָס בעסער און באַקוועמער. בראָכסע גיט זיך אָפּ מיט דער קלוב־באַלעבאַטיש־קייט.

פון דרויסן זעט אויס דער קלוב, וואָס געפינט זיך אין צענ־טער פון שטאָט אויף אַ היפּשן ליידיקן פּלאַץ, ווי אַ לאַנגער שפּייכ־לער. אינעווייניק, שפּרינקלט אָבער אַלץ פון זויבערקייט. אַ גרוי־סער ליכטיקער זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען, אויסגעקאַלכט אויף ווייס, מיט אַ בופעט, מיט טישלאַך פאַר שאַך־ און דאַמקע־שפּיל. אַ באַזונדער לעז־צימער מיט אַ גאַנץ פיינער ביבליאָטעק; צוויי ליכטיקע גוט מעבלירטע חדרים פאַר'ן קאָמיטעט פון „בונד“ און פאַר דער פאַרוואַלטונג פונם קלוב. פאַראַן אפילו אַן אַלקער, וואָס דינט פאַר אַ גאַרדעראָב. אין דער צוגעקליבנקייט, אָרדענונג פילט זיך אַ זאָרגזאַמע ליבנדיקע האַנט. די חברים זיינען שטאָלץ מיט זייער אינסטיטוציע, און זיי האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן.

ווי עס קומט נאָר דער אָוונט, קאָכט און ברויזט אין קלוב. ס'איז אין ערגעץ ניטאָ קיין ברעקל ליידיק פּלאַץ. דער עולם באַשטייט דורכאויס פון אַרבעטער און באַלמעלאָכעס. מען שפּילט אין שאַך אָדער אין דאַמקעס, מען לייענט צייטונגען, מען דיסקו־טירט. — אַן אמת'ער צענטער פון גייסטיקער פאַרווייַלונג און פּאָליטיש לעבן.

מיך שפּאַנט די פאַרוואַלטונג גלייך איין אין דער אַרבעט, און איך וואַרף זיך מיט פאַרגעניגן אונטער. גראַד דאָ, ווען מען זעט, ווי די אַרבעטער און באַלמעלאָכעס דורשטן נאָך וויסן, וואָס פאַר אַ שטופּ די רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן פאַראויס, וואָס פאַר אַן איבערקערעניש זי האָט געמאַכט אין אַלע זייערע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, פאַרשווינדט די פּעסימיסטישע שטימונג. עפּעס באַמערק איך ניט, ווי ליפּעץ האָט מיר איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון דער פּראָווינץ, אַז דער יונגער עלעמענט אינטערעסירט זיך ניט מיט די פּאָליטישע געשעענישן, נאָר זוכט

בעסער אַמוזירן זיך אין טענץ און אין בעלער. ס'איז אמת, אַז דער עלטערער אַרבעטער-עלעמענט איז מער ערנסט, גיט דעם טאָן, די באַגייסטערונג פון דער רעוואָלוציע טראָגט אָבער אַריין די יוגנט.

ווען איך האַלט מיין ערשטן פאָרטראַג וועגן דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, איז דער אינטערעס אומגעהויער. מען שטייט קעפּ אַף קעפּ. ניט געקוקט אַף דער איינגעשאַפּט, הערשט אַזאַ שטילקייט, אַז מען קען הערן, ווי אַ פליג פליט דורך. נאָכ'ן פאָרטראַג פאַרוואַרפט מען מיך מיט פראַגן, און די מערסטע פראַגנשטעלער זיינען יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס. מען רעדט אַ אידיש, אויסגעמישט מיט אַ סך רוסישע ווערטער, נאָר מען ווייסט, וואָס מען וויל. איך בין איבערראַשט פון דער הויכער מאָס אינטעליגענץ. אַזוי איז אויך מיט די איבעריקע פאָרטראַגן: וועגן פאָליטישן מאָמענט, וועגן די עטאַפּן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור. ניט אומזיסט איז געווען די צוואַנציק יאָר אַרבעט פונם „בונד“.

פונם אָנהויב דאַכט זיך, אַז דער אינטערעס איז אַזוי גרויס, ווי צו אַ פרישן מענטשן, וואָס קומט פון דער גרויסער וועלט, פון דעם צענטער פון דער רעוואָלוציע; מען דערוואַרט צו הערן עפּעס נייס. שטעלט זיך אַרויס, אַז אויך ווען די אָרטיקע טוער טרעטן אַרויס וועגן אָרטיקע פראַגן, ווי מיט אַ באַריכט פון דער שטאָטדומע, פון שטאָטישן סאָוועט, איז דער עולם דאָ, און מען באַציט זיך אויפמערקזאַם, מיט אָרדענונג.

באַזונדערס לעבעדיק איז שבת און זונטיק. פון גאַנץ פרי איז שוין דער קלוב פול. געוויינטלאַך קומען דעמאָלט פאָר, חוץ פאָרטראַגן און עפנטלאַכע דיסקוסיעס, אויך פאַרוויילונגען. עס ווערן אָרגאַניזירט בעלער מיט טענץ, ספּעקטאַקלען פון ליבהאָבער, און דער גייסט, וואָס ווערט אין דעם אַלעם אַריינגעלייגט, איז ניט פון באַנאַלקייט, פון שאַבלאָן, נאָר פון געהויבנקייט, פון זוכן עפּעס אַ נייעם לעבנס־שטייגער. מעג דער אויסוואַל פון זאַכן

פאַר די ליבהאָבער־ספּעקטאַקלען זיין ניט קיין געלונגענער, פון גאַרדין־רעפּערטואַר, איז די כונה אָבער אַ גוטע, מיט אַ ווענדונג צום היינט און מאָרגן און ניט צום נעכטן.

עס קומט צו פאַרן חבר הימעלפאַרב; ער האָט אויך יאָרנלאַנג פאַרבראַכט אין עמיגראַציע אין לאָנדאָן, נאָר האָט באַוויזן אריינ־צוכאַפּן נאָך אַ שטיק האָניג־חודש פון דער רעוואָלוציע און שוין זיין אין אַ סך פּראָווינציעלע שטעט. איך וויל זיך דערוויסן, צי באַמערקט זיך דער זעלביקער גייסט, וואָס דאָ, אין דער איבעריקער פּראָווינץ. אויך הימעלפאַרב'ס איינדרוקן זיינען אַנדערע, ווי ליפּעצ'עס. אַזוי ווי הימעלפאַרב איז אַ הייסער אינ־טערנאַציאָנאַליסט, דערקלערט ער ליפּעצ'עס איינדרוקן דערמיט, וואָס ער, ליפּעץ, איז אַן „אָבאָראָנעץ". די „אָבאָראָנצעס" זעען אַלץ אין שוואַרצע פאַרבן, ווייל זיי גלויבן ניט אין די שעפערישע כוחות פון די אַרבעטער־מאַסן און זיינען איבערציייגט, אַז אָן דער בורזשואַזיע קאָן די רעוואָלוציע זיך ניט רירן פון אָרט.

אַליין אַן „אָבאָראָנעץ", בין איך מיט חבר הימלפאַרב'ן ניט מסכים. עס קאָן זיין, אַז באָברויסק, וואָס איז אַ שטאָט מיט אַלטע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, איז אַן אויסנאַם. דערצו האָט זייער פיל צו זאָגן, וואָס דאָ געפינט זיך אַן ערשט־קלאַסיקע פעס־טונג מיט אַ גרויסן מיליטער־גאַרניזאָן. ווי יאָזשע, וואָס איז זייער לינק געשטימט, גיט איבער, האָט דער באָברויסקער גאַרני־זאָן אַ גרויסן באַוואוסטזיניקן רעוואָלוציאָנערן עלעמענט, און דאָס באַשאַפט אויך אַן אַנדער שטימונג צווישן די אַרבעטער און באַל־מעלאָכעס. אין אַנדערע שטעט פון דעם געוועזענעם אידישן תחום, וואו ס'איז ניטאָ אַזאַ גינסטיקע רעוואָלוציאָנערע אַטמאָס־פערע, מוז דעריבער טאַקע זיין אַזוי, ווי ליפּעץ דערציילט.

דער היציקער האַסטיקער הימלפאַרב, וואָס באַזיצט אַ רעד־נער־טאַלאַנט, צעקלאַפּט אָבער אַלע מיינע אַרגומענטן. ער רעכנט מיר אויס אַ גאַנצע ריי שטעט, וואָס ער האָט באַזוכט נאָך ליפּעצ'ן און ער האָט אַרויסגעטראָגן גאָר אַן אַנדער איינדרוק, אָט פּונקט אַזאַ, ווי איך האָב פון באָברויסק.

יאָזשעןן פאַלט איין, אַז ס'זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַן עפנט־לאַכע שלאַכט צווישן הימלפאַרב'ן און מיר, ווי צווישן אַן אינ־טערנאַציאָנאַליסט און אַן „אַבאָראָנעץ", וועגן דער שטעלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע צו דער מלחמה. ערשטנס, איז אַזאַ דיסקוסיע העכסט וויכטיק צוליב אויפקלערערישע צוועקן; צווייטנס, וועט זי אַריינטראָגן היפשע עטלאַכע רובל פאַר'ן קלוב. הימלפאַרב און איך נעמען אָן דעם פאָרשלאַג און באַשליסן ביי זיך, אַז יעדער שטאַנדפונקט זאָל פון די פאַרזאַמלטע אָפּגעשטימט ווערן דורך רעזאָלוציעס.

אַזוי ווי הימלפאַרב'ן האָט אויך יאָזשע אַריינגענומען צו זיך אַף קוואַרטיר, נעמען מיר זיך ביידע אין שטיבל הינטער דער שטאָט שטאַרק גרייטן צו אונזער שלאַכט.

די טעג זיינען שיינע, איז גאַנץ אַנגענעם צו ליגן אין סעדל און לייענען די נייסטע ליטעראַטור פון די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער רוסישער רעוואָלוציע. ס'איז אַ מחיה'דיקע מלאכה, בפרט נאָך, אַז די גוטע בראָכקע לאָזט אונז ניט ליגן אַפ'ן הוילן גראָז, נאָר שפּרייט אונז אויס קאָלדרעס; ווען עס ווערט דערסען דאָס לייענען נאָכאַנאַנד, צעשטרייט מען זיך מיט קריכן אַף די בוימער אָנצורייסן פרישע עפּל און באַרן. צו קריכן אַף די בוימער איז אַ גרויסער מאַידים הימעלפאַרב. ווי אַ קאַץ קאַראַפּקעט ער זיך אַרויף אַף די העכסטע צווייגן, אַוועקזעצנדיק זיך דאָרטן אָפּט מיט'ן בוך. יאָזשע ברוגז'ט זיך אַביסל: העי, הערשל, איר וועט מאַכן אַ תל פון מיין גאַנץ ביסל אייגנטום. הימלפאַרב הערט אָבער יאָזשען, ווי אַ קאַטער. דער סוף איז, אַז ביז וואַנען מיר ווערן צוגעגרייט צו אונזער שלאַכט, איז אַ היפשע צאָל צווייגן צעבראָכן, און יאָזשע האָט אַן אַרבעט אַרומצוגיין אַרום זיי, ווי אַ מוטער אַרום אַ קראַנקן קינד. דער דאָזיקער אינטעליגענטער אַר־בעטער, הויכער, אויסגעדאַרטער, נאָר מיט'ן פעסטן כאַראַקטער, דערמאָנט מיט דער ליבע צום סעדל רייזענ'ס חיים יאַנקל דעם שניידער מיט דער ליבע צום בוים ביים שטיבל.

די דיסקוסיע צווישן הימלפאַרב'ן און מיר רודערט דערווייל

אויף באַברויסק. בילעטן וועלן צעכאַפּט. דאָס מאַכט יאָזשע'ן צו פאַרגעסן די צעבראָכענע צווייגן; ער שטעלט שוין צוזאַמען אַ צעטל פאַר ביכער, וואָס מען וועט דאַרפן פאַר דער הכנסה איינקויפן.

אין דעם אָוונט פון דער דיסקוסיע קאָן דער קלוב ניט אריינ־נעמען דעם גאַנצן עולם. ס'קומען צו גיין די מערסטע אידישע סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, פון נייגעריקייט וועגן אפילו ניט־אידישע סאָלדאַטן, די גאַנצע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, דערין אויך מיין דאָקטאָר און דער באַוואוסטער אידישער פאַר־לעגער ב. קלעצקין, וואָס איז אַ באַברויסקער תושב און האַלט זיך פאַר אַ בונדיסט. אַזוי ווי ניט אַלע קאָנען אריינגיין אין זאַל, שטייען אַ סך ביי די פענסטער אין דרויסן, כדי זיך איינצוהערן צו דער תורה, וואָס וועט פליסן פון אונזערע מיילער.

דער פאָרזיצער איז וועלוול נאַרקין. דער ערשטער אָפּ'ן פייער בין איך. אין מיין לאַנגער רעדע באַמי איך זיך צו פאַר־טיידיקן דעם מענשעוויסטישן שטאַנדפּונקט, אַז ס'איז אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע פאָרטזעצן די מלחמה ביז אַ זיגרייכן סוף, דאָס הייסט, ביז וואַנען די אַנטאַנט וועט אינגאַנצן צעשלאָגן דייטשלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז דער שלום, וואָס וועט קומען נאָך דעם, דאַרף זיין אַ דעמאָקראַטישער, אָן אַנעק־סיעס און קאָנטריבוציעס, אָפּ'ן גרונט פון דער פולסטער פעלקער־זעלבסטבאַשטימונג. כדי צו דערגרייכן אַ זיג איבער'ן דייטשן אימפּעריאַליזם, איז אַ קאָאַליציע מיט די פּאַרמעגלאַכע קלאַסן אומבאַדינגט נויטיק. איך באַפעסטיק מיינע ווערטער מיט ציטאַטן פון די שריפטן און רעדעס פון די אָנגעזעענסטע פירער פון די מענשעוויקעס, איגנאָריר אפילו ניט פּלעכאַנאָוו'ן, וואָס איז אָוועק נאָך רעכטער פון די מענשעוויקעס. איך שאַנעווע, נאַ־טירלאַך, ניט די באָלשעוויקעס, וואָס ווילן שוין איינפירן דעם סאָציאַליזם, ווען רוסלאַנד האָט נאָך אפילו ניט קיין אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם. דער עולם רייסט מיך ניט איבער. מען הערט מיך אויס אויפמערקזאַם. ווען איך ענדיק, זיינען אָבער די אַפּ־

לאַדיסמענטן שיטער. די מאַסע איז קאַלט. מיינע אַרגומענטן מיט זייער גאַנצער באַגרינדונג אַפּעלירן, קאָנטיק, צו איר ניט. עס אַפּלאָדירט בלויז שטאַרק די אינטעליגענץ, וואָס בלייבט מיט מיין פאָרטראַג זייער צופרידן.

הימלפאַרב ענטפערט מיר ניט דירעקט אַף אַלע אָנגערירטע פונקטן. ער פאַרטיידיקט אויך ניט די באָלשעוויקעס, נאָר ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז ווער ס'זאָל ניט זיגן אין דער מלחמה, צי די אַנטאַנט, צי דייטשלאַנד, וועט דער אַרבעטער־קלאַס דער־פון סיי־ווי־סיי גאָר נישט האָבן. די איינציקע אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע איז—אָנווענדן אַלע קרעפטן צו פאַרענדיקן וואָס גיכער די מלחמה, ווייל מיט יעדן טאָג, וואָס די מלחמה פאַרציט זיך, ווערט אַלץ גרעסער די געפאַר פאַר דער רע־וואָלוציע. דער באַקאַנטער אמת, אַז אויב די רעוואָלוציע וועט ניט טויטן די מלחמה, וועט די מלחמה טויטן די רעוואָלוציע, ווערט אַלץ מער באַשטעטיקט. הימלפאַרב שילדערט איין בילד שוידערלאַכער פון צווייטן, ווי אַזוי דאָס גרויסע לאַנד גייט צום אָפּגרונט צוליב דער אומזיניקער קאָאַליציע מיט די פאַרמעגלאַכע קלאַסן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט פאַרטצוזעצן די מלחמה, כדי זיך צו באַרייכערן.

באַזונדערס שטעלט זיך הימלפאַרב אָפּ אַף דער נאָר־וואָס פאַרענדיקטער מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג; די דאָזיקע באַראַ־טונג האָט געצייגט קלאָר, לויט איר גאַנצן צוזאַמענשטעל, לויט די רעדעס פון די קאַדעטן און אָקטיאַבריסטן, באַזונדערס פון העכסטן הויפּט־קאָמאַנדיר קאָרנילאָוו און דעם קאַזאַקישן גענע־ראַל קאַלעדין, אַז די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ: די קאָנטר־רעוואָלוציע זוכט מיט אַלע כוחות צו פאַרניכטן די סאָוועטן און פאַרוואַנדלען ווידער די אַרמיי אין אַ געהאָרכ־זאַמער סטאַדע פון פּאָטערלאַנדישן אימפּעריאַליזם. מיט שאַרפע ווערטער טאַדלט הימלפאַרב קערענסקי'ס דאָפּלטע שפּיל: צו זיין גוט אי מיט דער בורזשואַזיע, אי מיט דער רעוואָלוציאָנערער דע־מאָקראַטיע און שטעלן זיך איבער קלאַסן, קערענסקי'ס סטראַשונ־

קעם צו הערשן „מיט בלוט און אייזן“. ער האַלט, אַז צערעטעלי'ס דעמאָנסטראַציע פון „קלאַסנשלום“ אַף דער מאָסקווער מלוכה-באַראַטונג דערמיט, וואָס ער האָט געדריקט די האַנט דעם פאָר־שטייער פון די בירזשעוויקעס בובליקאָוו'ן, איז אַ שאַנד פאַר די סאָוועטן. ניט קיין קלענערע שאַנד זיינען די רעדעס אַף דער זעלביקער באַראַטונג פון פּלעכאַנאָוו'ן און פון אַלטן קראָפּאָט־קינ'ען, וואָס האָבן געזונגען אַזעלכע שבחים דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע; סיי פּלעכאַנאָוו'ס קלוגע מאַרקסיסטישע וויצן וועגן דער געפאַר פון דייטשן מיליטאַריזם, סיי קראָפּאָטקינ'ס אַנאַרכיסטישע דרשות וועגן נאַציאָנאַלער איינקייט, ניט געקוקט אַף זיין פאָדערונג צו פּראָקלאַמירן גלייך אַ דעמאָקראַטישע רע־פּובליק, זיינען אַ מעסער אין רוקן פון דער רעוואָלוציע.

הימלפאַרב ווערט עטלאַכע מאָל איבערגעריסן מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און ווען ער ענדיקט, שטורעמט ממש דער עולם פון באַגייסטערונג, ביי דעם אויסדרוק פון אומצופרידנקייט מצד דער אינטעליגענץ.

אין מיין שלום-וואָרט שפּאַר איך צו הימלפאַרב'ן צו דער וואַנט: ס'איז לייכט צו קריטיקירן. וואָס שלאָגט ער אָבער פאָר, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, כדי ארויסצוקריכן פון דער קאַטאַ־סטראָפישער לאַגע? מען קען פאַרשטיין די באָלשעוויקעס: ביי זיי ווערן אַלע פּראָבלעמען געלייזט פשוט: די סאָוועטן זאָלן איבערנעמען די מאַכט, די אַרמיי זאָל מען פאַנאַנדערלאָזן אהיים, וועט זיך במילא די מלחמה אָפּשטעלן; אין ערגסטן פאַל זאָל מען שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד; אָט־אַזוי וועט מען קענען פאַרוואַנדלען די רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און זיך נעמען איינפירן דעם סאָציאַליזם. ער, הימל־פאַרב, גרעניצט זיך אָבער אָפּ פון די באָלשעוויקעס, ער פאַלט אפילו אַף זיי אָן און האַלט זיי אויך פאַר אַן אַנשיקעניש. איז ממה־נפשך: זאָגט ער „אלף“, דאַרף ער זאָגן „בית“. איז ער קעגן דער גאַנצער פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס, וואָס פירט צו דעם קראַך פון דער רעוואָלוציע, דאַרף ער זיך דערקלערן פאַר אַ באָל־

שעוויק; האַלט ער, אַז די באָלשעוויקעס זיינען ניט גערעכט, נאָר ברייננען אום מיט זייער אומזיניקער פּאָליטיק די רעוואָלוציע, דעמאָלט דאַרף ער זיך שטעלן אַף דער זייט פון די „אַבאַראַנצעס"; קיין צווישן-פּאָזיציע, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן, קאָן ניט זיין. אין דער צייט, וואָס די רעוואָלוציע שטייט פאַר אַזעלכע געפאַרן פון רעכטס און פון לינקס, איז דאָס זיצן אַף צוויי שטולן דאָס ערגסטע, אַליין אַ שטיצע פאַר דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

די אינטעליגענץ איז נאָר באַגייסטערט פון מיין לאָגיק: זי רייסט מיך איבער מיט אויסרופן: ריכטיק, ריכטיק! הימלפּארב און אַ פּאָר אידישע סאָלדאַטן היצן זיך: דאָס איז דעמאַגאָגיע, אַ שיטן זאַמד אין די אויגן. איך פיל, אַז די מאַסע, וואָס האָט אַזוי שטורמיש באַגלייט הימלפּאַרב'ן, איז אין אַ פאַרלעגנהייט. פון איין זייט אַפּעלירט צו איר די אינטערנאַציאָנאַליסטישע פראַזעאָלאָגיע; פון דער צווייטער זייט זעט זי אָבער איין, אַז דער אינטערנאַציאָנאַליזם פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין שום קאָנקרעטס.

אונזערע ביידנס רעזאָלוציעס ווערן אָוועקגעשטעלט צו אָפּשטימונג. די געמיטער זיינען אויפגערעגט. די שטימונג איז אַזאַ, אַזוי ווי פון דער איצטיקער אָפּשטימונג הייננט אָפּ דער גורל פון דער רעוואָלוציע. די פאַראינטערעסירטקייט איז אַ מערקווירדיקע. אַ סך פון די, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַריינגיין אין זאַל, הייננען זיך אָן אַף די פענצטער. ס'איז ממש דערשטיקט צו ווערן פון איבערגעפּאַקטקייט און היץ. מען שטימט דריי מאָל נאָכאַנאַנד, און ביידע רעזאָלוציעס קריגן אַ קליינע גלייכע צאָל שטימען. די מערהייט האַלט זיך אָפּ. וועלוול קאָכט זיך, זידלט זיך, נאָר ס'העלפט נישט.

צו דער טריבונע גייט צו אַ יונגער שלאַנקער סאָלדאַט. די מיליטער־קליידער זיינען אַף אים ווי אויסגעפורעמט. ער האַלט זיך זיכער און מיט ווירדע. זיכערקייט און ווירדע דריקט אויך אויס זיין גלאַט ראַזירט געזיכט. עס שפּריצט פון אים בלוט

מיט מילך. דער סאָלדאַט בעט אַ וואָרט. וועלוול וויל אים ניט געבן, כל־זמן ער וועט ניט וויסן וועגן וואָס יענער וויל ריידן. דער סאָלדאַט דערקלערט, אַז ער האָט פאָרצולייגן אַ רעזאָלוציע. וועלוול איז אַלץ איינגעשפּאַרט, ער וויל זיין קלאָר, צי די רעזאָלוציע שטעלט זיך קאָנקרעט אַפ׳ן שטאַנדפּונקט פון איינעם פון די גע־האַלטענע פאַרטראַגן. דער סאָלדאַט ענטפערט:—דאָס וועט מען שוין זען שפּעטער. עס ווערט אַ גרויסער טומל. דער עולם באַ־שטייט, אַז דער סאָלדאַט זאָל קריגן אַ וואָרט, און וועלוול מוז זיך אונטערגעבן.

דער סאָלדאַט אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער וועט ריידן רוסיש. עס דערהערט זיך: מיר בעטן, מיר בעטן. ער דערקלערט, אַז הגם ער איז ניט קיין איד און האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס די רעדנער האָבן גערעדט, חוץ אייניקע דייטשע ווערטער, נאָר אַזוי ווי ער ווייסט וועגן וואָס די דיסקוסיע האָט זיך געפירט, האָט ער פאָרצושלאָגן אַ קורצע אייגענע רעזאָלוציע.

די רעזאָלוציע איז טאַקע אַ קורצע, — אַ ריין באָלשעוויס־טישע; זי שטעמפּלט אי די אָבאָראָנצעס, איז די אינטערנאַציאָ־נאַליסטן, ווי ריכטונגען, וואָס פירן צום זיג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע סיי דירעקט, סיי אומדירעקט; די ערשטע פירן דער־צו דירעקט מיט זייער קאָאַליציע־פּאָליטיק; די צווייטע אומדי־רעקט, מיט זייערע קווייקעלנישן, מיט דער צעקראָכענער ניט־אהער־ניט־אהין־פּאָזיציע. ווען דער סאָלדאַט ענדיקט פאָרלייענען די רעזאָלוציע, הייבט זיך אויף אַ ים מיט הענט, ניט וואַרטנדיק, אַז דער פאָרזיצער זאָל פאָרמעל דורכפירן די אָפּשטימונג.

אָט־אַזוי פאַלן מיר ביידע דורך, סיי הימלפאַרב, סיי איך.

לאַנג וויל זיך דער עולם ניט פאַנאַנדערגיין. מען שטייט אין רעדלאַך און מען דעבאַטירט: די פּראָווינץ שטייט ניט אָפּ פון צענטער.

ביי מיר און הימלפאַרב׳ן איז די שטימונג ניט קיין געהויי־בענע. מיר ריידן ניט. איך ווייס ניט, ווי אים, נאָר מיך עק־בערט די פראַגע: גליטשט זיך די אידישע מאַסע אַרויס פון אונ־

טער דער ווירקונג פונם „בונד" און שווימט אויך אַוועק מיט׳ן באָלשעוויסטישן שטראָם?

דער איינציקער, וואָס איז גוט אויפגעלייגט, איז יאָזשע,— ניט בלויז דערפאַר, וואָס דער קלוב האָט געמאַכט שיינע עטלאַכע רובל, נאָר וואָס מיר ביידע, הימלפאַרב און איך, זיינען דורכ־געפאַלן. דער איינציקער וועג פאַר דער רעטונג פון דער רע־וואָלוציע איז פאַרט דער באָלשעוויזם, צי מען וויל, צי מען וויל ניט. די מאָסקווער מלוכה־בעראַטונג האָט עס אַמדייטלאַכסטן באַוויזן. אַזוי טענה׳ט מיט אונז יאָזשע, ווען מיר בראָדזשן גאַנץ שפּעט באַנאַכט אַהיים אין אַ געדיכטער בלאָטע, צוליב דעם שלאָגסרעגן, וואָס האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן, ווען דער עולם איז זיך שוין פאַנאַנדערגעגאַנגען פונם קלוב.

דאָס, וואָס דער שלאָגסרעגן האָט אויסגעבראָכן אַזוי שפּעט אין דער נאַכט און ניט געשטערט דער דיסקוסיע, איז אויך אַ גוטע אורזאַך פאַר יאָזשען צו זיין אַזוי אויפגעלייגט.

בראָכקע און אירע שוועסטער, וואָס גייען מיט אונז, טוען זיך אויס באָרוועס, כדי לייכטער צו בראָדזשן אין בלאָטע. יאָזשע טוט נאָך זייער ביישפּיל. אונז, אויסלענדער, מיר און הימלפאַרב׳ן, שטייט עס אָבער ניט אָן, האָבן מיר צו זינגען און צו זאָגן איידער מיר ווערן דערפירט פון אונזערע באַגלייטער אין דער פינסטער אַהיים.

אַז מען טריקנט זיך אויס, הויבט זיך ערשט אָן אַ נייע דיס־קוסיע ביי אַ זידנדיקן סאַמאָוואַר ביז אין טאָג אריין.

אַף מאָרגן מעלדעט דאָס פּריוואַטע רוסישע קאַדעטישע בלעטל „באָברויסקי קוריער", אַז דער באָלשעוויזם זיגט אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, איבערגעבנדיק אַ גרויסן באַריכט פון דער שלאַכט צווישן הימלפאַרב׳ן און מיר. מיט אַ טאָג שפּעטער גייט אויך אַרויס די „איזוועסטיא", די צייטונג פון דעם אַרטיקן „סאָ־וועט", מיט אַ לייט־אַרטיקל, וואָס ציטירט הויפּטזאַכלאַך מיט באַ־פרידיקונג מיינע „ריכטיקע, באַגרינדעטע און העכסט לאָגישע אַר־גומענטן"; ווי אָן אויספּיר וואָרנט דער לייט־אַרטיקל מיט שאַרפע

ווערטער קעגן דער „באָלשעוויסטישער באַצילע“, וואָס האָט זיך אריינגנע׳גנב׳עט אויף צווישן די באָברויסקער סאָלדאַטן און אַר־בעטער.

כ׳דערוויס זיך, אַז דער שרייבער פון לייט־אַרטיקל אין דער „איזוועסטיאַ“ איז חבר יעקב ראָזענטאַל. ער זאָגט מיר אַליין אויס דעם סוד און בעט מיך אָנשרייבן פאַר דער „איזוועסטיאַ“ אַ פּאָר פלאַמענדיקע אַרטיקלען קעגן די באָלשעוויקעס און אויך קעגן די אינטערנאַציאָנאַליסטן...

4

אין א נעץ פון ווידערשפּרוכן

ריגע איז געפאַלן. איצטער דראָט מצד די דייטשן די נאָענטסטע געפאַר פעטראָגראַד. אין שטאָט רופט אַרוים די נײַיס אָן אומרואיקייט. דער רעדאַקטאָר פון „באָברויסקי קור־ריער" א בײַיכיק קײַלאַכדיק אידל, וואָס האַלט זיך פאַר דעם פאַרטרעטער פון דער קאַדעטישער פאַרטיי, פאַרבאַרגט ניט זײַן פרייד פון דער דאָזיקער טרויעריקער נײַיס. איך באַקען זיך מיט אָט דעם אידל צופעליק בײַ ליפּשיצ'ן אין הויז, וואוהין איך קום אוועקשיקן א פּעקל שפּײַז אַהיים. ליפּשיץ דאַרף פאָרן מאָרגן קיין פעטראָגראַד, נאָר ער ציטערט, טאָמער זאָלן די דייטשן אַהין ניט קומען. דאָס אידל רייצט זיך מיט אים: באמת א ריזיקע. בעסער רירט זיך ניט פון אָרט, וואָרט, די דייטשור־קעס וועלן נאָך קומען אויך צו אונז קיין באָברויסק. פאַר וואָס ניט? די „רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע" עפנט זיי דאָך דעם וועג. מיליוקאָוו'ן האָט מען ניט געוואָלט הערן, קאָרנילאָוו'ן אויכעט ניט. שנײַדט מען וואָס מ'האָט פאַרזייט.

כ'וויים שוין, אַז אַפילו די רייכע באַלעבאַטים, וואָס האַלטן זיך אויך פאַר קאַדעטן און האָבן דאָ אַן אָפּטיילונג פון ווינאַווער'ס אידישער „פאָלקס־גרופּע", באַציען זיך צום אידל מיט גרינגשעצונג. זײַן אָפּגעגעסענער צוגאָסענער פּרצוף איז אַזאַ, וואָס קען ניט אַרויסרופן קיין אָפּשיי. זײַן „באָברויסקי קוריער" ווערט ווייניק געלייענט, און אין שטאָט רעדט מען, אַז ער גיט אים אַרויס, כדי צו קריגן א פעטע סובסידיע פון

דער קאדעטישער פארטיי. איך דערקלער דעם דאזיקן רע־דאקטאר: מען קען גלויבן, אז קארנילאוו האט מיט א כיון אפ־געגעבן ריגע, כדי קערענסקי זאל זיך דערשרעקן און איינגיין אף אלע זיינע אולטימאטומס צו ווערן דער פולער דיקטאטאר איבער דער ארמיי, איבער די אייזנבאנען, איינצופירן טויט־שטראף אויך אין „טיל". דאס איז ניט מיינע א פערזענלאכע השערה, נאר מ'האט שוין וועגן דעם גערעדט פריער אין פעט־ראגראד. אף דער מאסקווער מלוכה־בעראטונג האט דאך קאר־נילאוו אליין געזאגט אין זיין רעדע, אז דער שונא קלאפט זיך שוין אין די טויערן פון ריגע, און אויב ס'וועט אנהאלטן די דעמאקראטישקייט פון דער ארמיי, איז אפן פאר'ן שונא דער וועג קיין פעטראגראד.

דער אידל לאכט ציניש, טרייסלענדיק זיין צווייטע מארדע: עך, דאס האבן שוין די סאוועטן מיט די באלשעוויקעס אויסגע־טראכט. נאר ווען עס זאל זיין אפילו אמת, איז דאס א באַ־ווייז, ס'ארא „מאלאדיעץ" קארנילאוו איז. וואס, קוקן קע־רענסקי'ן אין די ציינער אריין? אז מען דערלאנגט איבער'ן קאפ, דערפילט מען און נעמט מען ריידן אנדערע דיבורים. — דאס אלץ ווערט געזאגט אין אזא שניפעשקער רוסיש, אז עס רופט ניט ווילנדיק ארויס א שמייכל אף די ליפן.

פאר מיין אוועקגיין זאגט שוין דער אידל געהיימניספול, פינטלדיק מיט אן אויג: ווארט, ס'וועלן זיין נאך מער וויכטיקע נייס. ליפשיץ א באאומרואיקטער רופט זיך אפ: אים קענט איר גלויבן, ער ווייסט וואס עס טוט זיך אין די הויכע פענסטער. שוין איינמאל א קריכער. פון דעם קאמפלימענט קוועלט אזש דער אידל אן. ווען ער שטרעקט מיר אוים די האנט, לאז איך זי הייגנען. נאר ער ווערט דערפון ניט נתפעל, אזוי ווי ניט אים מיינט דאס...

ב'גיי אוועק אף דער זיצונג פון סאוועט. די זיצונג קומט פאר אין דעם אזוי־גערופענעם שטאט־טעאטער אדער צירק, וואס איז אינעווייניק מיט דעם מאדנעם סופיט, מיט די הוילע היל־

צערנע וועגט מער ענלאך אף אַן אַלטמאָדישער אידישער שול. די זיצונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דער זאַל איז פול. די מערסטע דעפוטאַטן זיינען סאָלדאַטן. איך האָב די ערע איינגעלאַדן צו ווערן אף דער פּלאַטפאָרם, וואו עס זיצט דער פרעזידיום, צווישן אים יעקב ראָזענטאַל און נאָך אַ פּאָר בונדיסטן. אף דער טאָג־אָרדנונג איז דאָס פאַלן פון ריגע און די לאַגע אפ'ן צפון־מערב'דיקן פראָנט. דער פּאָרטרעגער איז דער פּאָרזיצער דאָקטאָר דאַמאַנאַראָוו. ער האַלט, אַז דאָס פאַלן פון ריגע איז די גרעסטע קאַטאַסטראָפע. דאָס גאַנצע שולד וואַרפט ער אף די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן דעמאָראַליזירט די אַרמיי. אויב ס'זאָלן באַציייטנס ניט אָנגענומען ווערן די שטריינגסטע מיטלען, ווי אַזוי איינצושטעלן דיסציפּלין אין דער אַרמיי, וועט אויך מוזן פאַלן פעטראָגראַד, און דאָס מיינט אַ סוף צו דער רעוואָלוציע.

דאָס בילד, וואָס דאַמאַנאַראָוו שילדערט וועגן דער פאַנאַנפאַלונג פון דער אַרמיי, איז באמת אַ שוידערלאַך. גאַנצע פּאָלקן לויפן פון פראָנט. ס'גייט אָן אַ לינטש־סיסטעם קעגן די אָפיצירן. אייניקע פּאָלקן האָבן שוין געפּרוואווט שליסן אַ שלום מיט די דייטשן, זייענדיק גרייט צו באַצאָלן צוויי הונדערט רובל „קאָנטריבוציע" פאַר אַ סאָלדאַט. דאָס געווער ווערט פאַרלאָרן, מען ווייסט ניט וואוהין.

ס'דערהערט זיך אַ צווישנרוף: קאָרנילאָוו'ס באָבע־מעשות! דער צווישנרוף ווערט באַגלייט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. עס וועט אַ געָרודער. קוים מיט צרות גיט זיך איין דאַמאַנאַראָוו'ן איינצושטילן דעם עולם. ער פאַרענדיקט מיט אַן אַפּיל צום פּאַטריאָטישן באַוואוסטזיין פון די פאַרזאַמלטע צו פאַראייניקן זיך נאָך געשלאָסענער אין דער איצטיקער פאַטאַלער שעה פאַר'ן רעוואָלוציאָנערן פּאָטערלאַנד אַרום די סאָוועטן און דער צייטווייליקער רעגירונג, צו שטיצן אַלע מאַסמיטלען פאַר אויפהויבן דעם קאַמפגייסט פון דער אַרמיי. די סאָלדאַטן־מאַסע

בלייבט קאַלט צו דעם אַפּיל. פון די רייען פון די ציווילע דער־טראָגט זיך בלויז אַ שיטערע פּאַטשעריי....

ס'גנבעט זיך אַריין אין זאַל דער רעדאַקטאָר פון „באַב־רויסקי קוריער". מען באַמערקט אים, און פון פּרעזידיום גיט מען אַ פאַראָרדנונג אים משלח זיין. פּאַר שפּיאָנען — שרייט אימעצער — איז אין סאָוועט קיין אָרט ניט.

אַף דער טריבונע גייט אַרויף איין סאָלדאַט נאָך דעם צווייטן. זעלטן ווער פון זיי רעדט פּליסיק, אַז די צונג זאָל זיך ניט פּלאָנטערן. דער זין פון זייערע ווערטער איז אָבער איי־נער: אין דער קאַטאַסטראָפע בא ריגע איז ניט שולדיק די אַרמיי. פאַרקערט, די אַרמיי האָט זיך געשלאָגן בראַוו, מוטיק. קערענסקי האָט בכיון געשיקט אַהין די סאָלדאַטן, וואָס האָבן גענומען אַנטייל אין באָלשעוויסטישן יולי־אויפשטאַנד, כדי פון זיי פּטור צו ווערן. זיין ציל האָט קערענסקי טיילווייז דער־גרייכט: הונדערטער פון זיי זיינען אומגעקומען, ווי העלדן; יענע פאַלקן האָבן באַוויזן, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ טויט־געפאַר מצד דעם אויסערלאַכן שונא פאַר דער רעוואָלוציע פאַרגעסן זיי אַלע פּאַרטיי־אונטערשיידן און זיינען אין די ערשטע רייען צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. ווען נאָך אַזעלכע העל־דישע אָנשטריינגונגען פון דער אַרמיי איז ריגע דאָך געפאַלן, איז דאָס בלויז אַ דאַנק דעם פאַרראַט פון דער העכערער קאָ־מאַנדע. יאָ, — שרייט אויס איין סאָלדאַט, קלאַפּנדיק מיט דער האַנט איבער'ן פּרעזידיום־טיש, — שולדיק איז אין דער קאַטאַסטראָפע ניט קיין אַנדערער, ווי דער „ערשטער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע", ווי דער פראַנזשיסער קערענסקי האָט אָנ־גערופן אַף דער מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג דעם העכסטן הויפּט־קאָמאַנדיר גענעראַל קאָרנילאָוו.

מען מאַכט דעם רעדנער אַזאַ אָוואַציע, אַז די ווענט טרייס־לען זיך.

נאָך אַ שטאַרקערן איינדרוק מאַכט מיט זיין רעדע דער סאָלדאַט, וואָס האָט מיך און הימעלפאַרב'ן באַזוגט אין קלוב

פונ׳ם „בונד“. מען רופט אים, דאַכט זיך, יעפימאָוו. ער טרעט אַרויס אין נאָמען פון דער סאָלדאַטן־סעקציע. די אמת׳ע אינפאָרמאַציע — דערקלערט יעפימאָוו — וועגן דער לאַגע אפ׳ן צפון־מערב׳דיקן פראָנט האָט ער און ניט דאמאַגאַראָוו. דאמאַגאַראָוו האָט דאָ איבערגע׳חזר׳ט וואָרט אין וואָרט, געבראַכט אפילו די זעלבע פאַקטן, וואָס קאָרנילאָוו און קאַלעדין האָבן דערציילט אָף דער מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג. אונזערע מענשעוויקעס און עסערן מיינען נאָך אַלץ, אַז דער רוסישער סאָלדאַט ווייסט ניט, ווי מ׳האָט אים געשלייערט. אָט—טרייסלט יעפימאָוו מיט אַ נומער פון דער באָלשעוויסטישער „אָקאָפנאַיאַ פראַוודאַ“ — פון וואַנען דער סאָלדאַט דערגייט דעם אמת. ער לייענט פאָר אַ לייט־אַרטיקל פון דער „אָקאָפנאַיאַ פראַוודאַ“ וועגן פאַלן פון ריגע. דאָס איז אַ שניידנדיקע קריטיק קעגן דער היפאָקריטישער פאָליטיק פון קערענסקי, וואָס האָט געמאַכט אַ בונד מיט קאָרנילאָוו׳ן איינצופירן איבערן לאַנד אַ מיליטערישע דיקטאַטור, מיט דער שטילער הסכמה פון די סאָציאַליסטישע אונטערשטופער. די מענשעוויקעס און עסערן צוזאַמען מיט דאַגאַמאַראָוו׳ן שפרינגען אויף און שרייען מיט באַנומענע קולות: אַראָפ, אַראָפ, דייטשער אַגענט! עס דערגייט שיעור ניט צו אַ געשלעג. די סאָלדאַטן זיינען אָבער אָף דער זייט פונם רעדנער; זיי סטראַשען, אַז אויב מען וועט אים ניט לאָזן ריידן, וועלן זיי פאַנאַנדערטראָגן דעם זאַל. דאָס ווירקט.

דער רעדנער זעצט פאָר; ער ווייזט אָן, אַז אומעטום קומען די האָרעפאַשנע מאַסן צו זיך; זיי טשוכן זיך אויס פון דעם פאַטריאָטישן טשאַד, אין וואָס ס׳האָט זיי געהאַלטן די פאַררעטערישע קאָאַליציע־פאָליטיק. דער אַלגעמיינער סטרייק, הגם ניט אינגאַנצן געלונגען, וואָס די מאָסקווער אַרבעטער און אַ גרויסער טייל פון מאָסקווער גאַרניזאָן האָבן דערקלערט קעגן קערענסקי׳ס שווינדלערישער מלוכה־באַראַטונג, דינט פאָר אַ באַווייז, אַז ס׳קומט פאָר אַן אויפוואַכונג צווישן די האָרעפאַשנע מאַסן. כדי די סאָוועטן זאָלן באמת שטיין אָף דער וואַך פון

דער רעוואָלוציע און ניט דערלאָזן קיין איבערקערעניש מצד די אַלטע צאַרישע גענעראַלן און נאָך אַזעלכע פאַרראַטן ווי באַ ריגע, מוזן אין די סאָוועטן פאַרקומען איבערוואַלן; די איצטיקע פאַרשאַפט פון די סאָוועטן האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט בלויז פאַר ניט פייאיק, נאָר פאַר אַזאַ, וואָס אַרבעט קעגן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. צום סוף שלאָגט דער רעדנער פאָר אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַרדאַמט די מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג, דערקלערט קאָרנילאָוו׳ן פאַר דעם דירעקטן שולדיקן אין פאַלן פון ריגע און פאָדערט אַזוי גיך ווי מעגלאַך דורכצופירן איבערוואַלן אין די סאָוועטן.

די דאָזיקע רעזאָלוציע איז ווי אַן אויפרייסנדיקע באָמבע פאַר׳ן פרעזידיום. עס איז קלאָר, אַז באַ דער הערשנדיקער שטימונג וועט זי דורכגיין מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט, הויבט אָן דאַנאַמאַראָוו זוכן פאַרשיידענע פאַרלאַמענטאַרישע דריידלאַך, ווי אַזוי די רעזאָלוציע ניט נעמען צו אָפּשטימונג. ערשטנס, וויל ער, דאַנאַמאַראָוו, וויסן, צי די רעזאָלוציע איז פאָרגעשלאָגן פון דער סאָלדאַטן־סעקציע אָדער פון רעדנער פערזענלאַך; צווייטנס, אויב זי איז פאָרגעשלאָגן פון דער סאָלדאַטן־סעקציע, האָט אַ קאָפּיע פון איר געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן, לויט׳ן רעגלאַמענט, צום פרעזידיום. עס ווערט אַ געשריי, אַז אַזאַ רעגלאַמענט איז ניטאָ. דער פאָרזיצער באַנוצט זיך מיט׳ן שטייגנדיקן טומל, ווען איינער ווייסט ניט פון צווייטן, און דערקלערט די זיצונג פאַר געשלאָסן.

די סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן זיינען אַזוי אויפגערעגט, אַז זיי זיינען גרייט דאַמאַגאַראָוו׳ן און דעם גאַנצן פרעזידיום צוררייסן אויף שטיקער. קוים מיט צרות קומט אָן יעפימאָוו׳ן, נאָך לאַנגע אַרגומענטן, אויף אַן אימפּראָוויזירטער פאַרזאַמלונג אונטער׳ן פרייען הימל איינצושטילן די מאַסע. ער פאַרזיכערט די מאַסע, אַז וואָס פאַר אַ שווינדל די מענשעוויקעס און עסערן זאָלן ניט אָנווענדן, איז זייער קאָרט געשלאָגן. זיי וועלן לאַנג די הערשאַפט אין סאָוועט ניט אָנהאַלטן.

מען צעגייט זיך מיט הילכיקע אויסרופן: לעבן זאָל די מאַכט פון די סאָוועטן! און מיט׳ן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל".

אין שטאָט פאַרשפּרייטן זיך דערווײַלע קלאַנגען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און דער גאַנצער גאַרניזאָן איז אַף זייער זייט.

הגם ס׳איז נאָך העלער טאָג, ווערן די קראָמען פאַרהאַקט און די גאַסן אויסגעשטראָבן.

ס׳איז גאַנץ קאַלאַמוטנע אַף דער נשמה. וואָס וועט פון דעם אַלעם אַרויסקומען?

גייען מיר אַ גרופּע חברים, צווישן זיי אויך יאַזשע און ראָזענטאַל, איבער די פּוסטע גאַסן שווייגנדיק, יעדער פאַרטאָן אין זײַנע מחשבות. די שטילקייט פון שטאָט אין מיטן העלן טאָג מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי מען האָט זיך באַהאַלטן פאַר אַ גרויזאַמען שונא, וואָס דאַרף באַלד אַרײַנקומען און אַלץ חרוב מאַכען. זעלטן ווען באַגעגנט מען אַפילו אַ מיליציאָנער.

אין קלוב פונ׳ם „בונד" איז אָבער רויִשיק. דאָרטן דיסקוטירט מען די געשעענישן אין סאָוועט. קיין אומרואיקייט פילט זיך ניט. ווען מיר גייען אַרײַן, גיט דער עולם אַ שטראָם צו אונז זיך דערוויסן נײַעס. מיר גיבן איבער, אַז די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, האָבן קיין שום גרונט ניט. דער עולם פילט זיך ווי אַנטוישט. ראָזענטאַל איז בייז, זידלט זיך, מאַכט פאַרוואורף די רעדלאָך אַרום: אהאַ, עס ווילט זיך אייך האָבן אַזאַ בלוט־באָד, ווי אין יולי אין פּעטראָגראַד. וואָס ער האָט אַפ׳ן האַרצן, בטל׳ט ער אויס צו די באָלשעוויקעס. ווען ראָזענטאַל גייט אוועק אַ בעס׳דיקער, באַמערקט אימעצער: נו, וועט מען דאָס היינט מאַכן אַ קערטל, אַז פּולווער וועט גיין. אויך וועלוול וועט ניט פעלן. דעם עולם איז, ווייזט אויס, גוט באַקאַנט ראָזענטאַל׳ס און וועלוול׳ס שוואַכקייט...

באַ אַ טישל איז הימעלפאַרב פאַרטיפט אין שאַך מיט

קלעצקינ'ען. ער באַדויערט, וואָס ער איז ניט געווען אַף דער זיצונג פון סאָוועט, האָט זיך פאַרזעסן אין דער היים. יאָזשע, וואָס איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון שאַך, ווייזט הימעלפאַרב'ן אַ גאַנג און גיט אַף אים כיטרע אַ קוק: אַזוי, פאַרזעסן זיך אין דער היים?... מיר גיט יאָזשע אַ שושקע אַריין אין אויער: פאַררעמאַנסירט זיך מיט דער אינגערער שוועגערין. הימעלפאַרב הערט דעם סוד, ווערט ניט פאַרלאָרן, און גיט אַ זאָג הויך: וואָס, אַן עולה? אַזאַ יאָר מיר, ס'אַרא וואוילע דאַמעטשקע זי איז. וואָס, אַזוי ווי איר, שלימזל? — ווענדט ער זיך צו מיר און שפּילט ווייטער.

אָט דאָס איז אַ יאָט מיט ביינער! — מורמלט אַרויס קלעצ־קין, אַ גלעט טוענדיק די שיינע באָרד, וואָס איז זיין שטאָלץ, און גיט הימלפאַרב'ן מאַט.

אַזוי ווי די נאַכט איז אַ וואַרימע, לבנה'דיקע, אין קלוב איז ניטאָ איבריקס וואָס צו טאָן, כאַפּן מיר אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. ווידער איז לעבעדיק איבער די גאַסן, משמעות, מען האָט זיך שוין דערוואוסט, אַז די קלאַנגען זיינען ניט ריכ־טיק. די געוועזענע סטאָליפּין־גאַס, וואָס הייסט איצט קערענסקי'ס און איז דער באַברויסקער נעווסקי פּראָספּעקט, שוויבלט מיט יוגנט. אַף די טראָטואַרן איז זיך ניט דורכצושטופּן דורך די פּאָר־לאַך. מען לאַכט אַפּ'ן קול זאָרגלאָז, סאָלדאַטן קנאַקן „סע־מעטשקעס" אַפּ'ן פּעטראָגראַדער שטייגער. די טונקל־ברענענדי־קע פּאַנאַרן רופן, קאָנטיק, אַרויס באַ די פּאָרלאַך אַ פּאָעטישע שטימונג. צווישן זיי טיילט זיך אויס דער העלד פון דער היינ־טיקער סאָוועט־זיצונג, יעפּימאָוו. ער שפּאַצירט גאַנץ געמיט־לאַך מיט יאָזשע'ס אינגערער שוועגערין, וועמענס מאַן דינט אַפּ'ן פראָנט, ווי אַ דאָקטאָר. ווען זיי דערזעען אונז, דערפרייען זיי זיך. יעפּימאָוו באַגעגנט אונז חבריש און באַגלייט אונז אַהיים. דער געשפּרעך איז שוין ניט וועגן פּאָליטיק, נאָר גאָר וועגן ליטעראַטור. דערין דריקט זיך מסתמא אויס די ווירקונג פון דער שיינער קאָקעטישער דאַמע. יעפּימאָוו ווייזט אויך

דאָ ארוים אינטעליגענץ, אַ דינע פאַרשטענדנים. קלעצקין טור־קעט מיר, אַרויסריידנדיק אין אידיש: נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ באָלשעוויק? פון דער באַמערקונג שטויסט זיך הימעלפאַרב אָן, אַז די פאַרשטעלונג בא קלעצקינען וועגן באָלשעוויקעס איז ווי וועגן אַ ווילדער מאַסע און ער נעמט זיי אונטער זיין שוץ. יע־פימאָוו פאַראינטערעסירט זיך וועגן וואָס מיר ריידן. ער שטעלט אונז אוועק אין אַ פאַרלעגנהייט, נאָר אַזוי ווי די נאַכט איז אַ פּרעכטיקע, באַזונדערס הינטער דער שטאָט, וואו עס אָטעמט זיך אַזוי פריי, מאַכט זי אָפּנהאַרציק. יעפימאָוו זאָגט גוטמור־טיק: פאַרגעסט ניט, אַז אויך טראָצקי און לונאַטשאַרסקי זיי־נען באָלשעוויקעס.

אַמפּערן זיך, דעבאַטירן איז מען ניט אויפגעלייגט, גיין אַזוי פריי שלאָפן ווילט זיך אויך ניט, נעמען מיר אָן יעפימאָוו'ס פאָרשלאַג זיך גאָר אַריבערכאַפּן אין פעסטונג, וואָס איז אַגב, ניט ווייט פון יאָזשע'ן, אָפּ'ן באַל אין אָפיצירן־קלוב.

דאָס איז אינטערעסאַנט: רעוואָלוציאָנערן, נאָך אידן דערצו, אָף אַ באַל פון אָפיצירן אין אָן ערשט-קלאַסיקער פעסטונג.

די וואַך, וואָס שטייט באַם אַריינגאַנג פון פעסטונג, פרעגט אונז גאָר ניט. מיר פאַלן אַריין ווי אין אַ כישוף־שטאָט. גראַ־ציעזע געביידעס, מיט ברייטע העל־באַלויכטענע גוט־אויסגעפלאַס־טערטע גאַסן, אַרומגערינגלט מיט ביימער־אַלייען. אָפּ'ן שטאַב פלאַטערט אַ רויטע פאָן מיט אַ גאָלדענער אויפשריפט: לעבן זאָל די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!

איך דערמאָן זיך די וואַרשעווער פעסטונג, די נאָוואָגעאָר־גיעווער פעסטונג, וואו מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו זיצן חדשים לאַנג פאַרשפאַרט אין גרויסע שטייגן. דעמאָלט האָט זיך אַפילו ניט געטרוימט, אַז איצטער זאָלן מיר אין אַן ענלאַכער פעס־טונג פילן זיך, ווי אייגענע, אין אַ געוויסן זין, ווי באַלעבאַטים. דעמאָלט פלעגן מיר האָבן אַ מעגלאַכקייט צו זען אָט די אָפּ־געשלאָסענע כישוף־שטעט מיט זייער גלאַנץ און פּראַכט, וואו־הין קיין פרייער ציווילער מענטש, בפרט נאָך אַ איד, האָט ניט

געקענט אַריינקוקן, בלויז ווען מ'פלעגט אונז פירן אונטער אַ שטאַר־קען קאָנוואָי אין באָד אַריין. איצטער גייען מיר אויף אַ באַל פון דעם אַמאָליקן צאַרישן יחוס, אין באַגלייטונג, פּילייכט, פון איינעם, וואָס שטאַמט אַליין פון דעם דאָזיקן יחוס. איז דאָס נים איינס פון די וואונדער פון דער רעוואָלוציע?

דער אָפּיצירן־קלוב טונקט זיך אין ליכט. אין גרויסן זאַל, מיט דער אייגנאַרטיקער מאַסיווער אַרכיטעקטור, גלאַנצט דער דיל, ווי אַ גלאַטער גליטש, און עס דרייען זיך אָן אַ שיעור פּאָר־לאַך, אונטער דעם קלאַנג פון ליידנשאַפטלאַכער מוזיק. אָנגעפּוּ־דערטע דאַמען, אויסגעפּוצטע לויט דער לעצטער מאָדע, דע־קאָלטע, מיט בריליאַנטן אין די אויערן, אויף די פינגער, מיט שנורן פּערל אויף אַלאַבאַסטער־ווייסע העלזער; שלאַנקע פּראַנטישע אָפּיצירן, אָנגעטאָן פּאַראַדנע. צווישן שווימען אַרום איינפאַכע סאָלדאַטן, שבת'דיק־פּאַרצירטע אידישע טעכטער, דאָרפישע דינסטמיידלאַך, אָנגעטאָן זונטיקדיק. ס'אַרא געמיש פון פאַרבן, ס'אַרא קאָנטראַסט פון שטאַנד. אַלץ טראָגט זיך אין איין טאַנץ פריילאַך, פאַרשייט, פאַררוישנדיק. אונזער באַגלייטער מיט יאָזשע'ס שווערגערן ווערט גלייך מיטגעריסן מיט'ן אַלגעמיי־נעם עקסטאַז. מען זעט, אַז ער פילט זיך דאָ ווי אָן אייגענער, נאָך מער, עפּעס ווי אַ שטיקל הערשער — שטאָלץ און זיכער. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז שיינע אָפּיצירן־דאַמען דרייען זיך מיט פּשוט'ע סאָלדאַטן און פּאַראַדנע אָפּיצירן מיט אידישע טעכטער און דאָרפישע דינסטמיידלאַך. אָפּגעווישט די יחוס־צעטיילונג, ניטאָ מער קיין ראַסן־אונטערשיידן. אין שמעלץ־טאָפּ פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אַלץ צוזאַמענגעגאָסן, איז גע־וואָרן איינס. אויף לאַנג?

ווען עס קומט פאַר אַן הפסקה, באַקאַנט אונז יעפּימאָוו מיט אַ סך פון עולם, צווישן זיי מיט אַ היפּשער צאָל אָפּיצירן און זייערע דאַמען. די באַציאונגען צווישן די אָפּיצירן און סאָל־דאַטן זיינען איינפאַכע, ווי פון גלייכע צו גלייכע, אָן קיין שום אָנגעצויגנקייט. בשעת אייניקע פון די אָפּיצירן־דאַמען דער־

וויסן זיך, אַז איך און הימעלפאַרב זיינען אויסלענדער, ווייזן זיי אונז אַרויס אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אַ פּאָר פון זיי ווילן ווייזן, אַז זיי קענען אַפילו ענגליש. מען לאַדט אונז איין טאַנצן, און עס איז, דאַכט זיך, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, ווען מיר פאַרדריסט שטאַרק, וואָס איך קען ניט טאַנצן. דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס די דעקאָלטירטע דאַמען מיט די בריליאַנטן, פּערל און פּודער רייצן. דער פאַרדרוס נעמט זיך גיכער פון פאַרלאַנג אויפצוטרייסלען מיט׳ן גאַנצן קערפּער די באַפרייטע יוגנט אין זיך און אויסשרייען כוואַטסקע מיט יעדן אבר: זעט, וואָס די רעוואָלוציע קען אויפטאָן!... נאָר אפשר איז גוט, וואָס מען קען ניט טאַנצן: זאָלן די קאָקעטישע אָפּיצירן־דאַמען, וואָס האָבן אונז אַזוי געהאַסט און האַסן אודאי אויך איצטער, דערפילן די פאַראַכטונג צו זיי; זאָלן זיי איינזען, אַ איצטער בין איך, הימעלפאַרב און אַלע איבריקע חברים אַזעלכע יחסנים, ווי זיי, אויב ניט גרעסער, און עס שטייט אונז ניט אָן צו געניסן אַפילו דאָס פרייד, וואָס זיי קענען פאַרשאַפן... אַ מין נקמה....

אָט גייט אוועק דער גאַנצער זאַל אין אַ קאַראַהאָד. דאָ קען מען שוין ניט ביישטיין דעם נסיון. מען ציט אַריין מיט גוואַלד אונטער הילכיקן געלעכטער און יובלדיקער פּאַטשעריי. טאַנצט מען אויסגעפלאָכטן הענט מיט הענט, באַהעפט אַקסל צו אַקסל, אַלץ שטאַרקער, אימפּעטיקער, ווי מען וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון דער ערד, באַקומען פליגלען און אַוועקגעפלויגן אין ניט דערגרייכבאַרע וועלטן. ניטאָ קיין פּנימער, קיין ווענט, קיין קלאַנגען פון מוזיק. מען פליט העכער, אַז פאַר די אויגן דרייען זיך בלויז פייער־פּאַסן און אין קאָפּ רוישט, ווי אַ שטורם...

אַז אַ קאַראַהאָד, זאָל זיין אַ קאַראַהאָד, מיט׳ן גאַנצן ברען, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר אַזוי פיל לאַנגע יאָרן און האָט זיך איצטער אַרויסגעריסן אין דרויסן, צעברעכנדיק אַלע צאַמען... כאָטש אַ ווײַלע פאַרגעסנהייט....

ווען מען ליגט שוין אין בעט און מען קוקט אַן אויפגערו־
דערטער דורכ'ן אָפענעם פענסטער אין דעם אויפגרויענדיקן
באַגינען, נעמען מאַטערן די ווידערשפּרוכן פון דער רעוואָלוציע...
ריגע געפאַלן, און מען הוליעט, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט...
פאַר די אָפיצירן איז דאָס, דאַכט זיך, אַ שמחה...

5

בריוו-שרייבעניש

מיין שטעלן זיך צום „פריזיוו" פארציט זיך. ווי אַף צו להכעיס עקזאמענירט אַלץ דער דאָקטאָר דער פּאַליאַק. מ'הויבט אָן ווערן אומגעדולדיק און נערוועז. פון דער היים קומט אָן אַ בריוו, אַז דאָס קינד איז געווען ניט געזונט, נאָר עס בעסערט זיך. מיין פרוי שרייבט, אַז דאָס פאַלן פון ריגע האָט אַרויס־גערופן אַ פּאַניק אין פּעטראָגראַד. פון צווישן די שורות לייען איך אַרויס אַ טיפע נשמה־אויפגערודערקייט. עפּעס ווערט ניט דערזאָגט וועגן געזונט־צושטאַנד פון'ם קינד, עפּעס ווערט באַהאַלטן וועגן דער לאַגע אין פּעטראָגראַד. די ווערטער זיינען אָפּגעהאַקטע, ווי בכיון צונעקליבענע, דאַכט זיך, מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז איך דאַרף זיך גרייטן צו אַן איבערראַשונג. דער כתב אַ ציטערנדיקער, ווי די האַנט וואָלט זיך שטאַרק געטרייסלט, ווען די פען איז געגאַנגען איבער'ן פּאַפּיר. אַזאַ איינדרוק מאַכט אויך אַנטאָקאָלסקי'ס צוגעשריבענער גרוס, וואָס ענדיקט זיך: זיי רואיק, אַלץ איז אין אָרדנונג!.... אפשר רופט מיין אייגן געמיט אַרויס בײַ מיר אַזאַ פאַרשטעלונג. שוואַרצע געדאַנקען קריכן אין קאָפּ.

אין באַברויסק גייען אַרום קלאַנגען, אַז אין פּעטראָגראַד קומען פאָר הונגער־אומרוען, וואָס דערמאָנען די אומרוען ערב דער רעוואָלוציע. דאָס זעלבע איז אויך אין מאָסקווע. מען ראַבירט די שפּייז־קראָמען צוליב מאַנגל אין ברויט. טאָג־טעגלאַך

חזרן זיך איבער בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן די באָלשעוויס־טיש־געשטימטע מיליטערטיילן און יענע, וואָס זיינען טריי צו דער ציטוויליקער רעגירונג. פון די פּעטראָגראַדער און מאָסק־ווער ציטונגען קען מען דעם אמת ניט דערגיין. פאַרנעבלטע נייס, פאַרנעבלטע אַרטיקלען, וואָס פאַרבאָרגן דעם אמת. מען שטויסט זיך נאָר אָן, אז עס איז ניט שוה־בשוה צווישן דער ציטווייליקער רעגירונג און דער העכסטער מיליטער־קאָמאַנדע.

אין דער פּרעסע פון די קאַדעטן און פון די איבריקע רעכטע פּאַרטייען ווערט געפירט אַן אומ׳ברחמנות׳דיקע אַטאַקע אויף די סאָוועטן, אויף די דעמאָקראַטישע פּראָנט־אָרגאַניזאַציעס. די אַטאַ־קע איז אַ שאַרפע, אַ העזה׳דיקע. די רעגירונג ווערט אויפגע־פּאָדערט ניט בלויז זיך ניט רעכענען מיט די סאָוועטן, נאָר מאַכן בכלל אַ סוף צו זייער מישן זיך אין מלוכה־ענינים. די קאַ־דעטישע „רעטש" שטורעמט, אז קיין איין מינוט מער טאָר ניט געדולדט ווערן די דאָפּלטע מאַכט פון דער רעגירונג און פון די סאָוועטן. די רעגירונג מוז מיט אַן אייזערנער האַנט באַ־פעסטיקן איר אויטאָריטעט, אויב זי וויל האָבן דעם צוטרוי פון אַלע קלאַסן. די שוואַרץ־מאה׳דיקע פּרעסע איגנאָרירט אינגאַנצן די רעגירונג: פאַר איר איז די העכסטע מאַכט פונ׳ם לאַנד דער קאָמיטעט פון דער פערטער גאָסודאַרסטוועננער דומע,—ער אַליין איז אימשטאַנד און באַזיצט דעם אויטאָריטעט איינצור־שטעלן רו און אָרדנונג. אַלע ציטונגען, סיי די בורזשואַז־ליבעראַ־לע, סיי די שוואַרץ־מאה׳דיקע, זיינען מסכים, אז אין דער אַרמיי מוזן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע רעפאָרמען און מען מוז איינפירן די דיסציפּלין פונ׳ם אַלטן רעזשים.

אין דער סאָוועטישער פּרעסע, איבערהויפּט אין פּעטראָגראַ־דער „איזוועסטיאַ", פילט זיך אַ גוואַלדיקע פאַרלאָרנקייט. די אַטאַקע פון די בורזשואַזע ציטונגען אויף די סאָוועטן, אויף די דע־מאָקראַטישע פּראָנט־אָרגאַניזאַציעס ווערט אָפּגעוואָרט ניט גענוג שטאַרק, מיט האַלבע ווערטער; דער טאָן איז ניט קיין אַגרע־

סיווער, אַנגרייפנדיקער, נאָר גיכער אַן אַפּאַלאָגעטישער, פון אַ פאַרענטפערן זיך, פון פשרות-זוכעריי.

ס'ווערט קלאָר, אַז ס'וואַקסט אָן אַ נייער קריזיס פון מאכט צוליב די געשעענישן אין פינלאַנד; די פאַנאַנדערלאָזונג דורך דער צייטווייליקער רעגירונג פון סיים, וואָס האָט דערקלערט די אומאָפּהייענגיקייט פון פינלאַנד, נעמט דראָען מיט אַ שאַרפן קאָנפליקט; אַזוי ווי אין דער אוקראַינישער פראַגע זיינען דאָ די קאַדעטן אולטימאַטיוו — זיי ווילן ניט וויסן פון קיין שום פאָדערונגען פאַר אויטאָנאָמיע; דער צענטראַלער סאָוועט איז נאָכגיביק, שטיצט די צייטווייליקע רעגירונג, נאָר זוכט אויך נושא חן צו זיין בא די פינלענדישע מאַסן. די גאַנצע פּאָליטיק פון די סאָוועטן איז אויך דאָ אַ וואַקלדיקע, אַנרוקנביייניקע.

די באָלשעוויסטישע פרעסע זעט מען זעלטן אין באָברויסק. ווען ניט ווען פאַלט אריין אַ נומער „ראַבאָטשי", וואָס גייט אַרויס אָנשטאָט דעם פאַרמאַכטן „פּראָלעטאַרי". דאָ איז די קריטיק קעגן דער צייטווייליגער רעגירונג און קעגן דער וואַקלדיקייט פון די סאָוועטן אַ פאַרניכטנדיקע. עס ווערט פאָראויסגעזאָגט אַן אָנפאַל פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, אויב די מאַסן וועלן זיך ניט אָפּטרייסלען פון די סאָציאַל-פאַררעטער און ניט אריינגעמען דעם שיקזאַל פון דער רעוואָלוציע אין די אייגענע הענט.

די שטימונג איז אַזאַ דריקנדיקע, אַז אַפילו די לעבעדיקייט אין קלוב פונ'ם „בונד" קען זי ניט צעשטרייען. עס איז ניטאָ מער די געהויבנקייט, וואָס האָט אַזוי מיטגעריסן. איך און היימעלפאַרב ווערן אין אַ געוויסן פרט שוין באַטראַכט פאַר תושבים, דאַרשט מען שוין ניט אַזוי נאָך אונזער וואָרט. אונזערע פּאָרטראַגן, דיסקוסיעס ציען שוין ניט צו אַזאַ נייגעריקן עולם. גיכער דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס אונזערע אנשויאונגען אַפּעלירן ניט צו דער מאַסע, וואָס ווערט אומבאַוואוסטזיניק, פּיילייכט, געשטופּט דורך די געשעענישן אין צענטער אַלץ מער און מער אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס.

איין זאַך: קיין הונגער פילט זיך אין באָברויסק ניט. עסנ־

ווארג איז פאראן לרוב, און פארהעלטניסמעסיק ניט טייער. באַ־נוץ איך זיך דערמיט און שיס אוועק מיט פארשיידענע געלעגנ־הייטן א פּאָר פּעקלאך אהיים, — אמוויניקסטנס וועט דאָס קינד קענען כאָטש קומען אביסל צו זיך.

חוץ דעם, וואָס עס איז שוין ניטאָ וואוהין צו גיין, פעלט אויך דער חשק צו טרעפן זיך מיט איינע און די זעלבע מענטשן. ס'זיינען שוין דאָך פּאַקטיש אויסגעשעפּט אַלע געשפּרעכן. ליגט מען בעסער אין סעדל און מען לייענט. אזוי ווי קיין אויסוואַל פון ביכער איז ניטאָ, נעמט מען זיך צו מענדעלע מוכר ספרים, וואָס געפינט זיך אין הויז. מען לייענט שוין מענדעלע מוכר ספרים צום וויפילטן מאָל, דאָך פארלירט ער ניט זיין פרישקייט; זיין גרויסע קינסטלערישקייט פארכאַפּט ווידער. ס'דאַכט זיך, אז די טיפּן, וואָס מענדעלע שילדערט, די סביבה, וואָס ער ברייננגט ארויס, זיינען גאָר ניט אזוי ווייט אין דער פארגאנגענהייט. זיי לעבן נאָך און האָבן אָן אָנהאַלט. מען טרעפט זיי נאָך אַלץ אפ'ן באברויסקער מארק, אין די אָרימע געסלאך, אפילו אין קלוב פונ'ם „בונד". מען זעט הערשעלע'ן פון „ווינשפינגערל" אין א נייעם גלגול. מען באמערקט דעם ווידערגעבורט פון ישראליק דעם משוגענעם פון „קליאטשע". זיכער איז דאָס סעדל, וואו מען ליגט, און די לאנדשאַפט, וואָס שפּרייט זיך פאַר די אויגן, די זעלבע שטיק־נאַטור, וואָס האָט ארויסגערופן די מלחמה צווישן יוצר טוב און יוצר הרע בא „פישקע דעם קרומען".

גוט, וואָס מען קען זיך אריבערטראָגן אין יענער וועלט, זיך ווידער צונויפגיסן מיט איר און פארגעסן זיך אָן אַלע שטורמישע איבערלעבונגען פון דער נייער צייט. ס'באַרואיקט דעם געמיט. עפּעס איז אוממעגלאך איבערצוררייסן אינגאנצן דעם פאָדעם מיט דער פארגאנגענהיים. טיף אין דער נשמה לעבט נאָך א שטיק פון אָט דער פארגאנגנהיים. דארף מען דאָס אויס־ראטן? מאכט עס ניט שענער די נעגנוואַרט? גיט עס ניט אריין זאפטיקייט אין די שטימונגען וועגן דער צוקונפט?

ס'וואַקסט אויס א פארלאנג אויסצודריקן אפ'ן פּאפּיר דאָס,

וואס מענדעלע מוכר ספרים האט אנגעוויזט אין איצטיקן אויפברויז. רייסט מען זיך אבער אפ פון מענדעלע מוכר ספרים'ס טיפן און סביבה, אזוי נעמט די פען ריידן וועגן עפעס אנדערש. מען איז שוין דורכאויס פארכאפט פון היינט. די פראגע: וואס וועט זיין מארגן, איבערמארגן?—ענגבערט נאך מער דעם מארך, און די נשמה קען ניט געפינען קיין גלייכגעוויכט; זי בלאנדזשעט ארום אין פארווירונג, פול מיט ספיקות....

ס'איז מארגע: די רעוואלוציע האט דאך געדארפט שאפן א באדן, געבן א פעסטן אנהאלט אין לעבן. איז פונקט פארקערט. ערשט איצט הויבן זיך אן די עכטע זוכענישן, ווי אזוי איינגאנצן זיך ניט צו פארלירן אין אלגעמיינעם באאס. וועלן די זוכענישן ערגעץ וואו דערפירן צו א האפן?

ס'ארא הילפלאזיקייט. ווי א ניט-גוטער וואלט פאר'כישופט, ארומגעדרייט אף איין ארט. אט העלט אויף אין קאפ, דאכט זיך, דער ענטפער איז פאראן. די רעוואלוציע האט איר לאגיק, קען ניט בלייבן שטיין אפ'ן מיטנוועג. מיליוקאוו אדער לענין. לענין איז נעענטער. נאר צו איילט ער זיך ניט צופיל? צי פירט ניט די איילעניש פון איין קאטאסטראפע צו דער צווייטער? מיליוקאוו... מיט אים געווים ניט. ער ברייננגט צוריק דאס אלטע, נאר אונטער אן אנדער שלייער. הייסט עס דאך דער מיטנוועג, זיין צווישן צוויי פייערן, ווי צערעטעלי, טשערנאוו, טאפטשען זיך אף איין ארט, איין טריט פאראויס און צוויי צוריק. איז דאס ניט אלץ א קאפיטולירן פאר מיליוקאוו'ן?

א פארפלאנטערטער קנויל....

יעקב ראזענטאל פאדערט די ארטיקלען פאר „איזוועסטיא" קעגן די באלשעוויקעס און אינטערנאציאנאליסטן; די ארטיקלען דארפן זיין פעפערדיקע, דערלאנגען אזש אין זיבעטן ריפ אריין. נאר גיי שרייב בא אזא שטימונג.

אט פאלט אריין אין האנט א קליין ביכל — א באשרייבונג פון די ערשטע טעג פון דער רעוואלוציע אין טאורישן פאלאץ. דער פארפאסער איז פערעץ, דער קאמענדאנט פון טאור-

רישן פּאַלאַץ. ס'גלויבט זיך ניט, אַז דאָס איז געווען אין דער ווירקלאַכקייט. ס'קלינגט ווי אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. אין פּשוטע ווערטער, אָן קיין שום באַפּוצונגען, ווערן דערציילט בלויז פאַקטן. ס'באַקומט זיך אָבער אַן עפּאָפּיי. ס'אַרא שוואונג פון פאָלקס־באַגייסטערונג, ס'אַרא אַן אויסדרוק פון אָפּערוויליקייט. אַ נייע וועלט, וואו ס'איז מער ניטאָ קיין וואָכעדיקייט, נאָר עס הערשט בלויז יום־טוב. אַלע, די טויזנטער, די צענדליקער טויזנטער איין משפּחה, פאַראייניקט דורך איין פאַרלאַנג, דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק. די הערצער קלאַפּן צוזאַמען, די אויגן שטראַלן מיט איין ליכט....

מען לייענט דאָס קליין ביכל, און ווען מען פאַרענדיקט אים, ווערט מען גאָר צעטומלט. ....

אַזעלכע טעג קענען דאָך ניט פאַרגעסן ווערן. די, וואָס האָבן זיי איבערגעלעבט, מוזן שוין זיין אַנדערש, אויפהויבן זיך איבער דער טעגלאַכקייט. וואו איז אָבער די אַנדערשקייט? פאַר וואָס איז ווידער אַלץ גרוי? וואוהין איז פאַרשוואונדן די פאָלקס־באַגייסטערונג? וואו איז כאָטש אַ שפּור פון יענעם יום־טוב? פאַר וואָס זיינען אַלע אַזוי פאַרצווייפלט, פאַרביטערט?

מען באַגעגנט צענדליקער, הונדערטער פון די, וואָס האָבן יענע טעג איבערגעלעבט, און זיי זיינען ניט אינגער געוואָרן. נאָר, פאַרקערט, פאַרעלטערט. קיינמאָל, קיינמאָל, אפילו אין די פינסטערסטע צייטן, איז איבער'ן לאַנד ניט געהאַנגען אַזאַ טיפער טרויער, ווי איצטער.

מיט וואָס פאַר אַ האַרצקלאַפּעניש מען האָט דערוואַרט די רעוואָלוציע. ווען מען האָט בלויז געטרוימט וועגן דער מעגלאַכקייט פון איר קומען, האָט אַרויסגעזונגען פון זיך. עס האָט זיך געמאָלט אין דער פאַנטאַזיע עפּעס ענלאַך אַף דעם, וואָס דער קאָמאַנדאַנט פון טאַווּרישן פּאַלאַץ באַשרייבט. זי איז געקומען, די רעוואָלוציע. די ווירקלאַכקייט האָט איבערגעשטייגט די פאַנטאַזיע, און איצט פליט מען קאָפּ־שווינדלעריש פון יענער הויך אין אַ תהום אַריין.

די רויטע פאָנען, וואָס פלאַטערן, די פרייהייט־לידער, וואָס שאַלן, — זיי וועקן ניט, זיי מונטערן ניט. דאָס פאָלק, מיט זיין באַגייסטערונג, מיט זיין פרייד פון צעשטערונג און שאַפונג, האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אַן אויטאָמאַט. עס לאָזט זיך אָנדרייען, און די רעוואָלוציע רעדט פון אים אַרויס מעכאַניש. אונטער די פלאַטערנדיקע רויטע פאָנען, אונטער די שאַלנדיקע פרייהייט־לידער וועט דאָס פאָלק ווידער געטריבן אין שפּאַן.

כ'לעבן, מענדעלע מוכר ספרים'ס „קליאַטשע", נאָר מיט אַנ־דערע רייד, אַף אַ ברייטערן שטח....

בעסער ניט לייענען. ניט הערן די דערציילונגען וועגן די ערשטע גרויסע טעג פון דער רעוואָלוציע. ס'איז אַן אויפ־ראָיען די וואונדן. אַלץ איינס זיינען שוין יענע טעג אַ נעכטן, אַ העכסט־דראַמאַנטישער נעכטן. זיי רופן אַרויס ביינקשאַפט, באַ־דויערן, וואָס מען האָט זיי אַליין ניט איבערגעלעבט. די עראינערונגען וועגן זיי שטרייכן נאָך מער אונטער, ווי ווייט מען קייקלט זיך באַרג אַראָפּ....

ווען מען ליגט אין סעדל און מ'וואַרט אַף דער באַפרייאונג פון „פּריזיוו", ווייט פון ברויזיק לעבן, קען מען זיך מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש. קיין טאָלק קומט אָבער דערפון ניט אַרויס, אויסער אַ פיינלאַך גריבלעניש אין זיך, וואָס ווערט באַ־גלייט מיט לירישע בריוו....

בריוו שרייבן איז די איינציקע דערלייכטערונג. פאַר נאָ־ענטע איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען — מען קען זיך אַראָפּריידן פון האַרצן פריי....

שרייבט מען לאַנגע, לאַנגע בריוו....

ע נ ד

אינהאלט:

פארוואָרט — 8
אינ'ם ליכט פון אָקטאָבער (ארויינפיר) — 7

ערשטער טייל

אַף דער שיף — 21
אין כריסטיאַניע — 43
אויפ'ן וועג קיין שוועדן — 57
אין סטאָקהאָלם — 67
סטאָקהאָלמער באַגעגענישן — 79
יענער כל נדרי — 94
אין די קרייזן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל — 100
אויפ'ן וועג קיין פינלאַנד — 113

צווייטער טייל

אויף דער רוסישער ערד — 127
דער אָפּקלאַנג פון יולי־אויפשטאַנד — 136
אין אַ היימישער סביבה — 149
מיט'ן אידישן דראַמאַטורג א. וויטער אַף די פעטראָגראַדער גאַסן 156
צווישן פאָלק — 164
„ברויט און פרייהייט“ — 173
אין רעגיסטריר־פונקט — 181
אין „קאָנטר־ראַזוועדקע“ — 187
די העצע קעגן די באָלשעוויקעס — 194
אַ היסטאָרישע זיצונג פון סאָוועט — 202
לויה פון קאַזאַקן — 210
אין צענטראַל קאָמיטעט פונ'ם „בונד“ — 216

דריטער טייל

אין אַ כּאַאָס — 227
אין אַרבעטס־מיניסטעריום — 238
אויף אַ וועטשערע בײַ אַ מלחמה־מיליאָנער — 248
אַ גרוס פון אמעריקע — 261
אחדות ישראל — 269
אַ טאָג פון גליקן — 287
אויף אַן אַפּשייד־ליאַמע — 295
אין פּעטראָגראַדער שטאָט־דומע — 309
אַ רעוואָלוציאָנער—אַ למד־וואָווניק — 319
אַ ן אוצר — 331

פערטער טייל

דער ערשטער אַרויספאָר — 347
בײַ אַ היסטאָריש הויז — 361
דער אויסגאַנג פון אַ דיסקוסיע — 373
אין אַ נעץ פון ווידערשפּרוכן — 385
בריוו־שרייבעניש — 397

פעלער־אויסבעסערונג צום „פאָרוואָרט“

אין צווייטן אפּזאַץ פון „פאָרוואָרט“ אויף זייט 3, שורה פיר און פינף, איז געדרוקט „דער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם נעמט פאַרלירן זיין אינהאַלט“; עס דאַרף זיך לייענען „דער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם נעמט פאַרלירן זיין אַ נ ה א ל ט“.

אַף זייט 4, אין פערטן אפּזאַץ, שורה פיר און פינף, איז געדרוקט „ווייל דאָס צוריקטרעטן פון דער רויטער אַרמיי“; ס׳דאַרף זיך לייענען „ווייל דאָס צוריקטרעטן מ י ט דער רויטער אַרמיי“.